This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

12

1980

היימלאַנד

דער קומענדיקער נומער
„סאָוועטיש היימלאַנד" איז אינגאַנצן
געווידמעט
דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג

אין אים נעמען אָן אָנטייל:

י. בורג, ב. און א. בורשטיין, כ.ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרשמאַן, ט. גען, כ. גורעוויטש, א. ליזען, ב. מאַ־גילנער, ב. מילער, וו. מיטראָשענקאָוו, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ר. פּוסטילניקאָוו, פּ. פּלאָטקין, ה. רע־לעס, י. שוסטער, ב. שיינגאַוטער.

אַרטיקל פון א. ווערגעליס

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש־קינסטלערישער
כוידעש־זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

דעקאַבער

12

1980

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

מענדל ליפשיץ. ס׳ליגט אף מיר אזא אכרײַעס (לידער) 3
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. דער קאָסמאָנאַווט פּאַוועל פּאָפּאָוויטש צוגאסט אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד” 5
יורי דאָקוטשײַעוו. דער קאָמאנדיר 12
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. פּערעץ מארקיש (1895—1952). פראגמענטן פון דער פּאָעמע „ירושע” . . . 22
דאָרע כײַקינע. לוציעס ליבע (דערציילונג. סאָף) . 30
כאַים גורעוויטש. אף דער ליבער ערד (לידער) . 75
געאָרגי אלכאזאָוו. ציפּורע (דערציילונג) . . . 78
מאקס ריאַנט. פון דעם, וואָס איך זע ארום זיך (לידער) 102
יוסעף בורג. אין דעמערונג. דער באַזינגער פון די קארפּאטן און אנד. דערציילונגען 104

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראגן פון קונסט

ארן ווערגעליס. דער דעמב האָט אים פארשמעקט מיט זײַנע וואָרצלען (צו לייב קוויטקאָס 90־טן געבורטס־טאָג) 120
קורצע רעצענזיעס. ה. רעמעניק. יעדן דאָר זײַנס; א. ליזען. א ראָמאן — א דערמאָנונג; ז. ליבינזאָן. זיכרוינעס פון אן אנטיפאשיסטקע; י. איסקאַנדער. א בוך פון אן איראקער קאָמוניסט 126
שמועסן וועגן מוזיק און עסטראדע. זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. וועגן איינער א ליד און איר אווטאָר . 134
אונדזערע מיטיילונגען. יאַקאָוו קאַפּעליוש. וועגן אייניקע סטאטיסטישע אָנגאבן פון דער פאָלקסציילונג פון 1979 136
קאָמענטארן פון רעדאקציע. אָט באלד וועלן זיי פארשארצן די ארבל... די היישעריקן אפן פעלד פון איציק קיפּניסעס שאפונג. 143
געלייענט אין דער צײַטונג „אונדזער לעבן” 145
בריוו פון לייענער 148
דאָס איז טשיקאווע 154
מאטעריאַלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור 155
פאר די, וואָס לערנען ייִדיש 156
אינהאלט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” פארן יאָר 1980 158
רעזומע לויט די מאטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאן

מענדל ליפשיץ

ס'ליגט אַף מיר אזא אכרײַעס

1

זינגען וועל איך דאָרטן לידער,
ווּ די זון פאַר יעדן לויכט.
וועמען מענטשן זײַנען ברידער,
דער איז מיר א ברודער אויך.

מענטשן טייל איך ניט אַף ראַסן,
אַלע פעלקער האָב איך ליב.
אויב דו קענסט די מענטשהײַט האַסן,
ביסטו מיר קיין כאַווער ניט.

2

כ'האָב אין לעבן, ווי אין זינגען,
מײַן באַזונדער גאַנג, מײַן טאָן,
כ'וואָלט געקאָנט זיך מאַכן גרינגער,
נאָר איך טאָר עס דאָך ניט טאָן.

ס'ליגט אַף מיר אזא אכרײַעס,
טויזנט מאָל ווי איך די גרייס,
כ'דאַרף נאָך זיך דאָ לאָזן פײַער,
לײַכטן זאָל דער וועג פאָרויס.

3

איך האָב פײַנט אַליין זיך רימען,
בעסער רימען מיך מע זאָל,
צווישן קלינגענדיקע שטימען
איז ניט גרילצנדיק מײַן קאָל.

כ'גיי אַדורך מײַן וועלט ווי וואַסער
איבער קלאָרער זאַמדן־באַנק —
מיט מײַן שמייכל, מיט מײַן שפּאַסן,
מיט פאַרוווּנדערטן געזאַנג.

כ'קלײַב מיט קיינעם זיך ניט גלײַכן,
ווײַל פאַרגלײַכן קען מען ניט
רויש פון וואַסערפּולע טײַכן,
קלאַנג פון אימפּעטפולער ליד.

4

כ'קלײַב ניט גלײַכן זיך מיט קיינעם,
כ'וויל נאָר, ווי דער זומער זײַן,
זאָל מײַן אומרו יעדן איינעם,
וועמען ליב עס איז די שײַן.

אַלע יאָרטיילן צוזאַמען,
און באַזונדער יעדער טייל,
כ'ליב, ווי וויכער ליבט די פלאַמען,
כ'היט, ווי סוידעס היט די הייל.

און מײַן אומרו און מײַן שמייכל,
און מײַן אויסגעכאָוועט יאָר
זאָלן דינען ווי א צייכן,
אַז דאָס לעבן זעצט זיך פאָר...

5

איך וואָלט וועלן וועגן ליבע
אייביק זינגען הייס, פאַרבענקט.
שרײַען צו מיר טיפע גריבער:
ניט פאַרגעס! געדענק! געדענק!

די געטייטע הינטער דראָטן,
די דערטרונקענע אין צוואַנג —
איבער גאָר דער ערד צעשאָטן —
כ'וועל געדענקען אייביק־לאַנג.

6

און געמיינט כ'האָב לעכאַטכילע,
אַז געקומען איז דער סאָף,
ס'וועט מײַן טרויער זיך ניט 'שטילן,
מעג כאָטש זײַן דער פײַנט באַשטראָפט.

נאָר איך האָב פון זיך געפאָדערט,
שטאַרקער כ'זאָל פון אײַזן זײַן,
כאָטש דער וויי אין האַרץ און אָדער
ווי א סטרונע קלינגט ביז הײַנט.

אייביק וועט די סטרונע קלינגען,
ווײַל פאַרגעסונג ווייס איך ניט,
אייביק כ'וועל פון לעבן זינגען,
ווײַל נאָך לעבן דורשט מײַן ליד.

7

איך באדארף זיך ניט דערקלערן
אין קיין ליבע צו מײַן לאנד,
ווײַל אויב ליכטיק ס׳ברענט זײַן שטערן,
פילט עס מיט איר בלוט מײַן האנט.

ס׳לאנד איז מיר געווען א מוטער,
ווען געווען איך בין א קינד,
עס איז מיר געווען א ברודער,
ווען די יוגנט האָט געשווינד,

ווי א פײַל, זיך דורכגעטראָגן.
איצט א טאטע כ׳בין מײַן זון,
און, ווי ווײַן א פולער לאָגל,
מונטערסט, לאנד, מיך מיט דײַן רום.

8

וועלכער הונט וועט בילן וואגן,
אז איך האָב קיין לאנד, קיין היים?
וועלכער נישטיקער בראָדיאגע
ווארפן וועט אין מיר דעם שטיין?

פאר דעם נאָמען זון מעזומען
כ׳האָב געצאָלט מיט בלוט, אָן כשאד —
פון די וועגן פון יעהומען
ביז דעם קריג בא סטאלינגראד.

דאָרטן רוען מײַנע שוועסטער,
זין, אין קאמף געפאלן טויט.
ווערן שטום זאָל דער, ווער ס׳לעסטערט
ס׳גלויבן — זייער לעצטע פרייד.

9

ווער איז נאָך אזוי פארבונדן
מיט דער צײַט, ווי דאָס געזאנג?
ס׳בלײַבן אף זײַן לײַב די וווּנדן,
וואָס זי קריצט אויס מיט איר גאנג.

וועמען נאָך איז אזוי טײַער
אָט די רעגע, ווי דער ליד?
זי צינדט אָן דאָס ערשטע פײַער,
זי דעם לעצטן פונק פארהיט.

10

שטויב און שמוץ פארשווענקט דער רעגן,
מײַנע פײַנט די צײַט פארווישט.
וווּנדן בלײַבן פון געשלעגן,
נאָר דו שרעקסט זיך, פרײַנט, אומזיסט.

איך וועל אלע טיפע וווּנדן
לאָזן הינטער מײַנע טריט,
ווײַל דאָס לאנד פון גרויסן וווּנדער
קוקט ארויס בא מיר פון ליד.

11

האלב אריבער, האלב ארונטער,
האלב פאָרויס און האלב צוריק.
העלפט מיר, ברידער, איך זאָל מונטער
שלאָגן זיך ביז ענד פאר גליק.

ניט פאר זיך איך דארף עס נייטיק,
צופיל אָנווער טראָגט מײַן ברוסט,
עס זאָל אײַנשטילן מײַן ווייטעק —
פאר די פרײַנט עס האָבן כ׳מוז.

12

גיכער זינגען, מערער זינגען,
שענער זינגען, מאָל צו מאָל:
זאָלן מײַנע לידער־רינגען
קײַקלען זיך פון בארג צו טאָל.

איך פאר זיך דארף גאָרנישט האָבן,
פאר די פרײַנט — איך דארף א וועלט,
אופגראָבן, וואָס ס׳איז פארגראָבן,
אופשטעלן, וואָס ס׳איז פארשטעלט.

13

ס׳דארפן דיכטער מיט דער דיכטונג,
ס׳מוזן שמידער מיט דעם שטאָל
אלע טויט־נעסטן פארניכטן,
אומקום נעלעם ווערן זאָל.

מענטשן זאָל מען שעצן גראדלאָז,
ווי עס קומט פון הארץ אליין,
און פארשווינדן זאָל דאָס גאדלעס,
גײַווע זאָל פארלאָרן גיין.

אז אף אָט דער גרויסער סודע,
וואָס דער מענטשהײַט שטייט ערשט פאָר,
מענטש צו מענטש זאָל זאָגן — „ברודער״,
ווי דאָס פאסנדיקסטע וואָרט.

דער קאָסמאָנאַווט פּאַוועל פּאָפּאָוויטש צוגאַסט אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

בא א מענטשן פון אונדזער צײַט רופט קימאט גאָרנישט ניט ארויס קיין כידעש. אָבער דער 175־טאָגיקער פלוג פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן וואַלערי ריומין און וולאדימיר ליאכאָוו האָט איבערראַשט די גאַנצע וועלט. די צײַטונג־שפאלטן זײַנען ווידער פול געוואָרן מיט אזעלכע אָפּשאַצונגען פון דער געשעעניש, ווי עפּאָכאַל, גראַנדיעז, אַף דער אָרביטע א קאָסמישע פּלאַטיליע, א נײַע ערע אין דער קאָסמאָנאַווטיק.

עס זײַנען פאָריבער סאַכאַקל עטלעכע כאַדאָשים, און וואלערי ריומין איז ווידער אַף דער אָרביטע, אין א נײַער קאָסמישער עקספּעדיציע.

„די רוסן זײַנען ארײַנגעטראָטן אין דער ערע פון שיפּל־פלוגן, — האָט געזאָגט דער אמעריקאַנער אסטראָנאַווט י. סערפאַן. — זיי וועלן אַפן באָרט פון דער סטאַנציע קאָנען בײַטן די מאַנשאַפט, ווי אַף א וואַכטע. עס קומט די רוסן א מאַזלטאָוו“.

„קיין איין ענדערונג אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער וויסנשאַפט און טעכניק, — האָט געשריבן דזשאָן ווילפאָרד אין „ניו־יאָרק טײַמס מעגעזין“, — ווי עס האָט די רעוואָליוציע אין אונדזער וויסנשאַפט וועגן דעם קאָסמאָס, וועגן דעם רוים און דער צײַט“.

עס איז געווען פון וואָס צו כידעשן זיך — דער מענטש האָט זיך געפונען אין קאָסמישן רוים אַזוי פיל צײַט, וויפל עס פאָדערט זיך אַף צו דערפליִען ביז דער ווענערא און צוריק. עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן עטלעכע הונדערט עקספּערימענטן, וועלכע מע וואָלט אַף דער ערד ניט געקאָנט פארפלאַנירן. דער בײַטראָג פון דער עקספּעדיציע אינעם אופדעקן די געהיימניסן פון דער אַלוועלט איז פּאַשעט קאָלאָסאַל...

וועגן דעם און וועגן נאָך א סאַך אַנדערע פראַגן איז געגאַן א רייד אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ בייס אהער זײַנען געקומען צוגאַסט דער פליִער־קאָסמאָנאַווט פון פּססר, צווייִ מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, גענעראַל־מאַיאָר פון דער אַוויִאַציע פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש פּאָפּאָוויטש און זײַן פרוי מאַרינע לאַווערענטיעוונא פּאָפּאָוויטש — פליִער אויספּרוּווער פון פּססר, פּאָלקאָווניק, צוועלף מאָל וועלט־רעקאָרדסמענקע פונעם אַוויִאַציע־ספּאָרט.

די קאַשעווע געסט זײַנען זייער ווארעם אופגענומען געוואָרן. אינעם שמועס האָבן אָנטייל־גענומען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ארן ווערגעליס, די מיטארבעטער פון רעדאַקציע כאַיםביידער, יוסיף שוסטער און סאַניע טשערניאַק, די סאָוועטישע שרײַבער־פּובליציסטן פּיאָטער גוצאל, וויקטאָר מיטראָשענקאָוו און זײַן זון דער זשורנאַליסט אַלעקסאַנדער מיטראָשענקאָוו, דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דער מיליטעריש־פּאָליטישער אַקאַדעמיע אַף װ. אי. לענינס נאָמען גענעראַל־מאַיאָר באָריס אַקסענטיעוויטש ליטווין.

פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש, ניט קיין הויכער, קרעפּטיקער מיליטערמאַן מיט זילבער אין די שלייפן — ער איז שוין אלט פופציק יאָר — איז א גוטהאַרציקער מענטש, האַלט זיך פּאָשעט, רעדט ניט געײַלט, אָפּעריִרט מיט צענדליקער פאַקטן. ער איז א קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דעם צענטער אַף יו. א. גאַגאַרינס נאָמען פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. מאַרינע לאַווערענטיעוונא האָט אַרײַנגעטראָגן אינעם שמועס א באַזונדערע היימישקײַט און צאַרטקײַט. זי איז אויך א קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן און אייגנציי־טיק — א דיכטערן, דער אווטאָר פון 6 ביכער, צווישן זיי 2 לידער־זאַמלונגען. איר גרויסע מײַסטערשאַפט באַם אויספּרוּוון נײַע מינים אַעראָפּלאַנען, דאָס מוטיקע פּרוויען־געשטאַלט אירס איז באַוווּסט אין דער גאַנצער וועלט, פּונקט ווי דאָס העלדישע געשטאַלט פון איר מאַן, וועלכער איז צוויי מאָל געפלויגן אין קאָסמאָס און גייט אַרײַן אין דער לעגענדאַרער פּלעיאַדע פון די ערשטע, צוזאַמען מיט יורי גאַגאַרינען און גערמאַן טיטאָװן.

אין מאָמענט, ווען עס קומט פאַר די באַגעגעניש געפינען זיך אין קאָסמאָס אַפן באָרט פון דעם אָרביטאַלן קאָמפּלעקס „סאַליוט־6 — סאָיוז־37" די קאָסמאָנאַווטן לעאָניד פּאָפּאָוו און וואַלערי ריומין (פּונקט אין די זעלבע שאָען האָט פונעם קאָסמאָדראָם בײַקאָנור גענומען דעם סטאַרט די נײַע קאָסמישע שיף „סאָיוז־37" מיטן אינטערנאַציאָנאַלן עקיפּאַזש אין באַשטאַנד פונעם צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד וויקטאָר גאָרבאַטקאָ און דעם קאָסמאָנאַווט־פאָר־שער פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק וויעטנאַם פאַם טואַן.

— איצט איז נאָך פרי צו ריידן וועגן די סאַכאַקלען, וועלכע ס'האָט דערגרייכט די מאַנשאַפט פונעם וויסנשאַפטלעכן קאָמפּלעקס „סאַליוט — סאָיוז". ס'איז שוין, ווי איר ווייסט, באַקומען געוואָרן א קאָלאָסאַלע צאָל אָנגאַבן. באַארבעטן זיי וועט אויסקומען זייער לאַנג. אָבער שוין דאָס באַקומענע דערלויבט צו מאַכן אַן אויספיר: אינעם באַהערשן דעם קאָסמאָס האָט זיך אָנגעמערקט א נײַע וויכטיקע דערגרייכונג...

גאָר ניט לאַנג צוריק איז די קאָסמישע צײַט געציילט געוואָרן אין מינוטן. 108 קאָסמישע מינוט זײַנען אַוועק בא גאַגאַרינען. א מעסלעס האָט פאַרבראַכט אין קאָסמאָס טיטאָוו. דערנאָך איז דער כעזשבן געגאַנגען אַף וואָכן, כאַדאָשים, איצט שוין אפילע אַף האַלבע יאָרן...

פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש דערציילט, וויאַזוי ער איז אָנגעקומען אינעם קאָסמאָנאַווטן־אָטריאַד:

„דאָס איז געווען אין די 50־ער יאָרן. איך פלי אַף אַן אַעראָפּלאַן. א געוויינלעכער פלוג. פלוצעם האָט אין דער סטראַטאָספער אופגעהערט אַרבעטן דער מאָטאָר. עפּשער בין איך אליין שולדיק — איך האָב, קאָן זײַן, געבראַכן דעם רעזשים פון פּילאָטירן... די הייך ווערט, נאַטירלעך, גיך קלענער. עס כאַפּט אָן א שרעק. איך האָב זיך דערמאָנט אין מײַן אלטן באַקאַנטן ניקאָלײַ קאַסטענקאָ, וועלכער איז איינמאָל אַרײַנגעפאַלן אין פּונקט אַזא לאַגע... וואָס קאָן מען דאָ טאָן? איך האָב געפרוּווט פאַרשטעלן זיך, וואָס עס וועט באַלד געשען...

כ'האָב אָנגעשטרענגט די נערוון. און סאָפאַקאָלסאָף, נאָך אַלע מײַנע באַמיִונגען, — פאַרשטייט זיך, פונעם ווילן, פון די קענטעניש, פון די פּילאָטאַזש־געוווינהײַטן, פון דער דערפאַרונג, פונעם פאַרלאַנג צו לעבן — האָט די טורבינע ווידער גענומען אַרבעטן! ניט שײַעך צו ריידן, וואָס איך האָב דערבײַ געפילט!

צוגעערדיקט זיך, האָב איך געוואָרט אַף אַן אומאָנגענעמען שמועס, און עפּשער — אַף א שטראָף. איך ווייס ניט, וואָס עס איז געשען מיטן מאָטאָר, איבער וועלכע סיבעס ער האָט אופגעהערט צו אַרבעטן. אַרום דעם מאָטאָר האָט זיך פאַרזאַמלט אַן אווטאָריטעטער קאָנסיליום פון אינזשעניערן. עפּשער האָב איך אליין איבער מײַן אומפּאָרזיכטיקײַט געצוווּנגען די טורבינע אָנשוויגן ווערן, און דערנאָך האָב איך „העלדיש", ווי מע זאָגט בא אונדז, אומגעקערט איר דאָס לעבן.

נאָך א גענויעם אַנאַליז פונעם דעפעקט זײַנען צו מיר קיין פּרעטענזיעס ניט געווען. די האַנדלונגען פונעם פליִער, די טעכניק פונעם פּילאָטירן איז געווען אין פולער אָרדענונג.

איך גיי אַרויס פונעם שטאַב־צימער אַף דער גאַס. איך אָטעם אָפּ לײַכטער, לאָז זיך אַוועק אַפן אַעראָדראָם, צו מײַן אַעראָפּלאַן. באַם אָפּשטעל יאָגט מיך אַן א „גאַזיק". אין פענצטערל פון דער קאַבינע באַווײַזט זיך דער שעף פונעם פּאָלק־שטאַב:

— פּאָפּאָוויטש, מע רופט אײַך אַרויס אין שטאַב.

— מיך? — ווידער פאַלט די שטימונג ביז נול. הייסט עס, אינעם אַנאַליז האָט מען געפונען עפּעס נײַס. א נײַער קער אין מײַן גורל.

— יאָ, יאָ, אײַך. פינקטלעכער, ניט אין שטאַב, נאָר אינעם פּאַליטאָפּטייל.

ניט שוין זשע ווייסט מען שוין דאָרט, אַז דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט? — טראַכט איך מיט פאַרדראָס און קער זיך אום צוריק. און די געדאַנקען מײַנע זײַנען אײנער פינצטערער פונעם צווייטן.

אין קאַבינעט פונעם שעף פון פּאַליטאָפּטייל בין איך אַרײַן אָן ענטוזיאַזם, און דאָרט האָב איך דערזען א מעדיצינישן טוער. „ווײַזט אויס, אַז וועגן דער געשעעניש אין דער לופט ווייסן שוין אויך די דאָקטוירים". א געדאַנק, וואָס שמעקט מיט פּאַניק. פאַר א פּלינער איז דער דאָקטער א פיגור, וואָס האָט פּיל באַטײַטן: ער איז א פּאַרטיידיקער, אָבער...

— קאַפּיטאַן פּאָפּאָוויטש איז געקומען לויט אײַער באַפעל, — ראַפּאָרטיר איך מיט ציטער אין דער שטים.

דער שעף פונעם פּאַליטאָפּטייל האָט באַמערקט מײַן צושטאַנד. ער לאַכט.

— מיר האָבן ניט באַפוילן, נאָר אײַנגעלאַדן. באַקאַנט זיך. א פּאַרשטייער פונעם אינסטיטוט... — און ער רופט אָן אַן אויטאָריטעטן, נאָר ווייניק באַוווּסטן אַנשטאַלט.

דער דאָקטער שטעלט זיך פאָר: — ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש!

לאַכלוטן ניט מיליטעריש. ער נעמט די איניציאַטיוו אין זײַנע הענט, לאָדט אײַן זיך צו־זעצן און הייבט באַלד אָן דעם שמועס. מיר ריידן וועגן דעם געזונט, וועגן דער שטימונג. אומגעריכט גיט ער א פרעג:

— אַף דער נײַער טעכניק האָט איר בײַשעק צו פּלינען?

— אונדזער טעכניק איז ניט קיין אַלטע, — ענטפער איך, מיינענדיק, אַז דער גאַסט איז אַפּאַנעם, שוואַך אינפאָרמירט.

— און אַף דער נאָך נײַערער? נו, לאָמיר זאָגן, אַף דער קאָסמישער?

— ווער זשע וועט זיך דערפון אָפּזאָגן?! איך בין גרייט כאָטש טייקעף.

— טייקעף איז, פאַרשטייט זיך, צו פרי, — קילט אָפּ מײַן היץ דער דאָקטער. — הערט אויס אַלץ ביזן סאָף. מאָרגן, ווען איר וועט גוט דורכטראַכטן די זאַך, וועט איר זאָגן אײַער באַשלוס... און גיך, זייער גיך בין איך געפאָרן קיין מאָסקווע...

פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש איז געווען איינער פון די מיטגלידער פונעם ערשטן אָטריאַד קאָסמאָנאַווטן. אים איז באַשערט געווען צו טרעפן זיך א סאַך מאָל מיטן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו. ער דערמאָנט זיך:

— מיר האָבן זיך באַקאַנט מיטן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר נאָך דעמלט, ווען עס האָט זיך געבויט די שיף „וואָסטאָק־1". ער, דער שעפער פון דער שיף, האָט אַליין דערקלערט איר קאָנסטרוקציע, דערציילט, וועלכע שיפן עס וואַרטן אַף אונדז אין דער צוקונפט. דערנאָך, ווען גאַגאַרין איז שוין געפלויגן, ווען אַנדערע האָבן זיך געגרייט, האָט ער פּלוצעם זיך באַוויזן אין „שטערן־שטעטל". אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער האָט איצט אורלויב, רוט ערגעץ אין קרים. מיטאַמאָל זעען מיר, ווי ער שפּאַנט איבער דער ברייטער אַליי. אין צען מינוט אַרום האָבן מיר אַלע זיך פאַרזאַמלט. עמעצער האָט א פרעג געטאָן וועגן דעם איבערגעריסענעם אורלויב. ער האָט, ניט ענטפערנדיק אַף דער פראַגע, אַליין געפרעגט:

— ווי גייט די טרענירונג?

מיר האָבן א שאָט געטאָן א זאַק מיט אָנקלאָגעס: דאָס איז ווייניק, יענץ איז בכלל ניטאָ. א סאַך איז גערעדט געוואָרן וועגן דער לערן־באַזע. שווער צו קריגן די ספּעציעלע אויסשטאַטונג, ווייניק טרענאַזש־אַפּאַראַטור...

— מירן זען עפּעס טאָן... — האָט טרוקן צוגעזאָגט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר.

אין א וואָך אַרום זײַנען צום „שטערן־שטעטל" צוגעפאָרן צוויי לאַסט־מאַשינעס מיט דער לאַנג דערוואַרטער אויסשטאַטונג...

בא די מענטשן, וואָס האָבן געקענט קאָראָליאָוון, האָט זיך געשאַפן וועגן אים ווײַט ניט אײן און די זעלבע מיינונג. אייניע פּלעגן ניספּאָעל ווערן פון זײַן פּאַשטעס און אָפּריכטיקײַט; אַנדערע האָט שאָקירט זײַן שטרענגקײַט און פּעדאַנטישקײַט; די דריטע, וועלכע האָבן אים געזען בלויז אַף דער אַרבעט, פּלעגן שטוינען: צי ווייסט אַזא מענטש פון א פּערזענלעך לעבן? דוכט זיך, ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזט זײַן אַרבעטס־אָרט. קיין ווידערשפּרוכן זײַנען דאָ ניטאָ. דאָס איז געווען א קאָלאָריטפולע, א הערלעכע און שטאַרקע פּערזענלעכקײַט. יאָ, קאָראָליאָוו איז געווען זייער האַרציק, פּאָשעט און צוטריטלעך, ער האָט אָבער געקאָנט זײַן אומדערבאַרעמדיק שטרענג, אַפילו האַרב, אויב ער האָט געזען לײַכטזין, פוילקײַט, שטענדיק און אין אַלץ האָט ער געפּאָדערט פּינקטלעכקײַט, אָרדענונג. ער האָט געשעצט

מיזאמקײַט, טאכלעס סינע פײַנט געהאט גיִווע. איך געדענק, ווען מיר האָבן זיך פארזאמלט דאָס ערשטע מאָל באַם הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, האָט ער מיט דער כאראקטעריסטישער פאר אים אָפנקײַט געוואָרנט:

— אויב איר זײַנט געקומען קעדיי באַווײַזן העלדנטאטן, איז אומזיסט אײַער טירכע. עס שטייט פאָר אַן ארבעט. א שווערע, אָבער זייער א נייטיקע. אָט דערוף דארף מען זיך אָריִענטירן...

דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז לעבן זײַן ארבעטס־קאבינעט געפינט זיך א קליין צימער, ווו עס שטייט א בעטל. אין די אָנגעשטרענגטע טעג פון גרייטן זיך צו די פלוגן, ווען ער איז געווען זייער פארנומען, פלעגט ער אָפּרוען אין אָט דעם צימער, לעבן דעם קאבינעט. דאָס הארץ האָט שוין קאפריזעוועט, די נערוון אָנגעשטרענגט ביז דער לעצטער מאדרייגע, אָבער באַ דער ערשטער נויטווענדיקײַט איז ער געווען אָף זײַן ארבעטס־אָרט.

מיר האָבן גערופן דעם הויפּט — ס. פּ. (סערגיי פּאוולאָוויטש). צוויי אויסיעס, וועלכע האָבן געהאט פאר אונדז אזא גרויסע באַדײַטונג.

דער שמועס אין רעדאקציע האָט באַרירט טשיקאווע דעטאלן פונעם קאָסמאָס־לעבן. אָט ווײַזט זיך ארויס, אַז איין מינוט זיך געפינען אָף דער אָרביטע מיצאד דעם ערשטן אסטראָנאווט פון די פאראייניקטע שטאטן דזשאָן גלען (דער פלוג איז פאָרגעקומען אין 1962 און האָט גע־דויערט 3 שאָ מיט 54 מינוט), — האָט אָפּגעקאָסט 1 מיליאָן 680 דאָלער. יעדע סעקונדע, וואָס די מאנשאפט פון „אפּאָלאָן־12" האָט זיך געפונען אָף דער לעוואָנע, האָט אָפּגעקאָסט 30 טויזנט דאָלער. ווער עס איז כאָטש עטוואָס באקאנט מיט אריפמעטיק, קאָן לײַכט אויסרעכענען די אלגעמיינע סומע — די אסטראָנאווטן זײַנען אָפּגעווען אָף דער לעוואָנע 2 שאָ מיט 40 מינוט — 9.600 סעקונדעס... וואָס אָנבאלאנגט דעם לעוואָנע־גרונט, וועלכן די אמעריקאנער האָבן גע־בראכט אָף דער ערד, האָבן זײַנע 32 קילאָגראם, נעמענדיק אין אכט אלע פריִערדיקע הויצאָעס, אָפּגעקאָסט א מיליארד דאָלער!

ווען פּאוועל ראָמאנאָוויטש דערציילט וועגן דעם, רופט זיך אָפּ מארינע לאוורענטיעוונא:

— עס איז א סאָפעק, צי אָף אונדזער פּלאנעטע איז פאראַן נאָך אזא ווערטפולע זאך, וואָס איז אײַנגעקויפט געוואָרן בוכשטעבלעך פאר א קאָסמישער פרײַז!

איז דען אָף דער ערד ניטאָ קיין מער דרינגענדיקע פּראָבלעמען, וועלכע פאָדערן, אגעוו, אויך ניט קיין קליינע הויצאָעס. לאָמיר זאָגן די זוכונגען אונטערן וואסער (דער ארויסבאקום פון נאפט, גאז, מעטאלן פונעם יאם־גרונט), די נוקלעארע פיזיק (דאָס באקומען א טערמישע נוקלעארע רעאקציע, מיט וועלכער מענטשן פירן אָן), די מעדיצין. צו וואָס דארף די מענטש־הײַט האָבן דעם קאָסמאָס?

אָט וואָס עס האָט וועגן דעם געזאָגט בײַם דער באַגעגעניש פּאוועל פּאָפּאָוויטש:

— צו דער קאָסמאָנאווטיק קומען הײַנט אָן פּראקטיש אלע וויסנשאפטן, א סאך געביטן פון דער פאָלקסווירטשאפטלעכער טעטיקײַט:

ציִאָלקאָווסקיס טרוים — נעמען באַ דער קאָסמאָנאווטיק „בערג מיט טווּע" באקומט רעאלע שטריכן.

ווי באוווּסט, ארבעטן אָף אונדזער פּלאנעטע מער פון 15 טויזנט מעטעאָראָלאָגישע סטאנ־ציעס, דערונטער אין פּססר 10 טויזנט סטאנציעס און באָאָבאכטונגס־פונקטן.

די אופגאבע פון אָט דעם אמט איז קלאָר פאר אלעמען: מע דארף וואָרענען וועגן גע־פערלעכע באַטור־דערשײַנונגען (פריִע פרעסט, שטורעמס, הוראגאנען אאוו.) און אונטערזאָגן, וויִאזוי צו פארקלענערן די פאָלגן פון סטיכיײִשע אומגליקן.

אין 1967 האָט באַ אונדז אין לאנד אָנגעהויבן ארבעטן די מעטעאָראָלאָגישע קאָסמישע סיסטעם „מעטעאָר". זי גיט אָפּעראטיווע אָפּשאצונגען וועגן דעם צושטאנד פון די וואָלקנס און פונעם שניי־צודעק, אינפאָרמירט וועגן דער אײַז־סיטואציע, וועגן דעם טערמישן רעזשים פון דער ערד, וועגן די אופקומענדיקע הוראגאנען און סמערטשן.

די קאָסמישע אינפאָרמאציע וועגן דעם וועטער איז א סאך ברייטער, פּינקטלעכער, אָפּע־ראטיווער איידער די ערדישע. די אָקעאנען און יאמען פארנעמען 71 פּראָצ. פונעם ערדקײַלעך, און באקומען א זיכערע אינפאָרמאציע וועגן דעם וועטער אין די דאָזיקע ראיאָנען קאָן בלויז א ספּוטניק אָדער א קאָסמישע שיף.

א צווייטער בײַשפּיל. יעדעס יאָר לײַדט אונדזער פּלאנעטע פון ערדציטערנישן. אייניקע פון זיי, ווי די אשכאבאדער (אין 1948), פּערואנער (1970), כינעזישע (1976), וועלן אָף לאנג פארבלײַבן אינעם זיקאָרן פון דער מענטשהײַט.

„שולדיק" אין די ערדציטערנישן זײַנען די טעקטאָנישע פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אין די טיפענישן פון דער ערד. די געלערנטע האלטן, אַז די ליטאָספער — דאָס פעסטע ערד־

היטל — באַשטייט פון עטלעכע בלאָקן, און ווען זיי בייטן זיך מיט זייערע ערטער, שאַפן זיי אַ ניט סטאַבילקייט אין די באַהעפטונגען, די באַרג־מינים פּלאַצן, עס קומט פאָר אַן איבערוק. פון דער הייך פון די קאָסמישע אָרביטעס זעט מען גוט, ווו די ערד־קאָרע איז אָנגעבראָכן. אין די ראַיאָנען פון אָט די שפּאַלטן איז בעסער ניט בויען קיין נייע שטעט.

וואָס העכער עס איז דער פּונקט, פונוואַנען ס׳ווערט געמאַכט די פאָטאָגראַפיע, אַלץ מער דעטאַלן קאָן מען זען אויף איר. די קאָסמישע פאָטאָגראַפיעס פאַרמאָגן אַזאַ מעלה: אויף זיי זעט מען קלאָר די טיפעניש־סטרוקטורן פון דער ערד. זיי זעען זיך אָן דורכן צודעק פון ווייכער ערד, פּונקט ווי די קאָנטורן פון אַ סטאַטוע, וואָס איז איבערגעדעקט מיט שטאָף ביז דער פיערלעכער עפענונג.

שטודירנדיק די פאָטאָגראַפיעס, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון די קינסטלעכע ספּוטניקעס פון דער ערד, האָבן די סאָוועטישע געאָלאָגן צונויפגעשטעלט אַ מאַפּע פון געאָלאָגישן געבוי פון מיטעלער־סיביר. דאָס האָט געהאָלפן די אויסשפּירער פון די ערד־טיפענישן באַם זוכן נוצלעכע מינעראַלן. די קאָסמישע געאָלאָגיע איז טעטיק באַ די זוכונגען פון קוילנרייכע ראַיאָנען, אונטערערדישע וואַסערן אין די מידבאָריעס און געפין־ערטער פון אַרץ.

די אוניקאַלע קאָסמאָס־באַדינגונגען — די וואָגלאָזיקייט, דער טיפער וואַקוום און די נידעריקע טעמפּעראַטורן, וועלכע עס איז פּאַשעט אוממעגלעך צו מאָדעלירן אויף אַ לאַנגער צייט אין די ערדישע באַדינגונגען, האָבן אַרויסגערופן צום לעבן אַ נייעם געביט פון דער וויסנשאַפט און טעכניק — די קאָסמישע פּראָדוקציע און טעכנאָלאָגיע.

די מעגלעכקייט צו באַקומען אין די קאָסמאָס־באַדינגונגען אייגנאַרטיקע געמישן פון מעטאַלן מיט גאַזן עפנט דעם וועג צום שאַפן מאַטעריאַלן פון אַ באַזונדערער פעסטקייט. שטאָל, לעמאָשל, וואָס איז באַקומען געוואָרן אין די קאָסמאָס־באַדינגונגען, אַנטהאַלט 87 פּראָצ. גאַז און בלויז 13 פּראָצ. מעטאַל, דערביי פאַרלירט ער ניט זיין פעסטקייט.

עס איז ניט ריכטיק צו מיינען, אַז מיר קאָנען איצט אַרבעטן בלויז מיטן „נאָענטן קאָסמאָס". די „סאָיוזן" און „סאַליוטן" גיבן אַ סך אינפאָרמאַציע אויך וועגן דעם „וויטן קאָסמאָס".

לעמאָשל, די אַרבעט פון זוכן אַ וויסנשאַפטלעכע קאָנצעפּציע, אַ פעסטע טעאָריע וועגן דעם אָפּשטאַם פון דער ערד, גאַלאַקטיק, אַלוועלט, פאַרשטיין די פאַרבינדונגען „ערד־זון", „ערד־גאַלאַקטיק", „גאַלאַקטיק־אַלוועלט". איצט זיינען זייער פּאָפּולער די טעאָריעס וועגן די ענדערונגען פונעם קלימאַט אויף אונדזער פּלאַנעטע. עס זיינען פאַראַן אָנהענגער פון דער ווערסיע, אַז אויף דער ערד ווערט קעלטער, אַנדערע האַלטן, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד, ווען עס ווערט וואַרעמער. ווי איר זעט, זיינען די מיינונגען דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע.

יענע, וואָס האַלטן, אַז די צוקונפט פון דער ערד איז אָפּהענגיק בלויז פון דער פּלאַנעטע, האָבן אַ טאָעס. גראָד דער קאָסמאָס וועט העלפן צו פאָרויסזען אונדזער מאָרגן. די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין זיינע טיפענישן, ווירקן אויך אויף אונדז.

דעם 28 יאַנואַר 1976 איז פאַרפיקסירט געוואָרן דער אומקום פון אַ שטערן, די גרייס ווי די זון. פאַר וואָסערע 40 סעקונדעס איז דער שטערן צונויפגעקוועטשט געוואָרן, ביז ער איז לויט דער גרייס געוואָרן גלייך צו דער לעוואָנע, דערביי איז אויסגעטיילט געוואָרן פון אים אַזאַ צאָל ענערגיע, אַז זי וואָלט באַ דער איצטיקער באַפעלקערונג פון דער ערד געקלעקט אויף אַ מיליאַרד יאָרן.

אָט די קאָסמישע דערשיינונג איז ניט באַגלייט געוואָרן מיט קיינע אויסשטראַלונגען, וואָס די אויגן קאָנען זען. די אַפּאַראַטן האָבן פאַרפיקסירט די אינטענסיווקייט פון די גאַמאַ־שטראַלן, וועלכע זיינען לויט דער קראַפט עקוויוואַלענט צו 110 מיליאַרד זון־אויסברוכן.

דערלערנען די קוואַלן פון די גאַמאַ־אויסשטראַלונגען איז שווערער, איידער די קוואַזאַרן און פּולסאַרן. די אַטמאָספער לאָזט ניט דורך קיין גאַמאַ־שטראַלן צו די ערד־אַפּאַראַטן, זיי ווערן פיקסירט בלויז דורך דער אַפּאַראַטור פון די ספּוטניקעס. ווייַזט אויס, אַז דער דאָזיקער שטערן איז אומגעקומען אין אַן אַנדער גאַלאַקטיק.

מע האַלט, אַז אַזעלכע דערשיינונגען קומען פאָר, ווען עס ווערן געבוירן די אַזוי־גערופענע ווייסע קאַרליקעס.

לויט אַ צווייטער היפּאָטעזע ווערט דער אופקום פון אַ גאַמאַ־אויסשטראַלונג באַגלייט מיט די טויט־אַגאָניעס פון שטערן, וועלכע ווערן פאַרוואַנדלט אין „שוואַרצע לעכער".

נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָט מען געהאַלטן, אַז די שוואַרצע לעכער זיינען בלויז אַ דערשיינונג, וואָס ווערט דערלאָזט טעאָרעטיש. ערשט אין 1971 האָבן די אַסטראָנאָמען אַנטדעקט, אַז אויף דער אָרביטע אַרום דעם גיגאַנטישן בלויען שטערן אינעם שוואַנען־געשטערן געפינט זיך, קאָן זיין, אַזאַ אָביעקט. זינט דעמאָלט האָט מען אַנטדעקט צוויי „קאַנדידאַטן" אויף

אַט דער ראָל — איינעם אינעם געשטערן פּערסיי, א צווייטן — אַף דער גרענעץ פון אָריאָן און monoceros (א נאָמען פון א געשטערן, באַטײַט איינהאָרן). סאַכאַקל איז אין אונדזער גאַלאַקטיק, אינעם מילך־וועג, פאַראַן, לויט די אויסרעכענונגען פון די געלערנטע, אַמווייניקסטנס 10 מיליאָן שווארצע לעכער.

ווי עס באַהויפּטן אייניקע טעאָריעס, דאַרף דער שטאָף, וואָס ווערט אײַנגעשלונגען דורך דער שוואַרצער לאָך, ערגעץ־ווו און ווען־ניט־איז ווידער באַווײַזן זיך — אַן עמעסער טונעל אין דער צײַט און אין רוים. אייניקע אווטאָרן, וועלכע האַלטן זיך בא היפּאָטעטישע סוואָרעס, זאָגן אַרויס א מיינונג, אַז די שוואַרצע לעכער קאָנען זײַן סיסטעמען פון שנעלן אַריבערטראָגן די מאַטעריע אין דער אַלוועלט, אָדער אַפילע אין אַנדערע אַלוועלטן.

שטעלט זיך פאָר, ווי אינטערעסאַנט עס איז צו פעסטשטעלן דעם עמעסן מעהוס פון די שוואַרצע לעכער! איך וויל באַטאָנען, אַז אַן אויפגאַבע איז דאָס שוין ניט פון דער גאָר ווײַטער צוקונפט. לעמאָשל, ווען מע זאָל „איבערקוקן“ די אינטערעסירנדיקע אָביעקטן מיט דער הילף פון ראַדיאָ־טעלעסקאָפּן, וועט דאָס געבן זייער א סאַך, באַזונדערס אויב מע זאָל נעמען אין אַכט, אַז אַן „אָרט“ דערצו קאָן מען געפינען אַף דער אָרביטע, אינעם לופטלאָזן רוים. נאָך מער, אַזא עקספּערימענט איז שוין געמאַכט געוואָרן. וולאַדימיר ליאַכאָוו און וואַלערי ריומין האָבן מיט אַזא ראַדיאָטעלעסקאָפּ דורכגעפירט א זאָנדאַזש אין דער אַלוועלט...

אויב מע זאָל ריידן מיט דער שפּראַך פון עקאָנאָמיסטן, וועט זײַן ריכטיק צו זאָגן, אַז „דער קאָסמאָס — ניט בלויז ער דעקט אַליין די הויצאָעס אַף אים, נאָר ער ברענגט אויך היפּשע האַכנאָסע“...

ווען פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווערטער, איז אַרום טיש פון דער באַגעגעניש געוואָרן באַזונדערס אויפגעלעבט. מאַרינע פּאָפּאָוויטש האָט „דערווידערט“:

— דערפאַר אָבער לײַדן דערפון העזעק די פרויען פון די קאָסמאָנאַווטן. דעם מאַן זעסטו פּראַקטיש ניט: אָדער ער איז אַף די טרעניראָווגען — אַן אַנדערש מאָל זיצט ער זיך אין דער סורדאָקאַמער א גאַנצן כוידעש און טוט גאָרנישט ניט, — אָדער ער איז אין קאָסמאָס. באַומרויִק זיך דאָ פאַר אים...

— ווי זאָגט מען עס, — האָט א שמייכל געטאָן פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש, — אויך מיר א באַומרויִקונג! דער מאַן איז אין דער היים ניטאָ, ער פליט אין קאָסמאָס... שליס אײַן דעם טעלעוויזאָר און קוק, וואָס דער מאַן טוט דאָרט. יעדער טראָט זײַנער איז אַף דער דלאָניע...

ווײַטער דערציילט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן וועגן דעם „שטערן־שטעטל“, וועגן דעם, ווי עס לעבן און אַרבעטן די „הערשער פון דער אַלוועלט“ עמעצער פון די בײַוועזנדע טוט א פרעג וועגן די „פליִענדיקע טעלער“ און וועגן די באַשעפענישן פון אַנדערע פּלאַנעטן...

— איך האָב שוין געהאַט מיט זיי א באַגעגעניש.

— !?

— דאָס איז פאָרגעקומען בייס מײַן פלוג אַפן אָרביטאַלן קאָמפּלעקס „סאַליוט־3“ — „סאָיוז־14“.

איינמאָל נאָך אַן אָנגעשטרענגטן אַרבעטס־טאָג האָב איך פאַרנומען מײַן אָרט באַם באָרט פון דער סטאַנציע, געלייענט א ביסל און באַלד אײַנשלאָפן געוואָרן.

אָפּגעשלאָפן א שאָ צוויי, דערנאָך פיל איך: עמעצער קומט אַרײַן אין דער סטאַנציע דורכן אַרײַנגאַנג־קאַנאַל! ווײַטער נאָך מער — ער גאַנוועט זיך, קומט צו נעענטער צו מיר און וואַרפט זיך פּלוצעם שלאָגן. ער פּאַטשט מיר שטאַרק אין די באַקן, אין איין באַק, אין דער צווייטער.

פאַרשטייט זיך, איך סטאַרע זיך א קוק טאָן, ווער איז דאָס: א מענטש, צי אַן אומבאַוווּסט וועזן, א באַשעפעניש פון א פרעמדער פּלאַנעטע? מע זעט ניט.

איך טשעפּע אים ניט, איך טראַכט, מע דאַרף אים אָפּהיטן — פאַר דער וויסנשאַפט. איך רוף צוהילף מײַן קאָלעגע — יורי אַרטיוכינען. יענער טרייסט מיך. דאָס העלפט מיר אָבער ניט, ווײַל דער אומבאַקאַנטער האָט זיך דערפילט אַלס פולער באַלעבאָס — ער פּאַטשט מיך און פּאַטשט אין די באַקן. דעמלט האָב איך ניט אויסגעהאַלטן (גאַסטפרײַנטלעכקײַט איז גאַסטפרײַנטלעכקײַט, אָבער א גרענעץ דאַרף מען דאָך וויסן...) — און איך גיב אים אויך א פּאַטש... און אַזא שטאַרקן, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס בוך, וואָס איך האָב געלייענט פאַרן שלאָף, שווימט איבער דער סטאַנציע, פון דער ווענטיליאַציע מישן זיך די בלעטער און פּאַטשן מיך גאַנץ שטאַרק אין פּאָנעם...

נאָר אויב ריידן ערנסט, פאַרבלײַבט דערווײַל אָן אַן ענטפער די פראַגע וועגן דער מעגלעכקײַט, אַז די קאָסמאָנאַווטן זאָלן זיך באַגעגענען מיט באַשעפענישן פון אַנדערע פּלאַנעטן.

איך וואָלט געוועזן צופרידן פון אזא באַגעגעניש. נאָר וואָס אָנבאַלאַנגט דער פראַגע וועגן פראָגנאָזירן אירע טערמינען, זײַנען מיר דאָ, ליידער, מאַכטלאָז. נאָך מער, איך האַלט, אַז שטרײַטן איצט וועגן געקומענע פון אַנדערע וועלטן, פון אַנדערע גאַלאַקטיקעס האָט ביכלאַל ניט קיין זין. עס איז אַ ספּעק, צי מיר וועלן צו זיי זיך דערקלײַבן אין די נאָענטסטע טעלעכע טויזנט יאָר.

מײַן מיינונג אין אָט דער פראַגע פאַלט צונויף מיט דער מיינונג פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן געלערנטן יאָסיף שקלאָווסקי. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„איך האַלט, אַז דאָס לעבן פון דער מענטשהײַט האָט אַ סאָף, דערפאַר זאָגן פיל, אַז איך בין אַ פּעסימיסט. מע זאָגט: הייסט עס, עס וועט קומען אַ צײַט, ווען קיין מענטשהײַט וועט אויף דער וועלט ניט זײַן? יאָ, די מענטשהײַט וועט ניט זײַן, ווי זי איז ניט געוועזן. קיין קאָנקרעטע פאָרם פונעם סאָף פון דעם פאַרנונפטיקן לעבן קאָן איך ניט אָנרופן, און קיינער וועט ניט אָנרופן. עס איז געוועזן אַ צײַט, ווען אויף דער וועלט איז ניט געוועזן בלויז אַ לעבן, עס איז ניט געוועזן ערד און זון און שטערן.

יעדע פאָרם פון מאַטעריע איז אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע, וועלכע עקזיסטירט בלויז אַ געוויסן צײַט־אָפּשניט. און מע קאָן ניט האַלטן, אַז דער מענטש איז אַן אויסנאַם פון אָט דעם קלאַל".

פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש האָט אָפּגעמערקט, אַז אויפן הײַנטיקן עטאַפּ פון דער קאָסמישער פּראָגראַם איז דאָס וויכטיקסטע — דערלערנען דעם רוים לעבן דער ערד. קאָסמישע שיפן פאַרמאָגן מיר אַ סאַך, מע בויט זיי איצט סעריעסווײַז. אין קאָסמאָס פליִען לויט איין פּראָגראַם עטלעכע שיפן, קאָלעקטיוו אַרבעטן אויך די מענטשן אין קאָסמאָס.

איצט גייט דער קאָסמאָס אַלץ מער אַרײַן אין אונדזער אַלטעגלעכן לעבן. די ראָמאַנטיק, וואָס איז פאַרבונדן מיט אים, איז עפּשער געוואָרן אַ ביסל בלאַסער, דערפאַר זײַנען די אויפגאַבן קאָמפּליצירטער. די קאָסמאָנאַווטן אויף דער אָרביטע פאַרנעמען זיך מיט וואָכעדיקע אײַנזאַנים: זיי פאָטאָגראַפירן, באַאָבאַכטן, פאָרשן.

פּאַוועל ראָמאַנאָוויטש האָט דערציילט וועגן די אײַנדרוקן בײַס זײַנע צוויי פלוגן, וועגן מעגלעכע קינפטיקע פּראָגראַמעס, וועגן דער צווישנפעלקערלעכער קאָסמישער מיטאַרבעט. ער האָט געענטפערט אויף פיל פראַגן.

מיט וואַרעמע ווערטער האָט ער אויסגעדריקט אַ דאַנק דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פאַרלאַנג געניי און אויספירלעך צו דערציילן די ייִדישע לייענער וועגן די קאָסמישע פּראָבלעמען. ער האָט באַגריסט דאָס נײַע „קאָסמישע ווינקל" אין אונדזער זשורנאַל.

צום שלוס האָט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס באַדאַנקט די געסט און אונטערגעטראָגן זיי אַלס אָנדענק דעם דערשינענעם אין אַ ייִדישער איבערזעצונג בוך פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוו און אַ פרישן נומער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

יורי דאַקוטשיִעוו

דער קאָמאַנדיר

מיט גרויס אינטערעס האָב איך און פיל אונדזערע לייענער פון כאַרקאָוו געלייענט אין 10־טן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר היינטיקס יאָר דעם אינטערוויו, וואָס דער באַרימטער קאָסמאָנאַווט גיאָרגי בערעגאָוואָי האָט געגעבן דעם קאָרעספּאָנדענט פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך האָב אַ באַקאַשע צו דער רעדאַקציע: אויב עס איז מעגלעך, זאָל עפּעס דערציילט ווערן ווײַטער פון זשורנאַל זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען מיטן קאָסמאָנאַווט — דעם „אָנהייבער" פונעם קאָסמישן ווינקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד", און ער זאָל נאָכדעם אָנמאָלן אין אַ גענויער פאַרצייכענונג דאָס עמעסדיקע געשטאַלט פון דעם העלד.

מ. פרידמאַן
שלאָסער־אַפּאַראַטשיק
אַפֿן כאַרקאָווער
טראַקטאָר־זאַוואָד.

די פּילפּאַרביקע אָרדען־סטענגעס אַפֿן גענעראַלס קיטעל פּאַסן זיך זייער צו זײַן פּאָנעם. זיי דערמאָלן, קאָן מען זאָגן, זײַן פּאָרטרעט, דערציילן וויכטיקע פּראָטים פון זײַן ביאָגראַפיע, פאַרבינדן זײַן מענטשלעכן גורל מיט דער געזעלשאַפטלעכער אָנערקענונג בא זיך אין פאָטערלאַנד און אין אויסלאַנד:

— אין בולגאַריע איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן גאָלדענעם שטערן פון אַ העלד פון סאָציאַליסטישער מי און מיט אַ געאָרגי דימיטראָוו־אָרדען;

— אין אונגאַרן — מיט אַן אָרדען פון דער רעפּובליקאַנישער פאָן, ערשטע מאַדרייגע;

— אין פּוילן — מיט אַ גאָלדענעם גרינוואַלד־קרייץ, ערשטע מאַדרייגע;

— אין רומעניע — מיט אַ טודאָר וולאַדימירעסקי־אָרדען, 5־טע מאַדרייגע.

די דאָזיקע רעגאַליעס זײַנען ניט בלויז אַן אויסדרוק פון אַכטונג צו געאָרגי בערעגאָוואָיס קאָסמישן העלדנטאַט. נאָך לאַנג ביז דעם פּלוג פון „סאָיוז־3" איז ער אריבער די גרענעץ פון זײַן היימלאַנד און זיך געלאָזט איבער די אייראָפּעיִשע לופט־וועגן, זײַענדיק איינער פון די באַפרײַער פון די פעלקער, וועלכע האָבן געשמאַכט אונטערן יאָך פון דער פאַשיסטישער שקלאַפערײַ.

...יעגאָקיעוואָ. עס קרייצן זיך גלײַכע גאַסן, ווי זיי וואָלטן געווען געצייכנט מיט אַ ווירע. אף וועלכער גאַס איר זאָלט זיך ניט געפינען, זעט איר פאַר זיך די טעריקאָנען, וואָס רינגלען ארום די גאַנצע שטאָט. באַנאַכט שײַנען די גאַז־פײַערן.

דאָ שמעלצט מען מעטאַל.

קאַיאָר דערהערט זיך אין שטאָט דער הויפּט־הודאָק: דער מעטאַלורגישער זאַוואָד רופט צו דער אַרבעט. ווען עס צעפּײַפט זיך דער צווייטער הודאָק, זײַנען שוין די גאַסן פול מיט מענטשן. וואָס נעענטער צו די זאַוואָד־טויערן, צו די שאַכטעס, אַלץ געדיכטער איז די גאַס מיט מענטשן.

דאָס זײַנען געווען די ערשטע נאָכרעוואָליוציע־יאָרן. אַלץ, וואָס מע האָט דעמלט געטאָן, איז געווען צום ערשטן מאָל. און די מענטשן, וויסנדיק דערפון, האָבן געביטן זייער באַציִונג צו דער אַרבעט, זייערע באַציִונגען צווישן זיך, צו דער געזעלשאַפט.

דאָס געפיל פון אָנטיילנעמער אין אָט דער גרויסער אַרבעט האָט באַפליגלט די מענטשן.

פון יאָר צו יאָר האָט יענאקיִעוואָ זיך אלץ מער געענדערט. אָט האָט מען אויסגעבויט א נײַע קינדער־שול, א טעכנישע קינדער־סטאנציע. אָט האָט מען געעפנט אן עראָקלוב, א סטאדיאָן, — צו ספּאָרט האָט געצויגן אלעמען.

אין עלטער פון 10 יאָר איז געאָרגי בערעגאָוואָי פארכאפּט געוואָרן מיט אוויִאמאָדעליזם. ער האָט גענומען אן אָנטייל אין פארמעסטונגען. צו צוועלף יאָר איז ער שוין געווען אן אינסטרוקטאָר אין א טעכנישער קינדער־סטאנציע. און ווען אין אעראָקלוב האָט זיך געעפנט א פלאנער־שול, איז געאָרגי געקומען אהין דער ערשטער.

טרוימענדיק וועגן הימל, האָט ער זיך ניט אָפּגעריסן פון דער ערד, ווו אלץ האָט געפאָדערט זייער פיל מי, — עס האָבן געפעלט אַרבעטס־הענט. נאָכן אכטן קלאס האָט ער זיך געלערנט פאר אן עלעקטראָשלאָסער אינעם מעטאלורגישן זאוואָד. אף אָט דער ארבעט איז ער געגאנגען ניט צופעליק. איינמאָל האָט ער געזען, ווי מענטשן רעגולירן דאָס פײַער און באקומען ארויס מעטאל. ער איז געווען איבערראשט פונעם בילד. פאר אן עלעקטראָשלאָסער איז ער געגאנגען אויך דערפאר, ווײַל מע האָט אים געזאָגט: „דו ווילסט ווערן א פליִער? דערצו איז נייטיק פארהארטעווען זיך דורך ארבעט"... עמעצער פון די פרײַנט האָט אים געזאָגט, אז א מענטשן, וואָס קאָן קוקן אף דער זון און ניט פינטלען מיט די אויגן, נעמט מען אָן פאר א פליִער. אין אעראָקלוב האָט מען אים אָנגענומען... אלץ איז געווען ריכטיק, אָבער צו דער זון האָט עס קיין שײַכעס ניט געהאט... געזונט האָט אים געקלעקט. קענטעניש — אויך. דעריקער — אים האָט זיך גוואָלדיק געוואָלט פליִען.

ווען מע האָט אים שוין אָנגענומען אין אעראָקלוב, האָט דער קאַיאָר זיך אָנגעהויבן בא אים פריִער איידער בא אלעמען: דרײַ באנאכט איז ער שוין געווען אף די פיס, פון פינף ביז זיבן — געפלויגן. דערנאָך — אפן זאוואָד, צו די פלאקערנדיקע, הייסע, ווי די זון, אויוונס. פון זעקס אָוונט ביז פינצטער — ווידער אין אעראָקלוב, אף טעאָרעטישע לימודים.

עס דערמאָנען זיך איצט די אומגעהייערע שוועריקײַטן פון יענער צײַט. מענטשן האָבן ניט דערעסן. עס זײַנען נאָך געווען ברויט־קארטלעך. מע האָט ניט געהאט מיט וואָס צו הייצן. געאָרגי מיט די ברידער, וויקטאָר און מיכאיִל, האָבן, ווי אלע קינדער פון די דאָנבאסער שאכטיאָרישע יִישוּווים, זומער געקליבן אף די טעריקאָנען שטיקלעך קוילן, קעדיי ווינטער הייצן אין שטוב. ווײַט הינטערן שטאָט האָט מען געזעצט קארטאָפל און הארבסט־צײַט געשלעפּט אף די פלייצעס די גערעטעניש אהיים. און די האָרעפּאשנע קינדער האָבן זיך געלערנט, געלערנט.

דער ערשטער איז אוועק אין דער אוויִאציע דער עלטערער ברודער וויקטאָר — א מוטיקער, שטארקער אָפּנהארציקער מענטש. געאָרגי האָט זיך געגרייסט מיט אים און זיך באמיט צו זײַן ענלעך אף אים. וויקטאָר איז יונג אוועק פון דער וועלט.

געאָרגי איז געוואקסן אין פלאם פון די ערשטע פינפיאָרן, ווען אף די קאָלווירטישע פעלדער האָבן זיך באוויזן אונדזערע ערשטע טראקטאָרן, ווען מע האָט געבויט די מאגניטקע, דעם דניעפּראָהעס און די ערשטע מעטראָ־סטאנציע אין לאנד. אין יענער צײַט האָבן פּראָקאָפּיעוו, בירנבוים און גאָדונאָוו אופגעהויבן זיך אפן גיגאנטישן סטראטאָסטאט „פססר" אף א הייך פון 19 טויזנט מעטער. דערנאָך האָט דער סטראטאָסטאט „אָסאָאוויִאכים־1" דערגרייכט די הייך פון 22 טויזנט מעטער, אָבער באם אומקערן זיך אף דער ערד זײַנען די סטראטאָנאווטן פּאוועל פעדאָסייענקאָ, אנדריי וואסענקאָ און איליא אוסיסקין אומגעקומען. דעמלט האָט דער מיטגליד פונעם אעראָקלוב געאָרגי בערעגאָוואָי פארשריבן אין זײַן טאָגבוך די שורעס פון דער „פראוודא":

„ערשט מיט דרײַ טעג צוריק האָט מען די נעמען פון די דרײַ געוווּסט בלויז אין אן ענגן כאווערישן קרײַז. אייערנעכטן האָט די דאָזיקע נעמען געהערט די גאנצע וועלט. די וועלט האָט אינעם גלאנץ פונעם איבערראשנדיקן טריִומף זיך דערוווּסט, וויִאזוי די דרייסטע זיגער פון דער סטראטאָספער, די געוואגטע מאזלדיקע מענטשן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער ערדי־

שער אויבערפלאַך אויף אַן אומגעהערטער אין דער געשיכטע פון אונדזער פּלאַנעט הייך...״ און נאָך... „א טאָג איז אוועק, און אין דער ציכטיק־קלאָרער פּרייד פונעם זיג, אָן איין וואָלקנדל, האָט זיך אַריַינגעריסן דער טראַגיזם. מיליאָנען מענטשן, וועלכע פּיַיערן דעם טריִומף פון די דריַי פליִער, טרויערן איבער זייער אומקום.

א רומפולער זיג, א רומפולער בעקאָוועדיקער טויט״.

די דאָזיקע נאָטיץ זאָגט זייער פיל. געאָרגי בערעגאָוואָי האָט אויף שטענדיק געמאַכט זיַין אויסוואַל!

דערנאָך איז פאָרגעקומען די לעגענדאַרע עפּאָפּיי פון ראַטעווען די טשעליוסקינצעס. דעמלט זיַינען געבוירן געוואָרן די ערשטע העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד — וואָדאָפּיאַנאָוו, קאַמאַנין, דאָראָנין, ליאַפּידעווסקי, לעוואַנעווסקי, מאָלאָקאָוו, סלעפּניאָוו... פליִער! מענטשן פונעם הימל, וווּהין ער האָט זיך געריסן.

געאָרגי איז נאָך געווען א קורסאַנט פונעם אַעראָקלוב, ווען טשקאַלאָוו, בײַדוקאָוו און בעליאַקאָוו האָבן דורכגעמאַכט זייער פלוג פון מאָסקווע דורכן צאָפן־פּאָליוס קיין פּאָרטלענד (פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע).

דערנאָך האָבן נאָך דריַי מענטשן פונעם סאָוועטן־לאַנד אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון מעלוכעס און קאָנטינענטן — גראָמאָוו, יומאַשעוו און דאַנילין — אויף פּונקט אַזאַ אַעראָפּלאַן פון טופּאָלעווס קאָנסטרוקציע, אַנט־25״. זיי זיַינען דורכגעפלויגן דורכן אַיִז־אָקעאַן, דורך דער גאַנצער טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און געלאַנדעט האַרט בײַ דער מעקסיקאַנער גרענעץ, אַרויסרופנדיק אַנציקונג בײַ אַלע מענטשן פון דער פּלאַנעט.

טשקאַלאָוו האָט אין יענע יאָרן געטרוימט וועגן העכערס — א פלי טאָן „אַרום דעם קײַלעכל״!

דאָס האָבן שפּעטער געטאָן די קאָסמאָנאַווטן. און צווישן זיי געאָרגי טימאָפייעוויטש בערעגאָוואָי. נאָר דאָס איז געווען העט שפּעטער...

א טיַיערע ציַיט איז דעמלט געווען! זי האָט גערופן, באַפוילן, געיַילט, געלערנט די יונגע צו זיַין מוטיק. ווען אין א צענדליק יאָר אַרום האָבן די זשורנאַליסטן געוואָלט אָנשריַיבן וועגן בערעגאָוואָיען, וועלכער איז שוין געווען א פליִער אַן עקספּערימענטאַטאָר, אַז ער איז טייקעף נאָך די ערשטע פלוגן אויף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע געוואָרן אַן אַס, האָט געאָרגי קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט אַזאַ אָפּשאַצונג:

— איך האָב דאָך בלויז געלערנט זיך מיַיסטערשאַפט בײַ די עלטערע און פּאַשעט באַמיט זיך צו פליִען אַזוי, אַז מיַינע קאָמאַנדירן זאָלן צו מיר קיין טיַינעס ניט האָבן. איך האָב נאָכגעמאַכט. יעדנפאַלס, האָב איך באַמיט זיך זיַין ענלעך אויף די העלדן פון מיַין יוגנט־טרוים. אַגעוו, זיַינען זיי אָפן פראָנט געוואָרן מיַינע קאָמאַנדירן: מיט „מיַין״ לופט־אַרמיי האָט אָנגעפירט גראָמאָוו, מיטן קאָרפּוס — קאַמאַנין, מיט דער דיוויזיע — בײַדוקאָוו.

ווען געאָרגי בערעגאָוואָי איז געקומען אין קאַמאַנינס אַוויִא־קאָרפּוס, איז אים געגאַנגען דאָס איין־און־צוואַנציקסטע יאָר. די דערפאַרונג האָט ער באַקומען מאַמעש אין גאַנג פון די אָפּעראַציעס. דער צוטרוי צו אים איז בײַ די פליִער געבוירן געוואָרן אין די שלאַכטן, פון וועלכע זיי האָבן מאַמעש ניט געוווּסט קיין אָפּרו. דער קאַלינינער און וואָראָניעזשער פראָנט, דערנאָך דער ערשטער און צווייטער אוקראַיִנישער. ביטערע שלאַכטן הינטער קורסק און קיִעוו. עס איז געוואַקסן די מיַיסטערשאַפט, די שלאַכט־דערפאַרונג. אין דער מילכאָמע איז בערעגאָוואָי דורכגעגאַנגען דעם וועג פון א סערזשאַנט ביז א קאַפּיטאַן, פון א געוויינלעכן פליִער ביז א קאָמאַנדיר פון אַן עסקאַדריליע. אין אַווגוסט 1943 איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי.

דער קאַפּיטאַן בערעגאָוואָי האָט געפירט זיַינע כאַווײרים אין שלאַכט קעגן דעם סוינע מיט עפּעס אַן אומבאַשריַיבלעכער דרייסטקיַיט. אינדערעמעסן אָבער איז דאָס געווען ניט אינגאַנצן אַזוי. די זאַך באַשטייט דערין, וואָס ניט קיין סאַך פליִער־שטורמאָוויקעס, וועלכע האָבן מילכאָמע־ציַיט דורכגעפירט, אַזוי ווי בערעגאָוואָי, אַרום 200 שלאַכט־פלוגן, האָבן געקענט פאַרהיטן, ווי ער, דאָס לעבן פון די לופט־שיסער. פאַקטיש פלעגן זיי דאָך, די לופט־שיסער, די ערשטע אויפנעמען אויף זיך די אַטאַקעס פונעם סוינעס פאַרניכטלער און גאַנץ אָפט — די ערשטע אומקומען.

עס איז געווען א פאַל, ווען בערעגאָוואָיס שטורעם־מאַשין האָט געפלאַקערט ווי א פאַקעל. געראַטעוועט האָט אים די קאַלטבלוטיקיַיט, דרייסטקיַיט, מיַיסטערשאַפט. א מאַנעוור אויף א ברענענדיקן אַעראָפּלאַן (דער מאַנעוור האָט געדאַרפט אויסגעפילט ווערן אין מעשעך פון עפּעס א טייל פון א סעקונדע) האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פונעם לופט־שיסער פּיאָטער אַנאַ־

ניעוו און בערעגאָוואָיס לעבן. א צווייט מאָל האָט ער זיך געראַטעוועט, קונציק אוועקזעצנדיק די „פּאַרוואָנדעטע" מאַשין אַף א וואַלד־פּאַליאַנע.

דעם 27 יול 1944 איז באַפרײַט געוואָרן לוואָוו. די פּאַשיסטישע האָרדעס האָבן זיך אָפּגעקײַקלט פון סטאַניסלאַוו. דאָס מיליטער פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון דער פעסטונג פּערעמישל. פון דער לופט האָט די דאָזיקע אָפּעראַציע אונטערגעהאַלטן דעם גענעראַל קאַמאַנינס פינפטער וויניצער, באַלוינטער מיטן באָגדאַן כמעלניצקי־אָרדען קאָרפוס פון דער שטורעם־אַוויִאַציע, וווּ עס האָט זיך געשלאָגן געאָרגי בערעגאָוואָי. ווי אַלע סאָוועטישע קריגער, האָט ער געטרוימט שוין גיכער צוגיין צו דער מעלוכע־גרענעץ פונעם היימלאַנד.

און אָט איז די גרענעץ.

פאַר געאָרגיס אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן זײַן לעבן: די קינדער־יאָרן, די יוגנט, דער ערשטער פלוג, די שווערע טעג פון צוריקטריט, די שלאַכטן, דורך וועלכע ער איז געגאַנגען און דערגאַנגען ביז אָט דער גרענעץ. אָבער דאָרט, אין הינטערלאַנד, ליגן כאָרעווע שטעט און דערפער, זײַן פאַרפּײַניקטע היים־ערד.

פאָרויס איז נאָך געוועזן פּוילן. מע האָט געטיילט די נײַע מאַפּעס. געאָרגי האָט שוין אין א טאָג אַרום געקאָנט אָנרופן לויטן זיקאָרן די וועגן, יִישוּוים, שטעט, וועלכע זײַנען פאַרשריבן אַף אָט די מאַפּעס. ער, דער פירנדיקער, האָט געמוזט בעסער פון אַלעמען וויסן יעדעס בערגעלע, יעדן טאָל אין אָט דעם מיט טײַכן בלוט באַגאָסענעם לאַנד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש צו דער ווײַסל. אַף דעם באַרימטן סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם, וועגן וועלכן עס האָבן געשריבן די צײַטונגען און זשורנאַלן פון גאָר דער וועלט, האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער ווידעראַמאָל באַוויזן העלדנמוט און קריגערישע קונסט.

עס איז קיין מוז ניט צו זײַן א פּראָפעסיִאָנעלער מיליטערמאַן, קעדיי פאַרשטיין, פאַרוואָס די פאַשיסטן האָבן גראָד דאָ אַרויסגעוויזן אַזא שטאַרקן ווידערשטאַנד. זיי האָבן געגאַרט אום יעדן פּרײַז אײַנהאַלטן דעם דראַנג פונעם סאָוועטישן מיליטער. אַף אָט דעם פראָנט, גראָד דאָ, איז געוועזן די צענטראַלע פּאָזיציע, פונוואַנען עס האָט זיך געעפנט דער וועג צו באַפרײַען פּוילן און ווײַטער אָנגרײַפן אַף מײַרעוו.

ווען עס איז באַפרײַט געוואָרן די פּוילישע שטאָט זשעשטשוו, האָט מען באַשלאָסן אויסבויען הינטער דער שטאָט א פעלד־אַעראָדראָם.

די פּליִער געדענקען דאָס גרויסע קאַרטאָפּל־פעלד, די פּוילישע פּויערים, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין א זײַט און צוגעקוקט, וויאַזוי די סאָוועטישע אינזשענירן און טעכניקער גייען איבער די בייטן און שאָקלען פאַרזאָרגטע מיט די קעפּ. קעדיי אויסבויען דאָ דעם פּלי־פּלאַצדאַרם האָט מען באַדאַרפט אויסגלײַכן א פלאַץ פון 400 מעטער די ברייט און א קילאָמעטער די לענג, עס זאָל קיין סימען ניט בלײַבן פון די בייטן. און וואָס וועט זײַן מיטן קאַרטאָפּל? דאָ, אין פּוילן, ווי אַף דער גאַנצער טעריטאָריע, וועלכע די פאַשיסטן האָבן געהאַט אָקופּירט, האָבן דאָך די מענטשן געהונגערט. און וואָס וועלן זאָגן די פּויערים, וועלכע שטייען דאָ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ?

נאָר אָט איז צוגעגאַנגען צו די פּליִער איינער פון די פּויערים. „וועגן וואָס זאָרגן זיך די פאַנעס קאָמאַנדירן? וועגן די בייטן? גלײַכט אויס מיט דער ערד, מיר וועלן אײַך העלפן. בעסער הונגערן, איידער לעבן אַזוי ווי מיר האָבן געלעבט..."

בערעגאָוואָי האָט פאַרגעדענקט דעם לופט־וועג קיין קראַקע. דאָס איז געוועזן די הויפּטמאַגיסטראַל, דורך וועלכער דאָס פאַשיסטישע מיליטער האָט באַקומען שלאַכט־מאַטעריאַלן.

דורכגיין דורך דער פײַער־וואַנט און דערבײַ ניט ענדערן די הייך און די שנעלקײַט, ניט מאַנעווורירן — דאָס איז פּאַשעט געווען אומעגלעך. דעריבער האָט א פּלוג פון די שטורמאָוויקעס אָפּט דערמאָנט א מאָדנעם אומפאַרשטענדלעכן לופט־טאַנץ, וווּ דער גאַנצער אַנסאַמבל כאַזערט איבער די באַוועגונג פונעם סאָליסט. דער סאָליסט איז אין דעם פאַל געווען בערעגאָוואָי, וועלכער איז געפלויגן בעראָש פון זײַן עסקאַדריליע שטורעם־אַעראָפּלאַנען. זײַן דערפאַרונג האָט אונטערגעזאָגט די פּליִער די נייטיקע מאַנעוורען. די מאַשינעס האָבן זיך געשלײַדערט אַמאָל אַף רעכטס, אַמאָל אַף לינקס, אַמאָל אַראָפּ, אַמאָל אַרויף.

ווען דעם סוינעס ווידערשטאַנד אינעם ראַיאָן פון סאַנדאָמיר איז אײַנגעבראָכן געוואָרן, איז דער קאָרפּוס פונעם גענעראַל קאַמאַנין אַריבערגעפלויגן די גרענעץ פון רומעניע, פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט שטורעמען די פּאָזיציעס פונעם דײַטשישן מיליטער, וואָס איז צוריקגעטראָטן פון דער אונגאַרישער טעריטאָריע.

אין הארבסט 1944 האָט דער קאַרפּוס שוין באַזירט זיך אינעם באַפרײַטן אונגאַרן. מיט אַ ברייטן פראָנט איז געגאַנגען אונדזער אָנגריף. דעם יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט בערעגאָוואָי באַגעגנט אין דער קאַבינע פונעם אעראָפּלאַן. דעם 7 און 8 נאָיאַבער 1944 האָבן אונדזערע טיילן פאָרסירט דעם טײַך טיסאַ. אינגיכן איז צעקלאַפּט געוואָרן דעם סוינעס בודאַפּעשטער גרופּירונג.

אָט דער פעריאָד איז באַזונדערס פאַרבליבן אין בערעגאָוואָיס זיקאָרן: מע האָט אים באַערט מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. דעם אוקאַז פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסםר האָט די קאָמאַנדשאַפט איבערגעלייענט פאַרן גאַנצן פּאָלק. דאָס איז פאָרגעקומען אינעם שטעטל בוטשעטעלעפּע.

פרילינג 1945 איז בערעגאָוואָי געפלויגן מיט זײַן שלאַכט־מאַשין איבער טשעכאָסלאָוואַקיע. דער צווייטער אוקראַיִנישער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו בראַטיסלאַוואַ. די פליִער פונעם פינפטן וויניצער, איצט שוין ראָוויטפאַניקן, מיטן קוטוזאָוו־אָרדען און באָגדאַן כמעלניצקי־אָרדען באַלוינטן אוויִאַציע־קאָרפּוס פון שטורעם־מאַשינעס, האָבן אונטערגעהאַלטן דעם אָנגריף. גלענצנדיק האָט פאַרענדיקט די מילכאָמע די פאַרייניקונג פונעם קינפטיקן קאָסמאָנאַוט — זי האָט דערצויגן אין אירע באַפליגלטע רייען זעקס און זיבעציק העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

ס׳איז געקומען דער 9 מײַ 1945. די ווײַס־ראָזעווע סעדער האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זייערע צווײַגן דעם גרויען אַש פון די סרייפעס, און די מענטשן האָבן שוין געערעדט וועגן אַ פרידלעך לעבן:

„אָט קער איך זיך אום אַהיים, און וועל, עפּשער, זיך פאַרנעמען מיט...״ אַ סאַך מענטשן איז שווער געווען צו באַשליסן, מיט וואָס זיי וועלן זיך פאַרנעמען.

פול מיט פרייד פונעם ניצאָכן, האָבן די פליִער געבלאָנדזשעט איבער דער שטאָט ברנאָ. עמעצער פון די פרײַנט האָט אַ פרעג געטאָן בא בערעגאָוואָיען:

— און וואָס קלײַבסטו זיך טאָן, אַז דו וועסט קומען אַהיים, געאָרגי?

— איך וועל פליִען, — האָט געענטפערט בערעגאָוואָי, — ניטאָ קיין בעסערע אַרבעט אויף דער ערד!

...נאָכן ניצאָכן האָבן די ברידער בערעגאָוואָי זיך באַגעגנט. מיכאַיל איז שוין געווען אַ צוהערער פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. געאָרגי דאַרף זיך אויך לערנען, און כאָטש צו יענער צײַט האָט ער פאַרענדיקט אָן אָפּיצערישע הויכשול, דאַרף ער אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ, ווײַל עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן קריגס־ויסנשאַפטן, נאָר אויך וועגן אַלגעמיינער בילדונג. בײַקומען די אומבאַקוועמלעכקײַט פון זעצן זיך אויף דער שול־באַנק ניט ווי אַ שטעלפאַרטרעטער פונעם פּאָלק־קאָמאַנדיר, נאָר פּאָשעט, ווי אַ שילער פון אַ צעניאָריקער שול... אָך, ווי ניט פּאָשעט דאָס איז!

געאָרגי בערעגאָוואָיס נײַער העלדנטאַט האָט זיך אָנגעהויבן עפּשער גראָד דעמלט, ווען ער, אַן אָפּיצער, אַ העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אַ מילכאָמע־וועטעראַן, איז איבערגעטראָטן די שוועל פון דער אָוונט־שול און האָט אין צוויי יאָר אַרום באַקומען אַ צײַגעניש, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם מאַטורע־עקזאַמען.

אין דער אוויִאַציע קומט אויס צו טאָן פאַרשיידענע אַרבעטן. די שווערסטע איז — זײַן אַ פליִער אָן עקספּערימענטאַטאָר. דאָס ווייסן אַלע. ניט אַלע ווייסן אָבער, אַז שווער איז אָט די אַרבעט אויך דערפאַר, ווײַל קיינע כעזשבוינעס פון די קאָנסטרוקטאָרן און מאַטעמאַטיקער קאָנען ניט פעסטשטעלן אַבסאָליוט פּינקטלעך, לאַכלוטן אָן אַ גרײַז, וויאַזוי וועט די נײַע מאַשין זיך פירן, ווען זי וועט פליִען צו דער ערד אין שטאָפּאָר, אָדער ווען בא איר וועט זיך אָפּשטעלן דער מאָטאָר. צי וועט מען זי קאָנען אוועקזעצן? און וואָס דאַרף טאָן דער אָרדינאַרער, געוויינלעכער פליִער, ווען...

אַגעוו אַלע פאַלן „ווען״ איז אומעגלעך איבערצורעכענען. טאַקע קעדיי באַם אַרבעטן מיט אַ נײַעם אעראָפּלאַן זאָלן ניט אופקומען קיינע ספּייקעס, איז אײַנגעפירט דער פאַך — „פליִער־אויספּרוווּלער״.

בערעגאָוואָי איז אָנגעקומען אויף קורסן פון פליִער־אויספּרוווּלער און געענדיקט זיי אין 1948. דערנאָך איז ער אוועק אַרבעטן אויף איינעם פון די הינטערמאָסקווער אעראָדראָמען. מאַטורע־עקזאַמענעס, קורסן — דאָס זײַנען בלויז טרעפּלעך צו די גרויסע קענטענישן, וועלכע זײַנען נייטיק געווען פאַר זײַן נײַער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. די דאָזיקע קענטענישן האָט ער נאָך געדאַרפט באַהערשן...

דאָ מוז מען מאַכן אַ קורצן איבעררײַס און דערציילן וועגן איינער אַ באַגעגעניש.

ווען בערעגאָוואָי האָט נאָך געדינט אינעם פאַרניכטלער־פּאָלק, האָט ער זיך געטראָפן מיט א שוועסטער פון איינעם פון די אָפיצערן, א שילערן פון נײַנטן קלאַס. געקומען איז זי אין פּאָלק זיך זען מיטן ברודער. אין א יאָר ארום איז זי ווידער געקומען. עפשער האָט זיך איר פאַרוואָלט נאָכאַמאָל זען דעם פליִער, וואָס פלעגט בײַס די באַגעגענישן זיך רויטלען, שעמען זיך פונקט ווי זי. זיי האָבן זיך באַקאַנט.

ער האָט אָף איר געוואַרט. דערנאָך האָט לידע אים אָנגעשריבן, אַז זי האָט געענדיקט די שול מיט א גאָלדענער מעדאַל און קומט אָן אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט אפן היסטאָרישן פאַקולטעט. שפּעטער — נאָך א יעדיִע: „באַגריסט מיך, איך בין שוין א סטודענטקע פונעם צווייטן קורס. אַלע עקזאַמענעס אויסגעהאַלטן אָף פינפן".

ער האָט געדולדיק געוואַרט, געהאָפט, זיך באַאומרוּיִקט. עס זײַנען אוועק קימאַט פיר יאָר וואַרטעניש, ביז עס איז אָנגעקומען דער וויכטיקסטער בריוו: „באַ מיר איז אַלץ גוט, וואָס בע־סער, דוכט זיך, דאַרף מען ניט, איך האָב אָבער די גאַנצע צײַט געפילט, אַז דו פעלסט מיר אויס. איצט קאָן איך שוין פאַשעט ניט לעבן אָן דיר. לידע".

ער האָט געבראַכט לידען צו זיך אהיים. זי האָט זיך איבערגעפירט פונעם כאַרקאָווער אוני־ווערסיטעט אינעם מאָסקווער, אפן אָוונט־אָפּטייל. געאָרגי איז אָנגעקומען זיך לערנען היגטער־אויגיק אין דער מיליטערישער רויטפאָניקער לופט־אַקאַדעמיע. אַרבעטן און לערנען זיך איז ניט קיין לײַכטע זאַך.

אין איינעם א טאָג האָט געאָרגי טימאָפּייעוויטש עטלעכע מאָל אופגעהויבן אין דער לופט א נײַע מאַשין און געלאָזט זי דערנאָך פליִען אין א שטאָפּאָר אראָפּ. דער ציל? — געפינען א נײַעם מעטאָד, וויַאזוי אַרויספירן דעם אעראָפּלאַן פון א פאַלנדיקער ספּיראַל און אים אוועק־זעצן. דער אעראָפּלאַן איז מיט א מעשוגענער שנעלקײַט געפלויגן צו דער ערד פון אָנדער־האַלבן טויזנט מעטער די הייך, און אָט די גאַנצע צײַט (אויב מע קאָן רופן „צײַט" געציילטע סעקונדעס) האָט דער פליִער געקעמפט פאַר ראַטעווען די מאַשין. ערשט באַ דער סאַמע ערד, ווען ביז איר זײַנען שוין פאַרבליבן וואָסערע הונדערט פופציק מעטער, האָט ער געצוווּנגען די מאַשין, זי זאָל זיך אונטערוואַרפן זײַן ווילן. דער אעראָפּלאַן האָט מיט שווערײַקײַטן אויס־געהאַלטן אַזאַ אָנלאָדונג. ווען בערעגאָוואָי איז ארויס פון דער קאַבינע און האָט, געפינענדיק זיך אונטערן אײַנדרוק פונעם נאָרוואָס איבערגעלעבטן, קוים געשלעפּט די פיס איבערן פּלי־פעלד, האָט אים אָנגעיאָגט אַן אַוטאָ. פון דאָרט איז ארויסגעשפּרונגען דער אינזשעניער און א קורצע ווײַלע שוויַגנדיק געגאַנגען, באַטראַכטנדיק אים מיט כידעש. צום סאָף האָט ער געזאָגט:

— צי ווייסט איר, אַז די פלאַכקײַטן, דער עק און דער פיוזעליאַזש זײַנען היפּש דעפאָר־מירט?

דאָס האָט באַטײַט, אַז אין מאָמענט, ווען דער אעראָפּלאַן איז ארויס פונעם פּיק־צושטאַנד, איז די איבערלאָדונג געוועזן אַזאַ, אַז דער פליִער אליין האָט געוויגן שיר ניט טויזנט קילאָ־גראַם...

אין יענעם טאָג האָט מען באַ געאָרגי טימאָפייעוויטשן אין דער היים געפײַערט זײַן געב־בורטסטאָג. באַם יאָמטעוודיקן טיש האָבן זיך פאַרזאַמלט פרײַנט. איינער פון די פליִער־עקס־פּערימענטאַטאָרן האָט געזאָגט:

— איך וואָלט וועלן זאָגן א טאָסט פאַר געאָרגיס געבוירן ווערן הײַנט צום צווייטן מאָל.

און לידע האָט אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט א קוק געטאָן אפן מאַן. ער האָט זיך צעשמייכלט ווי א שולדיקער און א ווונק געטאָן צו איר, ווי איינער זאָגט: לייג ניט קיין אכט, מאַלע־וואָס עס געשעט...

מער פון פופציק נײַע טיפּן מאַשינעס האָט אויסגעפּרוּווט דער העלד פונעם סאָוועטנפאַר־באַנד, פאַרדינסטפולער פליִער־עקספּערימענטאַטאָר פון פּססר בערעגאָוואָי. ער האָט שוין דורכ־געמאַכט א גרויס לעבן: די אַקאַדעמיע — א זיכערער פונדאַמענט פון קענטענישן, די פּראַקט־דערפאַרונג, די דערפאַרונג פון אַן עקספּערימענטאַטאָר. מיט אַזאַ „באַגאַזש" איז ער אין יאַנ־וואַר 1964, א דרײַ־און־פערציקיאָריקער, געוואָרן א קאָסמאָנאַווט.

דער סאָף זומער — אָנהייב הארבסט פון אכט־און־זעכציקסטן יאָר איז היגטער מאָסקווע געווען א זעלטן וואַרעמער, א שיינער און זוניקער. דער וואַלד איז געווען ווי אויסגעפוצט, גלײַך ער וואָלט וויסן, אַז אין שטערן־שטעטל גרייט מען זיך צו א נײַעם פלוג אין קאָסמאָס. און אַזעלכע פלוגן זײַנען באַ אונדז אין לאַנד שוין געוואָרן א געוויינלעכע זאַך.

אָבער יעדעס מאָל, ווען מיר הערן דורך ראַדיאָ די רוף־סיגנאַלן פונעם הימלאַנד און די פײַערלעכע שטים פון דעם דיקטאָר: „אָף דער אָרביטע פונעם קינסטלעכן ספּוטניק פון דער

1

2

1. מאָסקווע באַגעגנט דעם העלד (1968).
2. דער פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר ל. אי. ברעזשנעוו גיט איבער געאָרגי בערעגאָ־וואָיען דעם צייכן פון א פאַרידנסטפּולן פלי‏ער־אויספּרווולער.
3. געאָרגי בערעגאָוואָי — א קורסאַנט פון דער שול מיליטער־פלי‏ער (1939).
4. די מאַמע, די פרוי און די טאָכטער.

3

4

ערד איז ,מיט דער הילף פון א מעכטיקער ראַקעטע אַרויסגעפירט געוואָרן די קאָסמישע שיף..." — הייבט אָן שטאַרקער קלאַפּן דאָס האַרץ מיט שטאָלץ פאַר דעם סאָוועטישן מענטשן, וואָס שוועבט אין אָט דער צײַט איבער דער פּלאַנעטע. דערמיט, וואָס דער קאָסמישער פלוג איז געוואָרן א געוויינלעכער באַגריף, איז ער ניט געוואָרן ווייניקער וויכטיק און אויך ניט לײַכטער...

דעם 25 אָקטיאַבער 1968 איז צוליב די מאַנעווער־עקספּערימענטן מיט אַן אַנדער קאָסמישן אַפּאַראַט אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער אָרביטע פונעם קינסטלעכן ספּוטניק פון דער ערד די שיף „סאָיוז־2" אָן א פּילאָט.

ווען „סאָיוז־2" איז דורכגעפלויגן איבערן ראַיאָן פון בײַקאָנור, האָט דעם 26 אָקטיאַבער 11 אַזייגער מיט 34 מינוט זיך אָנגעהויבן דער סטאַרט פון דער קאָסמישער שיף „סאָיוז־3", וועלכע עס האָט געפירט דער פּלי׳ער געאָרגי טימאָפעיעוויטש בערעגאָוואָי".

אין יענע טעג האָבן די צײַטונגען געשריבן, אַז דער פלוג פון יורי גאַגאַרין איז ניט בלויז א טריומף פון דער סאָוועטישער קאָסמאָנאַוטיק, ניט בלויז א יאָמטעוו פון אונדזער גאַנצן לאַנד, נאָר אויך די „שטערן־שאָ" פון דער גאַנצער מענטשהײַט, די גרעסטע געשעעניש אין איר טויזנטיאָריקער געשיכטע. דאָס איז א געשעעניש, וואָס מע קאָן פאַרגלײַכן מיט דערפינדן דאָס פײַער, מיט קאָלומבוסעס אַנטדעקונגען, מיט דער ערשטער רײַזע אַרום דער וועלט, מיטן פרידלעכן צעשפּליטערן דעם אַטאָם.

ווי שטאַרק עס זאָל ניט זײַן דער אײַנדרוק פון די דערגרייכונגען פון די אויטאָמאַטישע קאָסמישע אַפּאַראַטן, — אפילו פון אַזעלכע, וואָס העלפן אַראָפּזעצן זיך ווייך אויף דער לעוואָנע אָדער פירן אויסמעסטונגען דירעקט אין דער אַטמאָספער פון ווענערע, — רופן זיי ניט אַרויס אַזא ענטוזיאַזם, ווי דעם מענטשנס פלוגן אין קאָסמאָס. דאָס באַהערשן דעם קאָסמאָס, ווי דאָס באַהערשן די ערד, קאָן פונדעסטוועגן ניט געמאָלט זײַן אָן דעם אָנטייל פונעם מענטשן.

דאָס מאָל איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרטראַכט און דורכגעפירט געוואָרן א קאָמפּליציר־טער עקספּערימענט — דערנענטערן די שיף „סאָיוז־3", וואָס ווערט געפירט דורך א פּלי׳ער, מיט דער שיף „סאָיוז־2", וועלכע אַרבעט אויטאָמאַטיש. די סאָוועטישע געלערנטע און קאָס־מאָנאַווטן זײַנען צוגעטראָטן צו פאַנאַנדעראַרבעטן די מעטאָדן פון פאַרייניקן די קאָסמישע שיפן (וואָס אין אונדזער צײַט איז עס שוין געוואָרן א געוויינלעכע דערשײַנונג). געאָרגי בע־רעגאָוואָי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו מאַכן דעם ערשטן טראָט, דורכקאָנטראָלירן די אַרבעט פון דער סיסטעם פון אויטאָמאַטישער דערנענטערונג פון די שיפן און דערנאָך זיכערן די צעזעם פאַרייניקונג מיט דער הילף פון פירן די שיפן מיט דער האַנט.

דער דאָזיקער עקספּערימענט פאָדערט פונעם קאָסמאָנאַווט גרויסע דערפאַרונג, א רעאַק־ציע קעהערעף־אַזן, פולשטענדיקע „צונויפגיסונג" מיט דער קאָסמישער שיף. אָט דערפאַר טאַ־קע האָט מען אויף דורכפירן אים אָפּגעקליבן א קאָסמאָנאַווט, וועלכער איז פרי׳ער געווען אַן אויספּרוּוולער פון נײַער טעכניק.

אויסגעפילט די גאַנצע פּראָגראַם פונעם פלוג, אין וועלכער עס גייט אַרײַן ניט בלויז דאָס אויספּרוּוון די מענעווריר־מעגלעכקײַטן פון דער שיף „סאָיוז", די ראַציאָנעלקײַט פון איר קאָנ־סטרוקציע און די זיכערהײַט פון אירע באָרט־סיסטעמען, האָט דער קאָסמאָנאַווט דורכגעפירט אין א היפּשן פאַרנעם וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען און באַטראַכטונגען. דעם 30 אָקטיאַ־בער האָט „סאָיוז־3" זיך אומגעקערט אויף דער ערד.

בערעגאָוואָי איז געפלויגן אויף דער קאָסמישער שיף „סאָיוז־3" 94 שאָ מיט 51 מינוט. 64 מאָל האָט ער אַרומגעקרײַזט אונדזער פּלאַנעט.

עס האָבן זיך געפרייט די כאַווײרים, וואָס האָבן געדינט מיט אים אין איין פּאָלק:

— אונדזער בערעגאָוואָי איז אין קאָסמאָס!

— אונדזער בערעגאָוואָי! — האָבן געזאָגט די פּלי׳ער־עקספּערימענטאַטאָרן.

— אונדזער זשאָרא, אונדזער לאַנדסמאַן! — האָבן זיך געפרייט די יענאַקי׳עווער אַרבעטער, די לערער און שילער פון זײַן שול.

מיליאָנען פּאָליאַקן, רומענער, אונגאַרן, בולגאַרן, יוגאָסלאַוון, דײַטשן, ווען זיי האָבן צעעפנט די פרימאָרגן־צײַטונגען, געהערט אינפאָרמאַציע דורך ראַדיאָ, האָבן זיי אין די גע־דאַנקען זיך אומגעקערט צו יענע צײַטן, ווען אין הימל האָבן געהודעט די מאָטאָרן פון די סאָוועטישע שטורמאָוויקעס, ווען אונטערן דראַנג פונעם סאָוועטישן מיליטער זײַנען געלאָפן צוריק אויף מײַרעוו די פאַשיסטישע האָרדעס און עס זײַנען באַפרײַט געוואָרן פונעם פאַשיסטישן יאָך גאַנצע מעלוכעס פון אייראָפּע.

מענטשן האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין קאָסמאָס געפינט זיך איינער פון יענע סאָוועטישע

העלדן, וועלכע האָבן אומגעקערט אייראָפּע די פרײַהײַט און דעם ווײַס־ראַזעווון פרילינג פון 1945 יאָר.

דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער מענטש אין דער וועלט, אין אייראָפּע און באַזונדערס אין יענע אייראָפּעיִשע לענדער, וווּהין ער האָט בעשײַטע געבראַכט דעם שאָלעם אַף די פליגלען פון זײַן שלאַכט־עראָפּלאַן.

און ווידער — די לאַנד־גרענעצן. איצט איז שוין געאָרגי טימאָפּייעוויטש געפלויגן דורך די גרענעצן לויט דער אײַנלאַדונג פון רעגירונגען, געזעלשאַפטן פון פרײַנטשאַפט מיטן סאָ־ וועטנפאַרבאַנד, לויט דער ביטע פון פרײַנט. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַנטיפאַשיסטן, וועלכע האָבן מילכאָמע געהאַלטן קעגן דעם היטלעריזם, מיט געוועזענע קאַצעטניקעס פון די קאָנ־ צענטראַציע־לאַגערן, מיט געוועזענע פּאַרטיזאַנער, מיט דער יוגנט, וועלכע האָט ניט געוווּסט פון די פינצטערע מילכאָמע־טעג, נאָר ווייסט די פרײַז פון שאָלעם און איז גרייט פאַרטיידיקן דעם שאָלעם אַף דער וועלט.

דער צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן אַף יורי גאַגאַרינס נאָמען (מיט אים פּירט אָן געאָרגי טימאָפּייעוויטש בערעגאָוואָי) איז שוין געוואָרן אַ צווישנפעלקערלעכער צענטער, האָט־ גאָם דאָס וואָרט „צווישנפעלקערלעכער" איז אַ פרײַער אויסדרוק פונעם אַוטאָר פון אָט די שורעס. נאָר זאָלן די לייענער אַליין זאָגן, צי דאָס איז ניט אַזוי.

געאָרגי טימאָפּייעוויטש האָט דאָך אַליין דערציילט וועגן דעם אין זײַן אינטערוויו, וואָס איז געווען געדרוקט אין אָקטיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר הײַנטיקס יאָר. דער צענטער פון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן נעמט איצט אויף, לויט די געזעצן פון ברודערשאַפט, פּירט אָן מיט זייער צוגרייטונג און שיקט אָפּ אין קאָסמאָס פאָרשטייער פון די לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט.

אין „שטערן־שטעטל", ווו עס ווערן געגרייט קאָסמאָנאַווטן, רופן אַלע בערעגאָוואָיען, ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, פּאַשעט — קאָמאַנדיר. אַזוי רופן אים אַפילע פרויען און קינדער פון די קאָסמאָנאַווטן, די גאַנצע באַפעלקערונג. דאָס איז אַן אויסדרוק פון אַכטונג צו אים, דעם זעלטענעם מענטשן, וואָס האָט געקענט פאַרהיטן, ניט געקוקט אַפן שווערן לעבנסוועג זײַן נאָבעלן כיין, די גוטסקײַט צו אַנדערע מענטשן.

...די פילפאַרביקע אָרדען־סטענגעס אַפן גענעראַלס קיטעל „דערמאָלן", קאָן מען זאָגן, ביזן סאָף זײַן פּאָרטרעט, זיי דערציילן זײַן ביִאָגראַפיע, וועלכע איז באַשײַנט און געקרוינט מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַנערקענונג אינעם אייגענעם פאָטערלאַנד און אין אויסלאַנד.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

פּערעץ מאַרקיש

(1952—1895)

אין משך פון א לענגערער צײַט האָט פּערעץ מארקיש געאַרבעט איבער א פּאָעמע, וועלכע האָט געדאַרפט אָפּשפּיגלען דעם וועג פון א פּאָשעטן אַרבעטער, אָנהייבנדיק פון די פאַררעוואָלוציאָנערע יאָרן ביז די ערשטע פינפיאָרן. דער הויפּט־העלד פון דער פּאָעמע — עזרע — שליסט זיך איַין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג נאָך אין דער יוגנט, מע פאַרשיקט אים אַף קאַטאָרגע קיין סיביר, און דאָס ווערט פאַר אים א שול פון סאָציאַלער ריַיפקיַיט און פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט. נאָכן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע קערט ער זיך אום אהיים, גייט דורך א צווייטע שול — אין די שלאַכטן פונעם בירגערקריג. לויט די באַזונדערע אויסצוגן, וועלכע מיר האָבן אין אונדזער רשות, קאָן מען פונקטירלעך פעסטשטעלן דעם וויַיטערדיקן וועג פונעם הויפּט־העלד: אין די 20־ער יאָרן פאַרענדיקט ער א הויכשול, באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער איַיבערגעשטאַלטונג פון זיַין היימשטעטל, אין דער גרויסער אַרבעט, וואָס עס פירט דורך די קאָמוניסטישע פאַרטיי און די סאָוועטישע רעגירונג צו פּראָדוקטיוויזירן די שטעטלדיקע ייִדישע באַפעלקערונג, באַזעצן ייִדן אַף ערד אין קרים.

די האַנדלונג אין דער פּאָעמע קומט פאָר אין פאַרשיידענע ערטער — צוערשט אין א שטעטל, דערנאָך אַפן בײַקאַל, שפּעטער אין אוקראַיִנע, קרים און מאָסקווע.

אַן אויסצוג פון אָט דעם ווערק האָט פּערעץ מאַרקיש פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אין ליטעראַריש־קינסטלערישן אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" אין 1934 אונטערן קעפּל „מאָסקווע" („פּראָלאָג"). די קאַפּיטלען פון דער פּאָעמע, וועלכע זיַינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „ירושע" (זע פּערעץ מאַרקישעס „אויסדערוויילטע ווערק אין צוויי בענדער", ב. 2, זיַיטן 245—318, מאָסקווע, פאַרלאַג „כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטורא", 1960), דערפירן דעם הויפּט־העלד עזרען ביזן מאָמענט, ווען ער גייט אַוועק אַף קאַטאָרגע. נאָך דריַי קאַפּיטלען זיַינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם נומ. 1 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1962.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 85־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן סאָוועטישן ייִדישן דיכטער דרוקן מיר היַינט א טייל פון די פאַרהיטע פראַגמענטן פון זיַין ניט פאַרענדיקטער פּאָעמע.

אַף אייניקע פון די אָריגינעלע זיַיטלעך פונעם אָפּגעפונענעם מאַנוסקריפּט, וועלכער איז געדרוקט אַף א שריַיב־מאַשין, זיַינען פאַראַן דעם דיכטערס אייגנהאַנטיקע אויסבעסערונגען (זע די פאָטאָסטאַטן).

אין איינעם פון די קומענדיקע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אויך אַנדערע אומבאַוווּסטע פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן ווערק.

פראַגמענטן פון דער פּאָעמע „יערושע"

[I]

געהיימעניש — אין יעדן טשערנאָמאָרסקיס טראַט.
מיט טשעסקיסן האָט קיינער קיין פּארקער נאָך ניט געהאַט דאָ;
אראָפּגעקומען זײַנען ביידע אפן פאיאנס־זאוואָד
ווי זײַנע צוקינפטיקע באַלעבאָטים,
וואָס דארפן איבערעכענען פונסנײַ,
אין אומרו היימלאָזער שפּאַצירנד —
ניט נאָר די ווערט די גרויסע פון גריפּאריס פּאַרצעלײַ,
נאָר דעם באַטרעף פון די פאַרשקלאָפּטע פּראָדוצירער
און זיי עס איינפּאַך געבן צו פארשטיין,
און עס מיט בײַשפּילן מיט פּראָסטע זיי דערקלערן,
אז ס'איז דער גורל אין די הענט בא זיי אליין,
ווי אָנהייבן זיי דארפן זיך צו ווערן.
זיי האָבן אויסגעזען אין זייער ג'היימער פּליכט
ווי ערשטע אויסקוקערס אין סוינעס לאַגער.
אין אָוונט האָבן זיי בא שטיקלעך צאַנקענדיקע ליכט
מיט זיי שטודירט דעם וועג פון וואגן.
עס האָבן פײַערן געצונדן זיך אין בליק,
געצונדן האָט זיך דאָרט שווארצאַפּל בא שווארצאַפּל;
נאָר ס'איז דערוויַיל געווען דאָס גרעסטע גליק,
מע זאָל זיי דאָ אצינד ניט כאַפּן.
איז האָבן זיי געגנעסטיקט זיך צום אָנהייב —
אזוי געפּרווט, אזוי געשיקט,
אז אויב ס'וועט אויסקומען, זאָלן זיי קאָנען
צו יעדער רעגע אויסרינען צוריק,
ווײַל ס'קוקט געטרײַ זיי דער אוריאַדניק נאָך,
און ס'וויסט פון זיי ניט וויניקער דער פּריסטאַוו.
דעם נאַכטלעג בײַטן זיבן מאָל אין וואָך,
צי ווילסט, צי ניט, איז מוז מען אף געוויס דאָך.
איז אָנגעהויבן האָבן זיי פון זינגען לידער,
באַליבטע לידער פון דער פרײַ,
און אויסגעזונגען מ'האָט אזוי די כאָכמע פון דערווידער
און פון שטרײַק,
אז ס'האָט דער פּראָלעטאריער גאָרניט צו פארלירן,
אכוץ די קייטן, וואָס אין זיי איז ער געשמידט.
געווען בא קופּערמאַנען זײַנען צוגעמאַכט די טירן,
און ניט געפּילט האָט מען, ווי שניי אין דרויסן שיט.
און עזרע האָט מיט צוגעמאַכט־פארטרויטע אויגן
דערזען אין יאָג פון שיטנדיקן שנײַ:
אין קייטן א געשמידטער גיבער — אײַנגעבויגן,
וואָס איבער גאָר דער ערד ער גייט
און דרייט זי ווי א זשאַרענע אזא מין,
ווי אזא מילשטיין א מעסוקענעם ער דרייט,
עס רײַסן זיך פון אויגן בא אים פלאַמען,
און ס'טריפט פון אים א פײַן אזא מין שטילערהייט,
אז אלץ, וואָס זײַנע אויגן זעען, האָט ער אליין באשאַפן,
אז אלץ, וואָס אויסריידן מע קאָן, האָט ער געמאַכט,
און זיך געלאָזט פון דעם פארשקלאָפן
נ'געלאָזט אף זיך ארופוואַרפן די נאַכט.

ער קוקט זיך אויס א וועג, דורכוואַנען אַף א גיי טאָן,
ארומגעקרויזט מיט שווערע טורמעדיקע ווענט,
ער וועט אראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן,
וואָס אָנגעטאָן מע האָט אים אַף די הענט.
און עזרע זעט מיט אויגן צוגעמאַכט-פאַרגלייבטע
דעם גיבער גייענדיק דורך ווינט, דורך שניי און וועל,
ווי ער פאַרפרוווט דעם קאָפּ זײַנעם א הייב טאָן
און ווי מיט ציטער טרייסלט זיך די גאַנצע וועלט.
אָט דאָ, בא קופּערמאַנען, האָט מען זיך געטראָפן
איין מאָל אין וואָך נאָך האַלבער נאַכט,
געלערנט זיך די אויגן האַלטן אָפן
און אַף א שלאָס דאָס מויל פאַרמאַכט.
בא טיי געפּאַרעטער, בא סקאָרינקעס בא דאַרע
און בא אַן אויסגעזונגען טרויעריקער ליד
דערהערט האָט עזרע ס'ערשטע מאָל אין לעבן „פּראָלעטאַריער"—
און עפּעס האָט אין הארץ בא אים צעבליט.
אָט דאָ אין שטוב, ווו אויגן אַזוי ברענען,
ווו הערצער זײַנען אַזוי אופגעלויכטן העל,
האָט ער דערהערט, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ א כאַווער לענין,
וואָס טראָגט אַף זיך די גאַנצע וועלט.

אין יענעם אָוונט איז געגאַן א קריג א גענעראַלע,
ס'האָט טשערנאָמאָרסקי דורכגעלייענט לענינס בוך וועגן טאַקטיק.
פאַרגאַפּטע צוגעהערט האָבן זיך אַלע,
ווי טשערנאָמאָרסקי טאַקט ארויס: —א טראָט פאַרויס און צוויי צוריק!
געוועזן איז אויך א פאָרשטייער פון בונד. א גימנאַזיסט.
אַן איידעלע זאַך. א זונדל א נעגידישס,
וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר די ארבעטער אומזיסט
צוליב א מיצווע, ווײַל דאָס הארץ זײַנס איז א יידיש.
בא עזרען אויסגעהיבט האָט זיך א ביטל
צו זינדעלעך נעגידישע, וואָס קומען אַלע יאָר אראָפּ
פון גרויסע שטעט מיט ווײַסע ציצעס אַף די בלויע היטלען
און מיט דער רועך ווייסט וואָס אין קאָפּ.
זיי האָבן אַלע ווײַסע הענט,
פונקט ווי באַשמירט מיט פּוטער,
אַנציקט פון זיך אליין ביז בלענד,
אַזעלכע גלאַטינקע און אויסגערוטע...
און ווען ס'האָט טשערנאָמאָרסקי פאַרגעלייגט
דעם שטרײַק אַדורכפירן מיט אײַזנבאַנלער רוסישע איניינעם,
ווײַל ס'קעמפן ניט קיין ארבעטאָרעס יידישע אַליין,
אַז מ'איז פון איינעם און דעם זעלבן בלוט און ביינער,
אַז ס'זאָלן אײַזנבאַנלער אָפּזאָגן זיך גרוזעווען דעם פראַכט,
קיין רוויוואַרג ניט באַקומען זאָל גריפּאַרי,
און דעמלט וועט ער זען, וואָס הייסט א מאַכט,
אַף וויפל ס'וועט אים קלעקן מיט די ארבעטער זיך שפּאַרן.
האָט גלײַך דער גימנאַזיסט די האַנט געטאָן א הויב,
דעם נאָגל, טראַכטנדיק, געטאָן א רייניק
און האָט דערקלערט, זיך שפּיגלענדיק אין שויב,
אַז ס'בלײַבט דער בונד בא א באַזונדער מיינונג.
געלאַזט האָט קופּערמאַן פאַרויס א טראָט:
איז ווי זשע וועט עס איצטער מיטן בונד זײַן?
ווײַל וויי-ניט-ווי: מיט קליינע ארבעטער פון שטאָט
מאַכט ער דאָך פאַרט פאַרשיידענע דאָרט קונצן?!
צעהיצט האָט דעמלט טשערנאָמאָרסקי אויסגעאָטעמט

מיט דעם, וואָס שאַבעס מאַכט דער בונד פאַר זיך אַליין — באַטײַט,
אַז ניט קיין פאָן באַדאַרף ער, נאָר אַ טאַלעסקאָטן,
אַז פון די אַרבעטער איז ער נאָך זייער ווײַט!
ס׳האָט טשערנאָמאָרסקי זיך גערימן און געזאָטן,
און ס׳איז זײַן יעדער וואָרט געגאַנגען גראַד —
מיט דעם, וואָס ס׳איז דער בונד פון ר.ס.ד. אַרויסגעטראָטן,
הייבט זײַן געשיכטע אָן דעם ציקל פון פאַראַט!
געקוקט האָט עזרע אָפּן גימנאַזיסט,
ער וואָלט אים פּאַשעט אָנגענומען פאַרן קאָלנער
און אים געזאָגט: — מיר ווייסן, ווער דו ביסט!
איז גיי, דו קאָנסט אײַנגאַנצן בלײַבן אָן אַ קאָל נאָך!
באַ עזרען זײַנען הענט געוועז אַ ביסל רויט שוין און צעטראַסקעט,
זיי האָבן אויסגעזעען עלטער פול פון זײַנע יאָר,
די העמד אַרום דעם האַלדז צעכראַסטעט,
אין זײַנע אויגן איז געזעסן יאָך,
נאָר דאָס, וואָס ער איז אויך אין אָט דעם קריג
באַגלײַך מיט אַלעמען איינײַנעם
און כאַפּט אָף זיך דעם כאַווער טשערנאָמאָרסקיס בליק,
צעגייט זיך עס ווי אַזאַ שמאַלץ אין זײַנע ביינער.
ס׳האָט אים פאַרכאַפּט די זאַך פון זײַן געהיים,
ווי אַזאַ ווינט געטאָן האָט עס אַ טראָג אים,
געשמייכלט האָט צו אים, וואָס קיינער ווייסט ניט אין דער היים,
וואָס קיינעם וועט ער עס ניט זאָגן.
נאָר עפּעס פרעגן וואָלט ער נאָר דעם כאַווער טשערנאָמאָרסקי,
אַזוי פון פּאָשעטן פאַרלאַנג אַרויסזאָגן אַ וואָרט,
נאָר עפּעס קאָן ער ניט געפינען נאָך קיין אָרט זיך,
און עפּעס שעמט ער זיך: — דערנאָך! דערנאָך!..

[11]

אָף מײַלן ווײַט — איז ניט צו זען קיין יישעוו,
אָף מײַלן ווײַט — פאַרטרויערט איז דער רוים.
באַ טײַכן ערגעץ וויגן זיך קאַמישן,
אײַנמיטן וועג — אָן אייַנזאַם־צאַנקענדיקער בוים.

באַם ראַנד — די בערג. גלײַך ווי פאַרשטיינטע רײַטער
אין טהאָם פון טרויער און פון פּײַן פאַריזט:
דער רוים באַטרונקען, און באַטרונקען זײַנען ווײַטן
מיט שווערן קלאַנג פון קייטן אָף די פיס.

דורך קייטן בערג אוראַלער אָף סיביר
ז׳אַ גרויסער טראַקט אַדורכגעשניטן —
געשמידטערהייט מ׳האָט דורך דעם טראַקט געפירט
דעם טרוים פון פאָלק דעם אופגעבליטן...

אין שטילע נעכט דערטראָגט פון טײַכן זיך דאָס פליסן,
און קייטנקלאַנג דערקײַקלט זיך צו זיי, —
ס׳האָט דער בײַקאַל געברויזט און פעלדזן־בערג געריסן,
און מיט פאַרבאָרג האָט שטיל געוויינט דער יעניסיי.

אָף מײַלן ווײַט — איז אויסגעשנייט אַ וויסטע,
עס טאָרטשעט אייַנזאַם אונטערוועגס דער בוים;

אדורכגעגאַן דאָ זײַנען דעקאַבריסטן
דאָס לעבן אָפּגעבן פאַר זייער טרוים...

עס האָבן שטערן זיך אינדר'הייך געשײַטערט,
געפּלאַצט זיי האָבן באַ די נעכט פון וויי;
געגאַן מ'איז טאָג און נאַכט. זיך אָפּגערוט — און ווײַטער,
און ס'האָט דער ווינט די טריט פאַרשאָטן און פאַרווייט.

געיאָגט האָט קעלט. געשמיסן האָט דער ווינט,
געוווי פון וואָך — מע זאָל אין וועג ניט אײַנען;
מיט א פאַרשיקטער מאַכנע ז'עזרע איצט געגאַן געשווינד,
ווי אָף אַן אייגענער לעווײַע...

דער קייטנקלאַנג האָט טויב געדעגנט.
פאַרטרויט אין טרויער האָט אים יעדער קלאַנג,
אַז דורכגאַן איז דורך אָט די וועגן
אָף קאַטאָרגע דאָס גאַנצע לאַנד...

[III]

קאַטאָרזשאַנעס — דרײַ מאָל געשמידטע
צו קייטן, צו הונגער און טעג:
— פאַר א גרײַפּעלע גאָלד א געוויטער,
— פאַר א גרײַפּעלע גאָלד א געשלעגן!

און אַז עזרע — נאָך זיבן מאָל גראָבן
און נאָך זיבן מאָל לייגן דעם קאָפּ
האָט אין הייסע אין שווייסיקע טראָפּן
פון די טיפן דערטראָגן זײַן גאָב, —

האָט דער ווירט עס אים איבערגעוויגן,
פאַר א טאָג אָף סכאַר־טערכע דערקלערט, —
ב'אַז א בלוט געטאָן ס'האָט פון די אויגן,
ב'אַז א וואַקל געטאָן ט'זיך די ערד.

און ער האָט אים די קײַלע באַוויזן
לעם די גאָלדענע ציין — דורכויס:
— וויפל ציינער באַדאַרפסטו אָף הריזע,
און די איבעריקע — טייקעף — אַרויס!

מ'האָט אים דעמלט אינפירן געשמידט דאָרט
און צופוס — פונדאָסניי — א וועג:
— פאַר א טראָפּעלע ברויט א געוויטער!
— פאַר א גרײַפּעלע ברויט א געשלעגן!

נאָר אין פײַן און אין צאָרן פאַרקלאַמערט,
און פאַרקלאַמערט אין קאַטאָרזשנעם יאָך,
ט'ער דערגראָבן אין פינצטערסטן קאַמער
דאָס ליכטיקסטע אַכצנטע יאָר!

אָף א ביקס ט'ער פאַרביטן די קײַלע
דעם בײַקאַל און די פעלדזן — פאַרלאָזט
און זיך שלאָגן אָף טויזנטער מײַלן
געגאַנגען מיט זײַן באַלעבאָס.

[IV]

א נאַכט איז עזרע אַפּגעזעסן אין קאַזאַטין
אַפן וואָקזאַל צעווישן רײַזנדיקע לײַט,
ער האָט דעם קאָפּ געדרייט אין אַלע זײַטן
באַרויִשט, פאַרכידעשט און פאַרטײַ׳ט.
אָט דאָ איז ער נאָך ווי־ניט־איז אינדר׳הײם,
ער קאָן וועגן צוריק נאָך אויך א קלער טאָן;
נאָר באַלד ווערט אים דער צוג דערלאַנגען א פאַרדריי
און אופשפּאַרן פאַר אים די פרעמד די אומגעהערטע,
וואָס ווי אַן אָפּגרונט לויערט זי און וואַרט
און עסט מיט היימלאָזע זיך קיינמאָל ניט צו זאַט אָן.
איז מיטאַמאָל אים ליב געוואָרן דאָס, וואָס ס׳דויערט נאָך די נאַכט,
און דאָס, וואָס ס׳איז נאָך אַלץ קאַזאַטין...
די לופט געביסן האָט, ווי וואָל,
נאָר קיינעם האָט זי ניט געקאָנט דערוועקן.
א גאַנצע וועלט געזעסן איז אויף שטיינערדיקן פּאָל,
ווי אויף א קויטיקן און אויסגעקילטן בעקן,
און זיך אין שוויס אין בײַסיקן געפּרעגלט.
פאַרפּרעסט און צוגעטוליעט איינס צו איינס,
געוואָרט האָבן אין דרויסן שוין די וועגן
מיט קאַליִעס אויסגעשטשירעטע, ווי ציין;
נאָר ס׳איז נאָך מיטן נאַכט,
ס׳איז זייער, זייער פרי נאָך!
דערווײַל איז איבער קאָפּ א דאַך,
נאָר ווײַטן ווערן עפּעס גרין און גרינער...
געשלאָפן מ׳איז מיט טשײַניקלעך געאַרעמט,
די פענעמער די מאָגערע באַדעקט מיט בערד,
און מײַלער אָפענע פאַרקרימטע עפּעס גאָרן,
און אַלע קראַצן זיך די פּלייצעס אומגעהערט —
אַז אַנשפּאַרן אין עפּעס ווילט זיך,
און ס׳איז ניטאָ אין וואָס.
אין דרויסן הערט זיך אַזא אומהיימלעכער גרילצן
מיט א באַנאַכטיקן פאַרדראָס.
נאָר לעבן עזרען זיצנדיק שלאָפט אײַן א פרוי,
וואָס האָט איר קינד ניט לאַנג ערשט אָנגעזויגן,
און מיט די הענטעלעך אַזוי
עס פּאַטשט און קריכט איר אין די אויגן...
עס הענגט א ברוסט א הוילע זיך אַראָפּ,
ווי אַזא טשײַניקל א בלעכנס און א בלאַסלעכס.
בא איינעם לאָזט זיך אַלע ווײַל אַראָפּ דער קאָפּ,
און איינער קײַעט שלאָפנדיק די יאַסליעס...
א נאַכט איז עזרע אָפּגעזעסן אין קאַזאַטין
אַפן וואָקזאַל צעווישן רײַזנדיקע לײַט,
ער האָט דעם קאָפּ געדרייט אין אַלע זײַטן,
באַרויִשט, פאַרכידעשט און פאַרטײַ׳ט,
באַרויִשט פון מענגעס מענטשלעכע אַזויפיל,
פאַרכידעשט פון די קלומעקעס און קוישן אַלערליי,
וואָס אַלע האָבן אָפּגעלאָזט זיך ערגעץ לויפן,
און ער מיט אַלעמען — אַליין...
די גאַנצע וועלט — פון אַלע עקן —
זי זיצט אָט דאָ אַפן וואָקזאַל,
ווי אויף קויטיקן און אָנגענעצטן בעקן,
א ווײַטע און א נאָענטע אַזאַ,

אז מיט דער האַנט ער קאָן זי טאָן א ריר,
זי זיצט דאָ אויכעט מיט א קלומעקל דערנעבן, —
האָט ער דערפילט, אז ער איז אויך א טייל פון איר
און אז אַט דאָ, ווי קיינמאָל ניט, באַגינט זײַן לעבן...
געוועזן עס איז נאָך פרי,
געהאַנגען האָבן כמארעס, פונקט ווי נאָך געוועשן,
דורך פענצטער האָט געקוקט אף אים
אזא מין טריבער רעגנדיקער כעשוון...
וואָס ס'איז די גאַנצע ערד
פאַר אים געוועזן ווייניק —
און אז מע שטעלט לעם פענצטער איינער זיך אוועק,
איז ווי זשע האַלט מען אײַן זיך ניט צעוויינען?..

[V]

און ס'וויל דאָס קאָל ניט זײַן קיין קאָל,
זיך מיט געפאַר באַטרונקען פעסט;
דאָס שטאַרקע בענקט נאָך מערער שטאַרקערס,
ווי שווער ניט זײַן ס'זאָל דער פאַרמעסט.

ווי שטאַרק דער אָפּרײַס זאָל ניט ווי טאָן
מיט ווײ פון פּײַנלעכן פאַרגיין —
דאָס שטענדיק זען זיך אין א צווייטן,
און קיינמאָל ניט — אין זיך אליין...

ס'איז גוט גענערט זײַן און גענאַרט
פון רעגנבויגנדיקע בלענדן —
ווי שטאַרק ניט זײַן ס'זאָל דאָס געפאַר
זיך צו פאַרלירן און פאַרלענדן...

אף הויכסטן באַרג, אין טיפסטן אָפּגרונט,
דורך ווינט, דורך אופגעוועקטן שטיין —
נאָר ס'זאָל דאָס האַרץ זיך ערגעץ קלאַפּן,
נאָר ס'זאָל דאָס האַרץ ניט בלײַבן שטיין...

דאָס שטאַרקע בושעוועט און רײַסט זיך
צום אומקום גלײַך ווי צו באַהערש;
— פאַרליבטע ווײַטקײַטן געטרייסטע,
אָ, איר — באַטראָטענע צוערשט!

ס'איז דרײַ מאָל לײַכט דעם גאַנג פאַרדאָפּלען,
פונסנײַ אים אָנהייבן געשווינד —
און פרעגן זיך דעם וועג באַם אָפּגרונט,
און הערן, וואָס סע זאָגט דער ווינט.

און אָנקומען זיך א צעלאָז טאָן
מיט מעלדונג ליכטיקער פון טריט:
— ס'איז זיבן מאָל שוין אָפּגעמאָסטן,
און איין מאָל מוז שוין זײַן דער שניט!..

ס'פאַרבליט א וועלט מיט טעג, ווי ביימער,
און צווײַגן רײַסן זיך אליין, —
עס רופן הויכן פון די היימען,
און ס'וויל די היים ניט זײַן קיין היים,

ס'איז גוט אף באַרג־שפּיצן צעשפּרייטע
און ס'וויל די שפּראַך ניט מער קיין שפּראַך
זײַן, —
נאָר ס'מוז דאָס שטאַרקע זײַן פון שטאָל,
נאָר ס'מוז דאָס שטאַרקע זײַן אַן אכזער!

אָט זײַנען זיי — מיט האָב פון אוראַלט,
מיט זאַק, מיט שטערן און מיט שראַם, —
באַטרונקענע פון וועלט און שטורעם,
און אויסגעבראָכן היים און שטאַם.

זיי גייען זיך מיט ווײַט א וואַש טאָן,
עס ברעכט פון טראָט זיך יעדער צאַם, -
אַרײַנגעריסענע, אַרײַנגעראַשטע!
באַהאָפטענע, ווי טײַך מיט יאַם!

עס וויל דער טאָג קיין טאָג ניט זײַן מער,
עס וויל די נאַכט קיין נאַכט ניט זײַן,
און ניט פאַרקערט, און ניט צוזאַמען —
ס'וויל יעדער רעגע זײַן — די צײַט!

נאָך יאַמען בענקען טײַכן גרויסע,
ס'פאַרנעמט דער יאַם זיי — גרויזאַם־שטרענג;
און טײַכן טריקענען ניט אויסעט,
און ס'ווערט דעם יאַם פון זיי ניט ענג.

נאָר הערצער לויפן אויס פון ליבע,
און בלוט — דורך אָדערן זיך רײַסט,
איז ווער — אוועק, און ווער — געבליבן,
און אלע — ג'רעכט, געטרײַ און דרייסט!

און ס'פלעכטן צוגן זיך מיט צוגן,
און ס'פּאַכען פלאַכן אף געוויכט —
איז עזרע שטאַרק דען ניט גענוגנד
אף גאַרן שטאַרקערט נאָך פון זיך?

צי עפּשער קראַפט ז'פאַראַן אזא מין —
אַן אויסגעשטאָלטע אין געביין —
ניט וועלן זײַן קיין טייל פון יאַמען,
נאָר וועלן זײַן — א יאַם אליין?!

אז אופגיין ווען ער וועט אין טאט דאָ,
פון ווײַט פארופן און פארבלענדט —
זאָל ער ניט זײַן קיין בלינדער אטאָם,
נאָר ער זאָל זײַן אן עלעמענט!

און טעג, ווי שײַטערס אופגעהעלטע,
מיט העלדזער ליכטיקע צעשטראלט —
פארטראָגן עזרען זיך א שטעל טאָן
אין זײַן אין אייגענעם געשטאלט.

ס׳האָט הארץ צו ווינטן צוגעווינט זיך
אף וועגן לופטיקע — געהיים,

אָט דאָ איז ער אליין און — איינציק,
דאָ הערשט זײַן אייגנשאפט אליין;

און ניט די נידערנדע פּראָפּילס,
וואָס לאָזן אף זיך שטראָמען שטײַף,
ווו יעדער איינער איז א טראָפּן
און אלץ אינײנעם איז א טײַך —

פארטיילן פּײַן און פרייד פון שטײַגן,
פארטיילן פרייד און פּײַן פון גיין;
ס׳איז ווייניק זײַן א פונק אין שײַטער,
מע דארף א שײַטער זיין אליין.

ס׳פארבליַט א װעלט מיט טעג װי בײמער,
עס׳רופן הויכן פון די הײמען
און ס׳װיל די הײם ניט זײן קײן הײם,

און ס׳װיל דאס קאל ניט זײן קײן קאל
און ס׳װיל די שפראך ניט מער קײן שפראך זײן, -
נאָר ס׳מוז דאס שטארקע זײן פון שטאָל
נאָר ס׳מוז דאס שטארקע זײן אן אכזער!

אָט זײנען זײ - מיט האַב פון אוראלט
מיט זאק מיט שטערן און מיט שראם -,
באטרונקענע פון װעלט און שטורעם,
און אויסגעבראכן הײם און שטאם.

זײ גײען זיך מיט הײם א װאש טאָן,
עס ברעכט/טראָט זיך יעדער צאם -,
ארײנגעריסענע ארײנגעגאסטע
װי טײך מיט יאם


און טעג װי שײטערס אופגעהעלטע
מיט העלדזער ליכטיקע צעשטראלט -
פארטראָגן עזרען זיך א שטעל טאָן
אין זײן אין אײגענעם געשטאלט.

אָט דא איז ער אלײן און - אײנציק,
דאָ הערשט זײן אײגנשאפט אלײן;

און ניט די נידערנדע פּראָפּילס
װאָס לאָזן אף זיך שטראָמען שטײף -
װו יעדער אײנער איז א טראפּן
און אלץ אינײנעם איז א טײך -

פארטײלן פּײן און פרײד פון שטײגן
פארטײלן פרײד און פּײן פון גײן;
ס׳איז װײניק זײן א פונק אין שײטער,



דאָרע כײַקינע

לוציעס ליבע

15

ס'איז געקומען א טאָג...

אָבער ביז דער דאָזיקער טאָג איז געקומען, איז יאַקאָוו א לאַנגע צײַט געווען ביז גאָר ניט צופרידן מיט זיך, באַשולדיקט זיך אין קליינמוטיקײַט און אין פיל אַנדערע ענלעכע כאַטאָים.

„נו, וואָס ציסטו? וואָס לייגסטו אלע מאָל אָפּ אויף שפּעטער — האָט ער צו זיך געטײַנעט, — וואָס שווײַגסטו? וואָס זאָגסטו ניט וועגן דעם אַלעמען, וואָס דו וועסט מוזן סאָפּקאָלסאָף זאָגן? און זאָגן דאַרפסטו דאָך אַזעלכע פּאָשעטע, און אייינצײַטיק אויסערגעוויינלעך דערהויבענע ווערטער, וועלכע קענען און דאַרפן ווערן דער אָנהייב פון אײַער ביידנס נײַעם לעבן — פון דײַנעם און פון לוציעס. אין איר ליבע צווייפלסטו דאָך ניט? און אין דײַנער — אוואדע און אוואדע ניט... נו...”

יאַקאָוון קומען אָפן זינען יינגלשע הענט — הענט פון זײַנע סטודענטן, צי אַביטוריענטן — אויף וועלכע עס טוט א פינקל א כופּע־רינגל, הענט, אויף וועלכע ער קוקט לעצטנס מיט א באַ־

ס אָ ף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 11, 1980.

זונדערן אינטערעס, מיט נײַגער אפילע. בײס אַן עקזאַמען ציט זיך אַזאַ האַנט — אָפּט אַ דאַרע, אַ בלײכע, מיסטאָמע אַ שוואַכע, פּאָשעטע אַ קינדערשע, נאָך אַ בילעט. און אָפטלעך טרעפט, ווי אַפּצולאָכעס, איז דער ענטפער פון אַזאַ כעוורעמאַן אומבאַהאָלפן, אויבנויפיק, גאַנץ נעבעכדיק. אָבער אין איין פּראַט — טראַכט יאַקאָוו — איז דער דאָזיקער באָכער העכער פון אים מיט אַ קאָפּ, און אַנטשײדענער איז ער פון אים, פון זײַן צײַטווײַליקן אַרביטער, פון זײַן ריכטער, וועמעס אָפּשאַצונג האָט אָפּט אַ גרויסע ווערט אינעם באָכערס לעבן. יענער האָט געפונען אין זיך מוט זאָגן זײַן ליבער אַזעלכע ווערטער, וועלכע ער, יאַקאָוו, האָט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט געזאָגט.

„אײדער זאָגן לוציען די אַלע ווערטער, וועלכע לײגן זיך אים אַזוי שווער אויף דער צונג, — טראַכט ווײַטער יאַקאָוו, — איז עפּשער בעסער געבן איר איבערלײענען דער מאַמעס בריוו, וואָס קאָן, אײגנטלעך, הײסן אַ האַסקאָמע; דער מאַמעס האַסקאָמע, וועלכע ער האָט ניט געבעטן, אָבער ניט געבעטן האָט ער בײַ דער מאַמען קײן האַסקאָמע ניט בלויז דערפאַר, ווײַל עס איז ביכלאַל פּריצײַפּטיק דער מאַמעס, אָן לוציעס האַסקאָמע, ער וואָלט בײַ דער מאַמען די האַסקאָמע סײַוויי ניט געבעטן, און ניט מאַכמעס ער ווײסט אַלײן, וואָס ער האָט צו טאָן, צי ווײַל ער רעכנט זיך ניט מיט איר מײנונג, צי ווײַל אין אַזעלכע פאַלן איז ביכלאַל ניט שײַעך זיך נאָכפרעגן אָפילע בײַ דער מאַמען. די סיבע איז גאָר־גאָר אַן אַנדערע.

יאַקאָוון ווילט זיך איצט ניט דערמאָנען זײַן טאַטן, ווײַל איצט ווילט זיך אים ריידן און קלערן בלויז וועגן גוטן. און ווײַבאַלד זײַן פאָטער קאָן ער צו גוטן ניט דערמאָנען — איבער זײַן שלעכטער באַצי:ונג צו דער מאַמען, און אַזויאַרום צו דער גאַנצער מישפּאָכע — ווײל ער איז ביכלאַל פאַרשווײַגן. אָבער דערמאָנען אים מוז ער פאָרט, ווײַל בלויז איבער אים האָט די מאַמע אײן מאָל, ווען ער, יאַקאָוו, און זײַן שוועסטערל סאָניע זײַנען נאָך געווען קימאַט קינדער — ער איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, סאָניע — אַ יאָר דרײַצן, — געזאָגט אַזוי:

— הערט אויס, קינדער מײַנע, אַז גאָט וועט מיר העלפן, און כ׳וועל דערלעבן, אַז איר זאָלט אויסוואַקסן, און יעדערער פון אײַך וועט האַלטן בײַ אויסקלײַבן פאַר זיך אַ פרײַנט אין לעבן, אַ פּאָר, זאָלט איר וויסן: קײן דײַע וועל איך אין דעם ניט האָבן און קײן אײצעס וועל איך אײַך אין דעם פּראַט ניט געבן, איבער אַ פּאָשעטער זאַך — איך בין דאָ אַלײן אַ קנאַפּער מײוון. אַ סימען — מײַן לעבן.

פון דער פרי:ער קינדהײַט איז יאַקאָוו געוווינט געווען אַלץ דערצײלן וועגן זיך דער מאַמען. פלעגט ער איר דערצײלן וועגן פרײדיקן — פלעגט זי זײַן צופרידן, האָט ער אויך דערפון געהאַט פאַרגעניגן, פלעגט אים אויסקומען דערצײלן איר וועגן זיך ווײַט ניט קײן פרײלעכע מײַסים טויווים זײַנע — ער האָט קײנמאָל גאָרנישט ניט אויסגעבאַהאַלטן פון איר — פלעגט איר ווײטעק אים אויך ווײ טאָן.

פיל פון דער דאָזיקער מידע איז אים געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג, און דעריבער אַפּאָנעם, האָט ער געשריבן דער מאַמען אין זײַנע בריוו וועגן לוציען נאָך דעמלט, ווען ער איז נאָך אָפילע מיט איר באַקענט ניט געווען, ווען ער פלעגט זי בלויז באַגעגענען, גײענדיק אויף דער אַרבעט. דערנאָך האָט ער געניוי באַשריבן זײער באַקאַנטשאַפט, באַשריבן, עמעס, ניט אַזוי געניוי, זײערע באַגעגענישן, געשפּרעכן, אַזויאַרום האָט די מאַמע געוווּסט שוין פיל פון לוציעס לעבן. וועגן מערען האָט ער איר, געוויינלעך, אויך אָנגעשריבן. הײַנט האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דער מאַמען, וועלכע ער קלײַבט זיך באַווײַזן לוציען. וועגן די פרי:ערדיקע בריוו האָט ער לוציען ניט דערצײלט, מאַכמעס ער האָט ניט געוווּסט, ווי:אַזוי וועט זי אויפנעמען זײַן שרײַבן אַהײם וועגן איר. אָבער דעם דאָזיקן בריוו וועט ער איר אומבאַדינגט געבן הײַנט איבערלײענען. ער איז צופרידן, וואָס לוציע, — דערווײַל אונטעראויגיק — איז זײער געפעלן דער מאַמען — ער ווײסט, אַז דער מאַמעס אַ וואָרט — איז די אויפריכטיקײַט אַלײן. וועגן מערען שרײַבט זי — אין אַ שפּאַס, פאַרשטײט זיך, — די מאַמע האָט ליב אַלײן שפּאַסן, און האָט ליב, ווען יענער שפּאַסט, — „מערעלע האָט דיר געהאָלפן מער שוין ניט אָפּשטײן פון דײַנע אײניקע שול־ און אוניווערסיטעט־כאַווײרים, וועלכע זײַנען שוין טאַטעס פון קינדער מיט אַ סטאַזש פון עטלעכע יאָר”. און גאָר ערנסט האָט זי געשריבן: „ס׳איז אַן אַקסי:אָמע — נאָך בײַ זײַנע ערשטע טריט אין מאַטעמאַטיק, זײַענדיק אַ שילער פונעם 6־טן, צי 7־טן קלאַס, פלעגט ער גאַנץ פלײַסיק אײַנכאַזערן מיט דער מאַמען אַלץ, וואָס ער פלעגט דערלערנען אינעם דאָזיקן געביט. ער פלעגט מיט איר ניט נאָר קנעלן, נאָר פאָדערן, אַז זי זאָל ענטפערן אויף זײַנע פראַגן. די ענטפערס אירע האָבן געדאַרפט צײַגן, אַז זי האָט באַהערשט דעם מאַטעריאַל! ביז אַ געוויסער צײַט פלעגט זי טאַקע גאַנץ ריכטיק ענטפערן אויף זײַנע פראַגן, אָבער אין אַ שײנעם טאָג האָט זי געזאָגט, אַז אויב ס׳איז אים נײטיק טײלן זיך מיט עמעצן מיט זײַנע קענטענישן און ער האָט צוליב דעם אויסגעקליבן זי, די מאַמע זײַנע, — מאַכטײסע, זי

וועט מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, און מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקײַט אויסהערן זײַנע דערקלערונגען, אָבער קיין פּראָגן זאָל ער איר ניט פאַרגעבן. ביז א געוויסער צײַט האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט איר דערציילט, און איצט פאַרשטייט זי שוין ניט די דאָזיקע אַלע טעאָרעמען, פאָרמולעס, באַגריפן. אָבער די פּאָפּולערע מאַטעמאַטישע טערמינען, אַזעלכע, ווי אַקסיאָמע, עפּסילאָן, באַנוצט זי אַדהײַעם — איבערהויפּט אין געשפּרעכן מיטן זון, צי ווען זי שרײַבט אים בריוו. — „א קליין קינד ברענגט אַרײַן אין שטוב גליק. זאָל זשע זײַן מיט גליק אײַער לעבן, טײַערע מײַנע. גאָר אַף א באַזונדער אופן איז צופרידן מוישעלע, וואָס ער האָט אַזאַ קלוג און שיין שוועסטערל. אַלע קינדער פון אונדזער הויף און פון זײַן קינדערגאָרטן ווייסן שוין וועגן זײַן שוועסטערל, זיי ווייסן, אַז זי הייסט מערעלע, אַז זומער וועט זי קומען צו אונדז צוגאַסט...“

ניט זײַענדיק בעקויעך באַשטימען, וואָס בעסער צו טאָן, צי וויַזן דעם בריוו גלײַך, צי פריִער זאָגן, וואָס ער קלײַבט זיך זאָגן, האָט ער א מאַך געטאָן העפקערדיק מיט דער האַנט:

— כ׳וועל שוין זען אַפּן אָרט.

ער האָט ניט געדענקט, צי האָט ער א קלאַפּ געטאָן אין טיר, צי ערשט געקליבן זיך אָנקלאַפּן, ווען ער האָט דערהערט לוציעס גרינגע און אײַליקע טריט. זי איז געבליבן שטיין אַף דער שוועל פון דער צעפּראַלטער טיר אַזאַ, ווי שטענדיק, אַז זי דערזעט אים — א ביסל א שעמעוודיקע, אָבער זייער א צופרידענע. זי האָט צו אים א שמייכל געטאָן און בלויז געזאָגט:

— אָ... — און דערלאַנגט אים די האַנט. איר האַנט האָט ער שוין ניט אַרויסגעלאָזט פון זײַנער, און מיט דער פרײַער, דער לינקער, געגעבן א מאַך צו די טיר. אָט אַזוי, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, זײַנען זיי אַרײַן אין צימער און געבליבן שטיין. ער האָט א טראַכט געטאָן, אַז לוציע ענטפערט בלויז מיט פאַרמאַכטע אויגן „יאָ“ אַף זײַן פראַגע, צי האָט זי אים ליב. און ווען ער רירט זיך נאָר צו מיט די ליפּן צו איר האַנט אַפילו, מאַכט זי גלײַך צו די אויגן. ער האָט ניט גאָר ערנסט א טראַכט געטאָן, עפּשער ווערט א מענטש מיט פאַרמאַכטע אויגן דרייסטער, צי אַנטשיידענער, איז אויב אַזוי, עפּשער טאַקע פאַרמאַכן אַף א ווײַלע די אויגן און זאָגן לוציען אַלץ, וואָס ער קלײַבט זיך איר זאָגן?

ער האָט שעפּטשענדיק געפרעגט בא איר:

— עפּשער וואָלט מיר מיט פאַרמאַכטע אויגן געווען גרינגער זאָגן דיר... זאָגן דיר ביז גאָר וויכטיקס... דאָס וויכטיקסטע...

לוציע האָט ניט געוווּסט וויַאַזוי האָט זי זיך עס גלײַך אָנגעשטויסן, וואָס ער וועט איר באַלד זאָגן. קיינער האָט דאָך איר קיינמאָל אַזעלכע ווערטער ניט געזאָגט. אין די ביכער, וועלכע זי נעמט אין ביבליאָטעק, און וועלכע יאַקאָוו ברענגט איר, איז די ליבע, וועלכע ווערט דאָרט באַשריבן, אינגאַנצן ניט ענלעך אַף זייער ליבע. זייער ליבע איז די שענסטע, די דערהויבנסטע, די ריינסטע. אין די באַשריבענע ליבעס קומט אַלץ פאַר אַנדערש. פונוואַנען זשע ווייסט זי פאַרט, וואָס ער וועט איר באַלד זאָגן? עפּשער בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט געוואַרט אַף דעם, געוואַרט, ער זאָל איר זאָגן... אָבער איצט האָט זי ניט געהערט, וואָס ער רעדט, ווי די אויערן וואָלט איר עמעצער פאַרשטעלט, אָדער ווי עס וואָלט צווישן זיי ביידן, צווישן איר און יאַקאָוון, געווען אַן אומזעבאַרע וואַנט, וואָס לאָזט ניט דורך קיין קלאַנג. זיי זײַנען געשטאַנען באַנאַנד, זי האָט געקוקט אַף אים, געוווּסט אַפילו, וואָס ער זאָגט איר, געהערט אַפילו זײַן אָטעם, אָבער קיין איינציק וואָרט איז צו איר ניט דערגאַנגען. מיטאַמאָל איז די וואַנט ווי נעלעם געוואָרן, און זי האָט דערהערט:

— נאָר אויב דו קענסט מיר איצט ניט געבן די האַסקאָמע, ניט זאָגן מיר שוין, די רעגע „יאָ“, בעט איך דיך בלויז אָט וואָס: „ניין“ זאָג מיר ניט. זאָג: איך דאַרף נאָך טראַכטן, נו, לאָמיר זאָגן, א שאָ, א טאָג, א וואָך, א יאָר אַפילו... און איך וועל וואַרטן. — דאָס ערשטע מאָל פאַרן הײַנטיקן טאָג האָט ער א שמייכל געטאָן — אַן אַנדער ברייטע האָב איך?

— אוי, יאַקאָוו, ווען דו ווייסט, ווי גליקלעך איך בין, — האָט זי געזאָגט, און ווי א פאַר־בלענדעטע פון א צו העלער שײַן, פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס פּאָנעם. ווען זי האָט אָפּגענומען פונעם פּאָנעם די הענט און אויסגעשטרעקט זיי יאַקאָוון, האָט ער דערזען טרערן אין אירע שײַנענדיקע אויגן. די טרערן, ציטערנדיק א קליינע ווײַלע אַף די וויִעס, האָבן זיך געקײַקלט און געקײַקלט איבער אירע באַקן. ער האָט א טראַכט געטאָן, אַז טרערן פון פרייד און טרערן פון ניט־פרייד, קען מען אונטערשיידן בלויז דעמלט, ווען זיי טויכן אויף פון די נעשאָמע־טיפענישן אין די אויגן — אין שײַנענדיקע צי באַטריבטע. ער איז געשטאַנען, ווי ניט בעקויעך זײַענדיק מאַכן אָט דעם איינציקן שפּאַן, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון אירע אויס־געשטרעקטע הענט. האָט זי זיך א לאָז געטאָן צו אים.

אין דער רעגע האָט ער, קושנדיק זי, שוין געוווּסט, אַז ניט בלויז אויסערלעך זײַנען ענלעך אַלע טרערן, נאָר אַפּילע אָפּן טאַם אויך.

לוציעס טרערן פון גליק זײַנען זייער געזאַלצענע, אַפּילע ביטערלעכע.

פון כאָסנס צאַד איז אָף דער כאַסענע געווען בלויז גריגאָרי איליטש. לאָזט זיך אויס, אַז יאַקאָווס מאַמע, בוניע גאַדאָוונע, ליגט שוין אַ לענגערע צײַט צו בעט — אַ שווערע פּאָדאַגרע. סאָניע האָט געשריבן, אַז זי האָט ניט געוואָלט מעצאַער זײַן יאַקאָוון און פאַרשוויגן דער מאַמעס קרענק, אָבער וויבאַלד זיי זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן אָף דער כאַסענע און קענען ניט קומען — מוז שוין אַנטפּלעקט ווערן דער סאָד. סאָניע האָט געשריבן, אַז ווען זי קען זיך פאַרלאָזן אָף יעפימען, וואָלט זי גענומען מוישעלען און ניט וואָס געקומען צו פאָרן — זי וואָלט געקומען צו פליִען. ווייסט דאָך אָבער יאַקאָוו, אַז אָף איר יעפימען קען זי די מאַמע ניט לאָזן. (יאַקאָוו האָט דערבײַ דערקלערט לוציען, אַז יעפים, סאָניעס מאַן, איז אַ טײַערער מענטש, אַן איבערגעגעבענער, אָבער שטאַרק אַ צעטראָגענע בריִע. ער איז אַ געלערנטער, אַ געאָפיזיקער. אין זײַן אַרבעט איז ער גראָד אָרגאַניזירט. זײַן צעשטרייטקײַט לאָזט ער אויס בלויז צו די ווירטשאַפטלעכע און בּיכלאַל צו שטוביקע איניאָנים), סאָניע האָט געשריבן אַז זיי האָפן, זומערצײַט, וועלן יאַקאָוו מיט דער פאַמיליע אָף אורלויב קומען צו זיי, וועט די מאַמע ערשט פּראַוועןן די כאַסענע, ווי זי פאַרשטייט, ווי זי האָט געטרוימט.

פון קאַלעס צאַד איז אײַנגעלאַדן געוואָרן די גאַנצע בריגאַדע — פּופצן מענטשן, און עטלעכע יונגע אַרבעטערנס פונעם סעלפאַקטאָר־צעך, וועלכע זײַנען צוגעגאַנגען צו לוציען און געפרעגט באַ איר פּאָשעט און פּראָסט:

— מע מעג קומען צו דיר אָף דער כאַסענע?

דעם כאַסענע־קיבעד האָבן געגרייט אַלע געסט, כוץ גריגאָרי איליטשן.

טויבע, די עלטערע פרוי פון לאָמזשע, האָט געזאָגט:

— איך וויל די מאַנאָפאָליע אָף דרײַ מײַכאָלים: אָף געפילטע פיש, אָף שטרודל און אָפן האָניק־לעקעך.

צוזאַמען מיט דער מאַנאָפאָליע האָט זי באַקומען צוויי באַהעלפערנס, וועלכע מע האָט באַפליכטעט אײַנצײַטיק זיך לערנען באַ איר די מעלאָכע קאָכן און באַקן.

היפּשע עטלעכע שאָ ביז דעם, ווי די געסט האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען, איז יאַקאָווס גרויסער און שיינער צימער אָנגעפילט געוואָרן מיט יאָמטעוודיקן טומל, מיטן שטענדיקן הו־האַ, וואָס באַגלייט די צוגרייטונג צו אַ כאַסענע — מיט דער פײַערלעכקײַט פון זיסער מי. דאָס זײַנען באַצײַטנס אַהער געקומען לוציעס פרײַנט פון פאַבריק, געקומען, ווי עס קומען אָף אַ כאַסענע גאָר נאָענטע און איבערגעגעבענע מעכוטאָנים, קרויווים, כאַווערטעס, געקומען פאַרקאַטשען די אַרבל, געבראַכט פולע הענט מיט גאָב: זודיקע טעפּ, פאַרוויקלטע אין האַנטעכער, אין טישטעכלעך, דורך וועלכע עס האָט זיך דערטראָגן דער דופטיקער רייעך פון געשמאַקע מײַכאָלים, אַנדערע האָבן אין קוישן — קלענערע און גרעסערע — אין פּעקלעך, אין פּאָלומיסקעס, אין שקאַרמיצן — דערטראָגן אַהער דעם קיבעד. באַ אייניקע אין די הענט זײַנען אויך געווען וואַליזעס, וווּהין זיי האָבן צונויפגעלייגט די יאָמטעוודיקע מאַלבושים, אין וועלכע מע וועט זיך טאַקע דאָ איבערטאָן, ווי נאָר די צוגרייטונג צו דער סימכע וועט פאַרענדיקט ווערן און זיי וועלן מעגולגל ווערן אין אײַנגעלאַדענע געסט אָף דער כאַסענע. דערווײַל זײַנען זיי, — אויך דאָ האָרעפּאַשניצעס, — געקומען אָנגעטאָן אַזוי, ווי זיי טוען זיך אָן צו דער אַרבעט: שיין, ריין, ציכטיק, אָבער די מאַלבושים זײַנען וואָכעדיקע, ניט קיין נײַע, געטראָגענע קליידער, וואָס שרעקן זיך ניט איבעריקס פאַר אַ טשעפּ — אויב אַ זוך טאָן, קען מען געפינען וווּ־ניט־ווּ אַ פאַרגייטן ריס, קליידער, וואָס האָבן ניט איבעריקס מוירע פאַר אַ פלעק, וואָס קען זיך אַרופּכאַפּן בײַס דער אַרבעט, און לאָזן זיך, מע זאָל אַראָפּנעמען פון זיי דעם פלעק, אַ סימען — אָט זײַנען זיי איצט, די קליידער, ציכטיק־ריין.

ווען יאַקאָוו האָט זיך אומגעקערט אַהיים פונעם אינסטיטוט — סײַ לוציע, סײַ אירע פרײַנט זײַנען באַשטאַנען, אַז ער זאָל גיין אָף דער אַרבעט, ניט דורכלאָזן די לעקציעס, האָבנדיק אַ מיין דערבײַ, אַז ערשטנס, וועלן זיי אין זײַן אָנוועזנהײַט זיך פילן געענגט, און, צווייטנס, איז ניט קלאָר, מיט וואָס וועט ער זיי קענען העלפן, און אויב אַפּילע עס וועט זיך אָפּזוכן פאַר אים אַ שטיקל אַרבעט, איז גלײַכער זיך ספּראַווען מיט דעם אָן זײַן הילף — האָט ער ניט דערקענט דעם צימער. צום אַלעם ערשטן האָט ער דערזען, אַז זײַן שרײַבטיש שטייט שוין ניט באַם שפּיגלפענצטער, נאָר זיך אַרײַנגערוקט צווישן צוויי גרויסע פאַנאַנדערגערוקטע עס־טישן — לוציע האָט געווייגלעך דערזען, ווי ער האָט, אַרײַנקומענדיק אין צימער, גלײַך אַ קוק געטאָן

אפן פּוסט־געוואָרענעם פּלאַץ באַם פענצטער, אָבער אָפּזוכנדיק מיט די אויגן דעם טיש, איינצײ־טיק זיך באַרויִקט און פאַרכידעשט; האָט זי געזאָגט:

— אַלע פּאַפּירן, וואָס זײַנען געלעגן אָפן טיש, האָב איך באַהאַלטן אין מיטלסטן טיש־קעסטל. מער האָבן מיר גאָרנישט ניט געטשעפּעט.

— כ'פאַרשטיי. כ'האָב איצט אַ טראַכט געטאָן גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, — האָט ער גע־זאָגט, — קיין איין שרײַבטיש אין דער גאָרער וועלט האָט מיסטאָמע ניט געהאַט די זכיה האַלטן אַף זײַן דעק אַזעלכע געשמאַקע מײַכאָלים און געטראַנקען.

יאַקאָוו איז געווען אופגעלייגט, גערעדט, געשפּאַסט, און וואָס ער האָט ניט געזאָגט, האָט אַלץ אויסגענומען באַם אוילעם, מע האָט עס געזען אין דעם, ווי די פרויען האָבן גוטמוטיק געשמייכלט, געענטפערט מיט אַ וויץ אַף אַ וויץ. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף לוציען, און אַ טראַכט געטאָן, אַז מיט עפּעס איז זי הײַנט ניט אַזאַ, ווי שטענדיק. אַן אומיטלבאַר־היימישע איז זי הײַנט, זײַן לוציע, ביז גאָר אַן אייגענע, ביז גאָר אַ נאָענטע און ליבע. „אַ באַלעבאָס־טעטשקע", — האָט ער אַ קלער געטאָן, קוקנדיק, ווי עס פּאַסט איר דער געקווייטלטער פאַר־טעך, אַ באַזוימטער מיט דינעם האָפט, וועלכן זי האָט אָנגעטאָן אַף אַ שטוביק כאַלאַט. ער האָט זי ביז אַהער ניט געזען ניט אין קיין כאַלאַט, ווער רעדט פון אַ פאַרטעך, ניט אין קיין שטעקשיך. אָבער אַפילע דאָס דאָזיקע אָנטאָן פּאַסט איר אויך זייער און זייער. און עס פּאַסט איר אויך זײַן באַשעפטיקט מיט באַלעבאַטישקײַט. ווי שיין זי שטעלט עס פאַנאַנדער די טעלער מיט די בעכערלעך. ער קלײַבט נאַכעס, קוקנדיק, ווי זי, אָפּטועענדיק דאָס שטיקל אַרבעט, גייט אַלע מאָל אַף אַין אַ זײַט, פּונקט ווי די מאַמע זײַנע, און באַטראַכט מיט עטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן, ווי זעט אויס דער יאָמטעוודיקער טיש.

די גאַנצע אַרבעט איז שוין, דאַכט זיך, געווען אָפּגעטאָן, אָבער פאַר יאַקאָוון האָט זיך נאָך אָפּגעזוכט אַ שטיקל טועכץ:

— יאַקאָוו מאַטסייעוויטש, — האָט מאַריע געזאָגט, — ס'וואָלט ניט געשאַדט ברענגען נאָך עטלעכע פלעשלעך מינעראַל־וואַסער...

— איך וועל גיין, — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן לוציע, — בעסער וועל איך גיין.

יאַקאָוו האָט זיך אַזוי האַסטיק געלאָזט נאָך דער וואַסער, אַז לוציעס ווערטער האָבן אים אַפילע אין פּלייצע ניט דעריאָגט.

— הערסטו, טאַכטער, — האָט זיך געווענדעט צו לוציען טויבע, — ווו האָסטו געזען, אַז אַ קאַלע זאָל זיך פאַרשלייערן אַף דער כאַסענע אין אַ פאַרטעך... פּאָלג מיך, טו זיך איבער...

ווען יאַקאָוו האָט זיך אומגעקערט און אַ קוק געטאָן אַף לוציען, וועלכע האָט זיך געלאָזט אים גיין אַנטקעגן, קעדיי נעמען באַ אים די פלעשלעך, האָט ער ניט געגלייבט די אייגענע אויגן — ווי אַזוי האָט זי עס באַוויזן אַזוי גיך זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שיינער באַסמאַלקע — עס האָט איר זייער געפּאַסט איר לאַנגע, העל־בלויע, זײַדענע קלייד, עס האָבן איר צוגעגעבן דעם זיבעטן כיין די באַפרײַטע פון אונטערן ווײַסן קאָפּטיכל לאַנגע גאָלדענע צעפּ, וואָס האָבן וואַרעם געבלישטשעט אָפן בלויען זײַדנס. עס איז געקומען אָפן געדאַנק פּושקינס אַ שורע:

„און אַלע קליידער שיין ביסטו, מײַן ליבע..."

פאַר יאַקאָוון האָט זיך אויסגעזוכט נאָך אַ גאַנג:

— דאַכט זיך, ווייניקלעך ברויט.

ווען יאַקאָוו איז אוועק נאָך ברויט, האָט אַ יונגע אַרבעטערן פון בריגאַדע, נאָך אַ שוי־לערן, קאַטיע, אַ הויכע, אַ ברייטפּלייציקע, אַ רויטבאַקיקע מויד, אַנגערעדט אין לוציעס יאָרן, געזאָגט ניט דרייסט:

— איך בין פאַראַיאָרן געווען אַף אַ כאַסענע באַ מײַן שוועסטערקינד, האָט עפּעס אַ גאַסט, ניט פון אונדזער צאַד, פּונעם כאָסנס, אַ געשטופּלטער, די גאַנצע צײַט געשריִען „ביטער", און כאָסן־קאַלע האָבן געמוזט פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך קושן. אַ ווילסטער ביזויען. זאָג איך צו מײַן מומע...

— זי איז דיר אויך אַזאַ לײַבלעכע מומע, ווי אונדזער מאַריע? — האָט עמעץ לאַכנדיק געפרעגט באַ איר. ווען קאַטיע איז אָנגעקומען אַרבעטן אין דער בריגאַדע, האָט זי פון דער העלער הויט אָנגעהויבן רופן די זעקסונצוואַנציק־יאָריקע מאַריע „מומינקע". עמעצער פון די אַרבעטערנס האָט זי דעמלט מיט קאַס געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ מומינקע איז זי דיר?.. אויסגעוואַקסן אַ נאַרישער סטופּ...

נאָר מאַריע, אַז זי וויל, קען זי אַלץ פאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס:

— הערסטו, פּלעמעניצע טײַערע, — האָט זי איר דעמלט געזאָגט, — ווילסט מומינקע —

זאָל זײַן מומינקע, מײלע. זע אָבער, זאָלסט ניט פאַרגעסן, און ניט מײנען, אַז איך בין דיר א פעטערל. פאַרן פעטערל װעסטו בא מיר כאַפּן א פּסק.

— זאָג איך מײַן מומען, — האָט קאַטיע װײַטער געדעדט מיט הארץ, — מומינקע, װאָס טרײַבט מען אים ניט ארויס, דעם געשטופּלטן? ער מאַכט א טעל פון דער גאַנצער כאַסענע. שטעלט צום נאַר דעם כאַסן מיט דער קאַלע. זאָגט זי: „ס'איז דאָך פאַראַן אזא מינהעג. אָף דײַן כאַסענע, — האָט זי מיר נאָך געזאָגט, — װעט מען אויך שרײַען „ביטער״. זי האָט מיר נאָך עפּעס געזאָגט, נאָר איך װיל ניט איבערכאַזערן.

— צוליב װאָס דערצײלסטו דאָס אונדז? — האָט מאַריע געװאָלט װיסן.

— צוליב דעם, װײַל כ'מײן, אויב ס'איז אפילע פאַראַן אזא מינהעג, דאַרף מען סײַװי הײַנט אָף דער כאַסענע ניט שרײַען „ביטער״, װײַל סײַ יאַקאָװ מאַסײעװיטש, סײַ דער על־טערער געלערנטער, װעלכן מע האָט אויך, זאָגט מען, אײַנגעלאַדן אָף דער כאַסענע, װעלן נאָך מײנען, אַז מיר זײַנען... און אַנשװיגן געװאָרן.

מאַריע האָט געזאָגט:

— זאָלסט װיסן, קאַטיע, אַז פונזינט די װעלט איז א װעלט, און פונזינט אָף דער דאָזיקער שײנער װעלט שפּילט מען כאַסענעס, זײַנען בא אַלע כאַסאַנים, פון א װעלכן שטאַנד זײ זאָלן ניט זײַן — אַלצײַנע זינדיקע געדאַנקען.

לוציע האָט זיך פאַרױטלט, און קעדײ מע זאָל ניט זען איר פאַרלױרנקײט, איז זי צוגעגאַנ־גען צום פענצטער, קלױמערשט זי קוקט ארויס אין הױף. נאָר געשטאַנען איז זי מיט פאַר־מאַכטע אויגן.

מאַריע האָט א װײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— איר װײסט, מײַנע טײַערע, װאָס איך װעל אײַך זאָגן? עפּשער איז מײַן פלעמעניצע גערעכט... דאַכט זיך, אַז זי איז טאַקע גערעכט.

װען יאַקאָװ האָט געבראַכט ברויט, האָט ארויסגערופן ספּײקעס דער האָלענדישער קעז.

— נאָך א האַלב קעפּל... ניט מער...

יאַקאָװ, מיטן האַלבן קעפּל האָלענדישן קעז אין האַנט, האָבן שױן באַגעגנט ניט קײן באַ־לעבאַטיש־פאַרטאָנענע, װי ער האָט זײ געלאָזט, נאָר יאָמטעװדיק־אויסגעפּוצטע, שײַנענדיקע, און, װי ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, גוט אויסגערוטע כאַסענע־געסט. די געסט זײַנען געזעסן אומעטום: אָף דער קאַנאַפּע, אָף בענקלעך, אָפן פענצטער, און װעגן עפּעס זײער לעבהאַפטיק געשמועסט. „װען האָבן זײ זיך באַװיזן איבערטאָן, מאַמעש, װי אין א קינאָ־פילם״ — האָט ער א טראַכט געטאָן.

אינגיכן איז געקומען גריגאָרי אילײטש. װי נאָר ער האָט זיך באַװיזן אָף דער שװעל, האָבן אַלע געסט זיך אָנגעשטויסן, װער דאָס איז, און כוץ אַלעמען, האָט יאַקאָװ זײער צופרידן געזאָגט:

— אָ, גריגאָרי אילײטש!..

גריגאָרי אילײטש האָט, שמײכלענדיק, געדריקט לוציען די הענט, באַגריסט זי, געװונטשן גליק. מיט יאַקאָװן האָט ער זיך צעקושט, דערנאָך לאַנג געדריקט אים די הענט, און װידער אים א קוש געטאָן, זאָגנדיק דערבײַ:

— אָט דעם קוש גיט איבער לוציען.

נאָכדעם האָט ער זיך באַקענט מיט די געסט. ליבלעך געדריקט יעדער אײנעם פון זײ די האַנט. דערבײַ געפונען פאַר אַלעמען א פּאַסיק װאָרט, א װיץ, א שמײכל. קאַטיען האָט ער געװונטשן, אַז זי זאָל אים אינגיכן אײַנלאַדן אָף איר כאַסענע, מאַריען האָט ער געזאָגט, אַז װען די סטודענטן פון זײער פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט װאָלטן געדאַרפט דורכגײן א פּראָדוקציר־פּראַקטיק אָף אַן אונטערנעמונג, װאָלט ער זיך דערשלאָגן, אַז ערשטנס, זאָל די פּראַקטיק זײַן אָף א זאָקן־פאַבריק, און צװײטנס, װאָלט ער זי, מאַריען, באַשטימט פאַר דער אָנפירערן פון דער פּראַקטיק.

— אײַער באַשטימונג איז װײניקלעך, — האָט זי געזאָגט, — איר װאָלט באַשטימט, און איך װאָלט זיך אָפּגעזאָגט.

גריגאָרי אילײטש האָט אופגעהערט שפּאַסן, און דערצײלט, אַז שױן גאָר לאַנג, װען ער אַלײן איז נאָך געװען א יונגער, אין אָנהײב פון די צװאַנציקער יאָרן, װען בא אונדז אָף אוק־ראַינע, — האָט ער געזאָגט, — װי אַגעװו אינעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, זײַנען געבליבן א סאַך פאַרװאָרלאָזטע און פאַריאָסעמטע קינדער נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און נאָכן בירגערקריג, האָט מען אים געשטעלט בעראָש פון א קינדערהײם אין א שטעטל הינטער קיִעװ, אין פאַסטאָװ. — און איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט, — האָט ער זיך געװענדעט בלויז צו מאַ־

ריען, — באַ אונדז אין קינדערהיים, זאָלט איר וויסן, האָבן מיר די מיידעלעך געלערנט זאָקנצ מאכערײַ. מיר האָבן געהאַט אַן אייגענעם זאָקן־וואַרשטאַט.

— ווען איר וואָלט מיך געגומען ארבעטן אין יענעם קינדערהיים, אַז איך זאָל די יעסוימים לערנען מײַן מעלאָכע — וואָלט איך זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט, — האָט געענטפערט מאַריע, נאָר ווײַל זי האָט שעלמיש געשמייכלט דערבײַ, איז ניט צו וויסן געווען, צי מיינט זי עס ערנסט, צי אין א שפּאַס.

— כ'האָב אָבער מוירע, אַז דעמלט האָט איר נאָך אליין קנאַפּ געקענט די מעלאָכע, — האָט געלאַכט גריגאָרי איליטש.

מיט טויבען האָט ער לאַנג געשמועסט.

גריגאָרי איליטש איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. צום גליק, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער איז פּונקט דער הייפּעך פון דעם, ווי זיי האָבן געטראַכט וועגן אים. ער איז ניט קיין גײַציקער, ביז גאָר א ליבלעכער, א צוגעלאָזענער און אַפילע א לעבנסלוסטיקער. גריגאָרי איליטשן זײַנען אויך אַלע געסט, אָן אַן אויסנאַם, זייער געפעלן געוואָרן.

באַם יאָמטעוודיקן טיש איז ער געזעסן צווישן טויבען און מאַריען.

באַם טיש איז געווען לעבעדיק, פריילעך. מע האָט הויך גערעדט, געשפּאַסט, געלאַכט. מע האָט געהויבן בעכערס, געטרונקען לעכאַיִם, געווונטשן גליק דער יונגער פּאָר.

„א מין שיינער און רײַכער טיש עס איז אַף אונדזער כאַסענע, און וואָס פאַר א טײַערע און ליבע געסט עס זײַנען געקומען אונדז מעקאַבל פּאָנעם זײַן, — האָט געטראַכט לוציע, און פונעם וויסטן אמאָל איז ארויסגעשווומען פאַר אירע אויגן איר שוועסטערס, איר מערעס, כאַסענע. די באָבע כאַסיע האָט באַצײַטנס אויסגעביטן בא די היישעריקן עטלעכע בייגל אַף צוקערקעס. אַפילע איר, לוציען, ניט געגעבן קיין צוקערקע, באַוויזן זיי בלויז און באַהאַלטן אין שאַפקעלע.

— אַף א כאַסענע־מאָלצײַט דאַרפן זײַן וואָס מער זיסע מײַכאָלים באַם טיש. וועסטו שוין אַף דער כאַסענע נעמען מער מיט א צוקערקע. גוט?

אַף יענער שטילער און אָרעמער כאַסענע זײַנען געקומען מאַריקס צוויי כאַווײרים, ביז הײַנט געדענקט זי זיי — דאַרע, ווי מאַריק, און פריילעכע אויך, ווי מאַריק, כעוורע. אַף דער כאַסענע זײַנען נאָך געקומען דער פעטער טראָפים און די מומע מאַריע. מער קיין געסט זײַנען ניט געווען. די מומע מאַריע האָט געבראַכט א פולן פּאָלומעסעק מיט געפּרעגלטע פיש. די כאַסענע אליין געדענקט ניט לוציע, מאַכמעס זי איז דעמלט פרי אַנשלאָפן געוואָרן. די באָבע כאַסיע האָט איר אָפּן אַנדערן טאָג דערציילט:

— זיצנדיק באַם טיש ביסטו אַנשלאָפן געוואָרן. אַז איך האָב זיך באַטאָג געבעטן באַ דיר, ווי בא א גאַזלען: „לייג זיך איצט שלאָפן, שלאָף זיך אויס — וועסטו ניט וועלן שלאָפן אַף דער כאַסענע”, האָסטו דאָך מיך ניט געפאָלגט, האָסט נאָר געוואָלט זיך ארומדרייען אונטער די הענט.

אינדערפרי, געדענקט זי, אַז זי האָט זיך אופגעכאַפּט, און קיינער פון די געסט איז שוין

ניט געווען, אפילע מערע מיט מאריקן אויך ניט, דער טיש איז שוין געווען ניט קיין יאָמטעווי־דיקער, נאָר ווי שטענדיק א וואָכעדיקער, אַ פּאַרשפּרייטער, ווי שטענדיק מיטן אלטן, פאַר־לאַטעטן טישטעך, אָן א מינדסטן סימען פון די כאסענע־געריכטן האָט זי זיך דעמלט ביטער צעוויינט.

— שא, וויין ניט, — האָט געזאָגט די באָבעשי, — כ'האָב פונדיינעטוועגן אראָפּגעטראָגן אין קעלער עטלעכע שטיקלעך פיש און באהאלטן א פּאָר צוקערקעס. — די באָבע כאסיע איז אראָפּ אין קעלער, געבראכט דעם אָנגעשטשערבעטן טעלער מיט עטלעכע שטיקלעך פיש, פון שאַפּקעלע דערלאנגט צוויי צוקערקעס.

לאכנדיק, האָט די באָבעשי דעמלט דערציילט, אז אירע בייגל האָבן שטארק אויסגענומען בא מאריקס כאווײרים.

— כאַלילע, קיין כיסאָרן אַף מאריעס פיש האָבן זיי אויך ניט געפונען, נאָר איך דערצייל דיר וועגן מײַנע בייגל. אָט אזוי, ווי זיי זײַנען שטענדיק הונגעריק, אזוי האָבן זיי אויך טאָמיד ארבעט איבערן קאָפּ. אפילע פון דער כאסענע זײַנען זיי אויך אינגיכן אוועק.

— נו, מיר דארפן שוין גיין, — האָבן זיי געזאָגט ביידע מיטאמאָל.

— אויב מע דארף — דארף מען, — האָט מאריק זיך דאפקע ניט באליידיקט.

— ווען זיי זײַנען אוועק, זאָג איך מאריקן, — האָט דערציילט די באָבעשי, — עפּעס ווײַזט זיך מיר אויס, אז מײַנע בייגל האָבן בא זיי אויסגענומען.

— וואָס־זשע, זיי ווייסן ניט, וואָס גוט איז? — האָט ער געלאכט.

— אויב אזוי, — זאָג איך אים, — עפּשער וועסטו מיר געבן צו וויסן, ווו זיי האלטן סטאַנציע, וועל איך זיי ברענגען מײַנע בייגל, און ווײַל עס געפעלט זיי מײַן סכוירע, קענען זיי ווערן מײַנע אַפּטאָווע קוינים, וועל איך פארשפּאָרן ארומגיין מיטן קויש פון איין דאָרף אין א צווייטן, פאַרהאנדלען ווו איין בייגל, ווו צוויי.

— די זאַך באשטייט דערין, — לאכט מאריק, — אז ס'א פאַרגעניגן, — אז אַפּטאָם וועלן זיי אײַער סכוירע ניט קענען אײַנקויפן, מאכמעס זיי זײַנען אזעלכע אָרעמעלײַט, ווי איר, באָבעשי.

לוציע פינטלט מיט די אויגן, טוט פונדערלײַכט א טרייסל דעם קאָפּ, ווי זי זאָל וועלן עס זאָל נעלעם ווערן יענער אָנגעשטשערבעטער טעלער מיט די עטלעכע בייגל, צו וועלכע עס האָבן זיך הונגעריק געצויגן דארע ייִנגלשע הענט, און אין דער רעגע האָט זי דערהערט גרי־גאָרי איליטשס פריילעך קאָל:

— כאווײרים פרויען, א מינהעג איז א מינהעג, און אויוער זײַן אים טויג ניט. שוין א היפּש ביסל צײַט, אז איך זיץ און וואַרט, אז עמעצער פון אײַך זאָל זיך דערמאָנען, אז מיר האָבן א כאסענע, און אז ס'איז פאראן אזא וואָרט „ביטער", וואָס האָט אַף א כאסענע זייער א פּײַנעם סינאָנים, — ס'הייסט, אַן אנדער וואָרט, וואָס האָט דעם זעלבן באדײַט, און איר שווײַגט. בי־טער! — האָט יונג א געשריי געטאָן גריגאָרי איליטש, קוקנדיק אַף לוציען און יאקאָוון.

יאקאָוו האָט ארומגענומען און א קוש געטאָן לוציען.

יאקאָוו האָט גוט געזען, אז לוציע רירט זיך ניט צו צום עסן, טראָגט צו דעם בעכער צו די ליפּן און שטעלט אים צוריק אוועק, אז זי איז זייער בלייך, פארן גאנצן אָוונט קיין שמייכל ניט געטאָן. קוקנדיק אַף איר, האָט זיך אים ניט געוואָלט שפּאסן, אָבער ער האָט געוווסט, אז איר געפעלן זײַנע וויצן, דעריבער האָט ער, סטאַרענדיק זיך באהאלטן זײַן אומרו, ווי ווײַט מעגלעך אופגעלייגט געזאָגט:

— א דאנק אײַך, גריגאָרי איליטש. איך בין שוין געווען גוט בארויגעז אַף אונדזערע ליבע געסט, אגעוו, אַף אײַך אויך. פּארוואָס האָט איר ארופגעלייגט די גאנצע שולד נאָר אַף די פרויען — ווייס איך ניט. איך האָב שוין געמיינט, טײַערע געסט, אז איר האָט פּאַשעט קיין ראכמאָנעס ניט אַף מיר און אַף לוציען, דעריבער האָב איך זיך שוין געקליבן בעטן זי, אז זי זאָל אליין א געשריי טאָן „ביטער", האָב איך מוירע געהאט, אז זי וועט ניט וועלן. נאָר אַן אויסוועג האָב איך געפונען. כ'האָב איר באשטימט זאָגן אָפן אויער: „גרייט זיך צו, לוציע, באלד וועל איך א געשריי טאָן „ביטער", און אזוי ווי איך ווייס, אז שטענדיק, ווי נאָר זי דער־הערט, אז איך קלײַב זיך עפּעס טאָן, זאָגט זי גלײַך: „איך וועל אליין", וועט זי, אזויאַרום, טאקע א געשריי טאָן אליין: „בי־טער!

אלע האָבן געלאכט, און גריגאָרי איליטש האָט ווידער א געשריי געטאָן:

— ביטער!

און ווידער אמאָל... און נאָכאמאָל...

דערנאָך האָט מען, אלץ נאָך זיצנדיק באם טיש, געזונגען. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן

זינגען גריגאָרי איליטש. געזונגען האָט ער שטיל, האַרציק, געזונגען אַן אומעטיקן ניגן אָן ווערטער.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעבויגן צו לוציען:

— די ליד הייבט זיך אָן מיט אַזעלכע ווערטער:

„איך גיי אַרויס אויפן גאַנעקל
דאָס שטעטעלע באַקוקן...“

— ס'איז זייער אַ שיינע פּאָלקסליד. „כ'האָב זי אויך זייער ליב. כ'וועל דיך אויך אויסלערנען די ליד, אויב דו וועסט וועלן.

טויבע האָט די ערשטע אונטערגעכאַפּט דעם ניגן, צי מע האָט די מוזיק ליד געזונגען אויך בײַ זיי אין לאָמזשע, צי מע האָט געזונגען בײַ זיי אַנדערע, מיט עפּעס ענלעכע אָף דער. נאָר געזונגען האָט זי מיט האַרץ, טרערן האָבן זיך געפילט אין איר קאָל און געבלישטשעט אין די אויגן.

מע האָט געזונגען לאַנג. געזונגען האָט מען אַלטע און נײַע לידער, רוסישע, ייִדישע און אוקראַיִנישע. לידער אומעטיקע און פריילעכע — אַלערליי.

דערנאָך האָט מען אָפּגערוקט צו די ווענט די טישן מיט די בענק, אײַנגעשלאָסן דעם פּאַטעפאָן, און דער אוילעם איז אוועק אַ טאַנץ. געטאַנצט האָט מען פּאָרלעכווײַס און אַלע אינאיינעם, אין אַ קרײַז, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. גריגאָרי איליטש און יאַקאָוו האָבן מיט אַלעמען געטאַנצט די גאַנצע צײַט, ניט געטאַנצט האָט בלויז איין לוציע. פריִער האָט זי זיך אָפּגעזוכט אַרבעט אין קיך, דערנאָך אַרײַן אין צימער און זיך געזעצט אין אַ ווינקל.

יאַקאָוו האָט צונויפגעפירט קאַטיעס און טויבעס הענט, וועלכע ער האָט, טאַנצנדיק אינעם קרײַז, געהאַלטן, איבערגעלאָזט דעם טאַנץ אינמיטן, צוגעגאַנגען צו לוציען, זיך געזעצט לעבן איר, אַרופגעלייגט די האַנט אויפן ווענטל פונעם שטול, אַף וועלכן זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט, און געזאָגט:

— קום טאַנצן, לוציע.

— דו ווייסט, יאַקאָוו, — האָט זי אומעטיק געזאָגט, — אַפילו טאַנצן קען איך דאָך אויך ניט...

ער האָט געזאָגט:

— מײַן מאַמע האָט געהאַט אַ קלוגן פעטער, בעת ער האָט געהייסן, ער האָט ליב געהאַט בײַ אַזאַ געלעגנהייט זאָגן: טאַנצן דאַרף מען ניט קענען, מע דאַרף — וועלן.

לוציע איז אופגעשטאַנען, אויסגעשטרעקט יאַקאָוון ביידע שיינע הענט אירע און געזאָגט:

— אויב אַזוי, לאָמיר טאַנצן. טאַנצן וויל איך...

16

יאַקאָוו טראַכט:

מע זאָגט — יאָרן פליִען גיך... און אַ טײַנע דערבײַ האָט מען צו די יאָרן... אָבער וואָס זײַנען זיי שולדיק, — וויל ער געפינען אַ זכוס אין די לויפער, — שולדיק זײַנען גאָר די טעג — זיי פליִען, אַז ס'איז מאַמעש מעסוקן... זיי פליִען אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס קלײַבט זיך אָן אַ קײַמעלאָן, וואָס לייגט זיך צונויף אין אַ יאָר. וואָס זשע זאָל טאָן דאָס יאָר? בלײַבן שטיין? עס באַוויִזט זיך אַפילו ניט אַרומקוקן, ווי עס טרײַבט אים שוין אונטער אין האַלדזאון־נאַקן אַ נײַער טאָג. האָט ער אַן אַנדער ברייִרע? ער גייט אַוועק. און אויב גיין — איז בעסער גיין גיך.

יאַקאָוו איז זיכער, אַז די טעג פליִען איצט באַזונדערס שנעל. ניט זײַנע — זייערע טעג, זײַנע און לוציעס. ווײַל ווי קען ער אָצינד אונטערשיידן זײַן טאָג פון אירן? זייערע טעג האָבן זיך צונויפגעגאָסן איניינעם, אויסגעפורעמט זיך אין גליקלעכע, פריידיקע טעג, וואָס האָבן צוויי מאָל שטאַרקערע פליגל.

אַלץ איז גוט אין זייער געמיינזאַמען לעבן. גוט, ביז די מינדסטע קלייניקײַטן, וועגן אַזאַ לעבן האָט ער געטרוימט, געוואָלט עס זאָל זײַן אַזאַ. לוציע איז מיט אים. אַן איבערגעגעבענע, אַ באַשיידענע און זייער אַ שיינע. אַ שיינע — מיט יענער קלוגער, טיפער און איידעלער שיינקײַט, וועלכע די נאַטור טיילט פאַנאַנדער ניט אַזוי גערן און ניט אָפט. וואָס מער ער דערקענט זי — געפינט ער אין איר נײַע מײַלעס. זי איז גוואַלדיק אין אַרבעטזאַמע, אין אומדערמיד־

לעכע. און א פּייזקע. ווי זי האָט זיך עס פּאַר א קורצער צײַט אויסגעלערנט קאָכן, באַקן, און מיט א מין פאַרגעניגן, מיט א מין פרייד זי האָרעוועט.

— ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט קאָכן געפילטע פיש, פונקט אזוי ווי מײַן מאַמע? — האָט ער זי אַנומלטן געפרעגט, ווען זי האָט א שײַנבדיקע דערלאַנגט צום טיש זייער געשמאַקע, געפילטע, גאָלד־קאָליריקע שטיקלעך קאַרפּ, אַרומגעלייגטע פון אלע זײַטן מיט דינע, אָנגעשניי־טענע רייפעלעך צוגעפּרױעטע מערן און בורעקעס.

— טויבע האָט מיך אויסגעלערנט.

— ווען?

— הײַנט, בייסן וואַרמעס־איבערײַס.

— ווי?

— אין צעך.

— ווו זשע האָט איר גענומען פיש אין צעך?

— מיר האָבן ניט געהאַט קיין שום פיש, דו ווייסט, וויאַזוי זי האָט מיך געלערנט? זי האָט מיר פּאַשעט דערציילט וויאַזוי מע קאָכט געפילטע פיש. וואָס און וויאַזוי מע דאַרף טאָן, לויט דער ריי. און איך האָב פאַרגעדענקט. ווייסט, וואָס טויבע האָט מיר געזאָגט? זי האָט מיר געזאָגט, אַז ווײַבאַלד איך אינטערעסיר זיך מיט קאָכן, און וויל גרינטלעך דערלערנען די קונסט פון קולינאַריע, איז דער ערשטער סימען, אַז איך האָב דיך ליד.

— אויב אזוי, — האָט ער געזאָגט, — האָט דײַן פאַרלאַנג באַהערשן די דאָזיקע קונסט נאָך א סימען — אַז איך האָב דיך ליב.

טויבע האָט טאַקע אָנגערופן צוויי סימאָנים, נאָך דעם צווייטן סימען האָט לוציע זיך געשעמט זאָגן יאַקאָוון. טויבע האָט געזאָגט: „ס'א סימען, אַז איר וועט האָבן א גרויסע מי־שפּאָכע — זונעלעך און טעכטערלעך וועלן זיך אויסזעצן באַ אײַער טיש...“

יאַקאָוו אַרבעט איצט פלײַסיק און א סאָך. עמעס, א מאָל טוט זיך א קלער, אַז פריִער פלעגט ער מער אופמערקזאַמקײַט צוטיילן לוציען — מערער שמועסן מיט איר, אָפּטער גיין שפּאַצירן — מיט איין וואָרט — געהאַט מערער צײַט פאַר איר. עפּשער, אָבער טראַכטן טראַכט ער וועגן איר ניט ווייניקער, ווי פריִער. אין געדאַנק כאַפּט ער איצט אויך אָפּט אַרײַן א שמועס מיט איר, און ווער רעדט ליב האָבן! ער אײַלט שטענדיק אַהיים, ער וויל זי וואָס גיכער זען, פונקט אזוי ווי פריִער, און בענקען בענקט ער נאָך איר, ווי ער האָט געבענקט, אָבער דאָס בענקען איז אים איצט ניט אזוי שווער. אַשטייגער, ווען ער זיצט גאַנץ שפּעט אין זײַן קאַבינעטל — א קליין צימערל באַנאַנד מיט זייער גרויסן צימער, וואָס די שכיינים האָבן לעצטנס באַפרײַט פאַר אים — און ער פאַרבענקט זיך נאָך איר, קען ער פּראָסט אָן עפן טאָן די טיר, בלײַבן שטיין אף דער שוועל אפילע, און מיט די אויגן א שאַר טאָן אין דער טונקלקײַט פון צימער — ער זעט זי ניט, אָבער ער ווייסט, אַז זי איז דאָ, אַז זי האָט זיך צונויפגעדרייט, ווי אין א קנײַלעכל, זיך אײַנגענורעט אין דער ווייכקײַט פונעם געלעגער און שלאָפט. און די צעפּ אירע, וועלכע זי לייגט אויס אף באַנאַכט, ווי א גאָלדענע קרוין אָפן קאָפּ, דאַכטן זיך אין דער פינצטערניש טינקעלער. זי אָטעמט שטיל און לײַכט. עס איז אים גענוג שטיין אזוי א ווײַלע, און ווייסן, אַז זי איז נאָענט, באַנאַנד, זי איז לעבן אים, מיט אים אונטער איין דאַך.

אַנומלטן האָט אים אָפּגעשטעלט אינמיטן פונעם רוישיקן וועסטיביול א דאָצענט פון זייער קאַטעדרע, וויקטאָר לוואָוויטש, א גײַציקער, א בייזוויליקער מענטש. דאַכט זיך, דער אייניציקער פון דער קאַטעדרע, מיט וועמען יאַקאָוו געפינט קיינמאָל ניט וועגן וואָס כאָטשבי א וואָרט אויסריידן, האָט געזאָגט:

— זײַט איר, הייסט עס, שוין אויך מאַקריוו געווען מיט אײַער פריַהײַט? איך גראַטוליר אײַך. — די ליפּן האָט וויקטאָר לוואָוויטש דערבײַ צעצויגן אין א געקינצלטן שמייכל, אין דער צײַט, ווען די אויגן זײַנע האָבן געקוקט בייז און שטעכיק. יאַקאָוו האָט באַשטימט צו־וואָרטן און ניט טייקעף באַדאַנקען פאַר דער באַגריסונג. וואָרטן איז אויסגעקומען ניט לאַנג, דער דאָצענט האָט גלײַך געזאָגט:

— מע דאַרף זיך מעשאַער זײַן, אַז אין פּראַט פון מאַטעמאַטיק איז אײַער אויסדער־ווײלטע ניט סאַפיע קאָוואַלעוסקע. און וואָס אָנבאַלאַנגט די אַספּעקטן פון אַנדערע וויסנ־שאַפטן, ווי אויך אין היניכטס פון ליטעראַטור און קונסט, איז זי גאַנץ הינטערשטעליק, ווי ביכלאַל שיינע פרויען.

יאַקאָוו האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, אַז די דאָזיקע יעדיעס זאַמלט איר ניט אויס נײַגעריקײַט, נאָר אויס־שליסלעך אין די אינטערעסן פון אײַער וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט. אויב אזוי, בין איך גע־

צווונגען אײַך ענטפערן געװנט, ווי ווײַט מעגלעך — אויסשעפּלעך. לאָמיר עפּשער אָפּגיין אין א זײַט?

אין א זײַט איז יאַקאָוו אַפּגעגאַנגען אַליין. ווען ער איז געבליבן שטיין לעבן פענצטער, בא דער וואַנט, האָט ער שוין דערזען וויקטאָר לוואָוויטשעס פּלייצע, אין צווייטן עק קאָריד דאָר. געגאַנגען איז ער גיך, באַשעפּטיקט, דעם גרויסן, שווערן קאָפּ אַרײַנגעצויגן אין די דאַרע, סטאַרטשענדיקע אַקסלען.

„ער אײַלט, — האָט וועגן אים א טראַכט געטאָן יאַקאָוו, — ער זוכט נאָך עמעצן, וועמען אָפּגעבן מאַזלטאָוו".

וואָס זשע, אייגנטלעך, וואָלט ער אים געענטפערט, ווען ער בלײַבט שטיין אַציַנד מיט וויקטאָר לוואָוויטשן אָט־אָ־דאָ, באַנאַנד? — ער וואָלט שוין געפונען, וואָס אים זאָגן. אָבער וואָס זאָל ער זיך אַליין דערויף ענטפערן?

סאָפיע קאָוואַלעווסקע... פאַרשטייט זיך, אַליע פּראַגינע, מיט וועלכער ער האָט זיך גע־לערנט ניט בלויז אַף איין פאַקולטעט, אָדער אַף איין קורס — אין איין גרופּע, איז אויך ניט סאָפיע קאָוואַלעווסקע. אָבער געוועזן איז זי בעפּירעש זייער א פייַיקע סטודענטקע, געוויס איינע פון די פייַיקסטע. זי איז דאַפּקע געפעלן געוועזן יאַקאָוון, און בייזע סטודענטישע צינ־גער האָבן געטײַנעט, אַז זי איז מעסוקן פאַרליבט אין אים. א סימען האָבן זיי געהאַט: ווי נאָר זי פלעגט דערזען יאַקאָוון — אַלציינס, איינעם אַליין, צי אַן אַרומגערינגלטן מיט א כעוורע סטודענטן, צי סטודענטקעס, אַף אַן איבערײַס צווישן די לעקציעס, בייס לאַבאָראַטאָרישע אַרבעטן, פאַר די לעקציעס, צי נאָך די לעקציעס — פלעגט זי גלײַך ווי פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן. און קעדייִ מע זאָל ניט מיינען, אַז צוגעגאַנגען איז זי גלאַט אַזוי, פלעגט זי טאָ־מיד, צוקומענדיק, פאַרגעבן עפּעס א פראַגע, אָדער גיך אין איר נאָטיץ־ביכל אָנשרײַבן עפּעס א פאָרמול, און אופגאַבע: „איך פאַרשטיי ניט", קוקנדיק דערבײַ בלויז אַף יאַקאָוון. בלויז יאַ־קאָוון ענטפערס פלעגט זי ערנסט און אופמערקזאַם אויסהערן, נאָר אויב עמעץ אַנדערש פלעגט אָנהייבן אָנשטאָט יאַקאָוון, — אומיסטן, ווייסנדיק איר קאָוואָנע, — דערקלערן איר די אופגאַבע, וועלכע זי אַליין האָט געוויס פונלאַנג געלייזט, אויב זי האָט זי געוואָלט לייזן, צי זיך פּרוּוון ענטפערן אַף אירער א פראַגע, וועלכע איז פאַר איר קיין פראַגע ניט געוועזן, פלעגט זי אַפּילע זיך ניט מאַכן, אַז זי הערט, זי פלעגט פּאַשעט א שמייכל טאָן און אָפּגיין אין א זײַט.

עס קלינגט עפּשער פּאַראַדאָקסאַל, אָבער גראַד מאַטעמאַטיק, וואָס איז געוועזן, און וואָס איז, און וואָס וועט זײַן קאָלזמאַן ער אַליין וועט זײַן, דער יעסאָד, דער זין, דער טאָך פון זײַן לעבן, און בעליסאָפעק פון אירן, אַליע פּראַגינעס לעבן אויך — איז געוואָרן די מעכיצע צווישן זיי. עמעס, געוועזן איז עס בלויז זײַן מעכיצע. זײַן מעכיצע, וועלכע ער האָט אַריבער־שפּאַנען ניט געוואָלט. זי האָט די דאָזיקע מעכיצע ניט געזען. עפּשער פּונקט פאַרקערט, זײַן ליבע צו מאַטעמאַטיק איז געוועזן א טייל פון דער צוציִונגס־קראַפט, וואָס האָט זי גע־שטויסן צו אים. ס'איז אים אויסגעקומען מאָדנע, עפּעס אומנאַטירלעך, צי אַפּילע פּריקרע, מיט אַזא שיין מיידל, ווי אַליע, שמועסן וועגן ערנסטע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען, קקירען איבער די ביז גאָר קאָמפּליצירטע טעאָריעס אינעם דאָזיקן געביט, פּרוּוון זיך, און טאַקע לייזן אויך, אינײַנעם אופגאַבעס. וואָס זשע, ער האָט דען ניט ליב געהאַט מיט זײַנע כאַווײרים שאַענוויַס פּירן וויקוכים וועגן מאַטעמאַטיק, טײַלן זיך מיט זײַנע פּלענער, מיט זײַנע ספּייקעס, באַווײַזן געלייזטע, צי זיך פּרוּוון צוזאַמען לייזן אופגאַבעס? נאָך א מין ליב געהאַט! אָבער מיט כעוורע, ניט מיט אַליען, כאָטש זי האָט ניט וויניקער פון זיי אַלעמען, און פון יעדערן באַזונדער, באַנומען, אַרײַנגעדרונגען, פאַרשטאַנען און אַפּילע געקענט עפּעס וויכטיקס אונטערזאָגן אויך. אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט, צי ניט געדאַרפט. „אָט האָט איר אײַך דעם ענטפער, כאָ־שעווער וויקטאָר לוואָוויטש, אַף אײַער פראַגע וועגן סאָפיע קאָוואַלעווסקע. — יאַקאָוו האָט עס אַפּילע א זאָג געטאָן אַף א קאָל. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז קיינמאָל וועט ער וועגן דעם מיטן גײַציקן דאָצענט זיך ניט טיילן. ניט ענטפערן אַזוי. דאָס האָט ער געענטפערט זיך אַליין אַף יענעמס פראַגע. „און וואָס אָנבאַלאַנגט קולטור ביכלאַל, — ווי איר האָט זיך אויסגע־דריקט, — זאָרגט זיך ניט, ביטע, מײַן פרוי איז א בעעמעס גײַסטיק־רײַכער מענטש, מיט דער דאָזיקער רײַכקײַט, וועלכע מע קען ניט דעראָבערן, אַגעוו, אָן שום הויכשולן, איז זי געקומען אינעם לעבן. ווען איר ווייסט, ווי זי האָט ליב די נאַטור, ווי זי פאַרשטייט און פילט מוזיק, ווי טיף זי באַנעמט די קונסט פון מאָלערײַ — די מינדסטע שאַטירונגען פון פאַרבן, די שפּיל פון שאָטן און ליכט דערגייען צו איר, ווי צו אַן עכטער קינסטלערן, און וואָס איז ווערט איר אופריכטיקער, פריידיקער איראַס־האַשאָמאָים פאַר אַלעם דערהויבענעם און שיינעם? אָט דאָס וואָלט ער אים געזאָגט.

דערבײַ האָט יאַקאָוו אַ טראַכט געטאָן — דאָס ערשטע מאָל — אַז מע וועט דאַרפן אַ רעד טאָן מיט לוציען, עפשער טאַקע ברענגען איר לערנביכער פאַר די שילער פון אָוונט־שולן, צוהעלפן איר, פאַרשטייט זיך, אַז זי זאָל באַקומען קענטענישן, וועלכע זײַנען נייטיק אין לעבן. מיט אירע פֿייִקייטן, מיט איר אַרבעטזאַמקײַט, וועט איר זײַן ניט שווער זיך צוגרייטן און אָפּגעבן עקסטערן די מאַטורע־עקזאַמענעס. און דערנאָך — ער האָט אַ שמייכל געטאָן, — אַז זי וועט וועלן גיין לערנען אויפֿן פיזיש־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט — וועט ער איר זאָגן: „מיטן גרעסטן פאַרגעניגן". צווישן אים מיט לוציען וועט מאַטעמאַטיק קיין מעכיצע ניט ווערן. קיין מעכיצע קען ביכלאַל צווישן זיי ניט זײַן.

ער האָט אַליין אַפילו ניט באַמערקט, אַז זײַן גליק האָט אינעם פרייִדיקן און אײַליקן לעבנס־גאַנג, ווי פאַרטויבט, ווי פאַרוקט ערגעץ אין אַ ווינקל פון זײַן מויעך, צי פון זײַן האַרצן אַ סאַך פונעם פריִערדיקן לעבן, וואָס האָט ביז איצט פאַרנומען, אויב ניט דעם אויבנאָן, איז אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט, און געלאָזט אים בלויז די מעגלעכקײַט ליב האָבן, טראַכטן וועגן זײַן ליבע, און אַרבעטן — סײַ „צוליב זיך", סײַ לייענען לעקציעס.

ס'הייסט ער האָט איצט אויך געטראַכט וועגן דער מאַמען, עס האָט אים באַאומרויִקט איר קראַנק, ער האָט געטראַכט וועגן דער שוועסטער מיט איר געזינד, וועגן מערען, געגאַנגען צו איר, ווי פריִער, אינעם קינדערהיים, דערציילט זײַנע קאָלעגן דעם קינדס כאָכמעס, גערן צום וויפלטן מאָל אין לוציעס אָנוועזנהײַט געכאַפּט היספּײַלעס פון מערעס קלוגע אײַנפאַלן, אָבער ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וועכעשבן אין דעם, אַליין ניט באַגרײַפנדיק עפשער, זײַנען די אַלע געפילן זײַנע דורכגעגאַנגען ווי דורך דעם געפיל פון זײַן ליבע צו לוציען, און אַליין פאַר זיך זײַנען די געפילן געוואָרן, ווי אָפּגעטעמפּט, ווי פאַרצויגן מיט אַ הײַטל, ווי דורכגעזיפּט דורך אַ געדיכטער רעשעטע, ווו אויפן דעק איז געבליבן מערער, ווי ס'וואָלט געדאַרפט בלײַבן:

וואָס אַנבאַלאַנגט דער מאַמען, האָט זי עס אָפּאָנעם ניט געפילט, ווײַל בריוו און געלט פלעגן פון אים אָנקומען אַפּט, ווי פריִער, זײַנע בריוו זײַנען איצט אויך געווען פולע מיט זאָרג און גוטע ווונטשן. און אויב אַפילו די מאַמע האָט אויפגעכאַפּט אַן ענדערונג אינעם זונס באַציִונג צו איר, האָט זי גוט פאַרשטאַנען די סיבע דערפון, און עס האָט זי געפרייט איר זונס גליק.

באַ לוציען האָט זיך צונויפגעגאָסן איינעם איר ליבע צו יאַקאָוון און צו מערען. אָט די גרויסע ליבע האָט מיט גליק אָנגעפילט איר נעשאָמע, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אַלץ אַרום — אויסער יאַקאָווס ליבע צו איר. די דאָזיקע ליבע זײַנע איז געווען מיט איר די גאַנצע צײַט. באַמערקנדיק אין גאַס אַן ייִנגלשן אופמערקזאַמען בליק אין איר זײַט, פלעגט זי ווערן ניט צופרידן, ס'פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז שוין מיט דעם אַליין זינדיקט זי — בלויז ער האָט רעכט קוקן אויף איר מיט ברייט צעעפנטע, אָדער עטוואָס צוגעמאַכטע אויגן. די גאַנצע צײַט האָט זיך איר געוואָלט ריידן וועגן אים, ניט וואָס דערציילן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן מײַ־סעס — פראָסט דערמאָנען זײַן נאָמען. נאָר זי האָט וועגן אים ניט גערעדט. געשוויגן. ערשטנס, וואָלט זי געקענט ריידן וועגן אים בלויז מיט אַזאַ גליקלעכער פרוי, ווי זי איז, און, צווייטנס, האָט זי ביכלאַל ניט געוווּסט, וויִאַזוי פאַרפירט מען אַ געשפּרעך מיט עמעצן וועגן איר יאַקאָוון. נאָר טראַכטן וועגן אים — האָט זי די גאַנצע צײַט געטראַכט, און זיכער איז זי געווען, אַז אין די דאָזיקע מינוטן טראַכט יאַקאָוו אויך וועגן איר. זי האָט ניט געוווּסט, וואָס ער טראַכט, גע־וווּסט בלויז, אַז ער טראַכט וועגן איר מיט ליבע.

פריִער האָט זי געמיינט, אַז שטאַרקער, ווי זי האָט אים ליב, איז ביכלאַל ניט מעגלעך ליב האָבן. ערשט, זי האָט געהאַט אַ טאָעס. וואָס מער זי זעט אים, וואָס מער זי דערקענט אים, וואָס מער זיי זײַנען אינאיינעם — אַלץ שטאַרקער האָט זי אים ליב, אַלץ טײַערער ווערט ער איר, אַלץ נייטיקער דאַרף זי אים האָבן.

וואָס עלטער זי ווערט, — טראַכט לוציע, — פאַרשטייט זי בעסער אַ מין גרויסע כאַכאָמע איר באָבע כאַסיע איז געווען. ניט פאַרשטייענדיק קינדוויִז דעם טיפן זין פון אירע רייד, האָט זי זיי דאָך פאַרגעדענקט אויפֿן גאַנצן לעבן — דאָס פאַרגעדענקטע פון דער קינדהײַט בלײַבט אויפן גאַנצן לעבן סײַ אינעם מויעך, סײַ אינעם האַרצן, — אַלצדינג, — וואָס די באָבע כאַסיע פלעגט אין איר אַרײַנריידן. אָנשטאָט מײַסעלעך, צי לידעלעך, וועלכע זײַנען אַזוי נייטיק פאַר די קליינע קינדער — לוציע ווייסט עס לויט מערען — און פאַר וועלכע די נאַטור אַליין האָט גע־לאָזט אָרט אין די קינדערשע מויכעס, האָבן אין לוציעס זיקאָרן פון יענער ווײַט זיך אײַנגע־קאַרבט דער באָבע כאַסיעס גלײַכווערטלעך, עמעסע מײַסעס, און געהערטע פון עמעצן גע־שיכטעס.

לוציע דערמאָנט זיך, אַז אָפּט פלעגט די באָבע כאַסיע, אָנהייבנדיק דערציילן אַ געשיכטע, וואָס פלעגט האָבן עפּעס גאָר אַ גליקלעכן אָנהייב, זאָגן דערבײַ:

„זאָרג ניט, לוצעניו, דו וועסט נאָך זײַן אַ גליקלעכע, וועסט דערמאָנען מײַנע ווערטער. זאָלסט וויסן, אַז דעם מענטשנס לעבן ווערט צעטיילט אַף צוויי כאַלאָקים: ווען מע איז נאָך אַ קינד, און ווען מע ווערט שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. דער, ווער עס לעבט קינדווײַז רײַך, שיין, מיט אַלע פאַרגעניגנס — מאַטערט זיך דערנאָך, די צווייטע העלפט פון זײַן לעבן. און פאַרקערט: ווער עס האָט אַזעלכע וויסטע און ביטערע קינדער־יאָרן, ווי דו, וועט דערנאָך זײַן גליקלעך. לוציע איז דערפון געוועזן זייער צופרידן. זי האָט בלויז געוואָלט, אַז די באָבע כאַסיע זאָל איר זאָגן, ווען וועט זיך שוין ענדיקן איר קינדהייט און אָנהייבן זיך דאָס גליקלעכע לעבן אירס. דאָס האָט כאַסיע אַליין ניט געוווּסט.

לוציע פאַרשטייט איצט, אַז די באָבע כאַסיע פלעגט אַזוי אַקשאָנעסדיק און אָפּט ריידן וועגן די צוויי קלוימערשטיקע פּעריאָדן אינעם מענטשנס לעבן, נאָר צוליב דעם, קעדיי דערפרייען לוציען, אַליין ניט גלייבנדיק אינעם דאָזיקן סימען. לוציע איז זיכער, אַז צוגעטראַכט האָט די דאָזיקע געשיכטע אויך אַ גוטער און קלוגער מענטש, וואָס האָט געוואָלט, אַז אין די הערצער פון אָרעמע קינדער זאָל לעבן אַ האָפענונג, וואָס הייסט „כ'וועל זײַן גליקלעך". אין איר, אין לוציעס לעבן, זײַנען יענע גוטע ווערטער געוואָרן בעעמעס נעווויִשע.

ווי שטענדיק האָט לוציע אויך הײַנט זיך אופגעכאַפּט פרי, דערזען, אַז די שפּאַרונע צווישן דעם דיל און דער טיר, וואָס פירט אין יאַקאָווס קאַבינעטל, איז ווי פאַרצויגן מיט אַ גאָלדענעם פאַסיקל שײַן, און מיט האַנאָע אַ טראַכט געטאָן: אָ, הײַנט איז דאָך זונטיק... הײַנט וועלן זיי גייען צו מערען. זי וועט אָפּגיך אָפּטאָן די שטוביקע אַרבעטן — עפּעס־וואָס פאַרנייען, אויספּרעסן, געבן אַ ראַם צו — און פאַרטיק. זי איז פרײַ. זי האָט ליב דעם זונטיקדיקן טאָג. אײַלן דאַרף מען ניט — ניט אַף דער אַרבעט, ניט בייס דער אַרבעט, ניט צוריק אַהיים. זי קאָן אַ גאַנצן טאָג זיך פאַרנעמען מיט וואָס זי וויל: אַשטייגער, נעמען אַ ביכל, זיך פאַרקלײַבן אין פאָטעל און לייענען, דערנאָך קאָן זי זיך אַרומדרייען איבער דער שטוב און ראַמען, צוקלײַבן, עס זאָל זײַן בא זיי אין שטוב שיין און ציכטיק, אָפּשטיין בא דער פּליטע קאָן זי אויך הײַנט לענגער, ווי שטענדיק. זי וויל אַז דאָס עסן זאָל בא זיי זײַן געשמאַק און צו דער צײַט. זי וויל, אַז די עמדלעך זאָלן אַף יאַקאָוון זיגנען, זײַן גאַרניטער זאָל זײַן פײַן אויסגעפּרעסט, און די אייגענע מאַלבושים אויך ניט פאַרגעסן — אָפּגעבן זיי אויך דעם געהעריקן קאָוועד. זי האָט ליב די שטוביקע אַרבעט און פאַרשטייט ניט יענע פרויען, וואָס באַדויערן, וואָס די שטוב־אַרבעט פאַרנעמט אַזויפיל צײַט.

דערבײַ הייסט לוציע דעם זונטיק ניט פאַרײַסן די נאָז, ער איז בא איר ניט קיין מעיוכעס, זי האָט אים טאַקע ליב, נאָר דער מאָנטיק איז איר אויך צום הארצן. מאָנטיק קומט זי אין איר צווייטער היים, אין צעך, אין בריגאַדע, ווו זי איז נעכטן אַ גאַנצן טאָג ניט געוועזן.

דעם דינסטיק האָט זי אוואַדע ליב — דינסטיק גייט זי מיט יאַקאָוון אײנצײַטיק אַף דער אַרבעט. ער האָט די ערשטע צוויי לעקציעס. אויב זיי גייען אַרויס פון שטוב באַצײַטנס, פירט ער זי נאָך אַ ביסל דורך. דעם מיטוואָך האָט זי ליב דערפאַר, וואָס ער באַצייכנט די מיט פון דער וואָך. דאָנערשטיק איז בא יאַקאָוון ניטאָ קיין לעקציעס, האָט ער די מעגלעכקײַט אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן „צוליב זיך" — ווי ער רופט זײַן וויסנשאַפטלעכע אַרבעט — דערפאַר האָט זי ליב דעם דאָנערשטיק. פרײַטיק ענדיקן זיי קימאַט אײנצײַטיק די אַרבעט, און ער וואַרט אָפּט אַף איר, ווי פריִער, באַם פאַבריק־טויער. שאַבעס איז אויך אַ גוטער טאָג — ערעוו זונטיק — איז לוציען געפעלן איר אייגענע כאַכמע, און זי טוט אַ שמייכל.

דעם שאַבעס האָט זי ליב אויך דערפאַר, ווײַל אַלע שאַבעס איז בא זיי אין צעך אַ „פינפ־מינוטיקע באַראַטונג". דאָס ערשטע מאָל האָט זי טאַקע געמיינט, אַז די פאַרזאַמלונג וועט דויערן פינף מינוט. ס'איז געוועזן איר ערשטע פאַרזאַמלונג אינעם לעבן. זי האָט זיך דעמלט זייער פאַרוווּנדערט, וואָס געדויערט האָט זי עפּשער אַ שאָ צײַט. פאַרוווּנדערט איז זי געוועזן און צופרידן, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט זיך ניט געענדיקט פאַר די געציילטע פינף מינוט, ווײַל ס'איז איר זייער געפעלן געוועזן זיצן דאָרט און הערן, וואָס מע רעדט. אַלע רעדנער זײַנען איר געפעלן געוועזן, כאָטש זי האָט געהערט, אַז זיי זײַנען ניט מאַסקים אָפּט איינער מיטן אַנדערן, דערווידערן, אַמפּערן זיך. אַף יענער פאַרזאַמלונג איז זי געזעסן, ווי אַ גאַסט, צי ווי אַ זײַטיקער מענטש. צו איר, וואָס האָט געאַרבעט דעם צווייטן טאָג, האָט נאָך יענע פאַרזאַמ־לונג קיין שײַכעס ניט געהאַט, מאַכמעס אַף די „פינפמינוטיקע באַראַטונגען" פירט מען אונטער דעם סאַכאַקל פאַר אַ וואָך אַרבעט.

איצט איז עפּעס אַנדערש. איצט גייט איר אין לעבן וויסן, וויאַזוי האָט זי געאַרבעט, ווי־אַזוי האָבן געאַרבעט די כאַווערטעס אירע. וויפל עלעקטרע האָבן זיי אײַנגעשפּאָרט, וויפל

רויוואַרג, וויפל מאָל אין מעשעך פון דער וואָך האָבן זיי אַליין רעמאָנטירט זייערע מאַשינען, וויפל מאָל גערופן דעם מעכאַניקער, וויפל צײַט געשטאַנען ליידיק, וויפל אויסגעאַרבעט זאַכן פון דער העכסטער קוואַליטעט, וויפל בראַק.

אָפט פאַרנעמט זייער בריגאַדע דאָס ערשטע אָרט. דעמלט איז בא איר און בא דער גאַנצער בריגאַדע אַן עמעסער יאָמטעוו. מע פאַרשרײַבט זייערע פאַמיליעס אָפן רויטן טאַוול.

ווי נאָר דער שעף פון צעך מעלדעט, וועלכע בריגאַדע איז אַרויס אין די פאָרגעשריטענע, הייבן אָן טאַקע גלײַך, די מיטגלידער פון יענער בריגאַדע, זיך אַליין אַפּלאָדירן. זי, לוציע, האָט זיך אויסגעלערנט הויך, עפּשער העכער פון אַלעמען, אַפּלאָדירן. ווען זי האָט דערציילט יאַקאָוון וועגן די אַפּלאָדיסמענטן, האָט ער זיך צעלאַכט:

— שטעלסט זיך פאָר, ווען די אַרטיסטן אָף דער בינע וואָלטן זיך אַליין אַפּלאָדירט? נאָכן ספּעקטאַקל וואָלטן די צושויער געזעסן אין זאַל מיט צונויפגעלייגטע הענט, און די אַקטיאָרן וואָלטן אַרויס אָף דער בינע און אָנגעהויבן זיך אַליין אַפּלאָדירן...— אוןווידער געלאַכט.

זי האָט זיך אפילע באַליידיקט:

— אין צעך זיצט דאָ קיינער ניט מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט, אַלע האָרעווען גוט. פּאַשעט, איין גלײַך דעם מעכאַניקער, אויב די אַרבעט גייט איר בעסער, זײַנען אַנדערע, פאַרשטייט זיך, דערוף א ביסל מעקאַנע. און די בריגאַדע איז צופרידן. איך בין אויך מעקאַנע יענע, וואָס גייען אַרויס אין די פאָרגעשריטענע. אין זין פון אַפּלאָדירן ביסטו, קען זײַן, גערעכט. זיך אַליין טויג טאַקע ניט אַפּלאָדירן. ווייסטו וואָס, יאַקאָוו. זאָל הייסן, אַז ניט מיר אַפּלאָדירן זיך אַליין, מיר פּאַטשן פּאַשעט, ווי קינדער, פאַר פרייד מיט די הענט — ווען בא אונדז איז דער בעסטער סאַכאַקל פאַר דער וואָך אַרבעט, — האָט זי געפונען א פּשאַרע, ניט אָפּזאָגנדיק זיך פונעם אַפּלאָדירן.

אָט אַזוי, טראַכטנדיק, האָט זי צוגעגרייט דעם פרישטיק. ניט געײַלט האָבן זיי אָפּגעגעסן, און יאַקאָוו איז גלײַך אַוועק צו זײַן „סטאַנאָק”, ווי ער רופט זײַן שרײַבטיש. זי האָט איבערגעוואַשן דאָס געפעס, זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַנדערע אַרבעטן, צונויפגעלייגט אין טאַש די מאַטאָנעס, וואָס זיי האָבן געקויפט פאַר מערען: א שאַכטל פאַרביקע בלײַערס, אַן אַלבאָם, א באַמאָלט בלעכן פּושקעלע מיט צוקערקעס, און אַרײַן צו יאַקאָוון אין קאַבינעטל:

— יאַקאָוו, איך בין שוין גרייט. ווען דו וועסט ווען, קענען מיר גיין.

— ווייסטו וואָס, לוציע, — האָט ער אומגעריכט, פאַר איר איז עס יעדנפאַלס געווען אומגעריכט, געזאָגט: גיי עפּשער הײַנט אָן מיר. איך וועל דערווײַל אָן אַרבעט טאָן, עפּעס באַקומט זיך בא מיר ניט. דערפאַר אָבער, אַז דו וועסט קומען — א פאָר שאָ דאַרף דאָך געדויערן דער גאַנג — וועט שוין דער גאַנצער טאָג, אײנײַנעם מיטן פּאַרנאַכט — זײַן אונדזערער. נאָר אונדזערער. ווילסט אַזוי?

זי האָט בעפּירעש ניט געוואָלט אַזוי, זי האָט געוואָלט גיין מיט אים אײנײַנעם, אָבער קיין מוט ניט געהאַט זאָגן אים וועגן דעם. האָט זי ביכלאַל אָף זײַן פראַגע ניט געענטפערט. זיך געזעגנט און אַוועק.

ביטערע געדאַנקען האָבן זי באַגלייט דעם גאַנצן וועג. געגאַנגען מיט איר באַנאַנד אָנשטאָט יאַקאָוון. וויפל זי האָט זיי ניט געטריבן פון זיך, האָבן זיי איין מאָל ניין, זיך ניט געוואָלט אָפּטשעפּען.

מערע האָט גלײַך בא איר געפרעגט:

— ווו איז דער טאַטע?

— דאַנערשטיק איז ער געווען בא דיר? — האָט לוציע געענטפערט מיט א פראַגע.

— נו איז וואָס? — האָט מערע ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א שײַכעס האָט דעם טאַטנס קומען צו איר צוריק מיט עטלעכע טעג צום הײַנטיקן באַזוך.

לוציע האָט פלינק אַרויסגענומען פון טאַש די מאַטאָנעס. געגעבן מערען דעם אַלבאָם, דאָס פּושקעלע מיט צוקערקעס, און געעפנט דאָס שאַכטל מיט בלײַערס. פאַרשיידנקאָלירקע זײַנען זיי געלעגן ענג צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. פון איין זײַט זײַנען זיי געווען האַלב־קײַלעכיקע, פון דער צווייטער — האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן גלײַך און אַקוראַט פאַרשניצטן האַלץ אַלערליי שטיפּטיקלעך: בלויע, רויטע, גרינע, בלאָווע...

— זעסט, ווי שיין דער טאַטע האָט דיר פאַרשניצט די בלײַערס? איך קען אַזוי ניט. האָט געזאָגט לוציע, — בא מיר צעברעכט זיך שטענדיק דאָס הערצעלע פונעם בלײַער, ווי נאָר איך הייב אים אָן פאַרשניצן.

דאָס איז שוין פאַר מערען ביכלאַל געווען א נײַס:

— פאַרוואָס זשע לערנסטו זיך ניט אויס, אַז דו קענסט ניט?

לוציע האָט לאַנג שפּאַצירט מיט מערען. זי האָט ווידער געקראַגן ראַכמאָנעס אפן קינד, צי עפּשער גאָר אויך אף זיך אַליין? צי בלויז אף זיך? זי וואָלט וועלן וויסן דעם ריינעם עמעס, פאַרוואָס איז ער היינט ניט געגאַנגען מיט איר? צי ווייל ער בענקט ניט נאָכן קינד, ס'איז אים אַלצייגס יאָ זיין מיט איר, צי ניט זיין מיט איר, יאָ זען זי, צי ניט זען זי. צי ער קען זיך גרינג באַגיין אָן דעם אַלעמען, צי ער האָט טאַקע געמוזט אַרבעטן, טאַקע ניט געקענט גיין?

יאַקאָוו האָט שוין, קענטיק, אַרויסגעקוקט אף איר, ער איז געשטאַנען באַם פענצטער—ווייל אַנדערש — וואָס האָט ער ניט געזען בא זיי אין הויף? — און ווי נאָר ער האָט זי דערזען, האָט ער אופגעלייגט זיך צעשמייכלט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל איר הייסן גיכער גיין, און אַוועק עפענען איר די טיר.

אַ רעגע ביז דעם האָט זי אַפילע ניט געוווּסט, אַז זי וועט אים באַלד זאָגן:

— יאַקאָוו, פאַרוואָס האָסטו געזאָגט: „דער גאַנצער טאָג וועט זיין אונדזערער”? און ווען מיר וואָלטן געווען אָט די צוויי שאָ איינינעם, און ניט באַזונדער, און דו וואָלסט איצטער די צוויי שאָ געזעסן בא דיין „סטאַנאָק”, און ערשט דערנאָך וואָלטן מיר ביידע אַוועק שפּאַצירן, וואָלטן מיר סיווי די זעלביקע צייט געווען צוזאַמען. דו זאָגסט דאָך, אַז ס'איז אַפילע פאַראַן אַזאַ געזעץ אין מאַטעמאַטיק: די סומע, דער סאַכאַקל וועט זיך ניט בייטן, ווי מע זאָל ניט ענדערן דעם סיידער פון ציפערן, וועלכע מע לייגט צונויף.

פּונעם מאַטעמאַטישן דענקען אירן איז ער געוואָרן מאָלע גדולע:

— אוי, ביסטו בא מיר אַ כאַכאַמע... אוי, ביסטו בא מיר אַ מאַזיק... אָבער הער מיט קאָפּ: אין מיינע סטודענטישע יאָרן בין איך געווען אַ שטאַנגיסט, געהויבן אַזעלכע שווערע אייזערנע שטעקנס, אף וועלכע מע טוט אָן בא ביידע זייטן שווערע, אייזערנע רייפן. זאָג איך דיר, ווי אַ געוועזענער שטאַנגיסט: אופהייבן הונדערט קילאָגראַם, לאָמיר זאָגן פּאַר פיר מאָל, צו פינף און צוואַנציק קילאָגראַם, איז גאָר ניט אַלציינס, ווי געבן אַ רייס אַרויס אף אופגעהויבענע, אַ ביסל ציטערנדיקע, ווי אָנגעבויגענע סטרונעס, זייער אָנגעשטרענגטע הענט, אַלע הונדערט קילאָגראַם מיטאַמאָל.

— ביסט עפּשער גערעכט, יאַקאָוו, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זייער געוואָלט, אַז גערעכט זאָל ער זיין, און ניט זי.

17

נאָך פריִער, ווי זי אַליין, האָט עס באַמערקט טויבע.

איינמאָל נאָך דער אַרבעט האָט זי דעריאָגט לוציען אין גאַס.

— הערסטו, טאָכטער, כ'וויל דיך עפּעס פרעגן. פאַרוואָס האָסטו אופגעהערט שמייכלען? ס'איז בא דיר אַזאַ מאָלעטאַמעדיקער שמייכל, פון דיין ליבן שמייכל ווערט גרינגער אף דער נעשאָמע, אַפילע ווען אף דער נעשאָמע איז ניט אַזוי פייגלדיק. און וואָס זיינען ווערט דיינע כיין-גריבעלעך...

הערנדיק די גוטע ווערטער, האָט זיך לוציע שיר ניט צעווייגט, און געגומען שטאַמלען:

— וואָס עפּעס האָב איך אופגעהערט שמייכלען? כ'מיין, און פריִער האָב איך דען די גאַנצע צייט געשמייכלט? ניין, כ'האָב געוואָלט זאָגן...

טויבע האָט פאַרשטאַנען, אַז בעסער לאָזן זי צורו, ווייל מיטן פרעגן וועט זי איר אַלציינס ניט העלפן, ביפּראַט, אַז לוציע קלייבט זיך פאַר איר ניט אויסגיסן איר ביטער האַרץ.

האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— גיי בעסער אַליין... געזונטערהייט... איך קען דיר בעמיילע ניט נאָכלויפן.

זי איז געבליבן שטיין, און לוציע איז אַוועק ווייטער.

אָפּגייענדיק אַ ביסל, האָט זי זיך אומגעקוקט און געזען, אַז טויבע שטייט נאָך אַלץ אף יענעם אָרט, ווו זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט טאַקע זיך געמוזט אָפּרוען נאָך דעם, ווי זי איז אַ שטיקל וועג נאָכגעלאָפן לוציען. אַפילע פונדערווייטנס האָט לוציע געזען, אַז טויבע איז באַצאָרנט, באַטריבט. כאָטש דאָס פּאָנעם אירס, ווער שמועסט דעם אויסדרוק פּונעם פּאָנעם, די אויגן, האָט לוציע פון אַזאַ מעהאַלעך ניט געקענט זען. דערקענט האָט זי טויבעס צושטאַנד לויט איר שטיין, לויט דעם, ווי זי האַלט דעם קאָפּ, ווי מאַכטלאָז זי האָט די הענט אַראָפּגעלאָזט.

א ביסל פון דעם ראכמאָנעס, וואָס לוציע האָט לעצטנס אַף זיך, האָט זי גלײַך באַטײלט אויך טויבען, און עס האָט זיך איר פאַרוואָלט מיט עפּעס טרייסטן די אומגליקלעכע פרוי — ניט שטילן איר ווייטעק, ניט לינדערן איר אומרו נאָך די פאַרלוירענע קינדער אירע, נאָך דער פאַרברענטער היים — דאָס האָט לוציע ניט געקענט. ניט בעקויעך געווען — זי האָט בלויז געוואָלט געבן איר צו פאַרשטיין, אַז מיט איר, מיט לוציען, האָט גאָר קיין שלעכטס ניט פּאַסירט. שמייכלען, ווען עס שמייכלט זיך ניט — אזוינס וועט לוציע זיך ניט פאַרגינען, ס׳וועט הייסן, אַז זי קרימט מיט דער נעשאָמע, אָבער א מאַך טאָן פרײַנטלעך מיט דער האַנט — דאָס יאָ. לוציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און, איבערצײַגנדיק זיך, אַז טויבע זעט זי, אָנגעהויבן פאָכן צו איר מיט דער האַנט. אין איינעם בלויז זײַט איר געזעצט, מומע טויבע — האָט לוציע אין געדאַנק זיך געווענדעט צו דער לאָמזשער פרוי — כ׳האָב לעצטנס פאַרלוירן מײַן רו... איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען... איך קען ניט שלאָפן. און אַז איך ווער שוין אַנדרעמלט — ווײַן איך פון שלאָף. וואָס וועט נאָך ווײַטער זײַן — ווייס איך ניט... דערווײַל מאַטערט מיך מײַן מוירע... טאָמער... טאָמער כאָלילע...

לוציע האָט די טעג געלייענט זייער אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל אינעם זשורנאַל „אַרום דער וועלט” וועגן א ווילדן שייוועט אין דאָרעם אַמעריקע. די מענטשן פון יענעם שייוועט זײַנען ביז ערשט ניט לאַנג געווען קאַניבאַלן. אָבער ווען פון א גרויסער מאַסע זײַנען זיי געבליבן בלויז א קליין הײַפל, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אופגעגעסן קימאַט אַלע זייערע קרויווים און פרײַנט, האָבן זיי זיך באַטראַכט, און געוואָרן אויס מענטשנפרעסער. דער געלערנטער, וועלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט פאָרן צו זיי, האָט אַפילע געשריבן אין זײַן אַרטיקל: „ווײַל אַנדערש, טײַערע לייענער און לייענערנס, וואָלט איך זיך ניט אומגעקערט אין מײַן טײַערן, נעפּלדיקן לאָנדאָן, און איר וואָלט מײַן אַרטיקל ניט געלייענט”. לוציען איז שטאַרק געפעלן געווען, וואָס אזא גרויסער געלערנטער און אַף אַן עמעס א דרייסטער מענטש פון ווײַטן לאָנדאָן ווענדעט זיך צו איר אויך אין זײַן אַרטיקל. צו איר, צו זײַן לייענערן. פון יענעם אַרטיקל האָט זי זיך דערוווּסט, אַז בא זיי, בא די אָפּגעשטאַנענע מענטשן, קאָן מען גלײַך, לויטן אויסדרוק פון זייערע פּנעמער, „איבערלייענען די גאַמע פון זייערע איבערלעבונגען”. (לוציע האָט ליב שיינע אויסדרוקן, און ווי נאָר זי געפינט אזעלכע אין די איבערגעלייענטע ביכער, פאַרגעדענקט זי זיי. יאַקאָוו וווּנדערט זיך אָפּט, ווען זי דערציילט אים איבער א דערציילונג, אַן אַרטיקל אזוי, ווי זי וואָלט גאַנצע שטעלן אויסלערנען אַף אויסווייניק — וואָרט אין וואָרט, ווי זי האָט געלייענט. ער דערקענט גלײַך אזעלכע אויסדרוקן.).

— אוי, ביסטו בא מיר א כאַכאָמע, — זאָגט ער איר אין אזעלכע פאַלן, און נעמט זי אַרום, — אַף אייניקע מײַנע אַספּיראַנטן געזאָגט געוואָרן — אין דער צײַט, ווען בא אַן עכטן ענגלענדער, אַן אינטעלעקטואַל — יאַקאָוו האָט איר דערקלערט, אַז אַן אינטעלעקטואַל הייסט א הויך־קולטורעלער, אלזײַטיק אַנטוויקלטער מענטש — וועט מען קיינמאָל לויטן אויסדרוק פון פּאָנעם אין דער קלענסטער מאָס זיך ניט אָנשטויסן וועגן זײַן „גאַמע פון געפילן”.

אזויאָרום, האָט לוציע נאָך א באַווײַז, אַז זי איז אַן אָפּגעשטאַנענע. טויבע האָט לויט איר פּאָנעם דערזען, אַז ס׳איז בא איר ניט רויִק אַף דער נעשאָמע, אַז עפּעס פּײַניקט זי...

עפשער האָט באַמערקט ניט בלויז טויבע? עפשער זעען עס אַלע אירע כאַסענע־געסט, און ביכלאַל אַלע אירע באַקענטע פונעם צעך, פון דער פאַבריק? פּראָסט, טויבע האָט בא איר געפרעגט. אַלע קענען דאָך ניט פרעגן. און עס טוט לוציען, ווי א ברי דער געדאַנק: פאַרוואָס זשע זעט יאַקאָוו ניט, וואָס עס קומט מיט איר פאָר? ער האָט געמוזט דערזען פריִער פון אַנדערע. איבער א סאַך טײַמים, און אויך אַפילע דערפאַר, וואָס זיי זײַנען ביידע צוזאַמען מערער צײַט, ווי זי איז מיט טויבען, אשטייגער. די דאָזיקע באַשולדיקונג האָט זי גלײַך פאַרענטפערט, אַראָפּגענומען פון יאַקאָוון: ווי שלעכט עס זאָל איר ניט זײַן אפן האַרצן, ווי ביטער עס זאָל איר ניט זײַן אַף דער נעשאָמע — דערזעט זי נאָר יאַקאָוון — פאַרגעסט זי אין אַלע צאָרעס, און עס כאַפּט זי אַרום דאָס גרעסטע גליק, די גרעסטע פרייד, וועלכע א מענטש קען אַריבערטראָגן. זעט זי אים ניט — לעשט זיך ווי אויס די פרייד און עס כאַפּט זי ווידער אַרום די מוירע... פאַר וועמען האָט זי מוירע? ניט פאַר וועמען — זי האָט מוירע, אַז יאַקאָוו גייט ניט אָן מערע... איר מערע... זייער מערע, ווי זי האָט שוין געמיינט, צי עפשער זיך אײַנגערעדט...

וועלכע זשע קאָנקרעטע רייד יאַקאָווס צי מײַסים האָבן אופגעוועקט די דאָזיקע מוירע, וועלכע האָט באַם אָנהייב פון זייער ליבע, געלעבט אין איר האַרצן, אָבער אַדאַנק יאַקאָוון איז זי דערנאָך ניט וואָס אַנשלאָפן געוואָרן — זי איז נעלעם געוואָרן, אַנטרונען, פאַרשווונדן — ער האָט צעוויי עט אירע ספּייקעס, ער מיט זײַן ליבע צו זיי ביידן, צו איר און צו מערען, מיט זײַן עמעסדיקער, מיט זײַן גרויסער ליבע און זאָרג. וואָס זשע פאָרט האָט איצטער פּאַסירט? ס׳האָט, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט פּאַסירט, נאָר טאַקע אָט דער גאָרניט האָט ווייס איך ווי?

אויסגעזוכט די מוירע, געבראַכט ווידער די צעווייטע שרעק אירע און באַפוילן: נאַ, לוציע, טראָג זיך מיט איר אַרום. פון וואָס זשע לייגט זיך צונויף דער גאָרניט? פון דעם, וואָס יאַקאָוו זאָגט ניט קיין איינציק וואָרט אַפילע וועגן דעם, אַז ס'איז שוין צײַט צונעמען דאָס קינד פונעם קינדערהיים, ברענגען מערען אין זייער שיינער שטוב, עס זאָל זײַן אַזוי ווי זי, לוציע, האָט געטרוימט, ווי ער האָט איר פיל מאָל צוגעזאָגט. אַפילע ניט וואָס צוגעזאָגט, גערעדט קלאָר און דײַטלעך:

— מערען וועלן מיר גלײַך צונעמען פונעם קינדערהיים. פאַר די קינדער פון די מיטאַרבעטער פון אונדזער אינסטיטוט איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ גוטער קינדערגאָרטן, ער געפינט זיך נאָענט פונעם אינסטיטוט, און ווײַט פון אונדזער שטוב. כ'מיין, אַז ס'איז ניט קעדײַ פירן אַזוי ווײַט דאָס קינד — ס'מאַכן זיך ווינטער גרויסע פרעסט, האַרבסט־צײַט — רעגנס. מיר וועלן זיך סטאַרען געפינען נעענטער צו דער שטוב אַ קינדערגאָרטן. אַ גוטן, געוויינלעך.

אַזעלכע רייד האָט לוציע געהערט פון אים פריִער, ווען זיי זײַנען נאָך ניט געווען אײַנ־נעם. אָפּטער פון אַלץ פלעגט ער אָנהייבן ריידן וועגן מערען, באַגלייטנדיק לוציען אַהיים. איצט האָט ער אַזוי ווי פאַרגעסן אין דעם. ריידן רעדט ער אויך איצט וועגן מערען אָפּט און מיט ליבע. גייט צו איר אין קינדערהיים, אַמאָל — מיט לוציען, אַמאָל — אַליין. אָבער מער גאָרניט. עס קימערט, אַפּאַנעם ניט יאַקאָוון, וואָס זי איז דאָרטן מיט קינדער, וועמעס מאַמעס אָדער טאַטעס קענען דערווײַל ניט נעמען דאָס קינד צו זיך איבער פאַרשיידענע סיבעס, ווער רעדט שוין פון יענע קינדער, וועלכע האָבן ניט ווער עס זאָל זיי נעמען, קינדער אַלפּי־נעס געראַטעוועטע פונעם פאַשיסטישן פײַער. יאַקאָוו קומט צו מערען, שפּילט זיך מיט איר פריילעך און לאַנג, טראָגט זי אַפּט אַרום אויף די הענט, און דערנאָך לאָזט ער זי רויִק אַראָפּ אויף דער ערד, טוט איר אַ זאָג:

— נו, לויף צו די קינדער, — און טוט זי אַ קוש דערבײַ, — כ'וועל אײַנגיכן ווידער קומען.

מערע לויפט אַוועק אַ צופרידענע צו די קינדער, טוט זיך גלײַך אַרײַן אין דער שפּיל, ווי זי וואָלט די שפּיל אַפילע ניט איבערגעריסן. מערע איז צופרידן — זי האָט ערשט געזען דעם טאַטן. איז זי דאָך אַ קינד, זי פאַרשטייט קנאַפּ, זי פאַרשטייט אַפילע ניט, אַז איר לעבן קען זײַן אַנדערש, אָבער יאַקאָוו דאַרף, יאַקאָוו מוז פאַרשטיין, אַז עפּעס איז דאָ קרום. לאָזט זיך אויס, אַז ער פאַרשטייט אויך ניט, און נאָכן באַזוך צו מערען קומט ער רויִק אין זייער שיינער און גרעאַמער דירע.

ניט וואָס לוציע וואַגט אים ניט זאָגן, צי דערמאָנען, אַז ער האָט דאָך ניט איין מאָל געטרוימט אויף אַ קאָל, מאַמעש געוואָלט וואָס גיכער דערלעבן די צײַט, ווען מערע וועט שוין זײַן מיט זיי, און ניט אינעם קינדערהיים מיט יעסוימים, צי האַלבע יעסוימים. זיך פאָרגעשטעלט, אין אַ שפּאַס געוויינלעך, אַז ווען ער וועט קומען פונעם אינסטיטוט אַהיים, וועט ער גלײַך אָנהייבן זוכן זײַנע פּאַפּירן, וועלכע מערע וועט, אַזוי ווי מוישעלע, געבן אַ שלעפּ אַראָפּ פונעם טיש און ערגעץ פאַרשטעקן. אָבער אַ מין פרייד עס וועט זײַן דערנאָך, ווען עס וועלן זיך אָפּזוכן די פאַרשריבענע זײַנע בייגעלעך פּאַפּיר, צעקנייטשטע, צעפּליקטע, אָבער פּאָרט אַזעלכע, אַז נאָך גרויסע מאַטערנישן וועט ער קענען פאַנאַנדערקלײַבן, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן. לוציע פלעגט דערוווידערן, איבערצײַגן יאַקאָוון, אַז מערע וועט אַזוי ניט טאָן, אַז זי איז דאָך ניט קיין צעפּעסטעטע קינד. דערויף פלעגט ער זאָגן אַנערעך אַזוי:

— אַ קינד בלײַבט אַ קינד. אַזוי קען זײַן. מע דאַרף פּאַשעט באַהאַלטן אין טישקעסטל נייטיקע פּאַפּירן, און ניט לאָזן זיי אויבנויף, — פלעגט ער לאַכן. איצט רעדט ער ביכלאַל ניט וועגן דעם. און לוציע שווײַגט אויך. נאָר לוציעס שווײַגן האָט בלויז איין קאָנקרעטע סיבע: זי וויל, ער זאָל אַליין, אַליין, אָן איר ביטע, נעמען דאָס קינד אַהיים. ער זאָל אַליין דערפילן, אַז ער דאַרף זי האָבן דאָ, בײַ זיי אין שטוב, אַז אים איז ווייניק זײַן מיט איר אַ שאָ, צי צוויי, צי מער, אַז אים איז נייטיק זען, ווען זי לייגט זיך שלאָפן, וויאַזוי זי שלאָפט די נאַכט, און ווי זי כאַפּט זיך אויף — אַ שמייכלענדיקע, אַ פריילעכע, אַ פלאַפּלענדיקע, צי כאַלילע, אַן אומעטיקע, אַ וויינענדיקע... לוציע דאַרף אַז ניט זי, נאָר זײַן האַרץ זאָל עס אים אונטערזאָגן. ניט זי דאַרף אים בעטן וועגן דעם, זי קאָן אים ניט בעטן, זי קאָן עס ניט טאָן דערפאַר, ווײַל זי איז זיכער, אַז אָפּזאָגן וועט ער איר ניט, — אין דעם איז זי זיכער, — ער קאָן איר ניט אָפּזאָגן. און אויב אַזוי וועט אויסקומען, אַז מערע וועט זײַן בײַ יאַקאָוון אַן אָנגעוואָרפענע, אַן אויסגעבעטענע, אַן איבעריקע, וועלכע איז טאַקע ניט אין קינדערהיים, נאָר מיט זיי איז זי, ווײַל לוציע וויל אַזוי, און ער איז ניט קעגן. אַזוינס דאַרף לוציע ניט.

לוציע ווייסט ניט, וואָס זאָל זי טאָן? ווען זי איז זיכער, אַז ער האָט פּראָסט און פּאַשעט ניט קיין טראַכט געטאָן וועגן נעמען דאָס קינד אַ היים, וואָלט זי אים בעפּייִרעש אונטערגעזאָגט, אָט ווי יענע סטודענטקע, וועלכע ער האָט איר איינמאָל באַוויזן אין גאַס, וואָס האָט אַ

טעווע אונטערזאָגן דעם ענטפער יעדערן, ווער עס דרייט אומבאהאָלפן אין די הענט דעם בײַלעט בייס א סעסיע. אָבער אויב יאַקאָוו האָט ניט פארגעסן, אויב די סיבע איז גאָר אַן אַנדערע, דער הייפּעך פונעם פארגעסן?

זי קען ניט כיטרעווען, איר איז טויזנט מאָל גרינגער זאָגן, וואָס זי טראַכט, קיין סוידעס האָט זי קיינמאָל אין לעבן ניט געהאַט, דעריבער אויך ניט געהאַט וואָס צו לייקענען, ניט געהאַט צוליב וואָס, טראַכטנדיק איינס זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש. זײַן פאַלש, „שפּילן טעאַטער״, ווי די באָבע כאַסיע פלעגט פאַסקענען אַזאַ פירעכץ, האָט זי קיינמאָל ניט געדאַרפט. אָבער איצטיקס מאָל האָט זי ניט געקענט זיך באַגיין אָן א שטיקעלע שפּיל, און ווי זי איז ניט געווען בארויגעז אויף זיך אַליין דערפאַר, ניט צופרידן מיט זיך, אַרײַנגעזאָגט זיך א פײַנעם כיילעק מוסער — דאָך עפּעס אַנדערש האָט זי צוטראַכטן ניט געקענט.

זי האָט אַרויסגענומען פון שאַפע דאָס שאַכטל מיט דער ליאַלקע, דאָס שאַכטל צוריק אוועקגעשטעלט אין שאַפע, די ליאַלקע אַנידערגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, אין ווינקל, אַזוי אַז ווי נאָר יאַקאָוו האָט געעפנט די טיר, האָט ער גלײַך דערזען, ווער עס זיצט בא זיי אין צימער אויבנאָן, — ווי ער האָט אַליין געזאָגט.

— זע נאָר, ווער עס זיצט בא אונדז אויבנאָן, — האָט ער פריילעך געזאָגט, — לוציע דו האָסט בא איר ניט געפרעגט, עפשער איז זי בארויגעז אויף דיר, וואָס דו האָסט זי אַזוי לאַנג געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין שאַפע?

— ניין, כ'האָב ניט געפרעגט, — האָט זי שטיל געענטפערט.

ער איז פארלוירן געבליבן שטיין אינמיטן צימער, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, ער האָט זי אַרומגענומען, צוגעפירט צו דער קאַנאַפּע און אַליין זיך געזעצט לעבן איר. זי איז צוגעפאַלן צו זײַן אַקסל און געבליבן אַזוי זיצן, ווי א פארגליווערטע. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אָבער זיך געטוליעט אומעטיק, — יאַקאָוו האָט עס דערפילט, — און אַליין איז זי מיט עפּעס, וואָס לאָזט זיך גלײַך ניט באַגרײַפן, ניט אַזאַ, ווי שטענדיק. און אַט אַזאַ, ווי זי איז איצט — האָט ער פאַרשטאַנען — האָט זי ניט געקענט גלאַט אַזוי אַרויסנעמען פון שאַפע די ליאַלקע, זיך אייסעקן מיט איר. מיט עפּעס איז עס דאָך ענלעך אויף א שפּיל, און לויט איר שטימונג איז ניט קענטיק, אַז א שפּיל זאָל איר ליגן אין קאָפּ. יאַקאָוו איז בעטעווע א פריילעכער מענטש, א ווויצלער, אויך איצט, באַומרויִקנדיק זיך וועגן לוציען, האָט ער דאָך גאָר ניט אומעטיק א טראַכט געטאָן: אויב פילאָסאָפיש באַטראַכטן די געשיכטע מיט דער ליאַלקע, האָט זי ניט נאָר די פולע רעכט זיך שפּילן מיט איר, עס קומט פון מײַן לוציען א כויוו די אַלע ליאַלקעס, מיט וועלכע זי האָט זיך קינדוויײַס ניט געשפּילט.

— וואָס האָסטו זיך הײַנט דערמאָנט אין דער ליאַלקע? — האָט ער בא איר געפרעגט, בערשטנדיק זיך בייסמײַסע די באַקן, מיט די ווייכע גאָלדענע האָר פון איר צאָפּ, וועלכע זײַנען געבליבן ניט קיין פארפלאָכטענע באַם סאָף, איבערגעכאַפּטע מיט א סטענגע.

— וויאַזוי האָב איך זיך געקענט דערמאָנען, אַז איך האָב אין דער ליאַלקע קיינמאָל ניט פארגעסן? — ער האָט געפילט איר וואַרעמען אָטעם, ווײַל גערעדט האָט זי, ניט אָפּטוליענדיק דאָס מויל פון זײַן אַקסל.

— וואָס עפּעס קומט דער ליאַלקע אַזאַ קאָוועד?

— און דו, יאַקאָוו... דו האָסט דען פארגעסן?..

— שטעל זיך פאָר, — האָט ער שמייכלענדיק געענטפערט. זי האָט ניט געזען זײַן שמייכל, זי האָט אים געפילט אין קאָל.

אין דער ווײַלע האָט זיך אים דערמאָנט יענער ווײַטער פארנאַכט, ווען לוציע האָט אים דערציילט וועגן מערען, עס האָט אים אָפּסנײַ א ברי געטאָן זײַן שולד קעגן איר, ווען ער האָט דעמלט ניט מיט זײַן קאָל איבערגעפרעגט: „א קינד?״. עס איז גלײַך אופגעשווומען אין זיקאָרן יענער שיינער זוניקער אינדערפרי, ווען ער האָט א גליקלעכער געבראַכט די דאָזיקע ליאַלקע, געוואָלט אוועקטראָגן דאָס שפּילעכל מערען אינעם קינדערהיים, און לוציע האָט בעיִשעווט געזאָגט: „אַן אַווירע, אַזאַ טײַער שפּילעכל, די קינדער וועלן גלײַך צעברעכן די ליאַלקע״... און ווי גערן ער איז מאַסקים געווען: „ביסט גערעכט, טײַערע, זאָל טאַקע בעסער די ליאַלקע וואַרטן אויפן קינד אינדערהיים״.

און ווי אין יענעם ווײַט־פארגאַנגענעם אָוונט, האָט ער זיך אויך איצט א כאַפּ געטאָן:

— לאָמיר שוין גיין אין קינדערהיים און צונעמען מערען. אָט באַלד... די רעגע... פאַרשטייסט... ניין, איך פארשטיי אַליין ניט פארוואָס האָבן מיר עס שוין לאַנג ניט געטאָן?.. וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט: „יאַקאָוו, וואָס וואַרטסטו? פארוואָס נעמסטו ניט אָפּ דאָס קינד אַהיים? און פריילעך: מײַן מאַמע האָט דאָך דיר וויפל מאָל געשריבן, אַז אין די ווירטשאַפטלעכע און

ביכלאַל שטוביקע איניאָנים, זאָלסטו זיך ניט פֿאַרלאָזן אױף מיר. און אַפֿילו קײן אײצעס זאָלסטו באַ מיר ניט פֿרעגן, װײַל פֿון מײַנע אײצעס װעט לײַדן אונדזער װירטשאַפֿט, אונדזער גאַנצער לעבנס־שטײגער. זע זשע זאָלסט פֿאָלגן מײַן מאַמע.

דורך טרערן, װאָס האָבן געבלישטשעט אין אירע אױגן, האָט זי געקוקט אױף יאַקאָװון און געשמײכלט.

18

א שטײן איז אַראָפּ פֿונעם האַרצן ניט בלױז באַ די אַרבעטערנס פֿון איר בריגאַדע, נאָר אױך באַ פֿיל מענטשן פֿון זײער צעך און אַפֿילו פֿון אַנדערע צעכן אױך, װען אין אַ שײנעם טאָג האָבן זײ װידער דערזען לוציען אַ מונטערע, אַן אױפֿגעלײגט־שמײכלענדיקע, אַזאַ, װי זײ זײַנען געװױנט געװען זי זען, און דעריקער אַזאַ, װי זײ האָבן געװאָלט און געדאַרפֿט, אַז זי זאָל זײַן.

מאַריע האָט נאָך פֿונדערװײַטנס, באַגריסנדיק זיך מיט איר, געפֿרעגט:

— ס׳האָט געדרעגנט, צי אַ װינט האָט צעװײעט?

— װאָס פֿרעגסטו? — האָט לוציע אױך פֿונדערװײַטנס צו איר געשריִען.

— די כמאַרע, װאָס איז געהאַנגען אױף דיר, פֿרעג איך, האָט צעװײעט אַ װינט, צי עס האָט געדרעגנט?

— איך האָב אַלײן צעװײעט, — האָט געענטפֿערט לוציע, שױן צוקומענדיק נאָענט צו מאַ־ריען. גײענדיק באַנאַנד דורכן פֿאַבריק־הױף אין צעך, האָט לוציע בעכיפֿאַזנדיק דערצײלט מאַריען װעגן אירע איבערלעבונגען פֿאַר דער לעצטער צײַט.

מאַריע איז געװען ביז גאָר ניט צופֿרידן מיט איר כאַװערטע:

— אַלײן אָנגעװײעט, אַלײן צעװײעט. זעסטו, אַז ס׳איז עפּעס ניט אַזױ — דאַרף מען זאָגן — אַ צונג האָסטו, איך װײס, — און ניט זיצן און װאַרטן ביז ער װעט זיך אָנשטױסן, װאָס דו װילסט פֿון אים. הערסטו, לוציע, ער האָט דיך טאַקע אױף אַן עמעס ליב, — איז מאַריע געװאָרן ניט אַזױ שטרענג, — אױב ער האָט, דערזעענדיק אױף דער קאַנאַפּע די ליאַלקע פֿאַרשטאַנען, װאָס דו האָסט דערבײַ אין זינען... איך, צום בײַשפּיל, אױף זײַן אָרט, װאָלט אַרױס ניט װױסנדיק, גלײב מיר... װען דו זעצסט מיר אַװעק אױף דער קאַנאַפּע אַפֿילו צען ליאַלקעס מיטאַמאָל...

לוציע האָט פֿולשטענדיק זיך באַרויִקט. מערע איז נאַרטירלעך אַרײַן אין זײער לעבן און ניט זי אַלײן, לוציע, און ניט יאַקאָװ, האָבן זיך שױן ניט געקענט פֿאָרשטעלן, װיִאַזױ האָבן זײ געקענט זײַן אָן איר. ס׳האָט זיך אַלײן פֿון זיך באַקומען, אַז זײער פֿאַמיליען־לעבן איז װי צעטײלט געװאָרן אױף צװײ צײַט־אָפּשניטן: „װען מערע איז נאָך ניט געװען מיט אונדז" און „פֿונזינט מערע איז אינדערהײם."

מערען איז גראָד ניט לײַכט אָנגעקומען זיך צוגעװױנען צו איר נײַעם לעבן, כאָטש אַלץ איז איר דאָ געפֿעלן געװען: די שפּילעכלעך — איבערהױפּט די גרױסע, בלױאױגיקע ליאַלקע, װאָס זאָגט „מאַמע".

סע זײַנען איר צום האַרצן געװען די ייִנגעלעך און מײדעלעך פֿונעם הױף, מיט װעלכע זי האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַקענט און זיך שױן גוט באַפֿרײַנדעט, ביז גאָר אינטערעסאַנט איז איר געװען אינעם קינדערגאָרטן: איר איז געפֿעלן געװען, װי די מאַמע אירע קוקט אַרױס דורכן פֿענצטער אין הױף און טוט זי שטיל אַ רוף אַ הײם: „מערעלע". ס׳איז איר ליב געװען, דערזעענדיק דעם טאַטן אַרײַנקומען אין הױף, איבערלאָזן אינמיטן אַפֿילו די אינטערעסאַנטסטע שפּיל, לאָזן זיך לױפֿן אים אַנטקעגן מיט ברײט־צעשפּרײטע הענט, און קעדײ אַלע זאָלן װיסן צו װעמען זי לױפֿט, שרײַען דערבײַ הױך: „טאַטע!"

אײנמאָל, גאָר אומגעריכט סײַ פֿאַר יאַקאָװון, סײַ פֿאַר לוציען, האָט מערע געזאָגט:

— לאָמיר גײן צוגאַסט אין מײַן קינדערהײם.

יאַקאָװ האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, האָט לוציע אױך אָפּגעשװיגן.

מערע אָבער האָט ניט געטראַכט זיך אָפּזאָגן פֿון איר פֿאַרלאַנג:

— טאַטע, — האָט זי געזאָגט, — דו הערסט, לאָמיר גײן צוגאַסט אין מײַן קינדערהײם.

מע האָט באַשטימט גײן צוגאַסט אין קינדערהײם דעם נאָענטסטן זונטיק.

אױפֿן זונטיק האָט יעדערער פֿון זײ געװאַרט אױף זײַן אופֿן. מערע האָט זיך ניט געקענט דערװאַרטן אױפֿן זונטיק. יאַקאָװ האָט אַ זאָג געטאָן לוציען, אַז ער זעט ניט קײן נױטװענדיקײַט אױספֿילן יעדן קאַפּריז מערעס, ס׳הײסט, לעבן מיטן קינדס סײכל, ביפּראַט, אַז קײן פֿאַרגעניגן

פונעם וויזיט וועט קיינער פון זיי, גיכער פון אלץ, ניט האָבן. ניט מערע, און ניט די קינדער, צו וועלכע זי קלײַבט זיך צוגאַסט. בא די קינדער קאָן עס בלויז אַרויסרופן אַ געפיל פון קינע, זאָל זײַן אַפילע פון אַ ניט קיין באַגרײַפטער, ניט קיין באַוווּסטזיניקער. וואָס ס׳איז שײַעך מערען, איז ניט קעדײַ איר אָנשוילעך באַווײַזן אַף וויפל ס׳איז בעסער אינדערהיים, איידער אינעם קינדערהויז. סײַ פאַר אונדז, סײַ פאַר איר איז ניט נייטיק דער דאָזיקער אויספיר, זאָל בא איר בעסער זײַן דער געפיל, אַז איר אַרט לעבן האָט זיך פּאַשעט געענדערט, אָן אַנאַלאָגיעס, וועלכע דער באַזוך קען אַרויסרופן. זאָל בא איר בלײַבן אַפן גאַנצן לעבן אַ גוטע דערמאָנונג וועגן יענער צײַט.

לוציע האָט אויך געפילט, אַז ס׳איז ניט קעדײַ גיין אינעם קינדערהיים, כאָטש די סיבע האָט זי ניט געקענט אַזוי קלאָר אויסדריקן, ווי יאַקאָוו, דעריבער, הערנדיק זײַנע רייד איז זי געוואָרן אַנציקט און פאַרכידעשט, וויאַזוי האָט ער געקענט אַזוי פּינקטלעך איבערגעבן אַלץ, וועגן וואָס זי האָט אויך געטראַכט.

מערען האָט יאַקאָוו געזאָגט:

— זאָלסט וויסן, מערע, אַז צוגאַסט גייט מען דעמלט, ווען מע לאַדט אײַן. דיך האָט מען אין קינדערהיים ניט אײַנגעלאַדן — הייסט עס, אַז דו וועסט זײַן ניט קיין געבעטענער גאַסט. ניט שטענדיק איז מען מיט אַן אומגעבעטענעם גאַסט צופרידן.

— אוי, טאַטע, וואָס רעדסטו? מע איז שטענדיק צופרידן מיט אַן אומגעבעטענעם גאַסט. געדענקסט, וויפל מאָל פלעגסטו קומען צו מיר, ווען כ׳פלעג דיך אויך ניט אײַנלאַדן, און די מאַמע ניט אײַנלאַדן, און ווען איר פלעגט קומען — פלעג איך שטענדיק זײַן צופרידן, איך וויים דאָך.

יאַקאָוו האָט, שמייכלענדיק, אַ קוק געטאָן אַף לוציען, מערע האָט איבערגעכאַפּט דעם דאָזיקן בליק זײַנעם, פאַרשטייענדיק אים, ווי אַ סימען, אַז זי האָט פולשטענדיק איבערצײַגט די עלטערן, אַז אַן אומגעבעטענער גאַסט איז אַפילע אָנגעלייגטער פון אַן אײַנגעלאַדענעם, און אַ צופרידענע אַרויסגעלאָפן אין הויף.

— יאַקאָוו, — האָט לוציע מיט אַ געפּאַלענער שטים געפרעגט, — אָבער דו ביסט ניט קעגן דעם, אַז מיר זאָלן פונדעסטוועגן גיין אינעם קינדערהיים? דו ביסט אינגאַנצן גערעכט, איך פאַרשטיי... אָבער דאָך...

— איך בין ניט קעגן... איך בין ניט פאַר און ניט קעגן... איך האַלט זיך אָפּ. געקוקט האָט ער אַף לוציען מיט פאַרליבטע אויגן, — טו ווי דו ווילסט, — האָט ער געזאָגט, — איך מעג זיך אַף דיר פאַרלאָזן. דו ביסט בא מיר אַ כאַכאַמע...

זונטיק אינדערפרי, בייסן גרייטן זיך גיין צוגאַסט אינעם קינדערהיים, זײַנען אויפגעקומען כלוקעדייעס צווישן לוציען און מערען. יאַקאָוו האָט געאַרבעט אין שכיינעסדיקן צימער, האָבן זיי, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, גערעדט שטיל, קעדיי ניט שטערן זײַן אַרבעט. איצט האָבן זיי זיך געקריגט אויך שטילערהייט. מערע האָט געוואָלט זיך פאַרפּוצן אין דער נײַער, ווײַסער זײַדענער פּאַטשיילע, מיטן גרויסן, רויטן, סאַמעטענעם באַנט, מיטן לאַקירטן רויטן פּאַסיקל אַף דער טאַליע, אָנטאָן די ווײַסע, גלאַנציקע שיכלעך, — אַרופשלעפּן אַף זיך די מאַטאָנע, וואָס זי האָט ניט לאַנג באַקומען דורך דער דער פּאָטשט פון דער באָבעשי בוניע, מיטנעמען די גרויסע ליאַלקע מיט איר גאַנצן גאַרדעראָב, כוץ דעם נעמען אויך אַלע שאַכטלעך, וואָס זי, מערע, פאַרמאָגט, מיט קאָלירטע בלײַערס, אָנגעגרייט אַלע אַלבאָמען, נײַע און מיט געמעלן, און אַ גרויסע, מיט אָנגעצייכנטע רויטע און בלויע פּאַסן, פּילקע. לוציע האָט לאַנג און געדולדיק אָפּגערעדט מערען דערפון, נאָר מערע האָט זיך געהאַלטן שטאָל און אײַזן — זי וויל נאָר אַזוי. יאַקאָוו האָט דערפילט, אַז ניט גלאַטיק גייט צו די צוגרייטונג צום וויזיט, כאָטש וועגן זייערע מאַכלויקעס האָט ער ניט געהערט. ער האָט געעפנט די טיר פון זײַן צימער און דערזען, אַז קיין טאָעס האָט ער ניט געהאַט.

לוציע איז אָפּהענטיק געזעסן אַף דער קאַנאַפּע, און מערע, ווי אַ סאָלדאַט אַף דער וואַך, איז געשטאַנען לעבן איר טישל מיט די שפּילעכלעך, אַף וועלכן עס זײַנען איצט אין אַ גרויסער אומאָרדענונג אָנגעוואָרפן געוואָרן אַלע אירע אַלבאָמען, שאַכטלעך מיט בלײַערס, די ליאַלקע, דאָס קעסטל מיט די ליאַלקע־מאַלבושים, און פונויבן, אַפן גאַנצן האָב און גוטס האָט זיך געהויכט די פּילקע.

— עפּעס איז בא אײַך צו שטיל, מײַנע טײַערע, — האָט ער געזאָגט און זיך געזעצט אַף דער קאַנאַפּע, מיט איין האַנט אַרומגענומען לוציען, אויסגעשטרעקט די צווייטע האַנט מערען, אַ ווונק טוענדיק דערבײַ צו איר: „קום אַהער, אָט האָב איך פונדײַנטוועגן אויך אַ האַנט"... — מערע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. — וואָס האָסטו עפּעס געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון דײַן פאַרמעגן? צי עפּשער קלײַבסטו זיך, גייענדיק צוגאַסט, מיטנעמען דאָס אַלץ מיט זיך?

וועסט עס אליין טראָגן, צי די מאַמע דאַרף דיר העלפֿן? צי עפּשער וועט עס דער מאַמען אויך זײַן שווער, דעמלט וועל איך זיך אויך אײַנשפּאַנען? האָ?

יאַקאָוו האָט גערעדט ניט בייז, אָבער מערע האָט דערפֿילט, אַז ער איז ניט צופֿרידן. זי האָט געשוויגן. לוציע האָט געזאָגט:

— טאַמער איז ווייניק אָט דער באַגאַזש, וויל זי זיך נאָך אויספּוצן אין דער נײַער ווײַסער פּאַטשיילע, מיט די שיכלעך, וואָס די באַבעשי האָט איר געשענקט.

— קלײַב דיר אויס, מערע, איינס פֿון די צוויי: אָדער פֿאָלג די מאַמע, און דעמלט וועט זי מיט דיר גיין, אָדער טו, ווי דו ווילסט — פּאַרפּוץ זיך, ווי דו ווילסט, נעם מיט, וואָס דו ווילסט — און גיי אַליין.

מערע האָט אויסגעקליבן דאָס ערשטע.

לוציען האָט אַ טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ, ווען, צוקומענדיק צום קינדערהיים, האָט זי דערזען, ווי דער געקינצלט־צונויפֿגעשמאָלצענער פֿון מעטאַלענע דרענגלעך, דרײַעקלעך און קײַלעכלעך פּאַרקן, איז געדיכט באַקלעפּט מיט קינדערשע נײַגעריקע פּנעמלעך, וואָס קוקן אַרויס אינדרויסן. זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט די צײַט, ווען זי פֿלעגט גיין אַהער צו מערען, און מערע האָט פּונקט אַזוי, ווי אָט די קינדער, וועלכע שטייען איצט באַם פּלויט, אַרויסגעקוקט אַף איר. כאָטש אָט די צײַט איז שוין געווען אַ גוטע, אויב פֿאַרגלײַכן זי מיט אַנדערע צײַטן... אַ גוטע, אָבער ווי קומט זי צו דער וואָס איז איצט? איצט וואַרט אַף זיי אינדערהיים יאַקאָוו, איצט גייט מערע באַנאַנד מיט איר, זאָל זײַן, אַז גיין גייט זי אָן אָנגעדרודלטע, אַ ניטצופֿריידנע, אָבער זי קוקט מער ניט אַרויס דורכן פּלויט אַף איר, און דעריקערשט — מערע באַגלייט זי ניט מיט די אויגן, פֿרעגנדיק שטום: „ווען וועסטו ווידער קומען?" מערע וועט מיט איר איינעם שפּעטער אַ ביסל אַוועקגיין פֿונדאַנען, אַוועקגיין אין זייער ליכטיקער און גליקלעכער היים.

באַם פּלויט האָט לוציע גלײַך דערזען אייניקע נײַינקע קינדער. אַנדערע האָט זי געקענט נאָך פֿון יענער צײַט, ווען מערע איז דאָ געווען. די קינדער האָבן גלײַך דערקענט סײַ מערען, סײַ לוציען, פֿאַרשעמט געשמייכלט צו זיי, און עמעץ האָט אַ געשריי געטאָן אין הויף:

— מערע מיט דער מאַמען זײַנען געקומען.

אין הויף האָט מערע זיך גלײַך געלאָזט לויפֿן צו די קינדער, און לוציע האָט געזאָגט:

— כ׳וועל גיין זיך זען מיט מאַלקע מאַקסימאָווּנע, מיט ראָזע גריגאָריעוונען און מיט טאַניעטשקען (אַזוי האָבן די קינדער היימיש גערופֿן די יונגע קעכנע).

מאַלקע מאַקסימאָווּנע האָט זיך דערפֿרייט מיט לוציען, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט זי וועגן איר לעבן, וועגן דער אַרבעט, אָבער דעריקערשט האָט זי אינטערעסירט מערע.

— אַלץ איז באַ אונדז גוט, — האָט לוציע געזאָגט, — אָבער מערע בענקט נאָכן קינדערהויז, נאָך די דערצי׳ערנס, נאָך די קינדער. אַלץ, וואָס עס קומט איצט פֿאַר אַרום איר, — אין שטוב, אין קינדערגאָרטן, אין הויף — פֿאַרגלײַכט זי מיטן קינדערהיים, און אַלע מאָל קומט אויס באַ איר, אַז אין קינדערהיים איז בעסער. שטענדיק הערט מען פֿון איר: „און באַ אונדז אין קינדערהיים..." האַקלאַל, זי האָט אַ מוסטער.

מאַלקע מאַקסימאָווּנע האָט דערויף געענטפֿערט:

— מיר סטאַרען זיך, פֿאַרשטייט זיך, אַז די קינדער זאָל באַ אונדז זײַן גוט, אָבער אַ קינד דאַרף וואַקסן ניט אין קיין קינדערהיימס, נאָר אין שטוב באַ זײַנע עלטערן.

געמיטלעך שמועסנדיק, זײַנען זיי אַרויס אין הויף און דערזען, אַז מערע, עפּעס אַזוי ווי אַ פֿאַרלוירענע, שטייט איינע אַליין באַ דער זײַט, און די קינדער אַרום און אַרום שפּילן זיך — אייניקע שפּילן אין פּילקע, אַנדערע — זיצן אַף אַ באַנק און הערן מיט גרויס אינטערעס, וואָס אַ מיידעלע דערציילט זיי, ווײַטער אַ ביסל — גייט אַ שפּיל אין קלאַסן, אינעם אַרומגעגרײַזעטן וואָליער מיט ווײַסן זאַמד פֿורעמען מיידעלעך „באַבקעס".

— קינדער, — האָט מאַלקע מאַקסימאָווּנע געזאָגט הויך און שטרענג, — אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ גאַסט? געלאָזט זי שטיין אינמיטן הויף, ניט גענומען זי אין אײַער שפּיל... וואָס הייסט עס?

— ווײַל זי איז אַ באַרימערן, — האָט געזאָגט דאָס מיידעלע, וועלכע האָט דערציילט קלענערע קינדער אַ מײַסע, — מיר האָבן זיך דערפֿרייט מיט איר. פֿאַליע, — זי האָט אָנגעוויזן אַף אַ מיידעלע, וואָס איז געזעסן לעבן איר אַף דער באַנק, — האָט איר גלײַך געשענקט איר גע־שליפֿן גלעזל, דורך וועלכן מע זעט אַלץ אַרום אין פֿאַרשיידענע קאָלירן, סלאַווע האָט איר אַרויסגעטראָגן אירע שטיקעלעך געקווייטלטן צײַג, וועלכע עס האָט איר געהאַט געשענקט די בייטערקע, וואָס האָט אונדז גענייט די פֿאַרהאַנגלעך. און מערע שטייט און באַרימט זיך: „באַ אונדז אין קינדערגאָרטן... באַ אונדז אין הויף... איך האָב אַ גרויסע ליאַלקע, וואָס מאַכט צו די

אויגן, ווען מע לייגט זי שלאָפֿן... מײַן ליאַלקע עפֿנט די אויגן, ווען מע זעצט זי אויף... מײַן ליאַלקע קען ריידן... מיר האָבן אויך מיט וואָס זיך בארימען, נאָר מיר בארימען זיך ניט.

מאלקע מאַיסייעוונע האָט געזאָגט:

— ביסט גערעכט, מאניע. ס'איז ניט שיין זיך בארימען. און מערע איז קיינמאָל קיין באַרימערן ניט געווען. ס'זײַנען פֿאַראַן ליאַלקעס, וואָס מאַכן צו און עפֿענען די אויגן, וואָס זאָגן „מאמע". זי האָט אײַך פּאָשעט דערציילט, אַז זי האָט אַזאַ ליאַלקע, און אײַך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי בארימט זיך.

די פּילקע האָט זיך נאָך אַ ביסל אַ קײַקל געטאָן און געבליבן ליגן אויף דער ערד, קיין נײַע „באַבקעס" זײַנען ניט צוגעקומען, אַ מיידעלע איז געבליבן שטיין אויף איין פיסל אינמיטן פֿונעם אָנגעצייכנטן אויף דער ערד קלאַס, דערנאָך ניט דרייסט אַראָפּגעלאָזט אויך דאָס צווייטע פיסל.

— אנו, — האָט מאלקע מאַיסייעוונע זיך געווענדעט צו אַ ייִנגעלע, לעבן וועמעס פיס עס איז געבליבן ליגן די פּילקע, — לאָמיר זען, ווי דו קענסט וואַרפֿן די פּילקע, וויטיע, און ווי מערע קען כאַפּן...

צי וויטיע האָט ניט גוט אַ וואָרף געטאָן, צי מערע האָט ניט פֿלינק אונטערגעשטעלט די הענט — די פּילקע איז געבליבן ליגן ניט ווײַט פֿון איר. אַ מיידעלע איז צוגעלאָפֿן צו מערען, גענומען זי פֿאַר אַ האַנט און געזאָגט:

— קום שפּילן אין קלאַסן.

אינגיכן זײַנען לוציע מיט מערען אַוועק אַהיים.

דעם גאַנצן וועג צוריק האָבן זיי, ווי אַהינגייענדיק, געשוויגן.

אין שטוב איז לוציע אַרײַן אַליין, מערע איז געבליבן אין הויף מיט די קינדער.

יאַקאָוו האָט געזאָגט:

— איך טו אַ קוק אין פֿענצטער — עמעס, ניט דאָס ערשטע מאָל זינט איר זײַט אַוועק, כ'האָב אויף אײַך שוין לאַנג אַרויסגעקוקט — ערשט איך זע, מײַן פּאָרל גייט, אָבער לויטן גאַנג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עפּעס גייט איר ניט איבעריק פֿריילעך...

— טאַקע ניט פֿריילעך, — האָט געזאָגט לוציע, און דערציילט יאַקאָוון, פֿון וואָס עס באַשטייט דער „ניט איבעריק פֿריילעך."

— דאָס טויג ניט, — האָט יאַקאָוו געזאָגט פֿאַרקלערט, — עס טאָר בעשומויפֿן בײַ איר ניט בלײַבן קיין שלעכטע דערמאָנונג וועגן קינדערהיים. ס'איז נייטיק, ס'איז זייער וויכטיק, אַז דעם קינדערהיים זאָל זי דערמאָנען בלויז צו גוטן, דערמאָנען אַזוי, ווי ער איז ווערט צו דערמאָנט ווערן, און ניט בלויז איצט, אַפֿילו אין דער טיפֿער עלטער — שטעלסט זיך פֿאָר אונדזער מערע אַן אַלטיטשקע? — זאָל די דערמאָנונג אירע וועגן דעם קינדערהיים, וועגן איר דעמלטיקן לעבן זײַן אַ ליכטיקע, אַ וואַרעמע, אַ פֿריידיקע. זאָרג ניט, מיר וועלן עפּעס צוטראַכטן... מע וועט מוזן, ווײַזט אויס, ווידער גיין אַהין מיט אַ וויזיט.



19

די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן פון א צופעליקײַט, פון א קלייניקײַט, קען מען זאָגן.

אין גאָרקיף פון פאבריק, בײַסן ווארמעס־איבערײַס, האָט לוציע לאַנגזאַם זיך געדוקט נאָך די עטלעכע מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען פאר איר, מיט טעצלעך אין די הענט, און ניט באמערקט אפילע, ווי זי איז שטיין געבליבן באַם פענצטערל, דורך וועלכן א יונגע פרוי, אין א ווײַסן פארטעך מיט א ווײַס טיכעלע אפן קאָפּ, האָט מײַסע זשאָנגליאַר דערלאַנגט טעלער מיט פארשיידענע מײַכאָלים — ערשטע און צווייטע געריכטן, גלעזער טיי, קאָווע. לוציע האָט אפילע ניט גלײַך פארשטאַנען, וואָס פרעגט בא איר די קעכנע, און אפּאַנעם ניט דאָס ערשטע מאָל, מאכמעס עס האָבן איר אַזוי ווי געקלונגען אין די אויערן עטלעכע מאָל איינע און די זעלבע ווערטער:

— איז וואָס זשע פארלאַנגט איר: באָרשטש אָדער זופּ? קאָטלעטן, צי א געקאַכט שטיקל פליישׂ? טיי, צי קאָווע?

— גיט מיר, ביטע, קאָטלעטן און א גלאָז טיי.

מיטן טעצל אין די הענט איז זי שטיין געבליבן אינמיטן עס־צימער, פונקט ווי עמעצער וואָלט איר געבן צוהאַלטן דאָס טעצל, האַלט זי עס טאַקע, ביז מע וועט עס בא איר נעמען פון די הענט.

ווער ווייסט, וויפל זי וואָלט אַזוי געשטאַנען, ווען טיבע טוט זי ניט קיין רוף:

— לוציע, קום אַהער, — האָט זי געזאָגט, — זעץ זיך לעבן מיר. אָט איז א פרײַ בענקל. זי האָט צוגענומען פונעם בענקל איר בלאָוו וואָלן קאָפּטל, אופגעהאַנגען עס אפן ווענטל פון איר שטול, און קריטיש באַטראַכט לוציעס ווארמעס:

— זע, וואָס האָסטו ניט גענומען קיין באָרשטש? גיי שוין און נעם זיך א טעלער באָרשטש, גיי צו צו דער קעכנע און זאָג איר: „כ׳האָב ערשט גענומען בא אײַך קאָטלעטן און פארגעסן נעמען דאָס ערשטע געריכט". ס׳איז ניט קיין באָרשטש — ס׳איז ווײַן.

— קיין באָרשטש וויל איך ניט, — האָט געזאָגט לוציע.

— דו ווייסט, וואָס דו ווילסט... גיי נעם אומיסטן א לעפל און פארזוך מײַן באָרשטש, וועסטו דעמלט האָבן א סימען, צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט.

לוציע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף „ניין", ניט אופהערנדיק טראַכטן, אז הײַנט וועט זי דאָס ערשטע מאָל אין לעבן ארויסטרעטן אף א פארזאַמלונג. זי וועט לייענען א פאָרטראָג און איר פאָרטראָג וועלן הערן אַלע קאָמיוגיסטן פון פאבריק, פיל פון די יונגע ארבעטער און ארבעטערנס, וואָס גרייטן זיך ערשט אין קאָמיוג, און דעריקערשט — עלטערע ארבעטער, וועלכע באַזוכן אָפט זייערע קאָמיוגישע פארזאַמלונגען.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז צו לוציען צוגעגאַנגען דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קעמערל פון פאבריק, די כיינעוודיקע און שטילע ראָכעלע קאַדאָמסקע, און געזאָגט:

— עפשער וואָלסטו זיך אונטערגענומען אף דער קומענדיקער קאָמיוגישער פארזאַמלונג איבערלייענען א פאָרטראָג וועגן דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג? א פאָרטראָג אף א מינוט פינף און צוואַנציק, דרײַסיק? מאַטעריאַלן וועט דיר אונטערקלײַבן אונדזער ביבליאָטעקערן בערטע אילינישנע, דו וועסט זיי דורכאַרבעטן, ווי עס געהער צו זײַן, און טאָמער וועסטו עפּעס ניט קענען באַהערשן, האָסטו אינדערהיים, ווי איך האָב געהערט, גאָר ניט קיין שלעכטן קאָנסולטאַנט. נו, וואָס וועסטו זאָגן? — האָט ראָכל געפרעגט.

— מאַסקים, — האָט לוציע מיט איין וואָרט געענטפערט אף אירע ביידע פראַגעס.

אינדערהיים האָט לוציע, ארויסלייגנדיק פונעם קוישל פראָדוקטן, וועלכע זי האָט אײַנגע־קויפט, גייענדיק פון דער ארבעט, אוועקגעלייגט אפן טיש א היפש פעקל, אקוראַט א פאַר־וויקלטס אין ווײַסן פאַפּיר, אָן ארומגעבונדנס מיט א שטריקל. זי האָט פאַנאַנדערגעבונדן דאָס שטריקל, פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פאַפּיר, און ווען יאַקאָוו האָט גענומען בלעטערן די עטלעכע קלענערע און גרעסערע בראָשורן, וועלכע זײַנען געווען אינעם פעקל (וועגן אַלעקסיי סטאַכאַ־נאָוון, וועגן פּיאָטער קריוואָנאָסן, וועגן מאַריַע דעמטשענקאָ, וועגן ניקיטע איזאָטאָוון, און וועגן יעוודאָקיַע און מאַריַע ווינאָגראַדאָווס) האָט לוציע געזאָגט:

— אונדזער סעקרעטאַר פון קאָמיוגישן קעמערל — ראָכעלע קאַדאָמסקע, — כ׳האָב דיר דערציילט וועגן איר, דו געדענקסט? — האָט מיר פאָרגעלייגט, אז כ׳זאָל אף דער קומענדיקער קאָמיוגישער פארזאַמלונג פון פאבריק איבערלייענען א פאָרטראָג: „די קוואַלן פון דער סטאַ־כאַנאָווישער באַוועגונג בא אונדז אין לאַנד". „נישקאָשע, — האָט געזאָגט מײַן קאָמיוגישער

סעקרעטאַר, — דו האָסט אינדערהיים א גוטן קאָנסולטאַנט, זאָל ער דיר העלפן זיך צוגרייטן צום פאָרטראַג".

— נו, וויבאַלד אַזוי, דאַרף עס הייסן, אַז סײַ דו, סײַ איך האָבן באַקומען איין קאָמיוגישע פאַרגעבונג? מיר וועלן זיך ספּראַווען מיט דער דאָזיקער פאַרגעבונג. הא, ווי מיינסטו? — האָט ער געלאַכט.

אין מעשׂעך פון העכער א וואָך צײַט, ווען לוציע פלעגט פאַרענדיקן די שטוביקע אַרבעטן, יאַקאָוו פלעגט אַוועקגיין אין זײַן צימערל „אָן אַרבעט טאָן", מערע פלעגט זיך לייגן שלאָפן, פלעגט לוציע צורוקן דעם טאָרשער צו א ווײַטערן ווינקל פון טיש, פאַרשטעלן די שײַן פון לאָמפּ פון מערעס זײַט מיט ביכער און צײַטונגען און זיך זעצן גרייטן דעם פאָרטראַג. וויפל פרייד, וויפל עמעסן געגוס עס האָט איר פאַרשאַפן די אַרבעט גופא. ערשטנס, איז דאָס לעבן פון די דאָזיקע באַרימטע מענטשן זייער אינטערעסאַנט. עס גלייבט זיך אפילו ניט, אַז געוויינלעכע מענטשישע הענט קענען אַזויפיל אויפטאָן. גויווער זײַנען אַזעלכע שווערקײַטן, אויפהייבן און פירן נאָך זיך אַזויפיל מאסן מענטשן. עס האָט איר אויך האַנאָע געטאָן, ווען זי פלעגט זיך פאָרשטעלן, ווי זי שטייט אף דער בינע, באַם שמאָלן, הויכן טישל, און דער גאַנצער זאַל מיט מענטשן קוקט אף איר, אַלע הערן, ווי זי דערציילט אָט דאָס אַלץ, וואָס זי פאַרשרײַבט אַזוי פלײַסיק אינעם שילערשן העפט, וועלכן זי האָט ספּעציעל צוליב דעם פאָר־טראַג געקויפט. עפשער וועט איר עמעצער אפילו נאָכן פאָרטראַג אירן זאָגן, אַז אים איז געווען זייער אינטערעסאַנט הערן, וועגן וואָס זי האָט דערציילט. זי אַליין זאָגט דאָך שטענ־דיק, ווען עמעצנס אַן אַרויסטרעטונג אף א פאַרזאַמלונג געפעלט איר. זי האָט איבערגע־לייענט און פאַרנאָטירט אַלע בראָשורן, אַלץ האָט זי פאַרשטאַנען, גאָרנישט ניט געדאַרפט פרעגן בא יאַקאָוון. ער האָט אפילו א שפּאַס געטאָן:

— לוציע, פאַרגעס ניט זאָגן דײַן ראָכעלע קאַדאָמסקע, אַז זי זאָל פון מײַנעטוועגן אויס־זוכן אַן אַנדער פאַרגעבונג, מאַכמעס די דאָזיקע האָסטו אויסגעפּילט אַליין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט לוציע געזאָגט:

— יאַקאָוו, אַז דו וועסט פאַרענדיקן דײַן אַרבעט, און וועסט וועלן אויסהערן מײַן פאָר־טראַג — זאָלסטו מיר זאָגן.

— איך, זאָג דיר שוין — איך וויל אויסהערן דײַן פאָרטראַג.

זי האָט זיך אײַנגעמאָסטעט באַם טיש, געעפנט דעם העפט — גרייט לייענען. יאַקאָוו האָט זײַן בענקל צוגערוקט צו אירן, זיך אָנגעבויגן, ארײַנקוקנדיק אין העפט.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — דו זעץ זיך אַנטקעגן מיר און הער. איך וועל אַליין לייענען.

אַזוי ווי לוציע געהאַט אַן עמעסן פאַרגעניגן, ווען זי האָט געגרייט איר פאָרטראַג, אַזוי האָט אויך יאַקאָוו געהאַט ניט קיין קלענערן פאַרגעניגן, הערנדיק דעם פאָרטראַג. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי טיף און ווי קלוג זי האָט באַנומען דעם מאַטעריאַל. און דעם פאָרטראַג האָט זי בעפּיירעש געשריבן מיט אייגענע ווערטער, ניט איבערגעשריבן פון די בראָשורן, ווי עס מאַכט זיך בא אַנדערע פאָרטראַגער. די אויספירן, וואָס זי מאַכט — האָט ער א טראַכט געטאָן, זײַנען א ביסל קינדערש, א ביסל נאַיִוו, עס פעלט זיי די פילאָסאָפישע אַר־פאַסונג פונעם מאַטעריאַל, אָבער דער פאָרטראַג איז א פאָרטראַג, וועלכן עס מעג אָנשטיין אויסהערן ניט בלויז דער יוגנט פון דער היגער טריקאָטאַזש־פאַבריק.

— יאַקאָוו, נו, וויִאַזוי? וואָס וועסטו זאָגן? — האָט זי געפרעגט און פאַרמאַכט דעם העפט. ער האָט צוגערוקט דעם העפט צו זיך.

— ווייסטו וואָס, לוציע? פּרוּוו לייענען דעם פאָרטראַג, ניט ארײַנקוקנדיק אין העפט. דערצייל מיר אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרגעדענקט פון דעם, וואָס דו האָסט פאַרשריבן. איך ווייס, אַז דעם פאָרטראַג האָסטו געשריבן מיט דײַנע ווערטער. כ'האָב א לייען געטאָן דעם מאַטעריאַל. נו, הייב אָן. וואָס קוקסטו אף מיר אַזוי דערשראָקן? דו דערציילסט דאָך אויסגע־צייכנט גאַנצע ביכער. האָסט מיר אַזוי גוט דערציילט לעוו טאָלסטאָיס אַנאַ קאַרענינאַ, בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען"...

— ס'איז דאָך ניט איינס און דאָס זעלבע... איין זאַך איז דערציילן דעם אינהאַלט פון א ביכל, און גאָר עפּעס אַנדערש איז א פאָרטראַג.

— פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז ניט איינס און דאָס זעלבע... נאָר דו פאָלג מיך — פּרוּוו זיך... זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, אָנגעהויבן זיך פאָרשטעלן, אין וועלכן סיידער, וואָס און וועגן וועמען זי האָט געשריבן, זיך בוילעט דערמאָנט וועלכע געפילן, געדאַנקען, פאַרגלײַכונ־גען, עס האָבן דערוועקט אין איר האַרצן יעדער איינער פון די וווּנדערלעכע מענטשן, און זי האָט מיט האַרץ, מיט געפיל, אָט אַזוי ווי זי דערציילט יאַקאָוון וועגן איבערגעלייענטע קינסט־

לערישע ווערק, דערציילט אים מיט אַלע איינצלהייטן, וועלכע זי האָט פאַרגעדענקט, וועגן די דאָזיקע אַרבעטער־מענטשן.

— אויסגעצייכנט! — האָט געזאָגט יאַקאָוו, ווען זי האָט פאַרענדיקט איר פאַרטראַג, און דו האָסט געזאָגט: „איך וועל ניט קענען". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט קענען. און נאָך וויאַזוי קענען. קומט אויס, אַז איך ווייס בעסער, פון דיר, וואָס דו קענסט... זעסט...

אויף דער אַרבעט איז לוציע געקומען אַן אויסגעפּוצטע. יאַקאָוו האָט איר געייצעט:

— דער הײַנטיקער טאָג איז דאָך בײַ אונדז ניט קיין געוויינלעכער מיטוואָך... כ'וואָלט דיר געראָטן אָנטאָן דאָס בלויע קרעפּדעשינענע קלייד.

אין צעך, דערזעענדיק זי אַ יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע, האָבן זיך דערהערט מיטאַמאָל עטלעכע שטימען:

— גייסט הײַנט ערגעץ נאָך דער אַרבעט? ס'הענגט דאָך אַ מעלדונג, אַז הײַנט לייענסטו אַ פאַרטראַג אויף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג...

מאַריע האָט געזאָגט:

— צוליב דעם טאַקע האָט זי זיך אָנגעטאָן יאָמטעוודיק. מע דאַרף קענען אַמאָל זיך אָנ־שטויסן, ניט גלײַך פרעגן... — און פריילעך אַ ווונק געטאָן צו לוציען.

אַרבעטנדיק, האָט לוציע די גאַנצע צײַט געוואַרט אויף דער פאַרזאַמלונג מיט האַרץ־ציטערניש, אַפילע מיט מוירע. זי האָט זיך נערוווירט, ניט געקענט געפינען זיך קיין אָרט. וואָס קומט מיט איר פאַר האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין. צום פאַרטראַג האָט זי זיך צוגעגרייט גוט. אויב יאַקאָוו זאָגט — גוט, איז גוט. גלאַט אין דער וועלט אַרײַן וועט ער אַזוינס ניט זאָגן. איינציקע יונגע אַרבעטער און אַרבעטערנס שמייכלען צו איר הײַנט באַזונדערס ליב, ווי וועלנדיק זי דערמונטערן מיט זייערע פרײַנטלעכע בליקן און שמייכלען. אַנדערע זאָגן איר גוט־ברודעריש: — האַלט זיך, האָב קיין מוירע ניט... זייער מעכאַניקער האָט איר צוגעזאָגט אַפּלאָדירן, אַז די ווענט וועלן ציטערן... און זי האָט מוירע, זי איז ניט רויק... טאָמער וועט זײַן ניט אַזוי...

טויבע האָט געזאָגט:

— פאַרשפּאַרסט גיין נאָכן לעפל... ס'איז שוין נאָכן באָרשטש... און וואָס האָסטו צו דײַנע קאַטלעטן? די קאַטלעטן זײַנען אויך זייער געשמאַקע... האָסט פאַרגעסן אין זיי, צי וואָס? און בכלל געפעלסטו מיר הײַנט ניט... ווידער איז עפּעס ניט אַזוי אינדערהיים?

— ניין, מומע טויבע, — האָט לוציע געזאָגט, — אינדערהיים איז בײַ אונדז גוט, וואָס בעסער קען ניט זײַן. איר שטעלט זיך פאָר, ווי גליקלעך איך בין, ווען כ'זע ווי יאַקאָוו נעמט מערען אויף די הענט, און זעצט זיך מיט איר אײַנעם צום שרײַבטיש זיך גרייטן צו די לעקציעס, צי טאָן זײַן אַרבעט, זײַנע אַרטיקלען שרײַבן. ער טוט זיך זײַנס, און זי זיצט שטילערהייט בײַ אים אויף די הענט. לעבן זײַנע ביכער ליגט איר אַלבאָם, אין וועלכן זי מאָלט שטיבעלעך, וואָס דורך די ווענט זעט מען אַ טיש, אַ וואַזאָנע, בענקלעך, ווי איבערגעקערטע ציפערן „פיר". זיצט אַרויסגעשטעקט די צונג, סאָפּעט אונטער צוביסלעך, רײַסט אים אַפילע אַמאָל אָפּ פון דער אַרבעט: „טאַטע, וואָס האָב איך אָנגעמאָלט? אָנו, טרעף". און ער טרעפט, צי ער טרעפט ניט, נאָר עס שטערט אים ניט. „עס אַרבעט זיך מיר בעסער, ווען זי זיצט אַזוי מיט מיר, — זאָגט ער און לאָזט מיר ניט צונעמען זי אין צווייטן צימער. אַנומלטן האָט מען מערען אין קינדערגאָרטן געמאַכט אַן אײַנשפּריצונג קעגן מאָזלען. ס'איז זייער אַ שווערע אײַנשפּריצונג, קימאַט אַלע קינדער האָבן באַקומען דערפון היץ — אָבער מאַכן די אײַנשפּריצונג האָט מען אומבאַדינגט געדאַרפט, ווײַל מאָזלען איז נאָך ערגער — איז ער אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן מיטן קינד אויף די הענט. מיך האָט ער ניט געלאָזט. „גיי שלאָפן, לוציע, — האָט ער אין איין קאָל געטײַנעט, — טו מיר צוליב..." און אַליין אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

— איז דאָך טאַקע גוט, — האָט געזאָגט טויבע, — וואָס זשע גייסטו אַרום, ווי אין אוילאָם האַטויע?

— מומע טויבע, איך לייען דאָך הײַנט אַ פאַרטראַג אויף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג. ס'איז מײַן ערשטער פאַרטראַג אין לעבן, האָב איך מוירע, אַז ס'זאָל עפּעס זײַן ניט אַזוי...

טויבע האָט דערפון קיין לאַנגע שמועס ניט געמאַכט:

— יעדער אָנהייב איז שווער, — האָט זי געזאָגט, — דײַן צווייטער פאַרטראַג וועט זײַן בעסער... איך וויל מיט דיר ריידן גאָר וועגן עפּעס אַנדערש... כ'האָב זיך שוין לאַנג געקליבן עס טאָן... ס'איז אַ ביסל וויכטיקער, ווי דער הײַנטיקער פאַרטראַג דײַנער. און הער אויף זוכן אומזיסטע יעסורים... אַגעוו, פאַר וואָס דו זאָלסט זיך ניט נעמען, טוסטו אָפּ די אַרבעט גוט. מיין איך, אַז דײַן פאַרטראַג וועסטו אויך מיט גאָטס הילף איבערלייענען ניט ערגער, ווי אַנ־

דערע. דו זאָג מיר בעסער, ווען קלײַבסטו זיך אין א גוטער שאָ ווערן א מאמע? מע דאַרף עס איבערקומען, און אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק דאָס טראָגן, מיטן האָבן...

— איך בין שוין באַלד זעקס יאָר א מאַמע, און יאַקאָוו — א טאַטע, מערע איז דאָך אונד־זער קינד... וואָס זשע, איך ווייס ניט...

— א מאָשל... וואָס ווייס איך ניט? דו ווייסט ניט... דו האָסט ליב דאָס קינד, און יאַקאָוו האָט עס ליב — ער האָט דיך ליב, און וואָס דיר איז ליב — איז אים אויך ליב — אָבער פון קיין עמעסער מוטערלעכער ליבע ווייסטו ניט, ווי שטאַרק דו זאָלסט ניט ליב האָבן מערען. אָט די בעעמעס אופּריכטיקע ליבע דײַנע צום קינד איז סײַווי ניט ענלעך אַף יענער גוואַל־דאַוונער ליבע, וואָס וואַקסט אָן אין דער מוטערס האַרץ, אונטער וועלכן זי טראָגט דאָס קינד...

— אוי, טויבעניו, — האָט לוציע געזאָגט, — לאָמיר שוין גיין, דער איבערײַס וועט זיך באַלד ענדיקן...

20

ווען עס פאַלן זוימען אַף א גינסטיקן באָדן, טרינקען זיי פון דער ערדס אומויסשעפּלעכע קעלערס די מילדסטע און שטאַרקסטע געטראַנקען, און דער זאַפּט־געטראַנק צעשפּאַרט די איידעלע זוימען־הײַטלעך, ווערן די זוימען פולע, דורכזיכטיקע, און אויס דאַנקבאַרקײַט דער בּאַרעמהאַרציקער ערד קלאַמערן זיי זיך אין איר אײַן מיט זייערע אמאָל דינע, ווי פּעדעמ־לעך, אמאָל שווערע און פעסטע, ווי שטריק (ס'איז געוועגדט אין די זוימען) וואָרצלען, און ערשט דערנאָך הייבן אָן שפּראָצונגען זיך רײַסן אינדערהייך, צו דער זון, מיט אַלע קויכעס צעשפּאַרן די ערד, און אויב אַף זייער וועג צו דער זון ליגט א שטיין, מאַכט אויך ניט אויס, זיי בויערן דורך דעם שטיין, די איידעלע, ווייכע, דינע שטענגעלעך, און דערנאָך שוין קומען זיי צוהילף די זוניקע שטראַלן, די רעגנס מיט די ווינטן, און די זוימען וואַקסן — צעוואַקסן זיך איןביימער, אין קוסטעס, אין זאַנגען, אין קוויטן, אין גראָזן — ס'איז ווידער געוועגדט אין די זוימען...

און ווינטער...

קינדער קײַקלען צונויף א שניי־קנויל, ווי א קליינע פּילקע די גרייס, דערנאָך קײַקלען זיי, קײַקלען די פּילקע אַף א פאַרשנייטן מעהאַלעך, ווערט זי גרעסער. דער קנויל נעמט אַרויף אַף זיך דעם שניי, וואָס ליגט אַף זײַן וועג, און די קינדער שטעלן זיך ניט אָפּ, קײַקלען דעם שנייִקן קנויל ווײַטער און ווײַטער, און ער נעמט אַלץ אַרויף אַף זיך דעם שניי און ווערט אַלץ גרעסער, ביז עס קלעקן שוין ניט די קינדערשע קויכעס א ריר טאָן דעם שניי־קנויל פון אָרט.

עפּעס ענלעכס איז פאַרגעקומען מיט לוציען נאָך דעם, ווי טויבע האָט איר ווײַבעריש־פראַסט, אָן קיין שום זײַטיקע געדאַנקען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער עמעסער, דער הער־לעכער מוטערלעכער געפיל וואַרט ערשט אַף איר, אַז דער דאָזיקער געפיל דרעמלט דער־ווײַל אין איר האַרץ, נאָך ניט קיין אופגעוועקטער, אַז מע דאַרף אים ערשט אופוועקן, און טאָן וועט עס קענען בלויז דאָס קינד, וואָס זי, לוציע, וועט טראָגן אונטערן האַרצן. לוציע פאַרשטייט ניט, צי קען מען ליב האָבן א קינד שטאַרקער, ווי זי האָט ליב מערען? האָבן דען מאַמעס, וואָס האָבן געבוירן זייערע קינדער, שטאַרקער ליב די קינדער זייערע, ווי זי — מערען? ציטערן איבער זיי שטאַרקער, ווי זי איבער מערעלען? זאָרגט עמעץ מער איבער זייערע קינדער, ווי זי? עפּעס איז דאָ אַזוי און ניט אַזוי...

אָבער קאָנקרעט — וואָס איז דאָ אַזוי, און וואָס — ניט אַזוי? וואָס שײַעך איר אַליין, לוציען, איז טויבע ניט גערעכט. זי האָט ניט מוירע פאַר קיין שום געבורט־ווייען, זי וויל שטאַרק האָבן א קינד. גלײַך נאָך דער כאַסענע האָט זי אָנגעהויבן טרוימען וועגן דעם. וואָס זשע קומט אויס לויט טויבעס מיינונג? אַז ווען זי וועט האָבן א קינד, וועט זי אופהערן ליב האָבן מערען? טויבע מיינט אַפּאָנעם, אַז עס וועט באַ איר ניט סטײַען קיין ליבע פאַר צוויי קינדער? וואָס הייסט, זי וועט מאַכן אָן אונטערשייד צווישן די קינדער? מערע איז דאָך אויך איר אייגן קינד, זי איז געוואַקסן אַף אירע הענט, אַף אירע קינדערשע און שוואַכע הענט, איינס דאָס אַנדערע האָבן זיי דערהאַלטן באַם לעבן אין יענע פינצטערע צײַטן — איז זיך איצט מעיאַשעוו טויבע און דערציילט איר א מײַסע: אָן אייגן קינד, ניט קיין אייגן קינד... לוציע איז זיכער, ווי זיכער זי איז, אַז אַצינד איז טאָג, אַז קיינמאָל, בעשומויפן ניט, וועט זי ניט ליב

האָבן דאָס קינד, וואָס זי וועט ברענגען אויף דער וועלט, שטאַרקער, ווי זי האָט ליב מערען. זי וועט ניט ליב האָבן שטאַרקער, אָבער יאַקאָוו? די דאָזיקע מוירע האָט אָפּגענומען ערגעץ טיף, אומבאַגרײַפלעך אַפילע, געטלײַטע אין איר, טויבע האָט די מוירע צעבלאָזן אין איר נעשאָמע, און די מוירע האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ פײַער. טויבע האָט בלויז אָפּגעוועקט די מוירע, און די מוירע האָט זיך באַזעצט אין איר, אין לוציעס, אומרויִקן האַרצן.

ווי יענער שנייִקער קנויל, וואָס, קײַקלענדיק זיך, ווערט אַרומגעקלעפּט מיט שניי און ווערט אַלץ גרעסער און שווערער, אַזוי האָבן אויך אין לוציעס דימיען זיך צעוואַקסן די אויסגעדאַכטע, ניט קיין בעשאַלעמדיקע אומשטענדן פון זייער ווײַטערדיקן לעבן. פאַרשטייט זיך, אין יאַקאָוון איז זי זיכער, ווי אין זיך אַליין. ער האָט ליב מערען, און וועט זי ניט אויפהערן ליב האָבן. אָבער, אויב טויבע איז כאָטש אין עפּעס גערעכט, קען עפּשער זײַן, אַז ווען ער וועט דערפילן די ליבע פון אַ טאַטן — אויב די נאַטור באַשענקט מיט אַ באַזונדער מוטערלעכער ליבע אַ מאַמע, באַשענקט זי מיט דער זעלבער ליבע אַ טאַטן אויך געוויס — צו זײַן אייגן קינד, די ליבע, וואָס אַ מענטש באַקומט בעיערושע פון די פאַרגאַנגענע דויר־דוירעס טאַטעס, וועט מערע פאַר אים דעמלט ווערן אַ קינד, וואָס ער דערציט, צו וועלכן ער באַציט זיך גוט, ווי אַן איבערגעגעבענער טאַטע דאַרף זיך באַציִען צו אַ קינד. אָבער אינדערעמעסן וועט ער מערען ליב האָבן בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי, לוציע, האָט ליב מערען. נאָר ליב האָבן וועט ער זי שוין ניט מיטן גאַנצן האַרצן. מיטן גאַנצן האַרצן וועט ער ליב האָבן זײַער קינד.

וואָס זשע טוט מען? וויאַזוי געפינט מען אָן, אויסוועג? ווער וועט איר קאָנען געבן אַן אייצע, אַז זיך אַליין איז זי ניט בעקויעך אויסצייצענען עפּעס רעצעפּט? קומט אויס, אַז די באַבע כאַסיע איז ווידעראַמאָל גערעכט, ווען זי פלעגט זאָגן: אַבי געזונטערהייט, איז אַלץ אין לעבן גאַמזו לעטויווע...

וויפל יעסורים זי האָט עס געהאַט ביז אַהער, וואָס זי ווערט ניט שוואַנגער. מיט אַ מין אומרוה, מיט וויפל האָפענונג זי האָט געוואַרט אויפן גליקלעכן טאָג, ווען זי וועט קענען יאַקאָוון אָנזאָגן, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. וויאַזוי וועט זי עס אים זאָגן, מיט וועלכע ווערטער וועט זי עס אויסדריקן, ווען, בײַ וועלכע אומשטענדן האָט זי נאָך דערוויײַל ניט געוווּסט. „אָבער די ווערטער דאַרפן זײַן ניט קיין געוויינלעכע" — האָט זי געטראַכט. זי וועט דאָס אַלץ באַשטימען דעמלט, ווען די מאַזלדיקע שאָ וועט קומען, אָבער וויפל זי האָט ניט געוואַרט אויף דער דאָזיקער גוטער שאָ — איז דאָס וואַרטן געוואָרן אומזיסט, און לוציע פלעגט אַלע מאָל, מיט טרערן אין קאָפּ און טאַקע אין די אויגן אויך, זאָגן יאַקאָוון:

— ווידער גאָרניט...

— נאַרעלע, — פלעגט ער איר ניט איין מאָל ענטפערן, — וואָס ווײַנסטו? וואָס ערגערסטו זיך אומזיסט? ווייניק מישפּאָכעס זײַנען פאַראַן, בײַ וועלכע דאָס קינד ווערט געבוירן אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע, אין דרײַ, צי אין פינף יאָר אַרום. כ'האָב דאָך דיר דערציילט, אַז מײַן מאַמע, לעמאָשל, האָט מיך געהאַט אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע. כאַסענע געהאַט האָט זי אינעם 1909 יאָר, און איך בין געקומען אויף גאָטס וועלט אינעם 1911... דערצערשט איז וויכטיק, וואָס געקומען בין איך צו דער צײַט, אָט אַזוי ווי אַהער אין שטאָט — איינצײַטיק קימאַט מיט דיר. אונדזער סאָניע האָט געהאַט מוישעלען אין דרײַ יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע. פאַרשטייט זיך, עס זײַנען דאָ אַזעלכע גליקלעכע מישפּאָכעס, ווען מע ווערט טאַטע־מאַמע צום יאָר, צי אַפילע פריִער... נו, איז וואָס? טײַערע מײַנע, זײַ זיכער, אָט אַזוי ווי איך בין זיכער, — אונדזערע קינדער וועלן אַלע קומען אויף דער וועלט, זיי מוזן קומען, ווײַל זיי וועלן זײַן קינדער פון אונדזער גרויסער ליבע.

איצט קומט גאָר אויס, אַז ס'איז גוט, וואָס זי איז ניט געוואָרן שוואַנגער. אָבער עס איז דאָך אַזאַכנוויי צו דער דאָזיקער גוטסקײַט... ווו זשע איז דער אויסוועג פון איר לאַגע? וואָס זאָל זי טאָן? זי הייבט עס ניט אָן צו וויסן...

אין עטלעכע טעג אַרום, האָט זי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אינמיטן באַנאַכט, דערפילנדיק, אַז יאַקאָוו שלאָפט ניט, געזאָגט אים שטיל־שטיל:

— יאַקאָוו, וועסט ניט זײַן אויף מיר באַרויגעז, אויב כ'וועל דיר עפּעס זאָגן?

— ניין, פאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל ניט זײַן אויף דיר באַרויגעז. — האָט ער געזאָגט. — ווי קען איך זײַן אויף דיר באַרויגעז? פאַרוואָס?

— זאָגסט מיר צו? — האָט זי געפרעגט שעפּטשענדיק. — הער מיך אויס.

ער איז שוין אינגאַנצן געוואָרן וואַכנדיק, און זי האָט געפילט ניט בלויז דעם שמייכל זײַנעם, נאָר אַפילע די וואַרעמקײַט, די ליבע, מיט וועלכער ער קוקט אויף איר אין דער שטאָקפינצטערניש פונעם צימער.

— און טאָמער קלײַבסטו זיך מיר זאָגן, אז דו האָסט מיך ניט ליב? וואָס זשע, זאָל איך דעמלט אויך ניט זײַן אָף דיר ברוגעז?

— אוי, יאַקאָוו, ווען דו ווייסט, וויאַזוי איך האָב דיך ליב... ווי טײַער דו ביסט מיר... נאָר קיין קינד וויל איך ניט... דערווײַל...

— וואָס? — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די קאָלדרע, און זיך געגעבן א זעץ אוף אפן געלעגער. — וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס? זאָג נאָכאמאָל...

לוציע האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם, זיך צוגערוקט, ווי ווײַט מעגלעך צו דער וואַנט, ווי זוכנדיק אין דער קאַלטער וואַנט אַן אָנשפּאַר, ווײַל אַנדערש וואָלט זי געקענט אַראָפּפאַלן אין א טיפן אָפּגרונט.

— פאַרוואָס שווײַגסטו? פאַרוואָס שווײַגסטו, פרעג איך בא דיר, — ער האָט גערעדט הייך און בייז, אפילע ניט טראַכטנדיק, אז ער קען אופוועקן מערען, און דעריקערשט, — לוציע האָט אפילע ניט געוווּסט, אז אַזויפיל בייזקײַט קען זײַן אין זײַן קאָל, — נו, זאָג נאָכאַמאָל, וואָס האָסטו ערשט געזאָגט... עפּשער האָסטו גערעדט פון שלאָף? צי עפּשער האָט זיך מיר געכאָלעמט... א ווילדער כאָלעם...

— דערווײַל... — האָט יאַקאָוו דערהערט איר ציטערדיקע שטים, אזא נעבעכדיקע און אומבאהאָלפענע, אז עס האָט אים אַרומגעכאַפּט א גרויסער ראַכמאָנעס אָף איר. ער האָט אופגעהויבן די קאָלדרע, אײַנגעדעקט לוציען, זיך ווידער אַנידערגעלייגט, און געזאָגט, אָטעמענדיק איר גלײַך אין נאַקן:

— באַרויִק זיך, באַרויִק זיך, מײַן טײַערע... און לאָמיר מער דערפון ניט ריידן... דערווײַל...

— ביסט ניט ברוגעז אָף מיר, יאַקאָוו? — זי האָט זיך אויסגעקערעוועט צו אים מיטן פּאָנעם.

— איך בין ניט ברוגעז אָף דיר. נאָר איצטער — שלאָף. מיר דאַרפן שוין אײַנגיכן אופשטיין.

ניט זי און ניט יאַקאָוו זײַנען שוין די נאַכט מער ניט געשלאָפן. ביידע האָבן זיי געמאַכט דעם אָנשטעל, אז זיי שלאָפן — זיך געסטאַרעט אָטעמען שטיל, רויִק, גלײַכמעסיק, פילנדיק דערבײַ, אז ביידע ווייסן זיי דעם עמעס, ביידע מאַכן זיי דעם אָנשטעל... דערווײַל...

זייער א שווערע רעטעניש האָט לוציע פאַרגעבן יאַקאָוון. אז ס'איז ניט גלאַט אַזוי קיין קאַפּריז — איז ער זיכער געווען, אז זי האָט ניט פּאָשעט פון דער העלער הויט געזאָגט בא־נאַכט די שרעקלעכע ווערטער — האָט ער געוווּסט, ער האָט פאַרשטאַנען, אז הינטער דעם שוידערלעכן טאָך פונעם מעשונע־מאָדנעם פאַרלאַנג אירן איז פאַרבאָרגן עפּעס א סאָד, צי אַן אײַנריידעניש, צי א מוירע. אָבער וואָס, האָט ער ניט געוווּסט.

זײַענדיק געטרײַ זײַן נעטיִע צו שפּאַסן, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין:

— אַזוי ווי דו ביסט פון שטענדיק אָן א קנאַפּער בעריע טרעפן רעטענישן, רעכן, אז דאָס האָסטו באַקומען, צי דו האָסט זיך אַליין גענומען, אַן אופגאַבע, זייער א שווערע, ביז גאָר א קאָמפּליצירטע אופגאַבע. מיט אָן א שיר איקסן, איגרעקן, זעטן... אַן אופגאַבע, ווו צוויי געגעבענע זײַנען באַוווּסט, צוויי פון אָן א שיר אומבאַוווּסטע... די באַוווּסטע געגעבענע זײַנען: דו האָסט ליב דײַן ווײַב, און דײַן ווײַב האָט דיך ליב... און דאָס איבעריקע — זײַ א בעריע — דערגיי דעם סאָד, וויאַזוי האָט זי געקענט מיטאַמאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם, פון וואָס זי האָט אַזוי געטרוימט, צו וואָס זי האָט זיך אַזוי געצויגן, און וואָס שטעלט מיט זיך, אייגנטלעך, פאָר דעם יעסאָד פון יעדער מישפּאָכע — זי וויל ניט קיין קינד... זי, וועמען די נאַטור אַליין האָט באַשאַפן זײַן א מאַמע... אויב דאָס קינד אירס — אונדזער קינד — וועט יאַרשענען כאָטש אין דער קלענסטער מאָס איר שיינקײַט, איר גוטסקײַט, איר כאָכמע און אַרבעטספּייִקײַט, אַרבעטזאַמקײַט — וועט אויסוואַקסן א שיינער מענטש, און מע טאָר דאָס לעבן ניט מאַכן אָרעמער מיט אַזא מענטשן. זי האָט דאָך נאָך ערשט ניט לאַנג, מיט אַן אופריכטיקן צאַפּל, ווי א שולדיקע, געקוקט אָף אים מיט אירע טײַערע צוויי אויגן און געשעפּטשעט: „וויידער גאָרניט...” און באַרויִקן פלעגט זי זיך ניט גיך. ער פלעגט דאַרפן זייער לאַנג דערציילן איר עמעסע און אויסגעטראַכטע געשיכטעס וועגן פאַמיליעס, ווו דאָס קינד איז געבוירן ניט אײַנגיכן נאָך דער כאַסענע... און מיטאַמאָל... נא דיר גאָר אַזוינס... ער האָט געמוזט דערגיין דעם סאָד איבער א סאַך טײַמים, נאָר איבערהויפּט דערפאַר — אין דעם האָט ער ניט געצווייפלט — ווײַל אָף דעם דאָזיקן סאָד ליגט א שווערער שטיין, וואָס דריקט איר האַרץ, וואָס ציט, ווי א שווערע מאַסע, די הענט אירע אָף אַראָפּ, וואָס לאָזט זי ניט אָטעמען פרײַ, וואָס פאַרשטערט איר דאָס גליק און דאָס לעבן, וואָס מאַטערט זי, יאַקאָוו ווייסט, אז קאָלזמאַן ער

וועט ניט אנטפלעקן די סיבע פון דער דאַזיקער סוידעספולער פארוואנדלונג לוציעס, וועט ער אויך ניט קענען פריַי אָטעמען.

די דאַזיקע אופגאבע האָט יאקאָוו אף פאפיר ניט פארשריבן, ווי ער טוט געוויינלעך מיט אופגאבעס. די דאַזיקע האָט ער געפרווּט לייזן אין קאָפ.

אין די ערשטע קלאסן האָט מען אים געלערנט אן אופגאבע אָנהייבן לייזן פונעם סאָף. אזוי וועט ער איצט אויך טאָן. וואָס זשע, הייסט עס, פרעגט זיך אין דער אופגאבע? פארוואָס... אאוו. עפשער האָט געהאט א געוויסע ווירקונג אפן דאַזיקן בארבארישן באשלוס לוציעס דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט איר שוועסטער? אָבער צוריק גערעדט, האָט זי דען געהאט פארגעסן וועגן דעם, און ערשט איצט זיך דערמאָנט? ס'א נארישקייַט אזוי מיינען. שוין זעקס יאָר, ווי דער וויטעק גייט איר נאָך פוסטריט, לאָזט ניט פארגעסן וועגן זיך — ריידן רעדט זי ניט דערפון, בלויז איין מאָל דערציילט אים און — אויס, — און וואָס ס'איז שייַעך טראכטן, טראכט זי מיסטאמע, ווען עס טוט זיך א טראכט, אָבער געדענקען געדענקט זי — מערע איז א שטענדיקע, אן עמעסע דערמאָנונג. און ער קומט צום אויספיר, אז די דאַזיקע האשאָרע קען מען געוויס אָפּווארפן. וואָס נאָך האָט געקענט צווינגען לוציען זאָגן אים דעמלט, באנאכט, יענע ביטערע ווערטער? עפשער האָט געטראָפן אן אומגליק, מיט אן ארבעטערן פון זייער פאבריק, מיט א קימפעטאָרן? ווייַזט אויס, אז ס'איז אויך ניט דאָס. לוציע דערציילט אים שטענדיק וועגן אלץ, וואָס עס קומט פאָר אף דער פאבריק — סייַ וועגן פריידיקן, סייַ וועגן אומאָנגענעמלעכקייַטן. אף וויפל ער ווייסט, איז דער טראגישער פינאל אין אנאלאָגישע פאלן ניט קיין פלוצעמדיקער — זי וואָלט אים געוויס דערציילט, מיסטאמע אליין געלאָפן אינעם געבורט־הויז, עפעס געגרייט פאר דער קימפעטאָרן, און געוויס געבעטן אים, יאקאָוון, זיך דערוויסן, צי האָט עמעץ פון זייַנע קאָלעגן א באקענטן פראָפעסאָר, ווי ס'איז שוין ניט איין מאָל געווען, צום בייַשפיל, ווען דער עלעקטראָמאָנטיאָר זייערער האָט באקומען אן ערנסטע טראוומע, און דערנאָך, ווען איר כאווערטעס מוטער האָט געהאט א שווערע האַרץ־אטאקע, און מע האָט מוירע געהאט פאר איר לעבן. נאָר לאָמיר זאָגן, אז דערוווּסט האָט זי זיך וועגן דער קימפעטאָרן שפעט, ווען העלפן האָט מען שוין ניט געקאָנט — איז דאָך לוציע ניט קיין קליינמוטיקע, ניט קיין פאכדן, ניט קיין היסטערישע פרוי, וועלכע מעסט צו צו זיך יעדער געשעענעם אומגליק, וועגן וועלכן זי דערהערט. זי איז א דרייסטע, זי האָט א שטארקן כאראקטער און דערצו איז זי נאָך א כאכאָמע. פאלט אָפ די דאַזיקע האשאָרע אויך.

ווו זשע נעמט מען א דריטע האשאָרע? זי מוז דאָך זייַן... אהא, פאראן א דריטע אויך. עפשער איז זי פאָשעט מיד, זי האָרעוועט אף דער פאבריק, האָרעוועט אינדערהיים, לאָזט קיינמאָל ניט, אז ער, יאקאָוו, זאָל איר צוהעלפן אין דער באלעבאטישקייַט. „אוי, מע דארף ניט, איך וועל אליין" — הערט ער אלעמאָל, ווי נאָר ער וויל צונעמען די טעלער פון טיש, אויסוואשן א גלאָז, צי צוגיין אין קלייט. עפשער האָט זי בוילעט זיך געגעבן א שטעל פאָר וויפל ארבעט, זאָרג, אומרו, שלאָפלאָזע נעכט עס האָט א מאמע פון א פיצל קינד, און וויפל זי אליין האָט געהאט אויסצושטיין פון מערען — און זי איז נאָך פאָשעט ניט גרייט אָנהייבן אלץ פון אָנהייב... דערווייַל... די דאַזיקע האשאָרע לאָזט ער איבער, ווייַל עפעס אנדערש קען ער ניט צוטראכטן. כאָטש די ספייקעס זייַנען צו נישטיק, צו קליין און דעריקערשט ווייַט פון קלוג, קעדיי עס זאָל אָנגענומען ווערן אזא וויכטיקער באשלוס.

אינגיכן אָבער איז אויסגעקומען אָפּווארפן די דאַזיקע האשאָרע אויך. לוציע אליין האָט אים געצוווּנגען דערצו.

אנומלטן, אומקערנדיק זיך אהיים, איז מערע אים פארלאָפן אין הויף דעם וועג, און שטארק א צופרידענע, א שייַנענדיקע, מאמעש א גליקלעכע, אָנגעזאָגט אים:

— טאטע, זאָלסט ארייַנגיין אין שטוב אף די שפיצפינגער, און מיט דער טיר זאָלסטו ניט קלאפן, דו זאָלסט זי צומאכן פאמעלעך, שטיל־שטיל... שוריק איז בא אונדז... ער שלאָפט איצט, האָט די מאמע מיר געהייסן גיין דערווייַל אין דרויסן זיך שפילן, ווייַל איך קען אים אופוועקן.

— און ווער איז שוריק? — האָט ער געפרעגט.

— מאשעס ברודערל. מאשע! — האָט מערע א רוף געטאָן.

— וואָס? — האָט זיך אָפגערופן א בלאָנדהאָריק מיידעלע, וואָס האָט זיך געשפילט אין זאמד. — מערע האָט געלאָזט הענגען איר פראגע אינדערלופטן.

— איר ברודערל, — האָט זי געזאָגט יאקאָוון.

— ווי זשע קומט צו אונדז שוריק? — האָט ער געפרעגט און גענומען מערען אף די הענט.

— באַ זײַן מאַמען, באַ דער מומע דוניע, טוט ווײ אַ צאָן, אַז זי קען שוין מער ניט אַרי־בערטראָגן, האָט זי אונדז אַרײַנגעטראָגן שוריקן און אַליין אוועק צום דאָקטער.

אויף די שפּיצפינגער, מיט מערען אויף די הענט, איז יאַקאָוו אַרײַן אין שטוב, ער האָט אַזוי שטיל געעפנט און פאַרמאַכט די טיר, אַז לוציע האָט גאָר ניט געהערט, ווען ער איז אַרײַן. דערזען האָט זי אים שוין דאַן, ווען ער איז, מיט מערען אויף די הענט, שטיין געבליבן לעבן דער קאַנאַפּע, ווו זי איז געזעסן און געוויגט שוריקן אין שויס. צי עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער כאַפּט זיך אויף, צי עס האָט זיך איר פּראָסט פאַרוואָלט נעמען דאָס פּיצל אויף די הענט, צוטוליען דאָס גופּעלע צו זיך, אָנרירן מיט די ליפּן זײַן וואַרעם שטערנדל, און גאָר־גאָר לײַכט אַ בלאָז טאָן אויף די דינינקע הערעלעך זײַנע, אַז זיי זאָלן זיך געבן אַ באַוועג אויף זײַן ווייכן מויעכל... דערזעענדיק יאַקאָוון מיט מערען אויף די הענט, האָט זי זיך פאַרויטלט, פאַרלוירן, אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויפן קישן, גענומען מערען באַ יאַקאָוון פון די הענט, אַראָפּגעלאָזט זי אויפן דיל, און פאַרשעמט געזאָגט:

— כ'האָב נאָך ניט דערוואַרעמט דאָס עסן... כ'האָב מוירע געהאַט, אַז ער זאָל זיך ניט אויפכאַפּן... יעוודאָקיע האָט געזאָגט, אַז זי וועט באַלד קומען, און ווי אין וואַסער אַרײַן.

מערע האָט געזאָגט:

— אויב די מומע דוניע איז אין וואַסער אַרײַן און וועט מער ניט קומען — וועלן מיר שוריקן נעמען צו זיך.

לוציע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, יאַקאָוו האָט געזאָגט:

— נו, און וואָס וועט אויף דעם זאָגן שוריקס טאַטע? האָסט אַ טראַכט געטאָן?

ווי זי וואָלט וועגן דעם טאַקע טראַכטן, און אַפילע שוין האָבן צוגעטראַכט, האָט זי געענטפערט:

— מיר וועלן אים לאָזן מאַשען.

אַזוי־אַרום האָט זײַן דריטע האַשאָרע זיך אויך אַ וואַקל געטאָן, נאָר נאָך ניט אומגעפאַלן.

אינגיכן נאָך לוציעס אַכטונג געבן אויף שוריקן, אין אַן אָפּרו־טאָג, איז לוציע אַרויס מיט מערען אין הויף. מיט זיך האָט לוציע אין אַ קליין קוישעלע מיטגענומען שפּיזלען און עט־לעכע קנײַלעכלעך ווײַסע וואָל — זי האָט געשטריקט מערען אַ וואָלענע פּאַטשיילע. אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט יאַקאָוו אַרויסגעקוקט אין הויף — ווו זײַנען זיי ערגעץ אַזוי לאַנג, וואָס טוען זיי — דערזען מערען — זי האָט געשפּילט אין „קלאַסן". לוציע איז געזעסן אויף אַ באַנק, אונטער אַן אַקאַציע־בוים. איר קוישעלע מיט די שפּיזלען, מיט די קנײַלעכלעך וואָל, מיט דער אָנגעהויבענער אַרבעט, איז פאַרגעסן געלעגן לעבן איר, און זי האָט מיט איין האַנט געוויגט אַ וויגל, מיט דער צווייטער, אַנגעבויגענערהייט, זיך געייסעקט אונטערן צעראַטענעם דעכל פונעם וויגל, פונוואַנען ס'האָט זיך געהערט אַ קינדערש געוויין.

יאַקאָוו איז אָפּגעגאַנגען פונעם פענצטער.

ווען לוציע מיט מערען האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט יאַקאָוו געפרעגט:

— האָסט גענומען שעפּטום איבער שוריקן?

לוציע האָט געזאָגט:

— ס'איז ניט שוריק, ס'איז בראָניעטשקע. כײַקע ליפּאַקס טעכטערל, ס'איז אונדזערע אַ שכיינע פונעם ערשטן שטאָק. כײַקע האָט מיך געבעטן, אַז כ'זאָל אַ קוק טאָן נאָך איר קינד, סײַווי זיץ איך אין הויף, און זי דאַרף דרינגענד אָפּטאָן עפּעס אַ שטיקל אַרבעט אין שטוב. כ'האָב איר דען געקענט אָפּזאָגן?

21

אין אָט די אַלע טועכצן אירע האָט לוציע געזוכט בלויז איינס: שטילן די בענקעניש נאָכן ניט געבוירענעם קינד, נאָך איר אייגן קינד, וואָס זי וואָלט אַזוי וועלן. מיט אַזויפיל צאַרטקײַט באָדט זי דאָס פרעמדע קינד, וויגט עס אין וויגל, טוליעט צו זיך. אָבער די בענקע־ניש בלײַבט, די בענקעניש ווערט וואָס אַמאָל טיפער, צעוואַקסט זיך און לאָזט זי ניט רוען. ווי גליקלעך זי וואָלט געווען — טראַכט לוציע — ווען ס'ווערט באַ זיי געבוירן אַ קינד... זי שטעלט זיך פאָר: אין שטוב באַ זיי איז שטיל, געמיטלעך, יעדערער פאַרנעמט זיך, אָפּדער־נאַכט, מיט זײַן אַרבעט. מיטאַמאָל דערטראָגט זיך פון וויגל דעם קינדס געוויין. זי וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעטן און לאָזט זיך הענדום־פּענדום לויפן... ניין, בעסער אַזוי: יאַקאָוו, אַ

פארלוירענער, מיטן ווייַנענדיקן קינד אף די הענט, גייט אריַין אין קיך, ווו זי פּאָרעט זיך בא דער פּליטע, און זאָגט:

— נעם אים, ער וויל שוין מיסטאמע עסן...

זי נעמט גליַיך דאָס קינד פון זיַינע הענט, לויפט אריַין אין צימער, און בעט אים:

— קערעווע זיך אָפּ, יאקאָוו. — און אליין וועט זי צוטוליען דאָס קינד צו דער אנטבלויזטער ברוסט, דערפילן זיַינע ווייכע ליפּעלעך, זיַינע בעקעלעך, קוקן, ווי ער פארמאכט פון טייַנעג די אויגן, זויגנדיק איר פולע ברוסט. זי וועט מיטן כאלאטל פארשטעלן זיך די ברוסט, און קוקן א שייַנענדיקע אף איר יאקאָוון, וועלכער וועט ניט אָפּגיין פון זיי. עס מאָלט זיך איר נאָך א בילד: אינמיטן נאכט כאפּט זי זיך אוף, און פילט מאמעש א באדערפעניש אויסציִען די האנט, אָנטאפּן אינדערפינצטער, לעבן בעט דאָס לאָזע־וויגל, ווו זייער קינד וועט אָט־אָט אופכאפּן זיך, אויב זי וועט עס ניט געבן א וויג צו... און באָדן וויל זי איר אייגן קינד, לייגן עס אין די פּעלישקעס אין א מולטער מיט ווארעמער וואסער, אָנשפּארן זיַין קעפּל אין צוניפגעלייגטע, ווי א וויַיס קישעלע, פּעלישקע, און זאָגן: „יאקאָוו, האלט צו זיַין קעפּל", און אליין פאנאנדערנעמען דעם וויקל־שנור, די פּעלישקעס, דאָס קינד זאָל גליַיך אָנהייבן ארבעטן מיט די פיסלעך און מיט די הענטלעך, פּאטשן מיט זיי, ווי מיט וויַיסע, איידעלע וועסלעלעך איבער דער וואסער, און זי וועט אָנגעבויגענערהייט שטיין, זייער פּאָרזיכטיק גיסן אף זיַין גופל די ווארעמע וואסער פון דער מולטער. מערען וועט זי אָנזאָגן, פּונקט ווי איצט, ווען זי נעמט זי אמאָל מיט באָדן דער ארבעטערנס קינד: „פּאָרזיכטיק, מערע, זע די וואסער זאָל אים ניט טרעפן אין מויל". פאר יאקאָוון וועט זי אויך בייסן באָדן אָפּזוכן ארבעט: „יאקאָוו, גיב אכטונג, עס זאָל זיך ניט טרעפן, כאָלילע, מיטן הענטל אין אויג אריַין..." אוי, בענקט זי נאָך א קינד... אוי, כאלעשט זי האָבן א קינד, אז דאָס כּיַיעס גייט איר אויס.

אויסערלעך האָט זייער לעבן זיך קימאט ניט געענדערט. יאקאָוו לייענט אינטערעסאנט, מיט באגיַיסטערונג, ווי שטענדיק, זיַינע לעקציעס, לוציע ארבעט גוט, אָנגעשטרענגט, ביפּראט, אז איר בריגאדע איז געוואָרן א סטאכאנאָווישע, און זי, ווי אלע מיטגלידער פון דער בריגאדע, א סטאכאנאָווקע. אלע אינדערפרי גייט מערע גערן אפילע מיט אומגעדולד, אינעם קינדערגאָרטן. אמאָל פירט זי אָפּ לוציע, אמאָל — יאקאָוו, און אין די טעג, ווען זיי גייען איינציַיטיק אף דער ארבעט — ביידע אינייינעם. אָבער סיַי יאקאָוו, סיַי לוציע האָבן געפילט, אז אין זייער לעבן האָט זיך פיל געענדערט, און געענדערט, צום באדויערן, ניט צום בעסטן. די שטוב פירט לוציע, ווי זי איז געוווינט, באלעבאטיש: זי קאָכט, זי באקט, זי וואשט, זי ראמט, און אלץ טוט זי מיטן גרעסטן פארגעניגן — די ארבעט איז איר ליב — ניט ארויסוויַיזנדיק דערביַי קיין מינדסטן סימען פון מידקיַיט, פארהאָרעוועטקיַיט, פארקערט, אלעמאָל, בא א געלעגנהיַיט, גיט זי צו דערפילן יאקאָוון, ווי ליב עס איז איר די שטוביקע ארבעט, ווי אָנגעלייגט עס זיַינען בא איר די דאָזיקע פליכטן אירע. אָבער יאקאָוו כאפּט אוף ניט זעלטן איר צעשטרייטן בליק, א געוועגדעטן אָדער אין די טיפעניַשן פון איר אייגענער נעשאָמע, אָדער — אין אן אומבאגריַיפלעכער וויַיט, וווהין, וויַיזט אויס, זי איינע קען אריַינקוקן. פונזינט ער קען זי — האָט זי אזוי קיינמאָל ניט געקוקט אף דער וועלט און אף אים אויך, און אליין איז זי עפּעס ווי שטילער געוואָרן, בלאסער, צייטנוויַיז טרעפט, אז זי גייט ארום איבער דער שטוב ווי א שולדיקע, א פארלוירענע, א געהאָרכזאמע. ער סטארעט זיך ניט קוקן אף איר אין אזעלכע מינוטן, אָבער אפילע ניט קוקנדיק, פילט ער עס, יאקאָוו.

ער האָט אויך ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק, געענדערט זיַין ארט לעבן. צו די לעקציעס גיט ער זיך א גרייט צו, מיַידנדיק זיַין ארבעטס־צימערל, טאקע דאָ, אינעם גרויסן צימער, באם עס־טיש. ער האָט אופגעהערט שאָענוויַיז זיצן בא זיַין שריַיבטיש. ערשטנס, מאכמעס עס האָבן זיך אים טאקע אראָפּגעלאָזט די הענט, און אין קאָפּ קריכן נאָכאנאנד געדאנקען וויַיטע פון עכט־מאטעמאטישע פּראָבלעמען, און, צווייטנס, האָט ער ניט געוואָלט איבערלאָזן לוציען אויג־אף־אויג מיט אירע אומרוִקע מאכשאָוועס — אין דעם האָט ער ניט געצווייפלט — ער האָט געפילט, אז ער דארף איצט זיַין לעבן איר.

לוציען האָט סיַי געשראָקן, סיַי געכידעשט זיַין „פּוסטעפּאסעווען". זי האָט אים אזוי טאקע געזאָגט:

— יאקאָוו, עפּעס פּוסטעפּאסעוועסטו די לעצטע ציַיט. פילסט זיך עפּשער ניט גוט?

— איך פיל זיך גוט. און באם שריַיבטיש זיץ איך איצט ניט, וויַיל איך זאמל קויכעס צוליב א גרעסערער ארבעט.

— האָסט דען שוין פארענדיקט די אָנגעהויבענע? די פאראלגעמיינערונג פון אן אלטער טעאָרעם. האָסט מיר ניט געזאָגט.

— אַט דאָס האָב איך דאָך אײנזינען יענע טעאָרעם.

יאַקאָוו האָט געפילט: לוציע פאַרשטײט, אַז עפּעס איז דאָ ניט אַזוי, אַז ער באַהאַלט פון איר די עמעסע סיבּע פון זײַן איגנאָרירן דעם שרײַבּטיש. זי מאַכט דעם אָנשטעל בלויז, אַז זי גלײבט אים. גלײבט שווײַגנדיק. זי איז ביכלאַל לעצטנס געוואָרן אַ שווײַגערן. און דערי־בער האָט שוין יאַקאָוו אָנגעהויבן רײדן סײַ פאַר איר, סײַ פאַר זיך. עמעס, זײַנע רײד האָבן געהאַט אַ גאַנץ בוילעט־אויסגעשפּראָכענע טענדענץ, נאָר דאָ האָט ער שוין טאַקע גאָרנישט ניט געקענט העלפן.

ער האָט איר דערציילט:

— הערסטו, לוציע, הײַנט אינדערפרי, ווי נאָר איך זײַט אַרויס פון שטוב, דו מיט מע־רעז, האָב איך ניט געוואָלט זײַן דאָ אײנער אַלײן און אַוועק אין אינסטיטוט.

— בּאַ דיר איז דאָך געווען די צווײטע פּאָר. וואָס זשע האָסטו דאָרט געהאַט צו טאָן אַזוי פרי?

— אַרבעט, ווי דו ווייסט, קען מען שטענדיק געפינען. הער ווײַטער: כ׳בין געגאַנגען, געגאַנגען און פאַרבלאָנדזשעט אויף דער פראַנקאָ־גאַס...

— אַהאַ, — האָט זיך געכידעשט לוציע, — האָסט געמאַכט דעם עמעסן קרײַז. די באַבע כאַסיע האָט געהאַט אַ ווערטל, וואָס קען אָנגעמאָסטן זײַן צו דעם געגעבענעם פאַל: „מיט דער רעכטער האַנט דערלאַנגען דעם לינקן אויער".

— זאָגסט דאָך אַלײן, אַז כ׳האָב געהאַט אַ שלאַל מיט פרײַער צײַט ביז די לעקציעס, האָב איך דעריבער געזוכט און טאַקע געפונען פאַר זיך אַ שטיקל אַרבעט — געמאַכט דעם היפשן קרײַז. אַגוו, דאַרפסטו וויסן, אַז איך גײ איצט אָפטלעך אויף דער אַרבעט מיט אַט דעם וועג — ס׳איז בעפּיירעש זײער אַ שײנער וועג. מאָרגן גײען מיר דאָך מיט דיר אײנינעם אויף דער אַרבעט. איז אַט, אויב דו וועסט וועלן לאָמיר אַרויסגײן פון שטוב אַ ביסל פריִער און אויך אַזוי גײן. יאָ, גײ איך מיר, הײסט עס, אויף דער פראַנקאָ־גאַס, און כאַפּ אַ קוק אויף אַ גרויסאַר־טיקן מויער, ווו בּאַ אַ פענצטער פונעם צווײטן שטאָק, שטײען צווײ פרויען אין ווײַסע כאַ־לאַטן, מיט ווײַסע טיכעלעך אויף די קעפּ, און יעדערע פון זײ האַלט אין די הענט אַ לענגעכיק ווײַס פּעקעלע, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ פּיצינק פּענעמל. די פרויען דרײען די פּעקלעך אין די הענט, ווי באַרימענדיק זיך מיט זײ, און אויפן טראָטואַר שטײען עטלעכע מענטשן מיט פאַריסענע קעפּ, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און כידעשדיק צעעפנטע מײַלער.

איך האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט אונטערן פענצטער — דו ווייסט דאָך, איך האָב זיך געזוכט אַרבעט, פאַריסן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט די דרעמלענדיקע, פאַרפּענטעטע כעוורע־לײַט, און מיטאַמאָל דערהער איך אַ צופרידענעם קאָל:

— יאַקאָוו מאָסײעוויטש, אַ גוטמאָרגן!

איך טו אַ קוק — ס׳איז מײַן סטודענטל, אַ באָכערל פון אַ יאָר צוואַנציק.

— וואָס טוט איר דאָ, — פרעג איך אים, — פאַרוואָס זײַט איר ניט אויף די לעקציעס?

— איך בין הײַנט פאַרטאָג געוואָרן אַ טאַטע פון אַ זון, — זאָגט ער מיר שטאָלץ, מיט אַ געפיל פון זעלבסטווירדע, און באַווײַזט אויף אײנעם פון די צווײ פּעקלעך.

— איר האָט דאָך, — זאָג איך אים גאַנץ נאַרישעוואַטע, — ערשט צוריק מיט אַ כוידעש זיך דעמאָבילי־זירט. וואָס זשע, איר האָט כאַסענע געהאַט, זײַענדיק אין אַרמײ?

— נײן, — זאָגט ער, און כאַפּט אַלע מאָל אַ קוק אין פענצטער, — די כאַסענע האָבן מיר געפּראַוועט נאָך אײדער איך בין אַוועק אין אַרמײ. מיר האָבן זיך בײדע ליב נאָך פון דער שול.

ווײַזט אויס, דער באָכער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך פיר זײַן כעשבן, און דער כעשבן גײט זיך בּאַ מיר ניט צונויף, האָט ער מיך באַרויִקט:

— זײַט ניט כוישעד מײַן ווײַב, יאַקאָוו מאָסײעוויטש, — האָט ער קלוימערשט סאָליד גע־זאָגט, אָבער די איראָניע האָב איך געפילט, — כ׳האָב פאַראַיאָרן באַקומען אויף צען טעג אור־לויב. אַזוי אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

— נו, אויב אין אָרדענונג, — האָב איך געזאָגט, — איז גוט.

— יאָ, — האָט יאַקאָוו דערהערט לוציעס שטים, — אויב אין אָרדענונג — איז גוט. מאַשי־נעל האָט זי איבערגעכאַזערט זײַנע ווערטער, ניט מער.

און ווידעראַמאָל, נאָך אַ רעגע שווײַגן:

— אויב אין אָרדענונג — איז גוט.

ער האָט געקוקט אויף איר. זי איז געזעסן באַנאַנד אַ נאָענטע, אַ ליבע, און אײנצײַטיק אַן אָפּגעשײדטע, אַ פאַרטאָנענע אין מאָרעשכוירעדיקע געדאַנקען, ווילנלאָז געהאַלטן די הענט אַראָפּגעלאָזט און געקוקט ניט צו וויסן וווהין — צי אין די טיפענישן פון דער אײגענער

אומרויקער נעשאָמע, צי עפּשער געוואָלט א בליק טאָן אין זײַנער? א פּאָר מאָל האָט זי אפילע א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף „ניין", ווי זי וואָלט געפירט מיט זיך אליין א וויקועך, און זיך אליין דערווידערט. ער האָט לאנג געשוויגן, געזען זי, ווי דורך א נעפּל און אומגעריכט, א מע־ ווולועלער, אזוי ווי איבערגעלייענט — און דער נעפּל האָט אים ניט געשטערט, — אין אירע אויגן דעם ענטפער אף זײַן פראַגע, צי די לייזונג פון דער שווערער אופגאבע, וואָס טאַקע זי האָט געפאָדערט פון אים: „לייז די אופגאבע, זײַ אזוי גוט..." וויפל האָט ער זיך אָנגעמאַטערט און לייזן ניט געקענט, און מיטאמאָל — ווי עס טרעפט ניט זעלטן אין לעבן — אומגעריכט, דאכט זיך, געפונען דעם ענטפער.

— הער אויס, לוציע, טײַערע מײַנע, — נאָר ארויסגעבראַכט האָט ער די דאָזיקע ליבע ווערטער מיט יענער שטים, מיט וועלכער ער האָט גאָר לאַנג, ווי אין אן אנדער לעבן, ארויס־ געהויכט: „א קינד?" א שטים, וועלכע ער אליין קען ניט הערן, אזוי איז זי אים פרעמד, אזוי איז זי אים ווילד — זײַ זיך מאַטריעך, און קום אראָפּ צו מיר, ס'הייסט, קער זיך אום צו מיר פון יענער ווײַט, ווּהין עס האָבן דיך לעצטנס און איצט אויך, פאַרטראָגן — די געדאנקען דײַנע, ווי איך פארשטיי — און ענטפער מיר אף א פּאָשעטער פראַגע, וועלכע לאָזט מיך ניט צורו, און אף וועלכער איך אליין קען ניט געפינען קיין ענטפער: ווי מיינסטו, אז מע וועט מיר אין א שיינעם טאָג באַווײַזן דורכן פענצטער פונעם געבורט־הויז אף דער פראַנקאָ־גאַס אונדזער נעפעשל, וועלכן דו וועסט געבוירן, וועל איך אופהערן ליב האָבן מײַן מאַמע?

— דײַן מאַמע? — האָט זי איבערגעפרעגט פאַרכידעשט, נאָך אלץ, קענטיק, בלײַבנדיק אין יענער ווײַט...

— און זיך אויך בעסויכעם? — זײַן קאָל איז געווען בייז.

— זיך אויך בעסויכעם? — האָט זי שטיל זיך געכידעשט.

— יאָ, יאָ, סײַ זיך, סײַ דיך, סײַ סאָניען מיט מוישעלען, — ער האָט געשאָטן מיט ווער־ טער, מיט פראַגן, בייז, אקשאָנעסדיק, גיך־גיך, ווי ער זאָל ניט לאָזן איר קיין צײַט און קיין אָרט מעכאַניש איבערכאַזערן זײַנע רייד, — און מײַן ארבעט, און מײַנע לעקציעס און די זון, און די ליכטיקע שײַן, און דאָס לעבן ביכלאַל? הא, וואָס שווײַגסטו?

— וואָס שרײַסטו אזוי? — האָט זי געפרעגט מיט א געפאַלענער שטים.

— דו ענטפער מיר פריִער, וואָס איך פרעג דיך, דערנאָך וועל איך דיר זאָגן פאַרוואָס איך שרײַ.

זי האָט געשוויגן.

ער האָט געזאָגט:

— הייסט עס, אלץ און אלעמען וועל איך ליב האָבן, ווי כ'האָב ליב געהאַט. אזוי דאַרף איך פאַרשטיין דײַן שווײַגן? דער גאַנצער צאָרן וועט זיך אויסלאָזן בלויז צו מערען?

זי האָט שטאַר געקוקט אף אים — א בלאַסע, א ציטערנדיקע, א פאַרלוירענע און א דער־ שראָקענע. „פונוואַנען האָט ער זיך עס דערוווּסט? — האָט זי פיבערדיק געטראַכט, — צי דען האָב איך אף א קאָל געזאָגט דאָס, וועגן וואָס איך האָב אפילע מוירע געהאַט צו טראַכטן. און עפּשער האָב איך דאָס געזאָגט פון שלאָף... כאָטש ביז אהער, דאכט זיך, האָב איך פון שלאָף ניט גערעדט... און כוץ דעם בין איך דאָך איצט ניט געשלאָפן, און קיין היץ האָב איך ניט געהאַט, אז איך זאָל ריידן פון היץ. פונוואַנען זשע האָט ער זיך דערוווּסט? און זי קומט צום אויספיר: „סײַדן דערפאַר, ווײַל מיר ביידע זײַנען, ווי איין מענטש".

קוקנדיק אף איר, האָט ער שוין ניט געצווייפלט, אז געטראָפן האָט ער אין סאַמע פינטל, און ס'איז אים מיטאמאָל געוואָרן גרינג אפן הארצן, ער האָט זי ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, און קושנדיק איר אָנגעבויגענעם קאָפּ גערעדט:

— און איך בין עס די גאַנצע צײַט זיכער געווען און אפילע זיך ניט איין מאָל באַרימט פאַר אנדערע אויך, אז מײַן ווײַב איז א כאַכאָמע. אז זי איז בא מיר א שיינע זען אלע אָן מײַנע דערקלערונגען, אָן מײַן באַרימערײַ. ערשט נא דיר — א כאַכאָמע, און זיך אזוי נאַריש געמאַכט. נאָר ניט געזאָרגט. ווי פלעגט אין אזעלכע פאַלן זאָגן דײַן באָבע כאַסיע? מע קען זיך א מאָל מאַכן נאַריש, אָבער מע דאַרף זיך דערנאָך קענען פאַריכטן.

ער האָט זיך צו איר אָנגעבויגן, א קוק געטאָן אין איר לויטער פּאָנעם און פונעם גאַנצן הארצן זיך צעלאַכט. זי האָט א ווײַלע געפינטלט מיט די אויגן, קוקנדיק אף אים, און ניט דרייסט א שמייכל געטאָן. אין דער ווײַלע איז מערע ארײַנגעלאָפן אין שטוב, דערזען, אז דער טאַטע לאַכט, האָט זי גלײַך פאַרשטאַנען, אז גלאַט אזוי וועט ער ניט לאַכן, מיסטאַמע שטעקט דערין א פריילעכע געשיכטע, וועלכע מע וועט איר באַלד אויך דערציילן, און ביז וואָס־ווען

דערוועַיל אַליין פריילעך זיך צעלאַכט. דער אייגענער געלעכטער האָט בײַ איר אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג נאָך שטאַרקער לאַכן, האָט זי געלאַכט, געלאַכט געשמאַק, מיט פאַרגעניגן, פּאַשעט געקײַכט פון געלעכטער.

ביפּראַט, אַז לאַכן איז זי בײַ זיי שטענדיק אַ באַלן.

22

סאָפּקאַלסאָף האָט זיך געשטעלט אַן עמעסער ווינטער. געקומען איז ער אומגעריכט. אין אָוונט האָבן נאָך אַן אופהער געקלאַפּט אין די שויבן גרויסע, ווי אַרבעס, טראָפּנדלעך, און גאַנצפרי, ווען לוציע האָט אַ קוק געטאָן אינדרויסן — האָט שוין דער שניי איבערגעפּאַרבט אין ווײַסן דעם אַרום. אַלע דעכער, וועלכע זי האָט געזען דורכן פענצטער, זײַנען געוועזן פאַרשפּרייט מיט שניי — אַפילע פונדערווײַטנס האָט זי געפילט, ווי גרינג, ווי פּוכקע און ווייך ער איז. דער שניי האָט באַפּוצט אַלע ביימער אין הויף, ווי ערעוו נײַ־יאָר באַפּוצט מען מיט וואַטע די פײַערלעכע יאָדלעס אין פיל הײַזער. שניי איז געוועזן אַף אַלע סטעזשקעס אינעם הויף, אינעם סעדל, שניי האָט פאַרשאָטן דעם גרינעם וואָליער מיטן ווײַסן זאַמד... און שנייען האָבן נאָך אַלץ געשאָטן און געשאָטן, אָן אַן אופהער געפאַלן פונויבן. נאָר פאַלן פון דער אומגעהייערער הייך זייערער האָבן זיי זיך ניט געײַלט. לוציע האָט אַ פאַרגאַפטע געקוקט, ווי זייווימלען לעבן דעם פענצטער, און עס קען זיך דאַכטן — מע דאַרף בלויז אַ קאַפּל פאַרזשמורען די אויגן צוליב דעם — אַז ס׳האָט עמעצער פונדרויסן פאַרהאַנגען די שויבן אירע מיט אַ פאָרהאַנג פון זייער שיינעם און דינעם, דורכזיכטיקן האַפּט, און אַ ווינט הוידעט אים אום, און דערפאַר וויגט ער זיך די גאַנצע צײַט פאַר די אויגן.

אַ סאַך מאָל האָט זי שוין געהאַט באַשטימט בײַ זיך און יאַקאָוו האָט זי אויך ניט איין מאָל געבעטן וועגן דעם — לאָזן צורו די אַלטע, ביטערע דערמאָנונגען, ניט אַרויסשלעפּן זיי בײַ יעדער געלעגנהײַט אַף דער ליכטיקער שײַן, זיי זאָלן טאַקע גוואַלדיק־ווײַטע, אָבער אַלצײַנס שוידערלעכע, אַפילע דורך דער ווײַטעניש זייערער — אַלע מאָל ניט קלעמען באַם האַרצן, אָבער וואָס זאָל זי טאָן, אַז זי קען ניט, זי וויל ניט און זי טאָר אַפילע ניט פאַרגעסן דעם אָנהייב פון איר לעבן, ווי זי קען ניט אַרוף אַפן דריטן שטאָק פון זייער דירע, מײַדנדיק די טרעפּ פון די ערשטע צוויי שטאָקן.

און אויך איצט, ווען עס קישעפט זי די שיינקײַט פונעם ווינטערדיקן גאַנצפרי, דערמאָנען זיך איר די ווינטערס פון איר קינדהײַט, מיט זייער בײַסיקער קעלט, מיט דער אויסגאַנגלאָזער פינצטערניש אין שטוב — דער טאָג קומט שפּעט, די נאַכט פאַלט צו פרי, און אַפילע זייער בלאַסער אַכטער לעמפּל האָט אויך אָן גאַז ניט געוואָלט ברענען, וויפל זאָלסט ניט אײַנדרייען דעם קנויט...

— יאַקאָוו, — זאָגט אים לוציע אַפן אויער, כאָטש ס׳איז איר אַ ראַכמאָנעס אים וועקן, ער איז נעכטן שפּעט געזעסן, אָבער אופוועקן דאַרף זי אים פאָרט — שוין צײַט אופשטיין — וועט זי אים, וועקנדיק, דאָך זאָגן עפּעס גוטס — יאַקאָוו, טו אַ קוק אינדרויסן — אַן עמעסער ווינטער. הייב אוף דעם קאָפּ, וועסטו זען אַ קישעפדיקע שיינקײַט.

יאַקאָוו קוקט אין פענצטער און שמייכלט צום פּראָסטיקן דרויסן.

— מערע, — שרײַט ער פריילעך, — אַנו, שטיי נאָר אוף, און טו אַ קוק, ווי שיין מע האָט אונדז אויסגעפּוצט דעם דרויסן...

דערנאָך איז אַוועק דער ווינטער. נאָכן ווינטער איז געקומען דער פרילינג. געקומען, קעדיי די שנייען פאַרוואַנדלען אין וואַסערן, אָנפּאָיען מיט די וואַסערן די ערד, ביז די טיפע טיפענישן, אויסבלויען, אויסלויטערן דעם הימל, און פאַרשפּרייטן מיט גרינע טעפּיכער די ערד, און ווען נאָכן פרילינג איז געקומען דער געבענטשטער זומער, האָט לוציע אין איינעם פון די ערשטע זומערדיקע טעג דערפילט דעם ערעוו מאַזלטאָוו. ניט לויט די אייביקע ווײַבערשע סימאָנים, האָט זי אים דערפילט, די סימאָנים האָבן נאָך איר לײַב ניט באַרירט, זיי זײַנען נאָך געווען ערגעץ אַפן וועג צו איר, אָבער דער פאָרגעפיל איז שוין געווען, דער גוטער פאָרגעפיל. ער האָט איר אַפילע געגעבן אָנצוהערן: „קענסט שוין גיין און דערפרייען דײַן יאַקאָוון”. זי האָט אים אָבער ניט געפאָלגט, דעם פאָרגעפיל, און ווען זי האָט זיך שוין אַפילע דערוואַרט אַף די סימאָנים, האָט זי נאָך אַלץ אָפּגעלייגט אַף שפּעטער דאָס אָנזאָגן אים די בסורע. אָפּגע־

לייגט, מאכמעס זי האָט געהערט פון פרויען, אַז אַ סימען קען אַמאָל פאַרפירן, צי, וואָס מע נעמט אַמאָל אָן פאַר אַ סימען — איז קיין סימען ניט.

טעג זײַנען געגאַנגען, זי האָט שוין מער ניט געצווייפלט אינעם גליקלעכן „ערעוו מאַזל־טאָוו", געוואָלט אַז יאַקאָוו זאָל אַליין דערקענען אָף איר, נאָר ער האָט צי ניט דערקענט, צי עפשער מוירע געהאַט אַ פרעג טאָן, טאָמער האָט אים זײַן גליק פאַרבלענדט, און דעמלט וואָלט זײַן פרעגן פאַרשאַפן איר צאַרעס. „די סימאָנים, — האָט זי געטראַכט, — זײַנען סימאָנים, אָבער מע דאַרף גיין צום דאָקטער, אין דער פרויען־קאָנסולטאַציע, הערן, וואָס וועט איר זאָגן דער דאָקטער, און ערשט דערנאָך — וועט זי דערציילן יאַקאָוון".

אַזוי האָבן זיך צונויפגעלייגט די אומשטענדן, אַז זי האָט פון טאָג אָף טאָג אָפּגעלייגט דעם גאַנג אין קאָנסולטאַציע, און שאַבעס, דעם 21־טן יון, האָט אַן עלטערע דאָקטערן, שפּיגלענדיק זיך אין איר פּאַציענטקע — לוציע האָט עס געפילט — געזאָגט:

— איר זײַט שוואַנגער שוין זעקס וואָכן.

אַהיים איז לוציע ניט געגאַנגען, זי איז געפלויגן, ווי ס'וואָלטן איר אויסגעוואַקסן פליגל. ווײ, ווײ, וויפל זי האָט געוואַרט אָף דער דאָזיקער גליקלעכער מינוט... וואַרטנדיק, וויפל ביטערע געדאַנקען איבערגעקלערט... זי פאַרשטייט, אַז איצט הייבט זיך ערשט אָן דאָס עמעסע וואַרטן, ווי עס האָבן געוואַרט, ווי עס וואַרטן און ווי עס וועלן וואַרטן אַלע טאַטע־מאַמעס אָף דער גאָרער וועלט. לוציע האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז היינט קען זי ניט אַרײַן אין שטוב וואָכעדיק, אַזוי ווי אַלע טאָג, און אָנזאָגן פּאָשעט און פּראָסט: „דו ווייסט, יאַקאָוו, שוין זעקס וואָכן, ווי איך בין שוואַנגער" — עס טויג עפּעס ניט. דעם דאָזיקן טאָג דאַרפן זיי ביידע, זי און יאַקאָוו, פאַרגעדענקען אָפן גאַנצן לעבן, און די בסורע דאַרף זי אים אָנזאָגן פײַערלעך... ווען, ווו און וויאַזוי — דאָס וועט זי ערשט צוטראַכטן. מאָרגן איז דאָך אַ רוטאָג.

דעריבער האָט זי גוואַלדיק דערפרייט זיך ווען, אַרײַנקומענדיק אין הויף, האָט זי נאָך פונדערווײַטנס, איידער זי האָט דערזען מערען, דערהערט איר פריידיקן אויסגעשריי:

— מאַמע, דעם טאַטנס אינסטיטוט פאָרט מאָרגן אין וואַלד, אין דער גרינער פּושטשע. אויב דו וועסט וועלן, זאָגט דער טאַטע, וועלן מיר אויך פאָרן. מאַמע, זאָג מיר, דו ווילסט, אַז מיר זאָלן פאָרן?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט זי פריילעך געזאָגט, און אין דער זעלבער ווײַלע האָט זי שוין געוווּסט ווו און ווען זי וועט אים אָנזאָגן די פריידיקע נײַס. די ווערטער, מיט וועלכע זי וועט עס אים זאָגן, וועט זי, ווי בלומען, מאָרגן אינעם וואַלד געפינען.

גרויס מי און אָנשטרענגונג האָט איר געקאָסט בלײַבן ביז מאָרגן אויג־אָף־אויג מיט אַזאַ גרויסער, מיט אַזאַ געגאַרטער פרייד אירער, ניט צעטיילן זי מיט יאַקאָוון, פון וואָס די צעטיילטע פרייד וואָלט געוואָרן נאָך גרעסער, נאָך שענער, נאָך טיפער. עטלעכע מאָל איז זי שוין גרייט געווען דערפרייען יאַקאָוון: „ווייסט...", אָבער אויב זי האָט באַשטימט, אַז מאָרגן, אין וואַלד, וועט זי אים אָנזאָגן וועגן דעם „ערעוו מאַזלטאָוו" — טויג ניט אויוועקער זײַן דעם אייגענעם באַשלוס.

פאַרטאָג האָט אין צווייטן צימער זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. יאַקאָוו איז אופגעשפּרונגען פונעם געלעגער, זאָגנדיק:

— מיסטאָמע האָט די טעלעפאָניסטקע, ווי עס מאַכט זיך איבערהויפּט פאַרטאָג, ווידער אַ טאָעס געהאַט. שלאָף, לוציע, שלאָף.

קיין טאָעס האָט די טעלעפאָניסטקע איצטיקס מאָל ניט געהאַט, מאַכמעס יאַקאָוו האָט ניט אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל. וועגן עפּעס האָט ער געפרעגט, צי גערעדט. לוציע האָט ניט געהערט ווען וואָס ס'איז געגאַנגען אַ רייד, נאָר ווען זי איז אַרײַן אין זײַן קאַבינעטל, האָט ער נערוועז — וואָס ס'איז, אַגעוו, ניט כאַרקטעריסטיש פאַר אים — געזוכט עפּעס אינעם מיטלסטן שופלאָד פונעם שרײַבטיש, צעוואָרפנדיק אין אומאָרדענונג זײַנע קסאָוויאַדן. דערבײַ איז ער געווען סײַ צעשטריית, סײַ אָנגעשטרענגט, און ניט גלײַך באַמערקט, אַז זי איז אַרײַן אין צימער.

— יאַקאָוו, וואָס האָט זיך געטראָפן?

— מע רופט מיך דרינגענד אַרויס אין ראַיקאָם פון פאַרטיי (גערופן האָט מען אים אינעם שטאָטישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט). איך זוך מײַן פּאַספּאָרט און מײַן מיליטערישן בילעט.

— וואָס זשע זוכסטו זיי אינעם שרײַבטיש? זיי זײַנען אינעם גרינעם בײַטל, ווו איך האַלט אונדזערע דאָקומענטן.

ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן. זי האָט אים געבראַכט די צוויי דינינקע ביכעלעך — איינס — אין אַ ברוין טעוועלע, דאָס צווייטע — אין אַ גרינעם, — און געזאָגט:

— יאַקאָוו, איך וועל גיין מיט דיר. גוט?

— בעשומויפן ניט... מערע קען זיך אופכאַפּן... זי וועט מיינען, אַז מיר זייַנען אוועקגעפאָרן אין דער גרינער פושטשע און זי איבערגעלאָזט אינדערהיים אליין. — לוציע האָט געזען, אַז יאַקאָוו שפּאַסט איבערגוואַלד.

— וועל איך דיך כאָטש אַ ביסל באַגלייטן...

— מע דאַרף מיך ניט באַגלייטן... וועסט מיך בעסער אַרויסגיין באַגעגענען... — ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך און געגלעט איר קאָפּ.

זי האָט דערפילט, אַז זיי צעשיידן זיך אויף לאַנג, אַז אין קיין שום גרינער פושטשע וועלן זיי ניט פאָרן, און קיין שום אויסערגעוויינלעכע ווערטער אויף אָנזאָגן אים וועגן איר שוואַנגערשאַפט וועלן שוין ניט זייַן, האָט זי אים געזאָגט פּראָסט און פּאָשעט, ווי עס האָבן אָנגעזאָגט זייערע מענער אַלע פאַרגאַנגענע דוירעס ווייַבער:

— יאַקאָוו, איך בין שוואַנגער... שוין זעקס וואָכן... נעכטן בין איך געווען אין קאָנסולטאַציע... כ׳האָב געוואָלט דיר וועגן דעם זאָגן מאָרגן, ס׳הייסט שוין הייַנט, אין וואַלד...

דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערזען טרערן אין זייַנע אויגן.

ער איז אוועק.

אין עטלעכע שאָ אַרום האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן.

— לוציע, — האָט זי דערהערט יאַקאָווס קאָל, — דו הערסט, לוציע, כ׳האָב זיך אַרייַנגעכאַפּט אין אַ צימער, וווּ ס׳איז קיינער ניטאָ, כוץ מיר... מע האָט אַ הער אַרויסגערופן נאָך אייניקע מייַנע קאָלעגן, אַנדערע כאַווייִרים אויך, מיט וועלכע כ׳בין מער אָדער ווייניקער באַקענט... הער מיך מיט קאָפּ: אינאָוונט, אָדער גיכער פון אַלץ באַנאַכט, וועט קומען נאָך אייַך אַ מאַשין און אָפּפירן אייַך אויפן וואָקזאַל. אויף דער מייַרעוו־גרענעץ איז ניט אינגאַנצן רויִק. דעם מאַרשרוט פונעם צוג, מיט וועלכן איר וועט פאָרן, וועל איך זיך דערוויסן. און דעמלט וועל איך דיר גלייַך אָנשרייַבן אַ בריוו „צום אופּאָדערן“, און ווען איך וועל האָבן אַן אַדרעס, וועל איך דיר אים שיקן. הער ווייַטער: פאַרפּאַקעווע אין אונדזערע צוויי קליינע טשעמאָדאַנען — אינעם שוואַרצן לעדערנעם און געלן דערמאַנטינענעם — דייַנע און מערעס זאַכן — דעריקער נעם ווינטערדיקע מאַלבושים, וואַרעמע מאַנטלען, שיך, גרעט, שאַלעכלעך. מייַנס זאָלסטו גאָרנישט ניט נעמען. דו הערסט, איך בעט דיך... יאָ, כ׳האָב זיך געקליבן די גאַנצע צייַט דיר זאָגן, אַז אַ מאַן דאַרף מען פאָלגן. דו הערסט, לוציע? און נאָך האָב איך שוין לאַנג געוואָלט דיך בעטן אַז דו זאָלסט מיר קויפן אַ נייַעם אָנצוג... אויב דו וועסט מיטנעמען מייַן געטראָגענעם, און נאָך אייניקע מייַנע זאַכן — וועסטו דאָך ניט וועלן קויפן מיר קיין נייַע... איך קען דאָך דיך... וואָס זשע, מייַנע קאַדרען זאָל איך ניט קענען? איצט הער סאַמע דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך וויל דיר זאָגן: דו זאָלסט זיך היטן, זאָלסט ניט האָרעווען איבער די קויכעס, ניט שלעפּן קיין שווערס, און עסן, ווי ווייַט מעגלעך, צו דער צייַט. זאָלסט היטן די קינדער. — אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט: „די קינדער“, האָבנדיק שוין אינזינען אויך דאָס קינד, וואָס דרעמלט נאָך אונטער איר הארצן. — זאָלסט היטן די קינדער... זאָלסט היטן די קינדער — האָט ער איבערגעכאַזערט, — דאַרף איך דיר עפּשער ניט אָנזאָגן, וועסט עס טאָן אַזוי אויך. און צוליב אונדז אַלעמען — זאָלסטו היטן זיך, טייַערע מייַנע...

אין טעלעפאָן־טרייַבל האָט מאָנאָטאָן אָנגעהויבן טוקען — טו־טו־טו... — זי האָט דאָס טרייַבל נאָך אַ ווייַלע געטוליעט צום אויער און פאַרזיכטיק אופגעהאַנגען עס אויפן גלאַנציקן אויערל פונעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט.

פונעם אַנטרעסאָל האָט זי דערלאַנגטביידע טשעמאָדאַנען, געבראַכט זיי אין צימער און אוועקגעשטעלט זיי אויפן טיש. סאַמע פון אָנהייב האָט זי זיך גענומען פאַרפּאַקעווען יאַקאָווס מאַלבושים, דעם בלויען וואָלענעם גאַרניטער, אַ ווייַס העמדל, אַ פּאָרל גרעט און די נייַע שוואַרצע שיך. אינעם צווייטן טשעמאָדאַנדל האָט זי אַרייַנגעשטופּט אירע און מערעס מאַלבושים. דאָס קוישל מיטן עסנוואַרג, וואָס זי האָט אָנגעגרייט צוליב דעם שפּאַציר אין דער גרינער פושטשע האָט זי אוועקגעשטעלט באַנאַנד — זי וועט עס מיטנעמען מיט זיך אין וועג.

אָט אַזוי האָט אין זייער לעבן זיך אַרייַנגעריסן די מילכאָמע. זי איז געקומען אין זייער שטוב, ווען דער הימל איבער דער שטאָט איז נאָך געווען בלוי און זומערדיק־שטיל, ווען די ערד אונטער די פיס האָט נאָך ניט געציטערט, אַ צעוויגטע פון פאַשיסטישע טאַנקען און האַרמאַטן, ווען דאָס מילכאָמע־פייַער האָט נאָך דאָ, אין שטאָט, ניט פאַרקוילט דעם אַרום, אָבער איר שוידערלעכער אָטעם האָט שוין געקילט דאָס בלוט אין די אָדערן, דער פייַערדיקער שטראָם האָט זיך שוין אַריבערגעקייַקלט איבער אונדזערע גרענעצן, און פאַרלעשן אים, דער שטיקן, צעטרעטן, איז נאָך געווען איבער אונדזערע קויכעס, וועלכע די סאָוועטישע שלאַכטלייַט האָבן ניט געקאַרגט, אָפּגעבנדיק די קויכעס ביזן סאָף, אינאיינעם מיט די לעבנס זייערע, קעמפנדיק מיטן וויסטן סוינע. דער פייַערדיקער שטראָם האָט זיך אַלץ ווייַטער און ווייַטער געקייַקלט

אַף מיזרעך, געסאַרפּעט די ערד, דערנעענטערנדיק זיך אויך צו דער וווּנדערלעך־שיינער מײַרעוו־אוקראַיִנישער שטאָט זייערע, די פיל אַנדערע שטעט אונדזערע, און שטעטלעך, און דערפער, און יישוווים.

ע פּ י ל אָ ג

די מילכאָמע האָט זיך שוין לאַנג פאַרענדיקט. אַנערעך אין אַ יאָר אַרום נאָכן זיג האָט מען יאַקאָוון דעמאָביליזירט, און ער האָט זיך אומגעקערט אין יענער מײַרעוו־אוקראַיִנישער שטאָט, פונוואַנען ער האָט אין אַ יוניקן קאַיאָר אָנגעהויבן זײַן שלאַכט־וועג, און וווּהין עס האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע לוציע מיט די קינדער: מיט מערען און וויקען. וויקע — פאַרצויגן פון וויקטאָריע, וואָס באַטײַט זיג — זיג פונעם לעבן איבערן טויט — איז געבוירן אין אַ פראָסטיקער פעוורַאל־נאַכט פונעם 1942 יאָר. נאָך דער מילכאָמע איז בא זיי געבוירן געוואָרן אַ זון — בינעם, אַ נאָמען נאָך יאַקאָווס מאַמע — בוניע, וועלכע איז געשטאָרבן אין דער עוואַקואַציע. בא מערען וואַקסט אַ טאָכטערקע — אַסיע. כאַסיע הייסט זי בא לוציען. לוציע הערט ניט אויף צו לויבן די כאָכמע פונעם לעבן. און די כאָכמע, — טראַכט לוציע, — איז אין זײַן אייביקײַט, אין זײַן אומענדלעכקײַט. ווידער לעבן אַף דער וועלט מערע, כאַסיע, לוציע און בוניע. עמעס, ניט יענע, אַנדערע. אָבער די איצטיקע וועלן פאָרט זײַן דער שוירעש פון יענע, פון די קינפטיקע. דעריקער איז וויכטיק, וואָס זיי וועלן זײַן, ווײַל דאָס לעבן וועט זײַן.

לוציע הייבט אויף די אויגן און קוקט אַף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס הענגט אַף דער קעגניבערדיקער וואַנט, צווישן צוויי הויכע און שיינע ווענעציאַנער פענצטער. פונעם פאָרטרעט קוקט אַף איר אַ שוואַרצכיינעוודיק, אַ שוואַרצברעמיק סימפּאַטיש מיידעלע אין אַ שטרענג שילעריש קליידל, אַף וועלכן עס איז אָנגעטאָן אַ ווײַס לופטיק פאַרטעכל. ס׳איז מאַשע. איגנאַט טראַפּימאָוויטשעס טעכטערל, דעם פעטער טראָפּים און דער מומע מאַריעס אייניקל. מאַשע איז מיט אַ פּאָר כאַדאָשים ייִנגער פון וויקען. די קינדער כאַווערן זיך, האָבן ליב איינע די אַנדערע. סײַ בא וויקען, סײַ בא מאַשען איז אַ יאָמטעוו, ווען מע זעט זיך. מע וווינט טאַקע ניט ווײַט איינע פון די אַנדערע — איגנאַט טראַפּימאָוויטש מיט דער פאַמיליע וווינט אויך אין די דאָזיקע קאַנטן אין אַ געגנטלעכער שטאָט, סאַכאַקל אַ שאָ דרײַ, אויב פאָרן מיטן אווטאָבוס, און נאָך ווייניקער, אויב זיך זעצן אין צוג, נאָר ווײַל דער צוג קומט אָן אין יענער געגנטלעכער שטאָט נאָך האַלבער נאַכט, איז גלײַכער פאָרן מיטן אווטאָבוס.

דער וועג געדויערט טאַקע ניט לאַנג, אָבער קיין צײַט קלעקט סײַווי ניט. שטענדיק געפינט זיך אַרבעט אין שטוב און אויסער דער שטוב. פונדעסטוועגן גיט זיך אָפּטלעך אײַן די כאַווערטעס אײַנריידן עמעצן פון די עלטערן פאָרן צוגאַסט — וויקען צו מאַשען, מאַשען צו וויקען. פאַריקן שאַבעס איז יאַקאָוו מיט וויקען און בינעמען געפאָרן צו איגנאַט טראַפּימאָוויטשן. זונטיק אינאָוונט האָט מען זיך אומגעקערט אַהיים — אַלע מאָלע סימכע. איצט וואַרט לוציע אַף געסט.

נאָך ביז דער באַפרײַונג איז איגנאַט טראַפּימאָוויטש, זײַענדיק אַ סטודענט פונעם מעדיצינישן פאַקולטעט באַם לוואָווער אוניווערסיטעט, געווען אין איין יוגנטלעכער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, ווו ער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט מאַריקן, מיט לוציעס שוואָגער.

איגנאַט טראַפּימאָוויטשן האָט פון טורמע באַפרײַט די רויטע אַרמיי אינעם 1939 יאָר. אין יענער מיליטערישער טייל איז ער געבליבן דינען אין סאַנבאַט. אינמיטן לערניאָר איז ער ווידער געוואָרן אַ סטודענט פונעם זעלבן אוניווערסיטעט, פונעם זעלבן פאַקולטעט, פונעם זעלבן פערטן קורס. עמעס, פיל פון יענע, מיט וועמען ער האָט אָנגעהויבן די לערע, זײַנען שוין לאַנג געווען צו יענער צײַט דאָקטוירים, אַנדערע זײַנען אומגעקומען אין די פּאָליציייִשע טפּיסעס, און אייניקע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דאָרט, האָבן, ווי ער, איגנאַט, געעפנט די לערנביכער און זיך געזעצט שטודירן מעדיצין.

ערעוו דער מילכאָמע מיט די פאַשיסטן האָט ער, זײַענדיק אין אורלויב, פאַרבראַכט בא די עלטערן קימאַט צוויי וואָכן. וועגן דער דאָזיקער צײַט הערט ניט אויף איגנאַט טראַפּימאָוויטש צו דערציילן.

לוציען געפעלט, ווי ער, אַ סאָלידער מאַנספאַרשוין, דער הויפּט־דאָקטער פון אַ געגנטלעכן שפּיטאָל, כאַזערט איבער אָן אָן אופהער, ווי אַ קליין קינד:

— די מאמע האָט געזאָגט... דער טאַטע האָט מיך געלערנט פּאַרוואָרפן נעצן, מאַכמעס כ'האָב שוין געהאַט א ביסל פאַרגעסן די קונץ... די מאַמע איז געווען באַצאַרנט — וואָס ער עסט ווייניק — דער טאַטע איז געווען צופרידן — פון דעם זונס אַלערליי אײַנפאַלן...

לוציע האָט אים אַפילו איינמאָל איבערגעשלאָגן די רייד, זאָגנדיק:

— איגנאַט טראַפּימאָוויטש, איך קען זיך אַפילו ניט פאָרשטעלן, ווי גליקלעך אײַערע טײַערע עלטערן זײַנען געווען, וואָס זיי זעען אײַך. אַפילו די מאַמע מיט איר אומצופרידנקײַט איז געווען געוויס איבערגליקלעך...

און וועגן איר, וועגן לוציען, האָבן די עלטערן זײַנע אים דערציילט זייער א סאַך, גע־לויבט זי אין טאָג אַרײַן.

די מילכאָמע מיט די היטלעריסטן האָט ווידער איבערגעריסן זײַן לערע. דעם מעדיצינישן פאַקולטעט האָט איגנאַט טראַפּימאָוויטש פאַרענדיקט שוין נאָכן קריג, אַף דער מילכאָמע האָט ער געדינט אין א פעלד־שפּיטאָל.

טראַפּים וואַסיליעוויטש איז בײַס דער אָקופּאַציע געשטאָרבן. די מאַמע, א האַלב־לעבע־דיקע, האָט דער זון נאָך דער מילכאָמע געגומען צו זיך, אין שטאָט, אוועקגעפאָרן איז זי פון איר שטיבל באַם טײַך, פון איר אַלטער היים, מיט א טאַני — ביז זי וועט געזונט ווערן. אין זייער שטיבל איז געבליבן א מישפּאָכע, וועלכע איז געלאָפן פון מײַרעוו אין די ערשטע מילכאָמע־שאָען, און וואָס ווײַטער לויפן האָט זיי שוין קיין קויעך ניט געקלעקט — א פרוי מיט צוויי פיצלעך קינדער.

צוריק אָין איר שטיבל, באַם ברעג פון טײַך, האָט זײַן מוטער זיך ניט אומגעקערט. ערשטנס, האָט זי זיך שוין ניט געקענט צעשיידן מיט די איריקע — מיטן זון, מיטן אייניקל, מיט דער שנור. און כוץ דעם, איז זי טאַקע געזונט ניט געוואָרן.

— נאָר שפּאַסן האָט מײַן מאַמע שטענדיק ליב געהאַט, אַבי די ווייטיקן פלעגן זי אָפּ־לאָזן, — דערציילט איגנאַט טראַפּימאָוויטש, — גנאַט, — פלעגט זי מיר זאָגן — האַ, גנאַט, מיילע, דאָס געזונט מײַנס קערסטו מיר ניט אום, דאָס פיל איך, מאַכמעס דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל אוועקפאָרן פונדאַנען. איז מאַך מיך כאָטש יינגער. ביסט דאָך עפּעס א דאָקטער בא מיר...

דעמלט האָבן אין זײַן שטוב געלעבט צוויי מאַשעס.

איצט איז געבליבן איינע — וויקעס כאַווערטע.

„און טראַפּים וועט נאָך זײַן, — טראַכט לוציע, קוקנדיק אַף מאַשעס פּאָרטרעט — און וואַ־סילי וועט זײַן — איז לוציע זיכער — נאָר זײַן וועלן זיי אויך אַנדערע, עפּשער אויך פישער, אָבער אַנדערע. בלויז ענלעכע מיט זייער מענטשלעכקײַט, מיט זייער ליבע צו האַרוואַניע, מיט דער געטרײַשאַפט און ברייטהאַרציקײַט זייערע".

מיט א שטיקל צײַט צוריק איז איגנאַט טראַפּימאָוויטש אַראָפּגעקומען צו זיי מיט אַן על־טערער פרוי, וועלכע לוציע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט דערקענט.

— נו, באַקענען אײַך, — האָט געזאָגט איגנאַט טראַפּימאָוויטש, — איז ניטאָ וואָס, איר האָט זיך אַמאָל באַקענט אָן מיר...

— לוציע... דו... איר זײַט עס לוציע? כ'וואָלט דיך... כ'וואָלט אײַך... בעשומויפן ניט וואָס ניט דערקענט... כ'וואָלט זיך פאָרשטעלן ניט געקענט, אַז איר, אַז דאָס מיידעלע... — האָט גע־שטאַמלט א פאַרלוירענע די פרוי.

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָט זי מיט די צוויי כעווירע געבראַכט אַף טראַפּים וואַסיליע־וויטשס פּורל אין יענעם ווינטן סאָפּהאַרבסטיקן טאָג די שוואַנגערע מערע. די דאָזיקע פולע, גרויע פרוי איז געווען יענץ יונג און שיין מיידל, וועלכע האָט אַזוי זאָרגעוודיק זיך געייסעקט דעמלט מיט לוציעס שוועסטער, מיט מערען. אויסגעטאָן איר די שיך — לוציע געדענקט אַלצ־דינג — פאַנאַנדערגעשפּיליעט און אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, פאַנאַנדערגעבונדן דאָס שאַלעכל, אונטערגעלייגט איר צוקאָפּנס א קישעלע...

יענער טאָג שטייט לוציען פאַר די אויגן, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן געווען.

— טאַניע, טאַטיאַנע לוואָוונע, — האָט געזאָגט איגנאַט טראַפּימאָוויטש, — וואָס גלאָצטו אַף לוציען די אויגן? האָסט דאָך אַזוי ליב ריידן — וואָס זשע האָסטו איצט אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער און שווײַגסט?

טאַטיאַנע לוואָוונע האָט צוגעדריקט לוציען צו זיך, ווי לוציע וואָלט זײַן א פיצל קינד, אָט אַזאַ, ווי דעמלט, ווען זי איז געשטאַנען בא דער זײַט און מיט שרעק צוגעקוקט, ווי אַן אומבאַקאַנט מיידל טוט מיט איר שוועסטער, וואָס זי וויל — טוט זי אויס, דרייט זי אַהער, אַהין...

— גערדענקסט, לוציע, — האָט געזאָגט טאַטיאַנע לוואָוונע, ניט אַרויסלאָזנדיק לוציען פון אירע אָרעמס, — טראָפּים וואַסיליעוויטש איז דעמלט געבליבן זיצן אַפן פּורל, און אין שטוב זײַנען מיר אַרײַן אינדרײַען, גערדענקסט? איך, סטעפאַן און באָריס. איצט בין איך געבליבן איינע פון די אַלע, מיט וועמען כ׳בין דעמלט געווען באַ אײַך. וועגן גנאַטס טאַטן ווייסטו. וועגן מערען ווייסטו אַוודאי און אַוודע, און איך ווייס נאָך וועגן בערלען און וועגן סטעפאַנען. זיי זײַנען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

פון אַלע אירע געוועזענע בריגאַדניצעס פון דער טריקאָטאַזש־פאַבריק, ווו זי האָט יונגערהייט געאַרבעט, פון אַלע אירע כאַסענע־געסט, באַגעגנט זיך לוציע בלויז מיט מאַריען. זיי זעען זיך אָפט. מאַריע האָט זי, עמעס אין יאָרן אַרום נאָך דער מילכאָמע, אָפּגעזוכט און די ערשטע געקומען צו איר.

מילכאָמע־צײַט האָט זיך מאַריע עוואַקויִרט אין סאַראַנסק. דאָרט האָט זי געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר אין אַ האַנטוואַרקער־שול, געלערנט איר מעלאָכע קינדער, וועלכע די מילכאָמע האָט געמאַכט פאַר יעסוימים. ווען אין אַ סאַראַנסקער קינדערהיים האָט מען געבראַכט פון לענינגראַד קינדער־דיסטראָפּיקער, איז מאַריע אַוועק אין יענעם קינדערהיים, און אויסגעקליבן סאַמע דאָס אויסגעצערטע, סאַמע דאָס נעבעכדיקע קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר דרײַ.

— אַפילע ניט הויט און ביין, ווי מע זאָגט אין אַזעלכע פאַלן, — האָט דערציילט מאַריע לוציען, בייס זייער ערשטער באַגעגעניש, — נאָר ביין — קיין הויט איז שוין אַף די ביינדעלעך אויך דאַכט זיך ניט געווען, עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז די ווונדן באַם קינד זײַנען אַף די ביינדעלעך...

מאַריע האָט אַלץ געטאָן, קעדיי ראַטעווען דאָס קינד, און עס האָט זיך איר אײַנגעגעבן. איצט גרייט זיך מאַריע ווערן אַ באָבע. איר אַניע און אַניעס מאַן האָבן געענדיקט דעם כעמישן פאַקולטעט פונעם היגן פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

אָבער סאַמע דאָס מערקווירדיקע אין דער דאָזיקער געשיכטע איז זייער אויסערלעכע ענלעכקײַט — אַניעס און מאַריעס. עס טרעפט זעלטן, אַז אַ טאָכטער זאָל אַזוי ענלעך זײַן אַף דער אייגענער מוטער. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די טנועס באַ אַניען זײַנען מאַריעס, דאָס אַרט ריידן — מאַריעס, דאָס אופאַסן דעם אַרום — מאַריעס, דאָס רעאַגירן אַף פאַרשיידענע אומשטענדן — מאַריעס. דערקלערט קען עס ווערן ניט בלויז מיט דעם, וואָס באַ מאַריען איז אַ שטאַרקער כאַראַקטער, נאָר אין דער ערשטער ריי מיט דעם, וואָס אַניע האָט ניט בלויז ליב מאַריען, נאָר מאַריע געפעלט איר, און זי סטאַרעט זיך אויך זײַן אַזאַ, ווי זי.

אָבער זייער אויסערלעכע ענלעכקײַט!

ווען מאַריע איז דאָס ערשטע מאָל, צוריק מיט אַ היפּש ביסל צײַט, געקומען צו זיי אין שטוב אַרײַן מיט איר אַניען, האָט לוציע זיך מאַמעש דערשראָקן און פאַרמאַכט די אויגן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט מיטאַמאָלביידע מאַריעס — מאַריען האָט זי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, גלײַך דערקענט — יענע מאַריע, וועלכע זי האָט אַמאָל, אַמאָל, צום ערשטן דערזען באַ אַ זאָקן־מאַשין, אַרײַנקומענדיק אין צעך, און די צווייטע — די איצטיקע מאַריע.

אַלע מאָל, ווען לוציע קוקט אַף דער איצטיקער מאַריען, זעט זי אויס אין אירע אויגן נאָך שענער, ווי זי איז געווען יונגערהייט.

איינמאָל, נאָך מאַריעס אַ וויזיט, האָט לוציע אַפילע געפרעגט באַ יאַקאָוון:

— יאַקאָוו, איאַ, מאַריע איז איצט נאָך שענער, ווי זי איז געווען אַמאָל?

— אַז דו ווילסט אַזוי — זאָל זײַן אַזוי — באַ מיר האָסטו געפוילט, — האָט ער געזאָגט.

— ניט וויל איך וויל, עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז ס׳איז אַזוי. און דיר? — האָט זי געפרעגט.

— מיר ווײַזט זיך גאָרנישט ניט אויס, נאָר איך גלייב דיר, — איז ער באַשטאַנען אַף זײַנעם.

— יאַקאָוו, נו, זאָג, — האָט זיך געבעטן באַ אים לוציע. וויקע האָט בייסמײַסע געקוקט אַפן טאַטן אַזוי, ווי איר וואָלט זייער נייטיק געווען, עפּשער נאָך וויכטיקער, ווי דער מאַמען אַפילע, וויסן, וואָס מיינט וועגן דעם דער טאַטע.

— וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, וואָס עמעצער איז שיין, — האָט לאַכנדיק געזאָגט יאַקאָוו, אַ שנעל געטאָן וויקען אין נאָז און אַוועק צו זיך אין קאַבינעט.

אינגיכן האָט וויקע זיך אַרײַנגעשלײַכט צום טאַטן אין צימער.

אַרויס איז זי פונדאָרטן אַף די שפּיצפינגער און שעפּטשענדיק איבערגעגעבן לוציען איר ווײַטערדיקן שמועס מיטן טאַטן וועגן מאַריעס שיינקײַט.

— מאַמע, איך זאָג דעם טאַטן: טאַטע, זאָג מיר, מאַריע פיאָדאָראָוונע איז איצט טאַקע שענער, ווי זי איז געווען יונגערהייט?

קוקט ער מיך אָן און פרעגט:

— און דו דאַרפסט עס וויסן צוליב וואָס? — און טוט מיך ווידער א שנעל אין נאָז.

— טאַטע, — בעט איך זיך בא אים, — נו, זאָג מיר... ניט וואָס איך דאַרף — פּאַשעט, איך וויל וויסן.

— אויב אַזוי, איז הער, וואָס איך מיין, — זאָגט דער טאַטע, — איך מיין, אַז יעדער מענטש, אויב ער איז א מענטש — איז אַף זײַן אויפן שיין. אָבער דײַן מאַמע איז אין מײַנע אויגן — די שענסטע, סאַמע די שענסטע. און ער האָט מיך א קוש געטאָן.

— טאַטע, — איך האָב גלײַך געפונען, וואָס פרעגן בא אים, — איך בין דאָך ענלעך אַף דער מאַמען — בין איך אויך אין דײַנע אויגן די שענסטע?

— אוי, ביסטו בא אונדז א פלוידערזאַק, — האָט געזאָגט לוציע, — כ'דאַרף גיין אין קיך, גרייטן וועטשערע.

יאַקאָוו אַרבעט, ווי ביז דער מילכאָמע, אינעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. איצט האָט ער א געלערנטע שטופע — ער איז דאָקטער פון פיזיש־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן. באַם פאַרטיידיקן די דיסערטאַציע איז איינער פון זײַנע אָפּאָנענטן געווען גריגאָרי איליטש. פאַראיאָרן איז גריגאָרי איליטש געשטאָרבן, יאַקאָוו איז געפאָרן אין מאָסקווע, אַף זײַן לעווײַע, ווו דער געלערנטער האָט די לעצטע יאָרן געוווינט.

אַף דער מילכאָמע איז יאַקאָוו געווען קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילעריע־דיוויזיאָן, און טאַקע זײַנע אייניקע אַרטילערישע אויסרעכענונגען פון יענער צײַט זײַנען געוואָרן דער גרונט פון זײַן דאָקטער־דיסערטאַציע. זײַן ליבע צו מאַטעמאַטיק האָבן געיאַרשנט מערע און בינעם. מערע איז א לערערן פון מאַטעמאַטיק אין א שול, און בינעם לערנט אינעם זיבעטן קלאַס. גרויסע צאָרעס פאַרשאַפט ער זײַן לערער פון מאַטעמאַטיק, און ער אַליין, בינעם, האָט אויך גענוג אויסצושטיין פון זײַן לערער, דער סיכסעך זייערער קומט פאָר איבער דעם, וואָס אַלע אופגאַבן, לייזט בינעם ניט אַזוי, ווי עס וויל דער לערער, ווי עס פאָדערן די לערנביכער.

— יאַקאָוו, — קלאָגט זיך לוציע, — דאַוויד יעפימאָוויטש האָט הײַנט ווידער געקלונגען צו אונדז. ער האָט געמיינט דיך טרעפן אינדערהיים. איך האָב מיט אים גערעדט. בינעם לייזט נאָך אַלץ די אופגאַבעס ניט אַזוי, ווי אַלע קינדער.

— אַנו, — זאָגט יאַקאָוו און שטרעקט אויס צו בינעמען זײַן האַנט מיט דער דלאָניע אַרוף.

בינעם פאַרשטייט, וואָס דער טאַטע מיינט, און דערלאַנגט אים זײַן העפט. יאַקאָוו קוקט אַף די געלייזטע אופגאַבעס, און לוציע זעט לויט אים, אַז ער איז צופרידן. ער זאָגט:

— אין דער נאָענטסטער צײַט וועל איך אומבאַדינגט צוגיין צו דאַוויד יעפימאָוויטשן. הערסטו, לוציע, פאָלג מיך, און האָב דערפון ניט קיין צאָרעס. מיר, אַשטייגער, געפעלט, ווי ער לייזט די אופגאַבעס. ער לייזט זיי אַף אַן אָריגינעלן אויפן, וואָס זאָגט איידעס וועגן דעם, אַז אין די אופגאַבעס זעט ער מער, ווי די געשטעלטע אופגאַבע, און כוץ דעם, וויל ער זאָגן עפּעס זײַנס... ניט איבערכאַזערן בלויז, וואָס דער לערער זאָגט... מײַן מאַמע פלעגט אויך האָבן פון מיר די זעלבע צאָרעס, וואָס דו האָסט פון בינעמען.

לוציען אינטערעסירט אין געגעבענעם פאַל דער ענטפער:

— אָבער דער ענטפער, בינעם, באַקומט זיך בא דיר א ריכטיקער? אַזוי ווי בא אַלע קינדער?

— יאָ, א ריכטיקער, ווי בא אַלע קינדער, — זאָגט בינעם און קוקט אַפן טאַטן. זיי שמייכלען איינער צום אַנדערן — ווי צוויי טראָפן ענלעכע — דער זון אַפן טאַטן.

וויקטאָריע — לוציעס פינקטלעכע קאָפּיע — איז א ביסל גראָד צעקריגט מיט מאַטעמאַטיק, כאָטש די אופגאַבן לייזט זי — עמעס מיט גרויס מאַטערניש — אָבער לייזן לייזט זי אַזוי, ווי עס פאָדערט דער לערער. זי האָט ליב ליטעראַטור. דער לערער פון דער רוסישער ליטעראַטור, נאַום לוואָוויטש, לויבט זי אַף אַלע פאַרזאַמלונגען פון די עלטערן. ער פילט אינטויִטיוו, זאָגט ער, — אַז זי וועט זײַן א שרײַבערן, און בעפיירעש א גוטע שרײַבערן. ער זעט עס לויט אירע שילערישע אַרבעטן.

— אָבער, — וואָרנט געוויינעלעך דער לערער, — לערנען וועט זי דאַרפן נאָך א סאַך, גוט און לאַנג באַאָבאַכטן דאָס לעבן, און דעריקערשט איז נייטיק אַז זי אַליין זאָל זײַן אַקטיוו אינעם לעבן.

דאָס ערשטע מאָל, דערהערנדיק אַזעלכע רייד וועגן וויקען, האָט יאַקאָוו, גייענדיק א היים פון דער פאַרזאַמלונג, אופגעלייגט געזאָגט לוציען:

— וואָס זײַנען מיר ערגער פון אנדערע? פאַרוואָס קומט עס אונדז, אַז עס זאָל בײַ אונדז אין דער מישפּאָכע ניט זײַן קיין איין שרײַבער, ווי ביז אהער? עפּשער וועט טאַקע פון אונדזער וויקען אוועקגיין אַ דינאַסטיע שרײַבער?

לוציע האָט געזאָגט יאַקאָוון ווערטער, וועלכע זי האָט זיך געקליבן אים שוין לאַנג זאָגן, אָבער איצט, אין פאַרבינדונג מיט וויקען זײַנען זיי געוועזן פּונקט ווי אָנגעמאָסטן:

— הערסטו, יאַקאָוו, ביז אונדזער וויקע וועט האָבן פון וואָס צו שרײַבן, וואָלסטו דערווײַל פּאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעשריבן אַלץ, וואָס דיר איז אויסגעקומען איבערלעבן בײַס דער מילכאָמע.

— וואָסי? כ׳בין דען געווען אַ קאָמאַנדאַרם? צי נאָך בעסער — געקאָמאַנדעוועט מיט אַ פראָנט, כ׳זאָל שרײַבן מילכאָמע־מעמואַרן? דו שטעלסט זיך פאָר, אַ מין ביכער־מאַבל עס וואָלט אַ פלייץ געטאָן, ווען יעדער קאָמאַנדיר פון אַן אַרטילעריע־דיוויזיאָן, פון אַ באַטאַליאָן, פון אַ ראָטע וואָלט פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך געזעצט שרײַבן זײַנע מילכאָמע־דערינערונגען?

— איך האָב אײַנזינען ניט דײַן זײַן אויפן פראָנט גופע, כאָטש דו האָסט סײַ וועגן די שלאַכטן, סײַ וועגן דער צײַט צווישן די שלאַכטן, סײַ וועגן דײַנע פראָנט־כאַווײרים דערציילט מיר אַזוי שיין און אינטערעסאַנט, אַז עס וואָלט זיך באַקומען שוין אײנמאָל אַ בוך. ס׳וואָלט געװוּנג געוועזן פאַרשרײַבן אַלץ אָט אַזוי, ווי דו האָסט מיר דערציילט, מער דאַרף מען גאָרניט. איבערהויפּט אָבער, מיין איך, איז וויכטיק, אַז זאָלסט באַשרײַבן די געשעענישן, פון וועלכע ביסט געוועזן ניט בלויז קיין אײדעס, נאָר אַן אומיטבאַרער אָנטײלנעמער — אינעם פאַשיסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, און שפּעטער — אינעם פאַרניכטונגס־לאַגער. דו מוזסט עס טאָן, קעדיי פאַרייביקן דעם אָנדענק פון יענע אַלע אומגליקלעכע, העלדישע, מוטיקע, טײַערע אונדזערע מענטשן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין יענעם גענעם און זײַנען פון אים ניט אַרויס. איך בין זיכער, אַז ס׳איז פּשוט דײַן הייליקער כויוו. אַ כויוו, וועלכן דו מוזסט באַצאָלן.

— ניט איצט, לוציע. שפּעטער, עפּשער.

— אויב אַזוי, — האָט זי אים דערויף געענטפערט, — וועל איך עס טאָן פאַר דיר און ניט שפּעטער, ווען־עס־איז, נאָר איצט, ניט אָפּלייגנדיק אין דער לאַנגער באַנק... דערציילן דיר, יאַקאָוו, ווי׳אַזוי איך רעכן עס טאָן? איך וועל באַשרײַבן גענוי אַלץ, וועגן וואָס דו האָסט מיר דערציילט. געוויינלעך, ניט אַלע פאַמיליעס האָב איך פאַרגעדענקט, עפּשער אַפילע ניט אַלע פּאַסירונגען וועט זיך מיר אײַנגעבן איבערגעבן אַזוי, ווי זיי זײַנען געוועזן, וועל איך בײַ דיר איבערפרעגן, ווען איך וועל דאַרפן, עפּעס־וואָס פאַרפינקטלעכן, אַז עס וועט מיר אויסקומען...

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — זייער גוט. אָט וועל איך אַ ביסל זיך באַפרײַען פון מײַן אַרבעט — טרעף, וואָס וועל איך דעמלט טאָן? האַ? איך זע שוין, אַז טרעפן קענסטו ניט. איך וועל נעמען אַלע דײַנע בריוו, וועלכע דו האָסט מיר געשריבן אויפן פראָנט, ווען כ׳האָב געהאַט אַן אַדרעס, — ס׳הייסט, אַן אַדרעס האָב איך שטענדיק געהאַט, האָסט נאָר ניט שטענדיק געוווּסט מײַנע אַדרעסן פון די קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגערן, כוץ דעם, האָט נאָך די פּאָטשט דאָרטן ניט וואָזשנע געאַרבעט. האַקלאַל, אַהין האָסטו מיר ניט געשיקט קיין בריוו. — הערנדיק זײַנע רייד, האָט לוציע געטראַכט: „אָן אַ שפּאַס קען ער זיך ניט באַגיין, מײַן טײַערער, — ” דערפאַר אָבער, ווי נאָר דו פלעגסט דאַביוועזן מײַן אַדרעס, פלעגסטו מיר קימאַט אַלע טאָג שרײַבן. אַזויאַרום, פאַר די אַנערעך צוויי יאָר, וואָס כ׳בין געווען אויפן פראָנט, און ניט בײַ די פאַשיסטן הינטערן דראָט, האָב איך פון דיר באַקומען בײַ אַ זעקס הונדערט בריוו. אַ שאָד, יענע ערשטע בריוו דײַנע, ביז אָקטיאַבער פונעם 1941, ביזן קאָנצענטראַציע־לאַגער, זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער כ׳וועל זיי אַנערעך אופשטעלן אין זיקאָרן. די ערשטע צײַט, אינעם לאַגער, האָב איך זיי פּאָשעט געקענט אַף אויסווייניק, און כ׳פלעג זיי וואָרט בײַ וואָרט ניט וואָס איבערדערציילן, עפּעס אַזוי ווי כ׳פלעג זיי לייענען די כאַווײרים, וועלכע האָבן קיין איין בריוו פון דער היים ניט געהאַט, זאָגנדיק דערבײַ:

— דו טראַכט, אַז דאָס האָט מײַן ווײַב אָנגעשריבן די בריוו ניט בלויז מיר, נאָר דיר אויך... און אַ ווײַב איז בײַ מיר, — פלעג איך זיך שטענדיק באַרימען, — אַ שיינע, אַ קלוגע, אַ גוטע. איז אָט הער, לוציע, ווײַטער: וועל איך נעמען אַלע דײַנע בריוו, אויסשטעלן זיי לויטן סיידער, צו יעדער בריוו אין אַ פּוסנאָטע געבן קאָמענטאַרן, ווי עס פירט זיך אין עכט־אַקאַדעמישע אויסגאַבעס, און זאָל דער יונגער דאָר אונדזערער, און די קומענדיקע דוירעס אויך, וויסן ווי׳אַזוי אונדזערע פּרויען־פּראָנטאָוויטשקעס האָבן געלעבט אין די מילכאָמע־יאָרן בײַ אונדז אין הינטערלאַנד. ווי׳אַזוי זיי האָבן געהאָרעוועט און געהאָפּט, ווען אַף די שלאַכט־פעלדער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן זייערע טאַטעס, ברידער, מענער, זין און טעכטער זיך געשלאָגן מיטן בלוטיקן סוינע. פאַרשטייט זיך, בײַ דער דאָזיקער אַרבעט וועל

איך אויך האָבן געוויסע שוועריקײַטן: וועגן אייניקע, וועמען דו דערמאָנסט אין דײַנע בריוו, וועל איך אויך בײַ דיר מוזן פּאַנאַנדערפרעגן גענויער, ווי דו האָסט געשריבן, — אַגעוו, זײַנען דײַנע בריוולעך געווען אַמאָל אַזעלכע קורצע — מאַמעש אַ רענדל אַ וואָרט, איבערהויפּט וועט עס האָבן אַ שײַכעס צו די אַרבעטער פונעם זאַוואָד, ווו אָנגעהויבן האָט איר זיך מיִען קימאַט אונטערן פרײַען הימל, אין אַ וואַלד, ווו די ווענט זײַנען שוין דערנאָך אויסגעוואַקסן, און דער דאַך אויך, און ווו בלויז אונטער די פּיס האָט נאָך לאַנג געכליופּעט די וואַסער... אָבער ווו די קינדער זײַנען אַ קײַלעכיקן מעסלעס געווען קימאַט אין היימישע באַדינגונגען, אונטער אַ שטענדיקן אויפזיכט פון אומדערמידלעכע, האָרעפּאַשנע, איבערגעגעבענע פרויען.

— סײַדן צוליב דײַנע קאָמענטאַרן וועלן מײַנע בריוו האָבן אַ ווערט, — האָט לוציע געזאָגט, איבערנעמענדיק זײַן נעטיִע צו שפּאַסן, — עפּעס אַנדערש, — האָט זי זיך אומגעקערט צו איר פאָרשלאָג, — איז באַשרײַבן דאָס לעבן פון אונדזערע מענטשן אינעם פּאַשיסטישן גענעם. ס'זײַנען זייער וויכטיק דײַנע גוויִעס־איידעס, ווײַל אַזוי קען מען טאַקע מיינען, אַז דײַן גרעסטע און שווערסטע איבערלעבונג אין די מילכאָמע־יאָרן איז געווען דער מאַנגל אין שיך נומער זעקס און פערציק...

דאָס האָט לוציע אַזויאַרום געגעבן אָנצוהערן יאַקאָוון, אַז פונעם גאַנצן שוידער, וואָס האָט זיך מילכאָמע־צײַט אַרופגעוואַלגערט אַף אים, — דערבײַ האָט זי ניט געהאַט אינזינען זײַן אָנטייל אין די שלאַכטן, ווי שווער זיי זאָלן ניט זײַן, די פאַרביטערטע, די בלוטיקע שלאַכטן, עס גייט אַ רייד בלויז וועגן דעם פּאַשיסטישן גענעם, און ער, יאַקאָוו, ווען עס קומען זיך צונויף זײַנע כאַווײרים און פרײַנט, און דערציילן צוביסלעך וועגן זייער פראָנט־לעבן, דערציילן בעצימצען, באַשיידן, און בעטן אים אויך עפּעס־וואָס דערציילן וועגן זיך, ווײַל אײנאַלגעמיין שטעלן זיי זיך פאָר, וואָס עס איז אים אויסגעקומען אויסשטיין דאָרטן, בײַ די פּאַשיסטן, צי ווען עס בעטן אים די קינדער — איבערהויפּט וויקע און בינעם, זעלטענער — מערע, אויך וועגן דעם זעלבן, האָט ער פאַר אַלעמען איין געשיכטע — אַ מעַיסע מיט שיך. (בלויז איין לוציען האָט ער דערציילט גענוי וועגן אַלע זײַנע איבערלעבונגען, וועגן אַלעמען, מיט וועמען ער איז געווען אײנײנעם אין די פּאַשיסטישע לאַגערן, מיט וועמען ער האָט אײנײנעם זיך געמוטשעט און געקעמפט. דערציילט האָט ער איר אַזוי, אַז טראַכטנדיק וועגן דעם, דאַכט זיך איר איצט אויס אַמאָל, אַז זי איז מיט אים די גאַנצע צײַט געווען באַנאַנד, אַליין איבערגעלעבט דעם שוידער, די אומגליקן געזען מיט די אייגענע אויגן.)

די שיך־געשיכטע אַליין פאַר זיך, — טראַכט לוציע, — איז טאַקע אַ שיינע געשיכטע. אין אירע באַשרײַבונגען וועט זי געוויס זײַן באַשריבן, און באַשריבן אַזוי, ווי יאַקאָוו דערציילט זי:

— איצט קען איך דיר שוין אויסזאָגן דעם עמעס, לוציע, אַז גערופן האָט מען מיך גאַנצפרי דעם 22־טן יון ניט אין ראַיקאָם פון פּאַרטיי, ווי איך האָב דיר דעמלט געהאַט געזאָגט, נאָר אין שטאָטישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט. יאָ, קום איך, הייסט עס, טאַקע יענעם גאַנצפרי, גלײַך פונעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט אַף אַ מיליטערישן סקלאַד זיך עקיפּירן. אַרײַן זײַנען מיר אַהין איינצײַטיק עטלעכע מענטשן. ערשט, עס טוט מיך גלײַך אַ כאַפּ אַפן צימבל דער סערזשאַנט, וואָס האָט געדאַרפט דורכפירן די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג אונדזערע פון ציווילע מענטשן אין מיליטערישע.

— וועלכן נומער שיך טראָגט איר?

— זעקס און פערציק, — זאָג איך אים שולדיק.

— כ'האָב אָבער געוווּסט, — ווערט ער אויסער זיך פון ערגערניש. וואָס האָט ער אַזוינס געוווּסט, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין אַדהאַיעם.

— אַנו, קומט נאָר אַהער, באַווײַזט אײַערע שיך, — פאַלט ער אַף אַ האַמצאָע.

כ'גיי אַרויס פון צווישן דעם געזעמל מענטשן, מיט וועלכע כ'בין געקומען, מאַך עטלעכע שפּאַן און בלײַב שטיין אינמיטן פון אַ גרויסן קעלער. דער סערזשאַנט גייט צו צו מיר, בייגט זיך אָן, באַטראַכט אויפמערקזאַם מײַנע שיך, און צעשמייכלט זיך האַנאָעדיק, כאַפּט מאַמעש היספּײַלעס פון מײַנע טרעטערס.

— זע נאָר, אַ מינע גוטע שיך בײַ אײַך זײַנען, — זאָגט ער, — קיין בעסערע דאַרף מען אַפילע ניט האָבן.

— איך האָב ניט, — זאָג איך אים, — קיין טײַנעס צו מײַנע שיך. זיי זײַנען גוטע, וואָס קיין בעסערע דאַרף איך ניט. מײַן ווײַב האָט זיי מיר ערשט ניט לאַנג געקויפט, — האָב איך געפונען אויך דאָ אַ מעגלעכקײַט זיך אַ באַרים טאָן מיט מײַן ווײַב.

— איר וועט, — האָט מיר צוגעזאָגט דער באָכער, — אין די דאָזיקע שיך ענדיקן די מילכאָמע, און נאָך דער מילכאָמע וועט איר גיין מיט אײַער ווײַב אין טעאַטער און אַלץ אין די דאָזיקע שיך. מיילע, קיין נאָווי איז ער אַפּאָנעם ניט געווען, מאַכמעס ער האָט ניט געטראָפן.

א ביסל האָבן די שיך זיך געהאַלטן, נאָר ווײַל אינעם לאַגער זײַנען מיר אַלע שטענדיק געווען טויט־הונגעריק, האָבן מײַנע שיך אויך אָנגעהויבן עפּענען פּיסקעס — בעטן קאַשע — פריִער פון אַלץ האָבן זיי אַרויסגעשטופּט פון די לעדערנע דאַלעדאַמעס איין פינגער, דעם גרויסן, האָב איך זיך געפּרוּווט פאַרשטופּן דאָס אָפענע מויל פון מײַנע שיך מיט א שטיקל דורכגעפּוילטן לעדער, מיט א שמאַטע, מיט א שטיקל קאַרטאָן, צי ווען עס פלעגט שוין מיר גאָר אָפּגליקן — מיט א דרעטל פאַרדרייען אים דעם פּיסק. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. אינגיכן האָבן אַלע מײַנע פינגער שוין אַרויסגעקוקט אינדרויסן — אַלע פינף — דאָס זעלבע האָבן געטאָן די פינף פינגער פון מײַן צווייטן פוס. די שיך מײַנע, צעפּיצלטע, צעפּאַרענע, צעקראַכענע, האָבן געוואָלט בלויז איינס: כ׳זאָל זיי אַרויסוואַרפן און מײַן ווײַב זאָל מיר קויפן א פּאָר נײַע שיך, ווײַל ניט נאָר איך, דער בעסטער שוסטער וואָלט זיי שוין אויך ניט געהאָלפן. אָט אין אַזעלכע שיך האָב איך געפּראָנטעוועט בא די פאַשיסטן. אָבער שולדיק אין דעם איז געווען ניט די גרויסע מאָס פון מײַנע שיך. פּונקט אַזוי טשאַקנדיק עקיפּירט, ווי איך, זײַנען געווען אַלע אונדזערע כאַווירים, וועלכע האָבן געטראָגן שיך אָנהייבנדיק מיסטאָמע פונעם אַכט און דרײַסיקסטן נומער, ביז... אַף דער זעלבער הויך זײַנען געווען אויך די קליידער אונדזערע...

אינעם פאַשיסטישן פאַרניכטונגס־לאַגער האָט מען ביז דער ליקווידאַציע פון די סאָוועטי־שע קריגס־געפאַנגענע, אונטערערדלער, פּאַרטיזאַנער, ליקווידירט די היגע יידישע ציווילע באַפעלקערונג.

גייענדיק צום טויט, האָבן די ערשטע קדושים ניט געוווּסט, אַז זיי גייען זייער לעצטן וועג, ווײַל אין די מעלדונגען, אין וועלכע מע האָט זיי באַפוילן זיך פאַרזאַמלען לעבן אַן אַלטן אײַזנבאַן־קנופּ, האָבן די פאַשיסטן געשריבן, אַז מע וועט זיי פירן אין א געטאָ, ווו זיי וועלן לעבן און אַרבעטן. דעריבער פאַרשטייט זיך, האָבן די מענטשן מיטגענומען מיט זיך מאַלבוי־שים, עפּעס־וואָס פון באַלעבאַטישקײַט, א ביסל עסנוואַרג. אינעם פאַרניכטונגס־לאַגער זײַנען מיר, די קריגסגעפאַנגענע, די אונטערערדלער און פּאַרטיזאַנער, געווען די מייסים־ברענער. אַן עקסקאַוואַטאָר פלעגט די דערשאָסענע אויסגראָבן פון דער ערד, ווו זיי זײַנען שוין אָפּגע־לעגן בא צוויי יאָר, און מיר פלעגן זיי ברענען אַף גוואַלדיק גרויסע שײַטערס און צעשיטן דעם אַש. גאַנצע פאַמיליעס, אַרומגענומענערהייט, ווו אינמיטן פלעגן זײַן קליינע קינדער, האָט ניט זעלטן אויסגעגראָבן און אויפגעהויבן אַף דער ליכטיקער שײַן דער עקסקאַוואַטאָר. איינ־מאָל האָט ער אין זײַן קויש געבראַכט אונדז פון דער ערד־טיפעניש אַזא מישפּאָכע: גאָר אַן אַלטע פרוי, א פרוי אין די מיטעלע יאָרן און א מיידעלע פון א יאָר צוועלף, האָבן, פעסט האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, געוואָלט, ווײַזט אויס, פאַרשטעלן פונעם טויט א יינגעלע פון א יאָר פינף, וואָס איז געווען אינמיטן. באַם יינגעלע אין די הענט איז געווען א פּעקעלע. די כעוורע אונדזערע האָבן פון זײַנע הענטעלעך, אַף אייביק פאַרציפּעניעטע, אַרויסגעשלעפּט דאָס פּעקל, א פאַרוויקלטס אין א האַנטעך. „זײַנע שפּילעכלעך, מיסטאָמע", האָט עמעצער פון אונדז אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע. נאָר אינעם פּעקל זײַנען ניט געווען קיין שפּילעכלעך — דאָרט איז געווען א מענערישער גאַרניטער, וואָס איז אונטער אונדזערע הענט צעקראָכן גע־וואָרן, ווי שפּינוועבס, א העמדל, א פּאָרל גרעט, וואָס מיר האָבן געקענט פאַנאַנדערוויקלען נאָר פאַסנווײַז (לוציע האָט ווייטעקדיק א טראַכט געטאָן, אַז זי האָט אויך אינעם טשעמאָ־דאַנדל מיטגענומען פאַר איר יאַקאָוון, קימאַט דאָס זעלבע אָנטאָן, וואָס יענע אומגליקלעכע מישפּאָכע) און אונטער דעם אַלעמען זײַנען געלעגן פּײַכטע, צונויפגעקאָרטשעטע, צוגע־פּלעטשטע שיך — א פּאָר גרויסע, מענערישע שיך. ניט קיין שפּילעכלעך האָט דאָס קינד מיט־גענומען — דעם טאַטנס מאַלבושים. ס׳הייסט, ווען דער טאַטע, נאָך א מיליטעריש־געקליידעטער, וועט זיך אומקערן צו זיי נאָך דער מילכאָמע, זאָל ער גלײַך האָבן אין וואָס זיך איבערטאָן. גלאַט אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן אויסגלײַכן די שיך, פּוצן זיי מיט אונדזערע אומריינע הענט, עמעץ האָט אפילע מיטן אַרבל זיי א בערשטל געטאָן, און א באַכערל פון א יאָר זעכצן, סאַשקע יאַמפּאָלסקי, אַן אונטערערדלער, א געבראַכטער א הער פון אַן אַנדער קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן בא די פאַשיסטן קנאַפּע צוויי יאָר, מאַכמעס ער האָט קונציק גע־שניצט פון האָלץ פאַרשיידענע אַנטיקלעך פאַר זיי, האָט געזאָגט:

— די שיך וועלן זײַן גוט אַפּן דיאַדיע יאַקאָוו.

ער האָט פּונקט געטראָפן.

נאָך גרויסע מאַטערנישן, מיט דער הילף פון אַלע כאַווירים, אין דער ערשטער ריי א דאַנק סאַשקע יאַמפּאָלסקיס הילף, האָב איך זיי אַרופגעשלעפּט אַף די פיס, שפּאַצירט אין זיי איבערן לאַגער, און אין די דאָזיקע שיך, נאָך אונדזער געלונגענער פליִטע, אָנגעקומען אין א מיליטערישער טייל און ווידער באַקומען א פײַנע באַלעבאַטישקײַט — אַן אַרטילעריע־דיוויזיאָן.

איך בין ווידער געקומען אַף אונדזער מיליטערישן סקלאַד, און אַנדער סערזשאַנט האָט מיך ווידער פֿײַן עקיפּירט, אָבער קיין שיך נומער 46 האָט אַף יענעם סקלאַד זיך אויך ניט געפֿונען. מײַנע שיך האָבן די ערשטע צײַט אויסגעפֿילט זייער פֿונקציע — פֿאַרדעקט מײַנע פֿיס.

איינמאָל, קאַיאַר, קומט צו לויפֿן צו מיר אין בלינדאַזש אַן אויסשפּירער, באַריס כּאַלאַ־דאָוו — מאַטעמאַטיק האָט אונדז פֿאַרברידערט. ער איז פֿרײַוויליק אַוועק אַפֿן פֿראָנט פֿונעם 3־טן קורס פֿון מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט פֿונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, און כ׳הייב ניט אָן צו וויסן, ווי־אַזוי האָט ער זיך דערוווּסט — ער איז דאָך פֿאַרט אַן אויסשפּירער — אַז ביזן קריג האָב איך אונטעריכטעט מאַטעמאַטיק אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. האַקלאַל, אין אַ פֿרײַער מינוט פֿלעגט ער שטענדיק האָבן צו מיר עפּעס אַ פֿראַגע, אָדער פֿאַרקערט, ער פֿלעגט ניט געקאַרגט זיך טיילן מיט מיר מיט זײַנע נײַע אידייען. די אידייען פֿלעגן בא אים וואַקסן, ווי אַף הייוון, — זייער אַ פֿײַנער באָכער — און זאָגט אַ פּאַרסאָפּעטער:

— כאַוואַער קאַפּיטאַן, כ׳האָב געבראַכט אָט ערשט צו שלעפּן אַ „צונג״ ספּעציעל צוליב אײַך. כ׳האָב געקענט נעמען אַ ניוויזיקל, וואָלט מיר געוועזן פֿיל גרינגער טאַסקען אים, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: „ניין, בעסער וועל איך פֿײַן אַ האַרעווע טאָן, דערפֿאַר אָבער וועט דער קאַפּיטאַן האָבן אַ פּאָר גוטע לעדערנע שטיוול, אַנערעך פֿערציק זיבעטן נומער״.

איך קוק אַף אים און פֿאַרשטיי ניט, וואָס רעדט ער אַזוינס.

— כ׳האָב געבראַכט, — כאַזערט ער איבער דײַטלעך — אַ „צונג״, אַ מעגושעמדיקן ריז, אַן עססעסאַוועץ. כ׳מיין, אַז זײַנע שטיוול וועלן זײַן גוט אַף אײַך. טוט נאָר אויס, זײַט אַזוי גוט, אײַערע שיך, כ׳וועל זיי געבן אָנמעסטן דעם עססעסאַוועץ, און אײַך וועל איך ברענגען זײַנע שטיוול.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער מיר געבראַכט אַ פּאָר נײַע לעדערנע שטיוול, וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי אַ שפּיגל אַנטקעגן דער זון. דעריקערשט — פּונקט מײַן מאָס.

אָט די איינציקע געשיכטע פֿונעם גאַנצן שלאַל איבערגעלעבטן פֿאַרגינט זיך יאַקאָוו דערציילן.

לוציע האָט ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן, און ניט נאָר טראַכטן — טאַקע ערנסט זיך גרייטן צו דער פֿאַרשטייענדיקער אַרבעט — פֿאַרשרײַבן געגוני אַלץ, וועגן וואָס יאַקאָוו האָט איר דער־ציילט, ווי זײַן טעווע איז, ניט אַרויסשטעלנדיק זיך אַפֿן פֿאַדערשטן פּלאַן, באַשרײַבן דאָס לעבן און דעם קאַמף פֿון אונדזערע סאָוועטישע מענטשן, אַרײַנגעפֿאַלענע אינעם גענעם פֿון די פֿאַשיסטישע קאָנצענטראַציע־ און פֿאַרניכטונגס־לאַגערן, אין וועלכע ער איז געוועזן איינער פֿון די אסירים.

— יאַקאָוו, — האָט זי אים אין אַ שטיקל צײַט אַרום געזאָגט, — כ׳האָב שוין אָנגעשריבן די האַקדאָמע צו מײַן קינפֿטיקער דאָקומענטאַלער דערציילונג וועגן וועלכער מיר האָבן מיט דיר גערעדט. ביסט דאָך מאַסקים געווען, אַז איך זאָל זי אָנשרײַבן? איך פֿאַרשטיי איצט, אַז טאַקע איך האָב געדאַרפֿט אָנשרײַבן די דערציילונג, קעדיי דו זאָלסט פֿאַרשפּאָרן אַ צווייט מאָל — זאָל אַפֿילע זײַן, אַז איצט בלויז אין געדאַנק — ווידער אַרײַן אינעם גענעם. הער אויס מײַן האַקדאָמע:

„די דאָזיקע דערציילונג איז אַ דאָקומענטאַלע, קיין איין באַשריבענע געשעעניש איז ניט אויסגעטראַכט — זי איז פֿאַרגעקומען אין לעבן... אַלע מענטשן, וועגן וועלכע עס וועט גיין אַ רייד אין דער באַשריבענער געשיכטע — זײַנען אויך ניט קיין אויסגעטראַכטע, כ׳האָב פֿאַרהיט זייערע עמעסע פֿאַמיליעס, זייערע נעמען און אייניקע בי־אָגראַפֿישע יעדי־עס.

איך פֿאַרשטיי, אַז ווי איך זאָל ניט סטאַרען זיך איבערגעבן געגוני און פּינקטלעך דעם גאַנצן שוידער פֿונעם פֿאַשיסטישן קאָנצענטראַציע־ און פֿאַרניכטונגס־לאַגער — וועט זיך עס מיר ביזן סאָף ניט אײַנגעבן — אין לעבן איז דאָס באַשריבענע געוועזן פֿיל שוידערלעכער, און ווי־אַזוי כ׳זאָל ניט וועלן באַשרײַבן אַלע העלדישע, מעסירעסנעפֿעשדיקע, עכט־מענטשלעכע אופֿטוען פֿון אונדזערע כאַווײרים — וועל איך דעם ענדגילטיקן ציל ניט דערגרייכן, ווײַל אין לעבן זײַנען אונדזערע סאָוועטישע מענטשן, פֿאַרשפּאַרטע אין די פֿאַשיסטישע לאַגערן — גע־ווען נאָך העלדישער, נאָך מעסירעסנעפֿעשדיקער, נאָך שענער און נאָך גווורעדיקער.

לייענענדיק קאָן עמעצער, נאַטירלעך, אַ טראַכט טאָן:

— צוליב וואָס באַשרײַבט זי די דאָזיקע געשיכטע, אויב אין לעבן איז דאָס באַשריבענע געווען שרעקלעכער, די מענטשן זײַנען געווען דרייסטער און שענער, קורץ גערעדט — עס איז געווען ניט אַזוי, ווי עס ווערט איבערגעגעבן.

דערויף וויל איך ענטפֿערן אָט וואָס:

— זאָל אונדזער יונגער דאָר וויסן, אויב ניט ביזן גרונט, אָבער דאָך — אַ סאַך — דעם שוידער, וועלכן עס איז אויסגעקומען איבערלעבן זייערע זיידעס און טאַטעס. צווייטנס, ווײַל

איך פאַרהיטן די נעמען פון טײַערע, ליבע, דרייסטע סאָוועטישע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט, געטרוימט, געקעמפט און געפאַלן אינעם פאַשיסטישן גענעם, מענטשן, נאָך וועמען קיין קוואָרים זײַנען ניט געבליבן און דריטנס — ווײַל איך גלייב, אז עס וועלן קומען פייִקע, טאַלענטירטע, עפשער גענײַאַלע שרײַבער, וואָס וועלן דאַרפן און שטרעבן פאַרייביקן אונדזער צײַט אין זייערע ווערק, פאַר זיי וועלן וויכטיק זײַן די דאָזיקע גוויִעס־איידעס, מיט די עמעסע נעמען פון די מאַרטירער, דער לעבעדיקער אָטעם פון אונדזער צײַט. אויך צוליב זיי שרײַב איך די דאָזיקע געשיכטע. דאָס באַשריבענע אין דער דאָקומענטאַלער דערציילונג האָב איך אליין ניט איבערגעלעבט. דעם דאָזיקן גאַנצן שוידער האָט איבערגעלעבט און דערציילט מיר דער טײַערסטער מענטש אין מײַן לעבן.״

— נישקאָשע, יאַקאָוו? — האָט זי געפרעגט.

— איך זע שוין, אז ניט וויקע, נאָר דו וועסט זײַן בא אונדז די ערשטע שרײַבערן, — האָט ער געענטפערט.

זי בלײַבט זיצן מיט די עטלעכע פאַרשריבענע זײַטלעך פאַפיר אין די הענט, און עס טוט זיך אליין פון זיך, צום וויפלטן מאָל א טראַכט, אז ווען זי קען איצט אָנהייבן דאָס לעבן אָפּסנײַ, — נאָר ניט כאָלילע פון יענעם ווײַטן און פינצטערן אמאָל — נאָר פון דער באַגעגעניש מיט יאַקאָוון — צי וואָלט זי טראָט נאָך טראָט אויך איצט איבערגעכאַזערט די דורכגעגאַנגענע צוזאַמען מיט אים אלע וועגן און שטעגן, און קומט, ווי טאָמיד, צום אויספיר, אז זי וואָלט זיי איבערגעכאַזערט — אין פּראַט פונעם איקערדיקן, אָבער ניט אין אלץ. עפּעס־וואָס וואָלט זי אצינד בעליסאָפעק געענדערט. ביז הײַנטיקן טאָג טוט איר, אשטייגער, באַנק, וואָס זי איז ניט געוואָרן קײַן דאָקטער — קיין קינדער־דאָקטער — און ווען ס׳איז טאַקע מעגלעך ווידער אָנהייבן א דורכגעלעבטן לעבן, וואָלט זי מיסטאָמע אָפּגעזוכט נאָך עפּעס, וואָס וואָלט קעדײַ זײַן ענדערן.

נאָר ווו קאָן מען אויסזוכן א מענטשן, וואָס זאָל אין זײַן לעבן ניט געפינען קיין באַזונדערע פּראָטים, אומשטענדן, צי מײַסים, וועלכע ער וואָלט ניט וועלן ענדערן, אויסבעסערן אָדער איבעראַנדערשן, ווען מע זאָל עס נאָר קענען טאָן.

אַף דער ליבער ערד

אין אָט דער פּאַרשטאָט

א ביסל וויַיטער פון דעם „סיבסעלמאַש“,
ווו ס'הייבט זיך אָן דער קאָטשעניאָווער שליאַך,
איז אין א גרינער פּאַרשטאָט, אַף א ברייטער גאַס
א יאָטעלע געשטאַנען אַף א דאַך.

ער האָט מיט גרויסן אייפערזוכט געשפּירט,
ווי איבונגען פון העכסטן פּילאָטאַזש
אין בלויער הייך א פליִער דעמאָנסטרירט,
און איז אַריַין אין אָט אַזא עקסטאַז,

אז ס'האָט פון וויַיטן אויסגעדאַכט זיך מיר:
באַלד ט'ער ענערגיש טאָן די לופט א שאַר
און שנעל איבער דער קרוינשטאָט פון סיביר
אַדורכגעטראָגן זיך פּונקט ווי איקאַר.

אין אָט דער פּאַרשטאָט, אַף דער זעלבער גאַס
איז אָט אַזא געשיכטע שוין געשען,
דאָס האָט געטראָפן אין דעם זומער, ווען
דער קאָמענדיקער וועלט־באַרימטער אַס
פּאָקרישקין סאַשע פון זיַין זיידנס דאַך
האָט ס'ערשטע מאָל אן אַעראָפּלאַן דערזען.

מיַין באַשיידענער באַגער

איך וויל דאָך, ברידערלעך, אַוודע ניט קיין סאַך:
אַז אין דעם זוניקן קוואַדראַטל פון מיַין דאַך
דער גוטמוטיקער קאַרלסאָן זאָל לעבן
און מיט א פליַיס די מאַרגנשיַין דאַרטן וועבן.
איך וועל דערפאַר באַ אים ניט מאָנען קיין אַרענדע,
און מיט איין־אײנציקער באַקאָשע נאָר זיך ווענדן:
אַף וווּנדער־שפּינדל (פון נעאָן פון ריינעם)
א שטערן זאָל ער אויסוועבן, בלויז איינעם,
אים גליַיך, לעמאַנאַשעם, פאַרעגיסטרירן,
און אין דער מיט פון הימל איַינמאָנטירן.
א שטערנדל, אן אָבעליסק פון פיַיערן,
ווי אַנאַ פראַנקס נעשאָמינקע די טיַיערע,
וועט אופגיין אין דעם וויַיטן, הויכן פעלד,
און ליכטיקער וועט ווערן אַף דער וועלט.
עס וועלן זיַינע הייסע בינטלעך שטראַלן,
ווי פרישע בלומען, יעדן אָוונט פאַלן
אין וואַרשע אַפן מאָנומענט און אַף דעם באַבי יאַר,
אַף קוואָרים אין מיַידאַנעק און פּאָנאַר,
און טרעבלינקע אַף אַלע גרויע שטיינער,
אַף טיפע גריבער, ווו עס וויַיסן זיך די ביינער
פון ברידער מיַינע און פון שוועסטער מיַינע,
וועמען ס'האָבן אויסגעוואָרפן פאַרפּיַיניקט.

א שטערנדל, אן אָבעליסק פון פײַערן,
ווי אנא פראנקס נעשאָמינקע די טײַערע,
וועט אין איין קלאנג מיט די כאַטינער גלעקער
די הערצער אופטרייסלען און גלײַכגילטיקע וועקן,
קעסיידער וואָרענען: די מענטשהײַט זאָל זײַן וואך!
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
...איצט זעט איר שוין, אז כ׳וויל דאָך ניט קיין סאך...

אן אקשנטע

אין א גרינגן אָנצוגל,
אין פראָסטיקן סעזאָן,
א פייגעלע א מאָנדעלע
אף א פארשנייטן קליאָן.

איין בלאט געבליבן, גאָט באהיט,
איז אף א צווײַגל קוים,
דאָס פייגעלע אין ערגעץ פליט,
פארוויגט זיך מיט א טרוים:

ס׳וועט ווי א שירעם רעטן עס
די בלאט פון אלדאָסדינג.
פיל פייגל זייער שטעטעלע
באשטיין דאָ וועלן גרינג.

צעעפן איך דאָס פענצטערל,
צום פייגעלע איך שרײַ:
אומזיסט, אומזיסט פארבלענדט ביסטו,
אין אזא מאלבעש קענסטו ניט
סיבירעווען סײַוויסײַ.

ניט לאָז זיך בעטן, טײַערע,
אין צימער פלי ארײַן,
דאָ ווארעמקײַט וועט סטײַען דיר.
די ווינקלען — פול מיט שײַן.

דו וועסט דאָ היימיש פילן זיך,
ס׳וועט אָפגיין יעדער גליד,
א פרווו טאָן כ׳וועל אפילע דיך
ארײַנשטעלן אין א ליד.

אין א ליד, ווו איטלעכס שורעלע
שמעקט מיט פרישן צוויט,
מיט א פויגלשלאק, א טורעמל, —
א שלאָסמעם אין דער מיט...

...נאָר ס׳איז די קליינע אקשנטע
פון מיר גאָר ניט אנציקט:
אין סאראפאנדל פלאקסענעם,
מיט ציטערדיקע אקסעלעך
צום בלעטעלע זיך דריקט...

בלויז דאָס אייגן הארץ

טאָמער וואָלט מיר ווען־עס־איז געלינגען
פון דעם העכסטן צעדערבוים
די קרוין פאנאנדערשארן
און פון דאָרטן, ווי א וועוועריקל א יונגן,
אין מײַן יאגדטאש גאָר די זון פארבארן, —
דאן ניט מיין, אז ווי א גאָב א שיינעם
כ׳וועל די זון צו פיס צו דײַנע ווארפן,
אף דער ליבער ערד ביסטו ניט איינע.

אלע מענטשן זונען־שײַן באדארפן.
כ׳וואָלט פון איר, ווי פון א גרויסן לעקעך,
דיר דײַן כיילעק
אָפגעבראָכן פריידיק,
זיך דערבײַ א האָרעלע ניט שרעקן,
אויב פארדראָסיק וועסטו דראָען מיט צעשיידונג.
בלויז דאָס אייגן הארץ, דעם צאפל מײַנעם,
שענקען קען איך דיר, — איך טײַנע.

מיני:אטיורן

זאָג מיר, זאָג מיר

זאָג מיר, זאָג מיר, צארטע פלאָרא,
האָסט וועמען אָנגעטאָן אזויפיל צאָרעס,
זײַן הארץ צעבראָכן אָן ראכמאָנעס,
שווארץ געמאכט פאר אים די זון,
אז ער האָט אָן צווייפל מיט דײַן נאָמען
געקרוינט דעם שרעקלעכסטן טײַפון.

לעם א זומערדיקן בוים

פאַרטײַעט דעם אָטעם! ס'דאַרף זײַן שטיל!
א גרויסער וווּנדער קומט דאָ פאָר איצט:
אין דער בלעטערדיקער לאַבאָראַטאָריע
שלינגט זוניקע שײַן דער כלאָראָפיל.

די פּרעלוידיע פון א געוויטער

א בליץ האָט פאַרדרייט זיך,
פונקט ווי א גימל,
ס'וועט זײַן שוין, פאַרשטייט זיך,
א קורץ־שלוס אין הימל.

אך, וואָס עס האָט אופגעטאָן די צײַט

Как хороши, как свежи были розы...
И. П. Мятлев

פון דײַן שיינקייט איז קיין זייכער ניט פאַרבליבן,
קיין שום אָנדײַט אף דעם פריִערדיקן אויסזען.
איך קוק אף דיר און כאָזער איבער:
„ווי צאַרט, ווי פריש געווען זײַנען די רויזן...“

געאָרגי אַלכאַזאָוו

ציפּורע

פונעם מעכאבער

אַפילע קינדער אין די וויגן האָבן געקענט דעם הונדערטצוואַנציקיאָריקן זאָקן שאָמילן פון דער סלאָבאָדקע. ער איז געווען דער זיקאָרן און די כאָכמע פון פאָלק, געווען אונדזער מיטציַיטלער, וואָס האָט צונויפגעבונדן דוירעס מיט זיַינע דערציילונגען וועגן לאַנג פאַרגאַנגענע ציַיטן.

ס'איז שוין געוואָרן א מינהעג — ווער ס'זאָל ניט געווען קומען אין דער סלאָבאָדקע, האָט געהאַלטן פאַר זיַין כויוו קומען צו שאָמילן און הערן זיַינע געשיכטעס.

מיט א ציַיט צוריק בין איך געקומען אין דער סלאָבאָדקע. דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, דאָרט בין איך אויסגעוואַקסן, נאָר שוין לאַנג דאָרט ניט געווען. איך האָב זייער געוואָלט זען און הערן דעם אַלטנס טשיקאַווע דערציילונגען.

מיַינער א פריַינט האָט מיך צו אים אַוועקגעפירט. שאָמילס שטיבעלע, וואָס איז געמאַכט געווען פון לאָמפּאַטש, מיטן איין־און־איינציקן האַלב־בלינדן פענצטערל איז געשטאַנען אין עק סלאָבאָדקע. אין פירהויז האָט אונדז מיט גרויס רוגזע — מיט א הויכן געביל באַגעגנט א הונט. מיר האָבן געהאַט בעדייע מיט שטעקנס זיך באַשיצן, נאָר באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז דערשינען אַן אַלטער מיט א וויַיסער לאַנגער באָרד, מיט געדיכטע וויַיסע ברעמען אַפן צעקנייטשטן פּאָנעם, מיט א שמאָלן ברוסטקאַסטן און דינע פיס.

ניט קוקנדיק אַפן ליכטיקן זוניקן טאָג, איז דער אַלטער געווען אָנגעטאָן אין א דורכגעשטעפטן וואַטע־בעשמעט און אין א צעפּאַטלטער הויכער פּאַפּאַכע. ער האָט איַינגעשטילט דעם הונט און אונדז איַינגעלאַדן אַריַינגיין אין שטוב.

מיר האָבן באַטראַכט דעם נידעריקן צימער. די ווענט זיַינען געווען שניי־וויַיס, די פּאָדלאָגע גלאַט געשמירט, דאָס אייוועלע אויסגעוויַיסט, אָבער די אויסשטאַטונג האָט געמעגט זיַין ריַיכער. די ברייטע טאַכטאַ איז געווען פאַרשפּרייט מיט א האַרטן בונטן פּאַלאַס און האָט פאַרנומען א האַלבן צימער. אַפן פּאַלאַס זיַינען געלעגן צוויי קישנס און א קאָלדרע. אין איין ווינקל איז געשטאַנען א גרויסער הילצערנער מיט איַיזן באַשמידעטער קאַסטן און א לאַנגע באַנק.

— אָט אַזוי, קאַלעדעדע־זיידעניו, — האָט געזאָגט מיַין באַגלייטער, — כ'האָב צו דיר געבראַכט א גאַסט, א שריַיבער.

— א גוטמאָרגן דיר, זיידעניו שאָמיל, — האָב איך אויסגערופן מיט גרויס פרייד.

דער אַלטער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און האָט געפרעגט:

— ווער ביסטו, זונעלע? זאָג מיר ווער איז דיַין פאָטער און דיַין זיידע?

איך האָב אָנגערופן מיַין טאַטן און מיַין זיידן.

— איַי־איַי, סאַרא טיַיערער גאַסט! סאַרא פרייד אין מיַין שטוב איז אַריַין, — האָט ער זייער אויפגעלעבט געזאָגט און צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן, דערנאָך אונדז אָפּגעגעבן שאָלעם־אַלייכעם און געבעטן זיך זעצן.

איך און מיַין באַגלייטער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַפן ראַנד פון דער טאַכטאַ, צווישן אונדז — דער זאָקן.

ער האָט פאוואָליע ארײַנגעלייגט טאבעק אין זײַן לאנגער ליולקע, פאנאנדערגערייכערט זי און גלײַך אײַנגעהילט געוואָרן אין קנוילן פון רויך. זײַנע צעקודלטע ווײַסע ברעמען זײַנען אראָפגעהאנגען ביז צו די אויגן, זײַן פּאָנעם איז געווען שטרענג און פארטראכט. ער האָט פאוואָליע גענומען דערציילן וועגן אומגעדאכטע טעג פון דער ווײַטער פארגאנגענהײַט, וועגן דעם ווי די בארג־ייִדן, די טאטן, האָבן געשלעפט זייער ביטערן גורל, ווי אָפגעשלאָסן פון דער איבעריקער באפעלקערונג זיי האָבן געלעבט און ווי די צאָרעס האָבן ניט ארײַנגעלאָזט אין זייערע שטיבער קיין פרייד.

מיט גרויס אומעט האָט עס דער אלטער דערציילט. פאר מײַנע אויגן האָבן געשוועבט בילדער פון דער ווײַטער פינצטערער פארגאנגענהײַט. אָבער צײַטנווײַז האָב איך בוילעט געזען דעם הײַנטיקן טאָג און אונדזער סאָוועטישע ווירקלעכקײַט. מיר האָבן געהערט זייער א רירנדיקע געשיכטע וועגן א ייִדיש בארג־מיידל, וועלכער ס'איז אויסגעפאלן א טרויעריקער גורל. איך האָב צוגעזאָגט דעם אלטן אָנשרײַבן וועגן דעם. און אָט פיל איך אויס מײַן האפטאָכע.

1

אין פארגאנגענע צײַטן זײַנען די ערטער ווײַט פון דער שטאָט געווען ווילד און פוסט. דאָ איז געפלאָסן דער שטילער טײַך סונזשא. הויך אין די בערג, בא די פארפראָרענע אײַנהיטלען, הייבט זיך אָן דער טײַך סונזשא. א מילכיק־שוימיקער רײַסט ער זיך ווילד דורכן בארג־שפאלט, לויפט ארויס און לאָזט זיך בארג־אראָפ. ווי דערשראָקן פליסט ער איבערן נידעריקן גלײַכן שטעטעך און גיסט זיך דערנאָך ארײַן אין ברויזיקן טערעק. פארצײַטן זײַנען געקומען די בארג־ייִדן, די טאטן, צום טײַך סונזשא און זיך דאָ באזעצט. איצט געדענקט מען שוין ניט, וויאזוי מע האָט גערופן די ערשטע, וועלכע זײַנען אהער געקומען. אפילע די זקיינית, בא וועלכע די בערד זײַנען ווײַסער פונעם שניי, און די הויט אַף זייערע פּנעמער זעט אויס, ווי פון לעדער, אפילע זיי ווייסן שוין ניט, ווען עס זײַנען אהער געקומען די בארג־ייִדן. ס'איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס זײַנען זיי געווען צום הארצן די היגע ערטער. צי דער טײַך איז זיי געפעלן געוואָרן, ווײַל ער איז אזוי שטיל געפלאָסן, צי די ברעגעס האָבן צוגעצויגן מיט זייער געמיטלעכקײַט, און עפשער טאקע דערפאר, וואָס זיי האָבן קיין אנדערע וועגן פאר זיך ניט געזען. זיי האָבן זיך דאָ באזעצט, זיך אָפגעצאַמט פון אלץ, ווי מיט פעסטונגען און אָנגעהויבן קנעטן ליים מיט שטרוי און אײַליק גענומען בויען לאמפאטש־שטיבלעך.

און אָט זײַנען צו ווינטער־צו אַף די ברעגן פון סונזשא געשטאנען עטלעכע כאלופּעס און אין די פרימאָרגנס האָבן זיך פון זייערע דעכער געקרײַזט גרויע רויכן. פון יאָר צו יאָר האָבן זיך די שטיבער געמערט. און אזוי איז דער ייִשעוו פון יאָר צו יאָר געוואקסן. ס'זײַנען געוואָרן פיר — פינף גאסן און געסלעך. די ערשטע צײַט האָט דער ייִשעוו אפילע קיין נאָמען ניט געהאט, דערנאָך האָט מען אים א נאָמען געגעבן „די סלאָבאָדקע פון די בארג־ייִדן".

אלע פרילינג פלעגט דער טײַך זיך צעגיסן מיט א שוימיקן געברום. ער האָט געטראָגן מיטן שטראָם אויסגעריסענע ביימער, וועלכע האָבן זיך געדרייט אין די קעסל־גריבער, נאָר סאָפקאָלסאָף פלעגט דאָס וואסער זיך בארויִקן, ארײַנפליסן אין נאטירלעכן געלעגער, זיך אָפּרייניקן פון דעם מיסט און שפענער און ווידער שטיל געריזלט, ווי עס וואָלט מעכילע געבעטן באם ייִשעוו.

אין יענעם יאָר איז דער פרילינג געקומען זייער פרי, מיט פײַכטקײַט און בלאָטע, דורך די נעכט האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן פון טראסקערײַ, און ס'איז אוועק א רעגן. דרײַ טעג האָט עס געדויערט, שווערע וואָלקנס האָבן זיך אראָפגעלאָזט אלץ נידעריקער און נידעריקער איבער דער שטאָט, זיי האָבן אײַנגעוויקלט דעם הימל. אָט איז דער רעגן שטילער געוואָרן, אָט האָט ער גענומען גיסן נאָך מיט א גרעסערער קראפט. צו נאכט־צו פלעגט ער זיך שטארקן, עס האָט זיך געדוכט, אז ס'וועט קיין סאָף ניט נעמען צו דעם דאָזיקן שלאקסרעגן און צו דער דאָזיקער בלאָטע. אפילע די אלטע אײַנוווינער פון דער דאָרעמדיקער שטאָט, וועלכע זײַנען שוין געווען צוגעוווינט צו אלערליי אומדערווארטע קאפריזן פונעם וועטער, האָבן אָנגעווירן דעם מוט. דער טײַך סונזשא איז ניט געווען בעקויעך אײַנצוהאלטן דאָס וואסער. ברויזנדיק, האָט עס געטראָגן די געלע כוואליעס צו די ברעגן, אינגיכן זײַנען טאקע פארפלייצט געוואָרן די געסלעך, וואָס זײַנען געווען נעענטער צום טײַך.

די מאנצבלען האָבן מיט ראש און געשריי זיך געלאָזט איבער די געסלעך מיט פארקאטשעטע הויזן און האָבן געראטעוועט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. קאיאָר האָט זיך פלוצעם דער רעגן אײַנגעשטילט, די נידעריקע אָנגעקוואָלענע וואָלקנס זײַנען אוועק ערגעץ אַף מײַרעוו. די עסעריקע קעלט, וואָס האָט דורכגענומען די ביינער, האָט אופגעהערט און איבער דער סלאָבאָדקע האָט זיך באוויזן א גרויסער בלאנקענדיקער שטערן, אַן איידעס פון ליכטיקײַט.

פון אלע זײַטן האָבן זיך איבערגערופן די הענער, די ייִדישע סלאָבאָדקע האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף.

— הע־הײַ, מענטשן! לאָזט אַרויס די בעהיימעס! — האָט געשריִען דער פּאַסטעך.

דער גאַנצער ייִשעוו האָט זיך געגומען באַוועגן. ס'האָבן געסקריפּעט די אופגעעפנטע און פאַרמאַכטע טויערן, דאָס רעווען פון די בעהיימעס און דאָס מעקען פון די שאָף האָט זיך אויסגעמישט מיט מענטשלעכע שטימען.

אָנגעשפּאַרט אָף די גראָבע שטעקנס, שוויַגנדיקע און שטרענגע האָבן גרײַז־גראָווע אַלטע זיך געלאָזט צום בעסמעדרעש צום אינדערפרײַיקן גאָטס־געבעט.

2

דאָס צענטראַלע אָרט פון דער סלאָבאָדקע איז געווען דער בעסמעדרעש־הויף. אין ווינקל פונעם הויף איז געשטאַנען דער הויכער צווייגאָרנדיקער בעסמעדרעש מיט די פאַרגראַטעוועטע פענצטער. פון אומעטום האָט מען אים געקאָנט זען. דערנעבן זײַנען געווען די יאַטקעס מיט קאָשער פלייש, אַלערליי קליַיטלעך און אַרום — גלײַכע טאָפּאָלן, וואָס האָבן צעשפּרייט אַ קילן שאָטן. בייס די זון פלעגט וואָרעמען, פלעגן אַרויסגיין די גרײַז־גראָווע אַלטע מיט די שטעקנס צום שולהויף. דאָ פלעגט מען זיך צונויפקלײַבן, דאָ פירן מאַנצבלען אָן ערנסטן שמועס. די אַלטע זיצן אָף די לאַנגע גלאַטע בענק לעבן פאַרקן פון בעסמעדרעש, זשמורען די אויגן און פירן זייער מעיושעוודיקן שמועס. וועגן וואָס איר ווילט רעדט מען דאָ. אָבער ניט נאָר וועגן זייער וויכטיקע זאַכן, מע רעדט דאָ אַמאָל רעכילעס אויך. זייער אָפּט פירט זיך אַ שמועס וועגן דעם, אַז די יוגנט איז צעלאָזט, גייט ניט אין בעסמעדרעש, דאַוונט ניט, רייכערט אום שאַבעס, עסט טאַרפעס. מיידלעך גייען אום מיט די הוילע האָר, מע האָט פאַרלאָרן די כאַרפּע און דאָס געוויסן. איניקלעך ווערט מען אופהערן צו אַכטן אַלטע לײַט.

— אַ כאַרפּע! — רופט עמעצער אויס.

— אָף וואָס דאַרף מען אונדז? — צאַרענען די אַלטע לײַט, וועלכע ווילן אָפּהיטן זייער קאָוועד און זייער ערע.

וואָס איר ווילט אין דער וועלט ווערט באַהאַנדלט אין בעסמעדרעש־הויף. עס טרעפט, אַז די פרידלעכע שמועסן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מאַכלויקע. עס ווערט אַ קריג, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ געשלעג.

לויטן מינהעג טאָר אַ פרוי ניט נאָר ניט זיצן מיט די מאַנצבלען, זי דאַרף אויסמײַדן אַפילע פאַרבײַגיין דאָס אָרט, ווו די מאַנצבלען זאַמלען זיך אוף. יונגע פרויען און מיידלעך וואַגן ניט פאַרבײַצוגיין, אַלטע פרויען בוקן זיך נידעריק פאַר די מאַנצבלען, זיי מעגן דאָ פאַרבײַגיין.

עמעצער פון די אַלטע לײַט ווינטשט מיר:

— זאָל גאָט דיך באַשענקען, באַגנעדיקן מיט אַ גליקלעכער עלטער, דײַנע קינדער און קינדסקינדער זאָלן לעבן הונדערט יאָר.

דער אַלטער טוט אַ פּאַכע מיט דער האַנט צו די יונגע, יענע זאָלן זיך אופהייבן און שטיין ביז די זקיינע וועט אוועק.

3

סאַמע אויבנאָן אין דער סלאָבאָדקע שטייט פעסט אָף אַ צעמענט־פונדאַמענט אַ רויט הויז פון ציגל. דער בלעכענער דאַך איז גרין, די פענצטער מיט פאַרשיידנקאָלירישע שויבן. דאָס הויז מיט די הויכע פאַרקענעס, פעסטע דעמבענע טויערן איז ניט קיין הויז, נאָר אַ פּאַלאַץ, דער איינציקער פּאַלאַץ פון די באַרג־ייִדן אין דער סלאָבאָדקע. דער באַלעבאָס אירמע קוקור־ליעוו האָט ניט נאָר דעם פּאַלאַץ, ער האָט אויך אַ לעדער־זאַוואָד און ער איז אַ סויכער פון דער ערשטער גילדיִע. ער איז אַלט פינף און פופציק יאָר, אָבער ער זעט אויס אַ סאַך ייִנגער. זײַן געדיכטע באָרד איז שוואַרץ, זײַנע אויגן זײַנען לעבהאַפטיק און שוואַרץ, זײַן הויכער ווײַסער שטערן איז גלאַט, אָן איין קנייטשעלע. ער איז אַ שיינער מאַנצבל, אַ געמאָרע־קע־נער, אַ געלערנטער ייִד, די רעכטע האַנט באַם הויפּט־ראַוו פון בעסמעדרעש. וועגן אים ריידן די אַלטע לײַט פון סלאָבאָדקע, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט האַשפּאָע, ווי וועגן אַזאַ אייי־נעם, וואָס ווייסט זיך ווי צו פירן און צו באַגיין מיט מענטשן. אַפּן גאַס באַגריסן זיך אַלע ליבלעך מיט אירמען, טראָגן צו די האַנט צום האַרצן. פאַר מענטשן אין די אויגן רופט מען אים „דער באַרעמהאַרציקער”, דער פאַרטיידיקער. אין האַרצן רופט מען אים „בלוטזויגער”.

אף אירמעס לעדער־זאוואָד זײַנען דאָ פֿאַרשײדענע געצײַגן און מאַשינעס. דאָרטן ווערט אויסגעאַרבעט דער בעסטער שאַוורא, כראָם, די בעסטע פֿאָדעשוועס און פֿאַרשײדנפֿאַרביקער סאַפּיאַן. זײַן רעוועך וואַקסט, ווי אַף הייוון.

4

אירמעס זאוואָד איז געשטאַנען אין עק סלאָבאָדקע, בײַ די הויכע ברעגעס פֿון סונזשאַ. אין די צעכן, ווו ס'ווערן באַאַרבעט די נאַסע פֿעלן, איז אומדערטרעגלעך צו אָטעמען. די לופֿט איז פֿול מיטן געררוך פֿון נעוויילע, ספּירט און פֿאַרב. פֿון די רייכעס טרערן די אויגן בײַ די אַרבעטער. צײַטנווײַז פֿילן זיי איבל און קאָפּשווינדל. אין אײנעם פֿון די ווינקלעך זײַנען קימאַט ביז דער סטעליע אָנגעוואָלגערט פֿײַכטע און ניט קײן באַאַרבעטע פֿעלן, שעפּסענע, ציגענע און רינדערנע. אינמיטן פֿון דער געבײַדע, אין ריזיקע קעסלען ווייקן זיך פֿעלן. די אַרבעטער שעפּן מיט עמערס די וואַסער פֿון די קוגלען און גיסן זי אויס. באָרוועסע גייען אום די אַרבעטער אין דער קלעפּיקער אומריינקײַט. דאָ אַרבעט דער לעדער־מײַסטער בוכראַם שאַמאַיעוו. ער איז הויך, אויסגעדאַרט, אויסגעדייוועוועט און ער האָט אַ געלע לאַנגע באָרד. ער שטייט אין לעדערנעם פֿאַרטעך באַם לאַנגן טיש און מיט גרויס געשיקטקײַט שאָבט ער מיט אַ ברייטן מעסער די עקלדיקע גליטשיקע פֿעלן, וועלכע ער נעמט אַרויס פֿונעם קוגל. עס נעמט אים שווינדלען דער קאָפּ, אַן עקלדיקע שוואַכקײַט צעגיסט זיך אין אים, דעמלט לייגט ער זיך צו אַפֿן לאַנגן טיש לעבן דער נאַסער פֿעל, פֿאַרמאַכט די אויגן און ס'דוכט זיך אים, אַז ער הוידלט זיך, ווי אין אַ וויג. אָט גיט אים אַ יאָג צום סאַמע הימל און אָט נידערט ער צו דער ערד...

קימאַט אַלע שאָ קומט אַרײַן אירמע. די הענט האַלט ער אַפֿן רוקן, פֿון זײַנע אויגן בלײַבט קײן זאַך ניט פֿאַרבאָרגן. ער גייט זיך אַזוי דורך צווישן די ווערקשטעלן און טישן, זעט גוט ווי עס אַרבעטן די, וואָס גלעטן אויס און פֿאַרבן די באַאַרבעטע פֿעלן. אָט שטעלט ער זיך אָפּ לעבן טיש, ווו בוכראַם שאַמאַיעוו ליגט. ס'פֿליט אים דורך אַ געדאַנק: „דאָס איז אַ קראַנקער און שוואַכער אַרבעטער, מע דאַרף פּאָטער ווערן פֿון אים".

בוכראַם קוקט אין פֿאַרלעגנהײַט אַפֿן באַלעבאָס, אים האָט דורכגענומען דער שטעכעדיקער בליק פֿונעם „ברויטגעבער". פֿונדעסטוועגן נעמט ער זיך אָן מיט מוט, לייגט צו די הענט צום האַרצן און וואַנדט זיך מיט געבעט:

— אירמע, פֿאַרשטייסט דאָך גוט, וואָס הייסט אַ מענטש מיט אַ שוואַכן געזונט. איך האָב אַ קראַנק ווײַב און פֿינף קינדער אין הונגער און אין קעלט. עפּשער וועסטו פֿאַר מיר געפֿינען אַ וועלכע־ניט־איז אַרבעט אין הויף. אַ ווערכטער וואָלט איך געווען, כאָטש אַ דרײַסיק קאָפּעקעס אַ טאָג ווען איך פֿאַרדין, וואָלט איך געווען צופֿרידן.

— קײן אַנדער אַרבעט האָב איך ניט. אין צעך, פֿאַרשטייסטו אַליין, קאָנסטו ניט אַרבעטן. קאָרטשענדיק זיך פֿון קעלט, האָט בוכראַם באַטראַכט די לאַטעס אַף זײַנע הויזן און אַף זײַן העמד. נאָר געצײַטערט האָט ער ניט אַזוי פֿון קעלט, ווי פֿון דער האַרצלאָזיקײַט און פֿון דעם אומגליק, וואָס דער באַלעבאָס האָט אַף אים איצט אויסגעגאָסן. נאָר אַזאַ מענטש ווי אירמע, מיט אַ שטיין אָנשטאָט אַ האַרץ, האָט זיך אַזוי געקענט באַגיין מיט אים. בײַס ער איז אין אָוונט געגאַנגען פֿון דער אַרבעט אַהיים, אַ מידער, אַן אײַנגעהויקערטער, האָבן אַלט און יונג ליבלעך אים באַגריסט און געפֿרעגט:

— וואָס מאַכסטו, בוכראַם?

אַף אַזוינע פֿראַגן, פֿלעגט ער געוויינלעך ענטפֿערן:

— גאָט זאָל אײַך שענקען געזונט און לאַנגע יאָרן!

אין אײנעם אַ טאָג האָט ער געפֿויעלט בײַ זיך אַרײַנצוגיין אין קאָנטאָר.

— אירמע, — האָט ער געזאָגט, — דו נעמסט צו בײַ אַ מענטשן די אַרבעט און דאָס שטיקל ברויט. איך האָב דאָך אַ מישפּאָכע.

דער ענטפֿער איז געווען אַ האַרבער. אירמעס שטים איז געווען צאָרנדיק:

— לויט דיר קומט אויס, אַז אַן אַרבעטער, וואָס טוט גאָרניט אויף, דאַרף אויך קריגן סכירעס? יעדער מענטש איז אַ באַלעבאָס אַף זײַן קעשענע. פֿאַראַכטאָגן האָב איך דיר געזאָגט, אַז איך האַלט ניט אַף דער אַרבעט קײן כאַלאָים און קײן שוואַכע!

— גאָט־לעסטערער! קײן געוויסן האָסטו ניט! — האָט אויסגערופֿן בוכראַם און זײַן בלייך פּאָנעם איז געוואָרן ווײַס ווי לײַוונט. ער האָט זיך שיר ניט אַ וואָרף געטאָן מיט די פֿויסטן אַפֿן באַלעבאָס. פֿון קאָנטאָר איז ער אַרויס, ווי אַ שיקערער.

פּרײַטיקצונאַכטס האָט אירמע באַשלאָסן גיין צו מײַרעוו אין בעסמעדרעש. ער האָט צערקעמט זײַן שוואַרצע באָרד, אָנגעטאָן אַ נײַעם זײַדענעם בעשמעט און אַפֿן קאָפּ — אַ הויך קאַראַקולנע היטל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי באַגילדט. פּאַוואָליע און געמאָסטן האָט ער גע־שפּאַנט איבער דער גאַס, דעם קאָפּ פֿאַריסן און די הענט אַהינטערן רוקן.

די סלאָבאָדקער טוישווים האָבן מיט אָפּשײַ אים באַגריסט און געווונטשן:

— דער אָוונט און דײַן מײַרעוו זאָל דערגיין צום ריבוינעשעלוילעם!

אירמע לייגט צו די האַנט צום האַרצן און ענטפערט:

— הונדערט יאָר זאָלט איר האָבן.

נאָך מײַרעוו גייט ער אַרויס פון בעסמעדרעש, קומט אין שטוב אופגעלייגט און פריילעך, באַגריסט דאָס ווײַב:

— שאַבאַט־שאַלאָם!

זי ענטפערט מיט די זעלביקע ווערטער. ער גייט אין זײַן באַליבטן צימער, ווו אָף דער וואַנט הענגען טײַערע פּערסישע טעפּיכער, זעצט זיך אָף דער ווייך־געראַמער טאַכטאַ. די אָנגעצונדענע ליכט באַלויכטן ווייך מיט אַ געלבער ליכט די ווענט און די הויכע סטעליע. דאָס ווײַב איז אַרײַנגעקומען, אירמע האָט שווײַגנדיק אויסגעשטרעקט צו איר די פיס, זי האָט פאַרזיכטיק אַראָפּגעצויגן פון אים די שיך, דערנאָך געבראַכט אַ שיסל וואַסער, אַ האַנטעך. אירמע האָט אויסגעוואַשן און אויסגעווישט די הענט, דאַן האָט זי אַרײַנגעטראָגן אַ נידעריק טישל אָף דרײַ פיס, אָף וועלכן ס'איז געשטאַנען פּלאָוו, אַ גאַנצינקע אָפּגעקאָכטע הון און אַ גראַפין מיט רויטן ווײַן. דאָס אַלץ האָט זי אוועקגעשטעלט לעבן מאַן, און ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך גענומען צו דער סודע. ער האָט מיט די הענט פאַנאַנדערגעריסן די הון, אָנגעגאָסן אַ פולינקע גלאָז ווײַן, גיריק געגעסן און געטרונקען, ווי נאָכן יאָמקיפּערדיקן טאָנעס.

אירמע איז נאָכן עסן געווען ווונדערלעך געשטימט און ער האָט באַשלאָסן זיך דורכשמועסן מיטן ווײַב. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אָפן ראַנד פון איר טאַכטאַ. דרײַסיק יאָר ווי ער לעבט מיט טאָמאַרן, אָבער טאָמאַר איז אַן אַקאָרע. אירמע האָט אופגעהערט זי ליב צו האָבן. ער באַמערקט זי אַפילע ניט, ער לעבט אין איינע שרעק, אַז ער וועט שטאַרבן און וועט קיין יוירעש ניט אָנקוקן, און קיינער וועט ניט טראָגן צו די קומענדיקע דוירעס זײַן נאָמען, קיינער וועט ניט לויבן זײַן רום און זײַן נעגידישן שטאַם.

יאָ, די יאָרן זײַנען אוועק. טאָמאַר איז אַ הויכע און דינע. דערפאַר איז זי אַ ביסעלע געהויקערט. אירע דאַרע פּלייצעס שטרײַכן אונטער איר מאָגערקײַט. די שוואַרצע גרויסע אויגן זײַנען פאַרנעפּלט, פון אונטער דער שוואַרצער פאַטשיילקע האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַ גראָווע פאַסטע האָר, דאָס לאַנגע קאַשעמירענע קלייד דעקט צו אירע מאָגערע פיס אין די ווייכע סאַפיאַנאָווע שטיוועלעך. זי שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַלט אײַן דעם אָטעם, זי וואַרט ניט אָף קיין לאַשטשענדיקע ווערטער. זי הערט, אַ געפּלעפּטע, די לאַנג־פאַרגעסענע זיסע ריידעלעך. דער מאַן האָט זי שוין לאַנג אַנטוויינט דערפון, אָבער איצטער איז ער האָניקדיק.

— בייזער זיך ניט, — שעפּטשעט ער שטיל, — איך בעט דיך, דו זאָלסט זיך ניט בייזערן, דו הערסט, ייִדענע. ווו זאָל איך נעמען צײַט אָף צערטלעכקײַטן. די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט איז אָף מיר. דעריבער בין איך אָפּט באַרויגעזלעך, ניט צוגעלאָזט. מײַן קאָפּ איז פול מיט דײַגעס. אַ קלייניקײַט, אַזאַ יאָך. כ'וואָלט געהאַט אַ זון, וואָלט ער עפּשער געווען ענלעך אָף מיר, דאַן וואָלט איך געהאַט אַ בעסער געמיט. האָב ניט קיין בייז האַרץ אָף מיר, פאַרשטיי מיך, כ'ווער אַלט, — האָט ער ווייך גערעדט צו איר, — דערפּסט פאַרשטיין, ס'איז שוין ניט ניט פאַר מײַנע קרעפטן צו האָבן אין זינען אַזאַ אַשירעס. איך מאַך צו אַן אויג, צו וועמען וועט דאָס אַלץ אָנקומען. דעם טאַטן און צוויי ברידער האָט די ערד צוגעדעקט, און איך האָב ניט וועמען אַ נאָמען געבן נאָך זיי. איך וועל דיר לאַנג ניט ברײַען, איך זאָג דיר בעקיצער, זײַ וויסן, אַז איך ברענג אַרײַן אין מײַן שטוב אַ צווייטע, אַ ייִנגערע... דערמאָן זיך דעם אַלטן סימכע, אָלעווהאַשאָלעם, ער איז געווען רײַך, ווי קיירעך, זײַן ווײַב איז אויך געווען אַן אַקאָרע. האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און גענומען אַן אַנדערע, זי האָט אים געבוירן אַ זון. איך בעט דיך, זאָלסט ניט גיין קעגן מײַן ווילן, זײַ אַ ווילפאַרשטענדיקע פרוי. דו ווייסט גוט, אַז דו האָסט מיך שטאַרק באַוולט, אַן אַנדערע אָף דײַן אָרט וואָלט אַליין געזאָגט דעם מאַן „נעם דיר אַ יונגע"...

טאָמאַר איז אַ גאַנצן לעבן געווען אומדערמידלעך. זי האָט געוואַשן, געקאָכט, געראַמט, אַפילע גענייט דעם מאַן טשערקעסקעס און סאַפיאַנאָווע שטיוועלעך. דעם מאַנס קרויווים זײַנען זיך אויך ניט באַגאַנגען אָן טאָמאַרס הענט, אָן איר נאָדל. זי האָט געהערט דעם מאַנס זיסע רייד און האָט ניט געקענט אײַנהאַלטן איר גרימצאָרן:

— זאָל מיר גאָט מויכל זײַן מײַנע זינדיקע רייד! מיט וואָס האָב איך מיך אַזוי פאַרזינדיקט פאַר גאָט? און דו, מײַן מאַן, זײַ מיר מויכל, איך בין אַן אַלטע, קאָן זײַן, איך בין אַ נאַרישע פרוי. דו וואָלסט זיך עפּשער באַגאַנגען אָן מיר. ווערסט ברענגען אין שטוב אַ צווייט ווײַב, וועסט ווערן אַ טאַטע פון צען זין, אירמע? — דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים אָנגערופן באַם נאָמען, — וואָס האָב איך באַ דיר געזען? ווי אַ באַטראַטשקע האָב איך באַ דיר געלעבט. מע האָט כאַסענע צום לעבן און ניט צום שטאַרבן. אָבער וואָס האָב איך באַ דיר געזען? וואָס האָב איך געהאַט פון דײַן רײַכקײַט. פאַרוואָס האָסטו מיך גענומען, איך בין ניט געלאָפן צו

דיר, אליין ביסטו געקומען. דו האָסט מיך געבראַכט אין דײַן שטוב, איך האָב ניט קיין קאָרעוו און קיין גויעל, וועט ווער אויף מיר ראַכמאָנעס האָבן, — זי האָט שטיל געיאָמערט, איר בײַ־נערדיקער גוף האָט געציטערט.

— באַרויִק זיך, איך וועל דיך באַשיצן, — האָט אירמע זי אײַנגערעדט. קיין עסן וועט דיר ניט פעלן. זאָל גאָט געבענטשט זײַן, אין מײַן שטוב וועט קיינעם גאָרניט פעלן. דו דאַרפסט אליין אַרײַנפירן אין מײַן שטוב די יונגע, דאָס וועט זײַן ווויל און קלוג. אַלטע לײַט וועלן זיך פרייען, וואָס דו האָסט אליין אַרײַנגעפירט דאָס צווייטע ווײַב אין שטוב, — אַזוי האָט אירמע אײַנגערעדט טאַמאַרן.

ער איז אוועק צו זיך אין צימער, האָט זיך אוועקגעלייגט אויף די פּוכיקע קישנס און איז אײַנגעשלאָפן מיט אַ רויִקן שטאַרקן שלאָף. טאַמאַר האָט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט אַ גאַנצע נאַכט. דאָס האַרץ האָט געקלעמט פון ווייטעק און פון צאָרן.

טעג זײַנען געגאַנגען, אירמע האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זײַן געדאַנק אַרײַנצופירן אין שטוב אַ צווייטע, יונגע פרוי. ער האָט אַנומלטן אַ מאָל געטאָן צו טאַמאַרן:

— איך ווייס, קיין גוטס ווינטשסטו מיר ניט. עס אַרט דיך ניט, וואָס מײַן שטאַם וועט ניט באַנײַט ווערן.

טאַמאַר האָט געהערט זײַנע רייד און שטיל דערווידערט:

— ניין, איך קאָן דאָס ניט. — אין איר האַרץ האָט געפײַערט אייפער צו דער קומענדיקער יונגער פרוי. זי איז אַרומגעלאָפן צו דעם מאַנס קרוויִים און צו באַקאַנטע נאָך אַן אייצע. אַלטיטשקע פרויען האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, געזיפצט און געקרעכצט.

— אוי וויי, שוועסטער טאַמאַר, גיי ניט אַנטקעגן דעם מאַנס ווילן. ניט דו ביסט די ערשטע, ניט דו ביסט די לעצטע. די בעסטע זאַך וועט זײַן, דו זאָלסט זיך גוט אַרומקוקן און אַליין אַרײַנברענגען אַ האָרעפּאַשנע ווײַב פאַר אים. דו וועסט זיך פאַרלײַכטערן, און איר וועט לעבן אַלע שטיל און פרידלעך...

טאַמאַר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

די אייצעגעבערנס האָבן צוגעגעבן:

— אַניט וועט ער זיך נעמען אַ ווײַב אַ שיינהייט, מיט אײדעלע קלאָר־ווײַסע הענטעלעך, ער וועט געפינען אַזאַ אין אַ רײַכער מישפּאָכע, ער וועט לעבן אין פאַרגעניגן, און דו וועסט ווערן פאַרשוואַרצט פון האָרעוואַניע.

די זון איז נאָרוואָס אופגעגאַנגען, און טאַמאַר איז שוין אין שטאַל. אין איין האַנט האַלט זי אַן עמער, אין דער צווייטער אַ גרויען גראַבן האַנטעך. זי אָטעמט אַרײַן דעם וואַרעמען גערוך פון מיסט, פון מילך, וואָס זי מעלקט. פּלוצעם האָט מען אָנגעקלאַפּט אין קאַליטקע. טאַמאַר האָט צורעכט געמאַכט דאָס קלייד און איז אוועק עפענען.

— קום אַרײַן, גיולווערד, מע דאַרף דיך נייטיק האָבן, — האָט געזאָגט טאַמאַר און האָט דורכגעלאָזט אַן אַלטע אין אַ טונקעלן בעשמעט און אין אַ שוואַרץ קלייד.

אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף דער טאַכטאַ און געוווּטשן:

— דײַן טאָג זאָל זײַן פול מיט פרייד, טאַמאַר.

— ניטאָ מער קיין פרייד פאַר מײַנע טעג, — האָט טאַמאַר דערווידערט און דערלאַנגט גיולווערד אין אַ פאַרביק הילצערן שיסעלע שוימיק־שמעקנדיקע מילך.

— פאַרשטייסט געוויס, גיולווערד, צוליב וואָס כ׳האָב דיך גערופן. מײַן שכײנע האָט דיר געזאָגט וואָס און ווען. איך וויל ניט איבערכאַזערן, דער שמועס איז מיר זייער ביטער. איך וויל אַרײַנפירן אין שטוב אַ נײַ ווײַב פאַר מײַן מאַן.

די שאַדכנטע האָט מיטפילנדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ און זייער אופמערקזאַם געהערט.

— זאָל גאָט דער באַרעמהאַרציקער אַפילע מײַן סוינע אַזוי ניט באַשטראָפן, וואָס איך טו, טו איך אויס ביטערער נויט...

— איך ווינטש, אַז דאָ זאָל זײַן פאַר דיר גרינגער און ניט אַזוי ביטער. מענטשן באַגיי־טיקן דײַן קלוגע אופירונג. וואָס שײַעך מײַן שאַדכאָנעס, ווייסטו, אַז מע קאָן זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

— אַז אָך און וויי צו מיר, — האָט טאַמאַר איבערגעשלאָגן די שאַדכנטע, — אָבער איך דאַרף ניט קיין קעגנערקע מיט אײדעלע ווײַסע הענטעלעך. איך האָב געהערט, אַז זי איז גוט־האַרציק, שיין, האָרעפּאַשנע און ניט קיין גרויסהאַלטערקע, ווײַל זי איז, נעבעך, אַ יעסוימע. אָט דאָס דאַרף איך, וועסט זאָגן דער אַלטער בענעווושע, אַז אירמע האָט לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויפן מיידל. זאָג, אַז דאָס מיידל איז מיר אויך צום האַרצן. אַז וויי איז צו מײַן פינצטער מאַזל. הײַנט זאָלסטו אַהינצו גיין, אַלץ דערריידן זיך, וועסט באַשטימען די צײַט, וואָס גיכער איז בעסער. מע דאַרף דיך ניט לערנען. גיי! און זאָל דײַן שליכעס געראָטן.

גיולווערד איז אוועק דורכן הויף און האָט באַטראַכט די זאַך: „אהאַ, אַלטע וואָראָנע, אַ דונער זאָל דיך טרעפן. דו ווייסט, ווען צו נעמען אין שטוב אַרײַן". די שאַדכנטע האָט אַזוי געטראַכט, ווײַל בענעווושעס אייניקל, די זעכצניאָריקע ציפּור, איז דין און כיינעוודיק, זי איז אין בלי, ווען די באַרג־מיידלעך זײַנען באַזונדערס כיינעוודיק. ניט איין מאָל האָט גיולווערד געקליבן נאַכעס פון ציפּור, בייס יענע האָט געטאַנצט, און באַ אַ באַגעגעניש מיטן

מיידל האָט די שאַדכנטע געטראַכט: „ווען מע טוט זי אָן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, וואָלט זי געווען דאָס שענסטע מיידל אין סלאָבאָדקע".

דאָס איז געווען אַזוי. ציפּור איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטינק קליידל. אָפּט איז דאָס צײַג געווען אַזוי אַלט, אַז ס'פֿלעגט צעקראַכן ווערן און ס'פֿלעגט דורכלויכטן ציפּורעס שוואַרצכיינעוודיקער גוף. אירע טאַטע־מאַמע זײַנען געשטאָרבן, ווען אין סלאָבאָדקע האָט געבושעוועט די כאָליערע, און ציפּור איז געבליבן אַ קײַלעכדיקע יעסוימע.

5

באַם עק סלאָבאָדקע, אין אַ שמאָל געסעלע איז געשטאַנען אַן איינזאַם שטיבעלע. דאָרטן האָט געוווינט די וועש־נייטערקע, די אַלטע בענעווושע מיט איר אייניקל ציפּור. די סלאָבאָדקער טוישווים האָבן זיך באַציגן צו דער אַלטער מיטן אייניקל מיט אָפּשײַ, האָבן זייער הויך געשעצט בענעווושעס אַרבעט, ווײַל זי האָט אויך געקאָנט נייען זײַדענע בעשמעטן און געוואַנטענע טשערקעסקעס מיט באַשליקן. אירע אויסגענייטע מיט גאָלד זאַכן זײַנען געווען באַוווסט אין סלאָבאָדקע.

אין איינעם אַן אָוונט האָט ציפּור געררייעט גלעזערנע קרעלן אַף אַ פּלאַקסענעם פֿאָדעם. דערנאָך האָט זי די קרעלן אַרופֿגעוואָרפֿן אַפֿן האַלדז, האָט פֿריילעך געלאַכט און זיך געדרייט איבערן צימערל.

— דאָס שענק איך דיר אַ מאַטאַנע, אייניקל מײַנס. אַט אַזוי אַפֿן האַלדז טראָג עס. די קרעלן זײַנען זייער שיינע, — האָט די אַלטע בענעווושע פֿריילעך צוגעפּינטלט.

ציפּור האָט אַרויסגעדרייט דעם קנויט פֿונעם לאָמפּ, זיך זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן אָף די קרעלן און זיך געווענדט צו דער באָבען:

— קאַלעדעדע, באָבעשי, פֿאַרוואָס דאַרפֿן אָרעמע מיידלעך האָבן נאָר גלעזערנע קרעלן און רײַכע מיידלעך טראָגן אַפּילע גאָלדענע?

די באָבע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— טאָכטערקע, ווערסט, מירצעשעם, כאַסענע האָבן פּאַר אַ ווילן רײַכן מענטשן, וועסטו אויך טראָגן אַ גאָלדענע קייט.

— איך וועל כאַסענע האָבן? — איז זיך פֿאַרגאַנגען אין געלעכטער ציפּור. זי האָט אַ גלעט געטאָן דער באָבעס ביינערדיקע פּלייצעס און צוגעגעבן, — איך וועל דיך קיינמאָל ניט לאָזן אַליין. אויב איך וועל אוועק, איז נאָר מיט דיר אינייִנעם!

די באָבע בענעווושע לאַכט שטיל, דערנאָך קוקט זי אַפֿן אייניקל און באַמערקט אומעטיק:

— די יאָרן שוינען קיינעם ניט. מײַנע אויגן זעען שוין ניט. ווי קאָן איך איצטער אויסנייען טשערקעסקעס און בעשמעטן מיט גילדענע פֿעדעם?

— הער אוף, באָבעשי. איצטער וועל איך נייען, און דו רו אָפּ.

— ניט גרינג איז מיר אָנגעקומען מײַנע אַכציק יאָר. קאָלזמאַן מײַנע אויגן זײַנען אָפֿן, וואָלט איך געוואָלט זען ווי גליקלעך דו ביסט.

באַ די ווערטער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. ציפּור האָט צורעכט געמאַכט דאָס פֿאַרטשיילעכל אַפֿן קאָפּ און האָט געעפֿנט די טיר. דערזען די שאַדכנטע גיטלווערד, האָט זי באַהערשט אַן אומרו, און זי האָט זיך פֿאַרוקט אין ווינקל פֿונעם צימער. די שאַדכנטע האָט אַריבערגעשפּרײַזט די שוועל פֿון שטיבל און האָט געווונטשן:

— שוועסטער בענעווושע, גליק זאָל אַרײַנקומען אין דײַן שטוב!

— דײַן קומען זאָל זײַן מיט גליק, גיטלווערד!

— כ'בין אַזוי פֿאַרמאַטערט, כ'גיי פֿאַרבײַ דײַן שטיבל, טראַכט איך מיר: כ'וועל אַרײַנגײַן אַ קוק טאָן, ווי לעבט עפּעס מײַן שוועסטער, עפּשער דאַרף זי עפּעס, — שיט גיטלווערד, זיך זעצנדיק אָף דער טאַכטאַ, און הייבט אָן דעם שמועס פֿון ווײַט:

— ע, שוועסטער מײַנע, בענעווושע. צי שוין זשע האָסטו געדאַרפֿט לעבן אין אַזאַ קאָנורע. וואָלסט געקענט לעבן אַנדערש, איך זאָל אַזוי לעבן, גאָט איז מײַן איידעס. הער, שוועסטער מײַנע, — האָט גיטלווערד צוגערוקט איר פּאָנעם נאָענט צו בענעווושעס טרוקענע באַקן. — גיב אַ קוק, וואָס פֿאַר אַ שיינהײַט אַן אייניקל דו האָסט. וועסט זי פֿאַרקנאַסן, וועסטו אַרײַנכאַפּן די עמעסע פּויטעקע. פֿאָלג מיך, וואָרט ניט. אַניט וועט עמעצער זי צונעמען בישטיקע, אָדער זי וועט אַליין אַנטלויפֿן מיט אַ געליבטן.

בענעווושע האָט אַזש אָפּגעזיפֿצט, זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר איז שטיל געבליבן.

— טאָכטערל, ציפּור, וועסט מיר צוגרייטן אַ געשמאַקע וועטשערע, אויב איך וועל דיר געפֿינען אַ רײַכן כאָסן? — האָט געפֿרעגט די שאַדכנטע.

ציפּור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ניט געוואָגט אופֿצוהייבן אירע אויגן אָף דער שאַדכנטע.

— פאַרוואָס ניט. איך וואָלט געקאָנט צוגרייטן אַ גוטע וועטשערע. זעסטו אָבער אַליין, גיזלווערד, אַז איך האָב ניט אין מײַן גוואַל קיין שעפּסענע טושעס און אַף מײַנע פּלייצעס שטייען ניט קיין סלאָיעס מיט פּוטער און מיט האָניק.

— בין איך דאָך טאַקע גערעכט, דו הערסט, טאַכטערל ציפּור, קעדיי דאָס צו האָבן, דאַרפסטו כאַסענע האָבן. דו ביסט דאָך שוין, קיין אײַנהאָרע, אַלט זעכצן יאָר, אַף וואָס זשע וואַרטסטו? זאָלסט ווערן אַ צוואַנציקיאָריקע, ווער וועט דיך שוין דעמלט אויסכאַפּן?

ציפּור האָט וואָס גיכער געוואָלט פּאַטער ווערן פון דער שאַדכנטע, און זי האָט זי אָפּגעשניטן זייער קורץ:

— איך וועל ניט כאַסענע האָבן! — און זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַמאָרקע.

— זע, וואָס פאַר אַן אַנטיקל דײַן אייניקל איז, — האָט באַמערקט די שאַדכנטע, — נישקאָשע, זי וועט ווייכער ווערן. כ'האָב פאַרשאַדכנט שענערע פון איר. מע וועט איר אַרופוואַרפן אַפן האַלדז אַ גאָלדענע קייט, אַפן קאָפּ אַ זײַדענע פּאַטשיילע מיט לאַנגע פרענדז, אין די אויערן לאַנגע אוירינגלעך, אַף די פינגער רינגען, אַף די הענט בראַסלעטן, — וועט זי אַזוי ניט שפּרינגען פון די האַלאַבליעס.

— שוועסטער גיזלווערד, כ'הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, ווו קערעווסטו? רייד קלאָרע דיבורים.

— פאַרוואָס ניט, מע קאָן ריידן קלאָרע דיבורים. אירמע דער נאָגיד וויל אַרײַנפירן אין זײַן שטוב דײַן אייניקל, ער וויל זי פאַר אַ צווייט ווײַב. ער האָט זי ניט איין מאָל באַמערקט, און צו מיר געזאָגט: „אַ שיין מיידל האָדעוועט די אַלטע בענעווושע״. טאָמער, דאָס ערשטע ווײַב אירמעס, האָט גאַרניט קעגן. וועסט עפּשער זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין גוטער שידעך? קאָוועד וועסטו האָבן, מענטשן וועלן דיר מעקאַנע זײַן. ער וועט דיר אַרויסלייגן די עמעסע פּויטעקע. דאַרפסט מיר זאָגן צען דאַנקען, אָבער ציי ניט קיין קליי, אין סלאָבאָדקע פעלן ניט קיין שיינע מיידלעך.

גאָט מײַנער, וואָס רעדסטו, זי איז דאָך נאָך אַ קינד, אַ בלוט־יוגנט. ווי קאָן דאָס זײַן. ער איז דאָך שוין אַן אַלטער, און זי וועט אַהין אַרײַן ווי דאָס צווייטע ווײַב. איך ציטער אַזש פאַר שרעק.

— טאָמער איז אַן אַלטע אַקאָרע. וואָס די יונגע וועט זאָגן דעם מאַן, וועט זײַן געזאָגט. און אַז גאָט וועט געבן, דײַן אייניקל וועט האָבן אַ זון, וועט זי ווערן די פולע באַלעבאָסטע אין שטוב. דו הער, שוועסטער בענעווושע, וואָס איך זאָג דיר. קיין אָרעמעלײַט קענען זיך ניט וואַרפן מיט קיין רײַכע כאַסאַנים. איך ווינטש דיר און דײַן אייניקל נאָר גוטס, שוועסטערקע. טראַכט ניט קיין סאַך און לאָז דאָס ניט אַרויס פון די הענט.

די שאַדכנטע האָט טאַקע אײַנגערעדט ציפּורס באָבע. ס'איז שוין אַפילע געווען אָפּגעמאַכט וועגן געלט אויך.

די באָבע בענעווושע שווײַגט, ציפּור ווײנט אינדערשטיל. מאַכט צו איר די באָבע:

— ציפּור, ליכטיקייט פון מײַנע אויגן, זאָל איך ווערן דײַן קאָרבן, אויב איך ווינטש דיר שלעכטס. ווייסט ניט, מײַן קינד, ניט אין דער פרעמד, כאָלילע, גיב איך דיך אַוועק. „כ'וועל צו דיר קומען. אויב איך וועל זען, אַז דיר איז, כאָלילע, שלעכט, וועל איך דיך צונעמען.

ציפּור שווײַגט. זי האָט אָפּשײַ און זי האָט ליב די באָבע. זי קאָן איר ניט זאָגן, וואָס בא איר האַרצן טוט זיך, אַז דאָרטן קוועלט בא איר ליבע צו אַן אַנדערן.

— אוי, קאַלעדעדע, בעסער וועל איך זיך אָפּגיסן מיט גאַזע און פאַרברענט ווערן, איידער צו לעבן מיט אַ ניט געליבטן אַלטן. אָ, גאַטעניו, נעם מיך צו זיך! — האָט דאָס מיידל אויסגערופן, זיך באַגיסנדיק מיט טרערן.

די נאַטור האָט ברייט באַלוינט ציפּורען מיט שיינקײַט, מיט ווײַבלעכקײַט, נאָר האָט איר ניט געגעבן קיין פעסטן ווילן און האַרטן כאַראַקטער. זי איז געווען ווי אַ רויז אָן שטעכלקעס. און, זיכער, האָט זי ניט געקענט ווידערשפּעניקן דער באָבען, וועלכע האָט זיך געהאַלטן בא פאַרצײַטיקע מינהאָגים.

— הער אויף צו וויינען, זײַ מיר מויכל, איך וויל נאָר גוטס פאַר דיר.

ציפּור האָט אויסגעווישט די טרערן, האָט געשפּאַנט איבערן צימערל. עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקײַט.

ווײַט נאָך האַלבער נאַכט. די גאַזע אין לאָמפּ האָט שוין לאַנג אויסגעברענט, בלויע שטערן האָבן אַרײַנגעקוקט דורך די שײַבעלעך. ציפּור שלאָפט אָן אײַנגעקאָרטשעטע אַף דער האַרטער טאַכטאַ און עס כאָלעמט זיך איר, אַז די כאַוורעטעס טוען זי אָן צו דער כופּע אינעם כאַסענע־קלייד און גאַרטלען זי אַרום מיטן כאַסענע־גאַרטעלע, קעמען פאַנאַנדער אירע צעפּלאָזנע שוואַרצע האָר. ציפּור הייבט אויף די בלויע אויגן, קוקט אַף זײַן שיינעם פּאָנעם און טראַכט אין כאָלעם: „דאָס איז ער, פאַרוואָס איז ער אַזוי לאַנג ניט געקומען״. זי האָט ניט באַוויזן עס אַ טראַכט צו טאָן, ווי ס'איז אָנגעפלויגן אַ שטורעם־ווינט, האָט אויפגעהויבן אַ וואָלקן גרויען שטויב. ס'איז געוואָרן שוואַרץ, ווי באַנאַכט. אײַנגיכן איז דער הימל קלאָר געוואָרן, און ציפּור זעט, אַז זי שטייט אייניקע אַליין לעבן אַ ברייטן צעבוישעטן טײַך. זי

האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַן אַלטן אין אַ צעריסענעם טונקעלן בעשמעט און אין אַן אָפּגעקראַכענער פּאַפּאַכע. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט אויסגעשטרעקט די הענט און אַרויסגעבראַכט מיט אַ הייזעריק קאָל: „דו וועסט זײַן מײַן ווײַב".

ציפּור לאָזט זיך לויפֿן. נאָר אָט דערהערט זי אַ קרייען פֿון הענער און ווי דער פּאַסטעך שרײַט: „היי, היי, מענטשן, טרײַבט אַרויס די בעהיימעס!..

ציפּור האָט זיך אופֿגעכאַפּט, זיך אַ זעץ געטאָן אָף דער טאַכטאַ און דורך טרערן שטיל געפֿרעפֿלט: „אוי, גאַטעניו, סאַראַ שרעקלעכער כאַלעם! וואָס באַטײַט עס?"

די באָבע האָט זיך אופֿגעכאַפּט און אויסגערופֿן:

— די זון האָט שוין אַ האַלבן הימל דורכגעשניטן, און מיר שלאָפֿן... אין אַ כוידעש אַרום, נאָכן יאָמטעוו יאָמקיפּער, וועט מען דיך אַרײַנפֿירן צו דײַן מאַן אין שטוב. דאַרפֿסט זיך אָפּגעווױנען שלאָפֿן שפּעט, דאָרטן וועסטו דאַרפֿן אויסראַמען דעם הויף, דערלאַנגען עסן דעם מאַן, וועסט דאַרפֿן פֿאָלגן דאָס ערשטע ווײַב, די אַלטע טאַמאַר, נאָר מער פֿון אַלעמען וועסטו דאַרפֿן פֿאָלגן דעם מאַן, זאָלסט אים קיינמאָל ניט ריידן אַנטקעגן. טאָמער וועט ער דיך אַפּילע זידלען, אָדער מוסערן, שווײַג און שמייכל. די ערשטע זאָלסטו זיך קיינמאָל ניט לייגן אין געלעגער, אויב ער וועט ניט קומען אַפּילע ביז קאַיאָר, וואַרט אָף אים. זע, אַז זײַן וועטשערע זאָל זײַן וואַרעם. און דעריקער, ער זאָל אַלע מאָל זען אָף דײַן פּאָנעם אַ שמייכל. — אַזוי האָט די באָבע בענעוושע געלערנט ציפּורן.

ס׳גאַנצע באַלעבאַטישקײַט באַ דער אַלטער בענעוושע איז באַשטאַנען פֿון דרײַ הינער מיט אַ האָן, וועלכע האָבן געהאַט זייער אויסקומעניש אינײַנעם מיט איר, אינעם קעמערל. אָבער איצט, אַז זי האָט אַרײַנגעכאַפּט היפּש געלט פֿאַרן אייניקל, האָט זי באַקומען אַ גרויסע בעלעבאַטישקײַט. אַ קו, צוויי שעפּסן, אַ סאַך הינער. זי האָט אויסגעבויט אַ שטעלעכל און אַרומגעצאַמט מיט אַ פּאַרקן דאָס הייפֿל, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען פֿאַרצאַמט.

אין אָוונט האָט ציפּור אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אין קעמערל איז געוואָרן ליכטיק און געמיטלעך. די באָבע בענעוושע האָט זיך צוגעלייגט אָף דער טאַכטאַ און האָט געזאָגט:

— טאָכטערל ציפּור, מאַך וועטשערע.

ווען דאָס עסן איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ציפּור דערלאַנגט דער באָבען אַ שיסעלע מיט די שמעקנדיקע קרעפּלעך. שווײַגנדיק האָבן זיי געגעסן. ציפּור האָט צוגענומען דאָס געפֿעס, די באָבע איז געזעסן און האָט אַלץ געשוויגן.

— באָבעשי, וואָס שווײַגסטו? זאָג, וואָס האָסטו אָפּן האַרצן? פֿרייד צי טרויער, רייד!

די באָבעשי וואַרט אַ ביסעלע אופֿגעלעבט, טוט אַ קנייטש מיט די אַקסלען און דער־ציילט:

— איבער די גאַסן פֿון סלאָבאָדקע פֿלײַען יונגעלײַט אָף פֿערד, אויסגעפּוצט אין געבלימל־טע טיכלעך. מאַנצבלען גייען אום און בעטן אַלעמען אָף אַ כאַסענע. מיידלעך, אויסגעפּוצטע אין זײַדענע קליידער, גייען אַרײַן אין יעדער שטוב און רופֿן די פֿרויען. אַ רײַכע גרויסאַר־טיקע כאַסענע מאַכט רוטשיל דער קאַצעוו זײַן בעניאָכיד. אין הויף זײַנען פֿאַנאַנדערגע־שטעלט טישן און שטולן. עס ברענען גרויסע שײַטערס, אָף די שײַטערס שטייען קעסלען, מע שעכט שאָף און רינדער פֿאַר דעם כאַסענע־מאָלצײַט. דאָרטן וועט מען זיך פֿריילעך מאַכן און ס׳וועלן ניט פֿעלן קיין רײַכע געסט. דו קענסט דאָך שיין טאַנצן, וועסטו זיי ווײַזן ווי מע דאַרף טאַנצן אַ לעזגינקע.

— זאָל זײַן ווי דו ווילסט, באָבעשי. כ׳וועל גיין, כ׳וועל טאַנצן, און כ׳וועל זיך פֿריילעך מאַכן צווישן די מיידלעך.

6

עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט. די רײַכע, זעטיקע צײַט פֿון יאָר. צונויפֿגעקליבן די ווײַנטרויבן, אָנגעגאָסן אין די פֿעסער דעם יונגן ווײַן, מאַכן די באַרג־יידן, די טאַטן, פֿריי־לעכע כאַסענעס. און גאַנץ סלאָבאָדקע ציילט די טעג, קאָן זיך ניט דערוואַרטן, ווען וועט שוין זײַן די כאַסענע באַם קאַצעווס בעניאָכיד. אָבער אָט איז אָנגעקומען דער געוואַרטער טאָג. קאַיאָר האָבן זיך דערהערט די הויכע, פֿריילעכע קלאַנגען פֿון די קלעזמאָרים. דאָס פּײַקלען פֿון פּויקן, די שלעפֿעריקע שטילקײַט איז צעשטערט געוואָרן אין סלאָבאָדקע.

סלאָבאָדקער טורשווים, יונג און אַלט האָבן אָנגעטאָן זייערע שענסטע קליידער. דאָס קליינוואַרג, ניט קיין געוואַשענע, אין צעריסענע פּלודערלעך האָבן זיך אויך אַ לאָז געטאָן צום קאַצעווס שטוב. אַלע האָבן דאָך געוואָלט זען, ווי די שלאַנקע מיידלעך און באָכערים וועלן טאַנצן. די הויכע, בייגעוודיקע, שלאַנקע מיידלעך, איינע פֿון דער אַנדערער שענער, אין זײַד און אין אַטלאַס, אין סאַמעט אויסגעפּוצטע, מיט די שיינע גאַרטעלעך אָף די דינע טאַליעס האָבן קוים באַרירט מיט די פֿיס די ערד. די סאַפּיאַנעווע ווייכע שטיוועלעך זײַנען מאַמעש געפֿלויגן. לויטן כאַסענע־מינהעג, לאָזן זיך איבער די גאַסן רײַטער־דזשיגיטן. אָף

אויסגעפוצטע פערד. די שיינע געבלימלטע פאַטשיילקעס, וואָס זײַנען צוגעבונדן צו די גריוועס, פליִען אינדערלופטן. די רײַטער מיט די פאַפאַכעס אין דער זײַט לויפן אין גאַלאָפּ, עס קלינגען וויצן, אויסגעשרייען. די טלאָען פון די אויסגעפוצטע פערד פויקן איבער דער האַרטער ערד.

אין סאַמע מיטן פונעםברייטן הויף שטייען געצעלטן, א געצעלט פאַר טענץ, און נאָך א געצעלט — טישן און לאַנגע גלאַטע בענק. ס׳האָבן זיך צונויפגענומען אַזויפיל געסט, אַז דער ברייטער הויף איז געוואָרן ענג. עס קלינגט א געלעכטער. ס׳איז ראַשיק, מע שמועסט הויך. אַלע שטופּן זיך פאָרויס, אַלע זײַנען באַלאָנים א קוק צו טאָן, ווי די יונגעלײַט וועלן זיך מעסטן מיט די קויכעס. דער ערשטער איז אַרויסגעגאַנגען סאָלאָמאָן דער שמיד. ער איז א הויכער, א ברייטפּלייציקער. זײַנע שטאַרקע לאַנגע הענט זײַנען אין שוואַרצע פלעקן. אין סלאָבאָדקע גייען אום א סאַך, א סאַך מײַסעס וועגן דעם, וואָס פאַר א גוואַר דער שמיד איז. קיינער קאָן אים ניט בײַקומען. דער ערשטער איז אַרויסגעגאַנגען דער גרוזין וואַסאַ. ער האָט געהאַט א האַלדז ווי אַן אָקס. מענטשן האָבן אים געזאָגט: „לאָז זיך אָפּ, גיי ניט, וועסט אַרײַנכאַפּן”. נאָר יענער האָט אויף דעם כוצפּעדיק געענטפערט:

— אַזוינע, ווי אָט דער גיבער, איז בא אונדז אין גרוזיע טויזנטער, — ער האָט א כאַפּ געטאָן דעם שמיד פאַרן גאַרטל און געפרעגט:

— ווי ווילסטו זאָל איך דיך אוועקלייגן, סאָלאָמאָן?

פון די ווערטער האָט זיך דער יונגער גוואַר אָנגעגאָסן מיט רוגזע און פאַראַכטונג. ער האָט א קוק געטאָן אפן גרוזין און געפרעגט:

— דו האָסט געוויס געוואָלט פרעגן, ווו דיר וועט זײַן וויכער צו פאַלן, — און ער האָט זיך א לאָז געטאָן צום גרוזין. דער גאַנצער אוילעם איז שטיל געבליבן. סאָלאָמאָן האָט מיט זײַנע לאַנגע אָדערדיקע הענט זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם גרוזינס רימען, האָט מיט א מוירעדיקער קראַפט אים א צי געטאָן צו זיך, אים אויפגעהויבן און א וואָרף געטאָן אין דער זײַט. יענער איז געפאַלן אויף דר׳ערד ווי א זאַק מיט האָבער.

— מאָלאָדיעץ, סאָלאָמאָן! אָט אַזוי, — האָבן אַלע געשריִען און אונטערגעגעבן מוט דעם שמיד.

קליין און גרויס זײַנען מעקאַנע געווען סאָלאָמאָן דעם גיבער.

אָט האָט זיך דערהערט ווי די זורנע שפּילט. דער קלעזמער שאַוואַדיע האָט אָנגעבלאָזן די באַקן, אויסגעגלאָצט די אויגן און אַרויסגעבראַכט פון דער קיילע ווונדערלעכע קלאַנגען. דער פײַקלער איסי האָט אים אונטערגעהאָלפן אַלץ העכער און גיכער, ביז סאָלאָמאָן דער שמיד איז אַרויס צום טאַנץ. שטײַף ליגט אויף אים די טשערקעסקע. ער פאַריכט באַם גאַרטל זײַן קליינעם קינזשאַל, טראָגט זיך ווי א וויכער איבערן ברייטן קרײַז. זײַנע שוואַרצע אויגן גלאַנצן, די פיס אין די ווייכע שטיוועלעך רירן קוים אָן די ערד. אָט גיט ער זיך א שטעל אויף די שפּיץ פינגער אנטקעגן דער שלאַנקער שיינער ציפּור. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און האָט ניט דעם מוט אַרויסצוגיין אנטקעגן. ערשט ווען די געסט הייבן אָן שרײַען: „גיי, ציפּור! שעם זיך ניט, גיי!” און די מיידלעך שטופּן זי אונטער, שטעלט זי זיך אין קרײַז.

זי איז דין, בייגעוודיק, אָנגעטאָן אין אַזא מין קרעלן־קלייד, ווי שווימענדיק גייט זי איבערן קרײַז, פאָכענדיק מיט די ברייטע לאַנגע אַרבל, ווי מיט אָדלער־פליגל. זי וואַרפט א בליק אפן שוואַרצכיינעוודיקן שמיד און עס צינדט אים מאַמעש אָן א פײַער. ער לאָזט זיך פלינק דעריאָגן ציפּור, נאָר יענע דרייט זיך אַרויס און אַנטרינט פונעם פאַרפאָלגער.

זײַן בליק דעריאָגט ציפּור, ער זעט איר שמייכל, דעם לאַשטשענדיקן גלאַנץ פון אירע בלויע אויגן, וועלכע רופן און יאָגן אים אוועק אײנצײַטיק.

— אײַ, ווויל! אָט אַזוי! — שרײַען די געסט און פּאַטשן מיט די הענט.

— אוי, וואָס פאַר א ליב מיידל! — האָט אויסגערופן א פרוי. — וועמענס טאָכטער איז זי? ווען גאָט העלפט מיר און אַזא שיינהײַט גייט אַרײַן צו מיר אין שטוב.

— היי, מומינקע, האָסט פאַרשפּעטיקט. זי איז שוין ניט קיין מיידל, זי איז דאָס צווייטע יונגע ווײַב בא דעם אַלטן אירמע. ער וואָלט געקאָנט זײַן איר טאַטע. דאָס איז בענוושעס אייניקל.

— טפו זאָל זי ווערן! א באָבע האָט פאַרשניטן איר אייניקלס יונג לעבן. אַזא מיידל האָט געקאָנט זײַן דעם סאַמע רײַכסטנס דזשיגיטס ווײַב, — האָט איינע פון די פרויען געזאָגט.

ציפּור קוקט אויף סאָלאָמאָנען מיט גרויס מילדקײַט. זי זעט זײַן שיינעם שטאַלט, זײַנע ברייטע פּלייצעס אונטער דער אָנגעצויגענער טשערקעסקע, דעם קראַגן פון קרעמער טשעסונטשע־בעשמעט, זײַנע סאַפיאַנאָווע שטיוועלעך, וואָס ליגן אַזוי שיין אויף זײַנע גרויסע פיס. זי זעט אויך זײַנע צונויפגעוואַקסענע בא דער נאָז ברעמען, זײַנע אויסדרוקפול־שוואַרצע אויגן מיט די לאַנגע וויִעס און זי טראַכט: „אָט איז דאָס פּאָנעם און דאָס געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען טעג און נעכט פאַר מײַנע אויגן”.

סאָלאָמאָן האָט איבערגעכאַפּט איר בליק, ער האָט אַזש א ציטער געטאָן און מיט א שטילער שטים אַרויסגעפּרעפּלט: אָ, איידל בלימל! דײַן בליק קאָן פון א ווינטער־טאָג מאַכן פרילינג! איך האָב דיך ליב מער ווי זיך אַליין!..

7

אירמע האָט זײַן צווייטע כאַסענע געמאַכט אינדערשטיל. אָן ראַש, אָן פרײלעכקײַט, ווי דאָס טוען אלטע לײַט. אף דער כאַסענע האָט ער געבעטן נאָר די אלטע און קרויווים. קיינער האָט ניט באַגלייט צום כאָסנס שטוב מיט לידער און מיט מוזיק דעם כאַסענע־אוילעם, קיי־נער האָט ניט געשאָסן פון פיסטאָלעטן.

צו אָונט־צו האָבן צוויי מיידלעך־כאַווערטעס אַרײַנגעפירט ציפּורן, ווי א געגאַנוועטע קאַלע צום כאָסן אין שטוב. דערנאָך האָט מען געבראַכט אין א פור איר בידנע נאַדן. א קוי־פערנע קײַלעכדיקע טאַץ, א קופערנעם בײַכיקן קרוג מיט א שמאָל העלדזל און א קליין קריגל אף אָפּגיסן נעגל־וואַסער, פיר גרויסע קישנס מיט פּוך, א זײַדענע קאָלדרע מיט קעמל־וואָל און א מאַטראַץ מיט שאָפּן־וואָל. א פאַרביקע קאָשמע און פאַרשיידן געפעס.

ווי דער מינהעג פירט זיך, האָט טאַמאַר די ערשטע באַגעגנט איר יונגע קעגנערקע. זי האָט מיטביידע הענט אונטערגעהויבן ציפּורס פּאַטשײלקע און א גרינגן קאַלטן קוש געטאָן איר שטערן. דערבײַ געזאָגט:

— זאָל אײַניינעם מיט דײַן קומען אַרײַנגעבראַכט ווערן אין אונדזער שטוב גליק!

— אָמיין! — האָבן אויסגערופן עטלעכע ווײַבער.

טאַמאַר האָט אופמערקזאַם א קוק געטאָן אף ציפּור און א פאַרוווּנדערטע א טראַכט גע־טאָן: „ליבער גאָט, זי איז דאָך נאָך אינגאַנצן א קינד! קאָן זײַן, אז אזוי איז טאַקע בעסער. ווי איך וועל וועלן, אהין וועל איך זי קערעווען!”

די קאַלע האָט מען אוועקגעפירט אין צימער, וואָס איז געווען אויסגעטיילט נאָר פאַר איר. מע האָט זי אוועקגעשטעלט אין א ווינקל מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט און מע האָט זי צוגעדעקט מיט א זײַדענער פּאַטשײלע. די כאַווערטעס, וועלכע האָבן געבראַכט ציפּור, האָבן באַדינט די געסט, מעכאַבעד געווען די קאַלע, האָבן זיך געוויצלט און געוואָרפן שאַרפע ווערט־לעך. אָבער די קאַלע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס'איז איר געווען גאָר ניט פריילעך.

דער צימער האָט זיך פּאַוואָליע אָנגעפילט מיט נײַגעריקע פרויען. עס גייט צו איינע, הייבט אוף דאָס טיכל פון דער קאַלעס פּאָנעם, קוקט זי אָן, טרעט אָפּ, דערנאָך גייט צו א צווייטע און א דריטע. אָט איז אַרײַנגעקומען אַן אלטע און האָט הויך אויסגערופן:

— ווו איז די קאַלע? איך וויל זי אָנקוקן! — און בייס זי האָט אָנגעקוקט די קאַלע, האָט זי אָפּגעזיפצט. — אוי, פייגעלע מײַנס שיינס, וועסט, מירצעשעם, ווערן א פרוי, וועסטו זײַן שענער, ווי איצט.

דער הויכער, ליכטיקער, באַהאַנגענער מיט טײַערע טעפּיכער צימער איז געווען באַ־לויכטן פון גרויסן הענג־לאָמפּ. אף די האָריקע טעפּיכער, וואָס זײַנען געווען פאַרשפּרייט אף דער טאַכטאַ, זײַנען סטאַטעטשנע געזעסן די אלטע פרומאַקעס, אירמעס פרײַנט. עס זײַנען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן געשמאַקע פעטע פליישיקע מײַכאָלים, פולע גראַפינעס ווײַן. אָט האָט רעב דאָוויד אויסגעווישט די הענט און זאָגט א טפילע:

— זאָל דער אלמעכטיקער באַשעפער קיינמאָל ניט אויסמײַדן מיט זעט דאָס הויז! זאָל זיך מערן די רײַכקײַט אינעם הויז! זאָל באַשאָנקען ווערן דאָס הויז מיט מאַנצבלשע באַשע־פענישן. זאָלן אין דעם הויז וואַקסן פיל יאָרשים. — פּלײַסיק האָט רעב דאָוויד טפילע גע־טאָן. — אויב דעם באַשעפער וועט זײַן צו דער האַנט, וועט אין דעם הויז אין א יאָר אַרום געבוירן ווערן א זון און מיר אלע וועלן, מירצעשעם, קומען אפן בריס.

— אָמיין! — זאָגן אלע אלטע.

מע האָט אויסגעטרונקען צו גלעזער ווײַן, און בייס מע האָט נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן, האָט אירמע גענומען א פולע גלאָז אין דער האַנט און זײַנע ווערטער זײַנען געווען אזוינע:

— האָט ניט קיין פאַריבל, איך וועל זאָגן ווי די זאַך איז. איר פאַרשטייט אליין, אז די שטוב, וואָס האָט ניט קיין העמשעך, איז קיין שטוב ניט. איר פאַרשטייט אליין, אז דעריקער איז, די היים זאָל זײַן וואַרעם מיט מאַנצבלען. איר ווייסט דאָך, אז מײַן טאַטע און צוויי ברי־דער זײַנען געשטאָרבן און קיין נאָמען נאָך זיי איז ניטאָ!

די זקיינים האָבן מיטאַמאָל אויסגערופן:

— אירמע, גאָט זאָל דיך בענטשן מיט צען זין! אין דײַן שטוב זאָל זיך שפּרייטן א ברייטער דאָר!

— אָמיין, אָמיין! — האָט אויסגערופן רעב דאָוויד.

די ווײַבער זײַנען געזעסן אין צווייטן צימער, זיי זײַנען געווען זאַט פון אירמעס רײַכן טיש און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט כניפע־ווערטעלעך. אף א בעקאָוועדיקן אָרט איז געזעסן די שאַדכנטע גיולווערד. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין א זײַדענעם בעשמעט און אין א גע־בלימלטער פּאַטשײלע, וועלכע אירמע האָט איר געשענקט. זי האָט אַרומגעלעקט די טרוקענע ליפּן און ווייך אָנגעהויבן ריידן:

— הער מיך אויס, שוועסטער טאַמאַר. אין א יאָר ארום וועט דײַן יונגע קעגנערקע גע־בוירן א ייִנגל און דו וועסט עס מירצעשעם, וויגן אין וויגעלע.

— זאָל גאָט געבן, אז ס׳זאָל טאַקע אזוי זײַן, — האָבן די ווײַבער אויסגעשריגן.

דערנאָך האָט טאַמאַר אזוי געזאָגט:

— שוועסטער מײַנע, א דאנק אײַך פאר אײַער זאָרג און פאר דעם, וואָס איר זײַנט גע־קומען צו מיר. נאָר די עמעסע אקאָרע איז יענע פרוי, וועלכע האָט ניט קיינעם אף דער וועלט. — און טאַמאַר האָט זיך צעוויינט.

די ווײַבער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און האָבן זי געטרייסט:

— עד, שוועסטער טאַמאַר, באקלאָג זיך ניט אף דײַן גורל. אלץ וועט גאָט לויטן ווילן פון באשעפער.

ארויסבאגלייט די געסט, האָט אירמע פאנאנדערגעקעמט די שווארצע שיינע באָרד, אין דער ווײַסער טשערקעסקע מיט דעם שווארצן באפּוצעכץ איז ער ארײַנגעגאנגען אין צימער צו דעם יונגן ווײַב און האָט צוויי מאָל א דריי געטאָן דעם שליסל אין טיר. ער האָט די מינוט באמערקט, אז די רײַכע כאסענע־וועטשערע מיט אלע נאשערײַען, וואָס זײַנען געוועזן אָנגע־גרייט פאר דעם יונגן ווײַב, זײַנען געלעגן אפן טיש ניט אָנגערירט.

„ס׳איז קיין ווונדער ניט: זען, ווי טאַמאַר דרייט זיך דאָ ארום, קען מען אָנווערן דעם כיישעק צו עסן. כ׳וועל זאָגן דער אלטער וואָראָנע א צוויי—דרײַ ווערטער", — האָט ער גע־טראַכט. אין צימער האָבן געהאלטן באַם אויסגיין די אָנגעצונדענע כאסענע־ליכט, דאָס געלע־גער איז געוועזן ניט געמאַכט, אפן ראנד פון טאַכטא, אונטערלייגנדיק איר קליינינקע האַנט אונטער דער באַק, איז געשמאַק געשלאָפן אין דעם כאסענע־קלייד ציפּור. זי האָט זיך אָבער אופגעכאַפּט, ווען די טיר האָט א סקריפּע געטאָן. אירמע איז מיט ווייכע קאַצן־טריט צוגע־גאנגען און האָט זיך געשטעלט צוקאָפּנס באַ דעם שלאָפנדיקן מיידל. ער האָט געזען ווי ליבלעך זי איז, ווי יונג און קינדעריש קליין, און ער איז ווי געשטאַנען אפן שאַרף פון זײַן געגאַרטן כאָלעם. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, האָט דערפילט איר שמעקנדיקן אָטעם און דאָס האַרץ איז אין אים פארכאַלעשט געוואָרן. ער האָט זי ארומגענומען און זיך צוגערירט מיט זײַן בערד־דיק־שטעכנדיקן פּאָנעם צו איר איידעלער ראָזער באַק.

— ווער איז דאָ! — האָט א דערשראָקענע אויסגעשריִען ציפּור און אראָפּגעשפּרונגען פון דער טאַכטא, צוגעלאָפן צום ווינקל צימער און דאָרטן ווי פארשטאַרט געוואָרן...

— ווער זשע דען, אויב ניט איך. פרייד מײַנע, לעבן מײַנס! — האָט, אויסשטרעקנדיק צו איר די הענט, געפּליסטערט אירמע.

ס׳מיידל האָט אופגעהויבן אף אים אירע אויגן, ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז דער פרעמ־דער בערדיקער מענטש איז אראָפּ פון זינען. זי איז דערשיטערט געוואָרן פון גרויל.

— איר זאָלט זיך צו מיר ניט דערנעענטערן! — האָט זי אויסגעשריִען א פארציטערטע.

אירמע איז פונדעסטוועגן צו איר געגאנגען מיט א מאָדנע געגנגעלע. פריִער האָט ער גע־טראָטן אף דער פּיאַטקע, דערנאָך אף די שפּיץ פינגער און ער האָט זי ווייך אײַנגערעדט:

— גיי ניט קעגן מײַן ווילן. איך בין דיר ניט קיין סוינע. וועסט מיך דערקענען, וועסטו מיך ליב קריגן.

ציפּור איז געשטאַנען אנטקעגן אירמען, און יעדערער פון זיי האָט שטומערהייט איבער־געלעבט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט. זי האָט זיך א קערעווע געטאָן צו דער טיר, גרייט געוועזן צו אנטלויפן, נאָר זי האָט ניט באוויזן א טראָט צו מאַכן, ווי אירמע האָט זי א כאַפּ געטאָן פאר די פּלייצעס און האָט זי שטײַף ארומגענומען. זי האָט אָפּגעקערט פון אים דאָס פּאָנעם און זיך געבעטן:

— לאָז, לאָז מיך! כ׳קאָן דיך ניט אָנקוקן. עס קערט מיר די גאל פון דײַן באָרד!

ער האָט זי אלץ פעסטער צוגעדריקט צו זײַן הארצן, ניט געהערט אירע ווערטער און איז געזונקען אין זעלבסטפארגעסונג פון איר הייסן אָטעם, וואָס ער האָט דערפילט אף זײַן האלדז, זיינע הענט האָבן געציטערט, מיט די לעצטע קויכעס האָט ציפּור אויסגעשריִען:

— לאָז מיך אָפּ, הערסט, גאזלען!

פון אירע אויגן האָבן א גאָס געטאָן טרערן. אין א רעגע ארום איז זי פארשטיינערט גע־וואָרן, האָט פארלאָרן דעם באוווסטזײַן. אירמעס געזונטע הענט האָבן זי אופגעהויבן און אוועק־געלייגט אף דער טאַכטא.

8

אין די פענצטער האָט ארײַנגעקוקט דער קאַיאָר.

אירמע איז געלעגן אין באקוועמען ווייכן געלעגער. מיט זײַנע הענט האָט ער ארומגענו־מען דעם קאָפּ. לעבן זײַן גרויסן גוף איז געלעגן די איידעלע קרוקע ציפּור. צוויי גרויסע טרערן זײַנען געהאנגען ווי טוי־טראָפּנס אף אירע לאַנגע שווארצע וויִעס. אלץ מער און מער טרערן זײַנען ארויסגערונען פון אירע אויגן, און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

„אַלע יונגע ווײַנען אַזוי אין די ערשטע טעג. נישקאָשע, זי וועט זיך צוגעוווינען", — האָט אירמע פֿריידיק געטראַכט. ער איז אופֿגעשטאַנען ווי אַ יונגער, ברייט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן די הענט, אויסגעגלײַכט די גלידער אַזוי, אַז זיי האָבן אַזש געקנאַקט. צוגעגאַנגען און פֿאַנאַנדער־געפּראַלט דאָס פֿענצטער. דער רייעך פֿון פֿרישע בלעטער האָט ווי פֿאַרשיקערט אירמען. זײַן גרויסער הויף, אַ באַלויכטענער פֿון דער אופֿגייענדיקער זון, איז געמיטלעך און ריין. אירמע איז צופֿרידן פֿון זײַן לעבן.

פֿון דער ערשטער נאַכט זײַנען שוין אוועק אַ סאַך כאָדאָשים. אירמע האָט ניט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג, אַז ציפּור וועט זיך צוגעוווינען צו אים און ערשט דאַן וועט זי זײַן זײַן באַגער־טע, זײַן געליבט ווײַב. בייס ער פֿלעגט קומען צו איר אין די אָוונטן, פֿלעגט ער ברענגען אַלערליי פּייִרעס, נאַשערײַען און מאַטאָנעס. אָבער ציפּור האָט זיך צו דעם ניט צוגערירט. זי האָט מוירע געהאַט פֿאַר אים און פֿאַר זײַנע מאַטאָנעס און געוויינט דערפֿון, ווי פֿון אַן אָנשטעקנדיקער כאַלאַס. הארבסט, ווינטער און פֿרילינג האָט שוין געלעבט ציפּור אין אירמעס שטוב. זי האָט זיך אַ ביסעלע אויסגעצויגן און ווי עלטער געוואָרן. אַף איר אָפּגעצערט פּאָנעם האָט ניט קינדעריש זיך אויסגעגאָסן אַ געוויסע הארבקײַט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע גרויסע בלויע אויגן.

פֿון זינט אירמע האָט ארײַנגעפֿירט אין שטוב זײַן יונג ווײַב, האָבן די שכיינים, זיצנדיק לעבן הויכן פּאַרקן, ארײַנגעקוקט דורך די שפּאַלטן אין הויף ארײַן.

— מיר וועלן אַ קוק טאָן, — האָט איין שכיינע געזאָגט צו דער אַנדערער, — ווי די אַלטע טאָמאַר וועט אַרויסשטופּן פֿון שטוב די יעסוימע, נעבעך.

— שטילער, — האָט די צווייטע געוואָרנט, ווײַל זי האָט דערזען אין הויף ציפּור.

אין איין האַנט האָט ציפּור געהאַלטן אַן עמער, אין דער צווייטער — אַ האַנטעך, ווײַל זי איז געגאַנגען מעלקן די בעהיימע. איר שוואַרצכיינעוודיק פּאָנעם איז נאָך טונקעלער געוואָרן, ווײַל ס'איז געווען אָפּגעברענט פֿון דער זומערדיקער זון. ס'האָבן געבלאַנקט די ווײַסלעכער פֿון אירע אויגן, וועלכע זײַנען געווען ריין, ווי וואַלד־קוואַלן. אין די רויטע סאַפּיאַנאָווע שטי־וועלעך האָט זי דריבנע געשפּאַנט איבער די ציגלנע סטעזשקעס פֿונעם הויף.

— מע שמועסט, — האָט זיך ארײַנגעמישט איינע פֿון די שכיינעס, — אַז די אַלטע טאָמאַר, נעבעך, באַווײַזט זיך מער ניט אין ליכטיקן גראַמען צימער. זי האָט איר אויסקומעניש אין אַן ענג קעמערל, ווו מע פֿלעגט פֿריִער האַלטן אַלערליי שמאַטעס.

— זאָג דאָס ניט, — האָט זיך ווידער ארײַנגעמישט איינע פֿון די שכיינעס. — זע ווי פֿאַרומערט די יונגע איז. וואָס פֿעלט איר. עס וויפֿל דו ווילסט, טו זיך אָן ווי דו ווילסט און לעב אַ טאָג. פֿאַרוואָס זשע גייט זי אַרום אַזאַ באַרויגעזטע? — באַ די ווערטער האָט די שכיינע אונ־טערגעפֿינטלט און ארײַנגעשושקעט איינער אין אויער: — כ'האָב געהערט, אַז דער אַלטער אירמע וויל זייער אַ קאַדיש, אָבער ווער ווייסט, צי ער איז נאָך פֿייִק. ווער קאָן זאָגן, פֿאַר־וואָס טאָמאַר איז אַן אַקאָרע?

9

אַלץ, וואָס די אַלטע טאָמאַר האָט געהייסן טאָן אין דער בעלעבאַטישקײַט, האָט ציפּור געטאָן. אַזאַ איז דער מינהעג, אַז די יונגע דאַרף פֿאָלגן די אַלטע. שטענדיק איז ציפּור געווען פֿאַרנומען. קיינמאָל האָט מען פֿון איר קיין וואָרט ניט געהערט. ניט קיין וויץ, ניט קיין מילד־קײַט האָבן ניט געקאָנט זי ריידעוודיק מאַכן.

טאָגטעגלעך האָט טאָמאַר געזוכט סימאָנים אין דער דינער יונגער קעגנערקע, זי האָט זיך געוואָלט דערקונדיקן, צי יענע איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן. אָפֿט פֿלעגט זי אַ טראַכט טאָן: „וואָס איז מיר די נאַפּקעמינע, פֿון ווענען עס וועט געבוירן ווערן דער יוירעש, וואָרעם פֿון מיר געוויס ניט!"

— וועסט אים געבוירן אַ קינד, וועסטו האָבן אַ לעבן, ווי דו וועסט נאָר וועלן. — פֿלעגט טאָמאַר אָפֿט זאָגן צו ציפּור.

אָבער קוים פֿלעגט זי אַ טראַכט טאָן וועגן איר אַלטקײַט און איינזאַמקײַט, פֿלעגט זי פֿילן צו זיך אַ מוירעדיקן ראַכמאָנעס.

אין גרויסן פּירקאַנטיקן צימער, וועלכער איז געווען באַהאַנגען מיט טעפּיכער און אַרומ־געשטעלט מיט בלאַנקענדיקע קופּערנע קיילים, איז געווען היימלעך. נאָר ציפּור האָט אַף אַלץ געקוקט גלײַכגילטיק, ס'האָט זי גאָרנישט ניט געפֿרייט און גאָרנישט ניט באַומרויִקט. בייס אירמע איז ארײַנגעגאַנגען, האָט זי אים ווי ניט באַמערקט און האָט געטאָן איר זאַך.

— זע, ציפּור, די וועטשערע זאָל זײַן אַ געשמאַקע, — האָט געזאָגט צו איר אירמע.

ציפּור האָט געהערט, ווי זײַנע קליידער שאָרכען, זי האָט געפֿילט זײַן אָטעם, נאָר זײַן צורע האָט זי ניט געזען. זי האָט אראָפּגעלאָזט איבער די אויגן די ווײַסע פֿרענדזן פֿון איר זײַדענער פֿאַטשיילע און איז ווי פֿאַרכאָלעמט געוואָרן באַם אייוועלע.

„או, ווי זי פאַרבײַסט זיך! — האָט מיט רוגזע א טראַכט געטאָן אירמע. — זי דאַרף גאָר קיין רײַכקייט ניט, דאָס איז פאַר איר אַן איבעריקע זאַך".

ער האָט פּאַוואָליע אויסגעטאָן די טשערקעסקע, זיך אָנגעלענט אין די קישנס אויף דער טאַכטע און שווײַגנדיק באַקוקט זײַן יונג ווײַב.

ציפּור האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן אָט דעם דאָזיקן קוק. זי וואָלט זייער געוואָלט אָפּטאָן עפּעס אַזוינס, אַז ער זאָל זיך גוט בייזערן. זי האָט אָבער ניט געוווּסט ווי דאָס צו טאָן. האָט זי זיך פּלוצעם א קער געטאָן צו אים און געפרעגט:

— וואָס שטעכט איר מיך אַזוי מיט אײַערע אויגן, קוקט ניט אַזוי אויף מיר!

אירמע האָט זיך געפילט געטראָפן. א ציטער האָט אים דורכגענומען. ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן און שטיל זיך געווענדט צו איר:

— קיינער האָט פאַר מיר קיינמאָל קיין מוירע ניט געהאַט. דו דאַרפסט געוויס ניט מוירע האָבן פאַר מיר. איך בין דיר ניט קיין סוינע. אַלדאָס גוטס וויל איך אויסברענגען נאָר פאַר דיר! שטופּ ניט אַוועק מיטן פוס דײַן גליק. וועסט עס צוריק ניט אומקערן.

אַזוי האָט ער געזאָגט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן פון דער טאַכטע, א נעם געטאָן ציפּורן פאַר א האַנט, זי א שלעפּ געטאָן צום אײַזערנעם געשמידטן קופערט און מיט א קלונג א דריי געטאָן דעם שליסל.

— נאַ, נעם! אַלץ, וואָס דאָ ליגט, איז דײַנס! נעם, מײַן פרייד. פאַר דיר קאַרג איך גאָר־ניט! — בײַ די ווערטער האָט ער ווי אַן אומזיניקער גענומען אַרויסוואַרפן פון קופערט קליידער, גילדענע קייטן, בראַסלעטן, מעדאַליאָנען, — נאַ, נעם! אַלצדינג נעם! און האָב מיך ליב!

— איך דאַרף ניט אײַער רײַכטום, קיין זאַך דאַרף איך ניט! כ'וועל סײַווי פון אײַך אַוועקגיין!

— אָך, — האָט א קרעכץ געטאָן אירמע, — ניין, וועסט ניט אַוועקגיין, וועסט געבוירן א יורש פאַר מײַן אַשירעס! די באָבע בענעוושע וועט דיך ניט אַרײַנלאָזן אין שטוב, געדענק. זי האָט געהייסן, דו זאָלסט ווערן א באַלעבאָסטע פון מײַן רײַכקייט. איך וועל דיך צוגעוווינען צו זיך. וועסט זיך צוגעוווינען צו מיר, איך וועל האָבן א יורש! איך וועל האָבן, הערסט! מײַנע סאָנים וועלן ניט דערלעבן צו זען מײַן אומגליק.

ציפּור האָט בייז עפּעס אַרויסגעפּרעפּלט, איז אַרויסגעלאָפן פונעם צימער. אירמע האָט א קוק געטאָן אויף דער טיר, אַהינטער וועלכער ציפּור איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, א ציטער האָט אים דורכגענומען. ער איז בלייך געוואָרן, זײַנע הענט האָבן זיך געטרייסלט. ער האָט מיט קויעך זיך באַהערשט, זיך אַוועקגעוואַלגערט אויף דער טאַכטע און אינעם אָנטאָן אָפּגעשלאָפן ביז אינדערפרי.

10

אין שטוב איז געווען א שלאַל אַרבעט, אָבער ציפּור האָט באַוויזן אַלץ אָפּצוטאָן. שוין לאַנג, נאָך ווען דער ערשטער שניי איז צעגאַנגען, האָט זי באַוויזן אָפּצוטאָן, וואָס מע דאַרף פאַרטיק מאַכן פרילינג. זי האָט אַרומגעשמירט דאָס שײַערל מיט ליים, אויסגעקאַלכט, אויסגע־קלאַפּט די טעפּיכער, די פּאַלאַסן, די וואָליקעס און די געלעגערס. די ווענט האָבן געשעמערירט פון ווײַסקייט. די פּאָדלאָגע איז גלאַט אויסגעשמירט, דער אויוון איז אויך אָפּגעקאַלכט. די שכיינים האָבן מיט קינע געקוקט אויף דעם פעסטן האָרעפּאַשנע יונגן ווײַבל, און זיי האָבן צווישן זיך וועגן דערויף געשמועסט:

— ווו האָט ער זי געפונען, דער גוויר האָט דאָס מאַזל. עס ברענט אין אירע הענט.

דער נעפּל איז נאָך ניט צעגאַנגען איבער דער סלאָבאָדקע, צו קאַיאַר איז נאָך ווײַט, און ציפּור איז שוין אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער, א שווענק געטאָן דאָס פּאָנעם מיט וואַסער פונעם עמער, אַרופגעכאַפּט די פּאַטשיילקע אויפן קאָפּ און איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, ווײַל זי האָט פאַרשלאָפן. איצטער דאַרף זי דעריאָגן די טשערעדע. „זיך נעכטן אָנגעלאָפן צופיל, האָב איך ניט באַמערקט, ווי די נאַכט איז אַוועקגעגאַנגען", — האָט זי אומעטיק א טראַכט גע־טאָן, עפענענדיק די שטאַל. ס'האָט זיך אויפגעהויבן די בעהיימע מיט די ווײַסע און געלע פלעקן, זי האָט א צי געטאָן די וואַרעמע ליפּן צו ציפּור און האָט א מרוקע געטאָן. ציפּור האָט אַרויס־געטריבן די קו, געטריבן זי און אַליין געלאָפן ביז זי האָט דעריאָגט די טשערעדע.

דערנאָך האָט זי אַרײַנגעטראָגן האָלץ אין קיך, אײַנגעהייצט דעם אויוון, דערלאַנגט דעם מאַן וואַסער, ער זאָל זיך אָפּוואַשן, צוגעגרייט פרישטיק, אים אַרויסבאַגלייט צו דער אַרבעט, און גענומען צוראַמען דעם הויף.

שטיל און טונקל, פײַכט און אומעטיק איז דער אַלטער טאַמאַרס צימערל. זי איז קראַנק, אומבאַהאָלפן און גייט לאַנג ניט אַראָפּ פון געלעגער. איר גוף איז געשטאָרבן, נאָר איר מאַרך איז לעבעדיק. אירע אויגן פון די טיפע אויגן־גריבער גלאַנצן מיט לעבעדיקער אַקשאָנעס. ציפּור פלעגט אָפט שטיין צוקאָפּנס פון דער קראַנקער קעגנערקע און מיט שרעק קוקן אויף

יענערס פּײַן. זי האָט ראַכמאָנעס געהאַט אף איר. און אין דער זעלבער צײַט האָט זיך ציפּור געשראָקן צו בלײַבן מיט איר אַליין: זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אף די קני לעבן איר בעט און האָט שווײַגנדיק געקוקט אף דער קראַנקער.

— ציפּור, וואָרעם אָן וואַסער, פֿאַרע מיר אויס די פּיס. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר גע־בראָכן די ביינער, — האָט טאַמאַר געשעפּטשעט מיט אירע בלאַסע ליפּן.

ציפּור האָט איר דערלאַנגט וואָרעמע מילך, צורעכט געמאַכט דאָס געלעגער. די קראַנקע פֿלעגט ציפּורן פֿאַר אַיר מי און זאָרג רופֿן „טאַכטערקע" און ניט איינמאָל געזאָגט, אַז גאָט אַליין האָט זי צוגעשיקט. אָפט פֿלעגט טאַמאַר ריידן וועגן איר ביטערן גוירל.

— דער קייווער איז אָפֿן פֿאַר מיר, שעלט מיך ניט, טאַכטערקע, זײַ מיר מויכל. דעם אָרעמען מענטשן איז אַלע מאָל ביטער. איצטער פֿאַרשטיי איך אַלץ גוט, ווײַל איך בין אַ בעזדעטניצע. איך האָב געלעבט ערגער פֿון אַ געדונגענער אַרבעטערן. מיט דער צײַט וועסטו ויסן, וואָס הייסט גליק, גליק, וואָס מאַכט שטאָלץ אַ פֿרוי, מאַכט שטאָלץ און שיין. דו ביסט יונג, דײַן פּאָנעם שײַנט, זײַ גליקלעך.

— ניין. כ'וועל דאָ בעשום־אויפֿן ניט בלײַבן, איך וועל אַוועק פֿונדאַנען. ס'איז מיר שרעק־לעך אין דער גרויסער רײַכער שטוב. איך קאָן ניט אָנקוקן קיין מאַנצבלען. פֿאַרוואָס האָט מיך מײַן מאַמע געבוירן אף שאַנד און שפּאָט! — האָט כליפּענדיק געזאָגט ציפּור.

ס'האָבן ניט געהאָלפֿן ניט די רעפֿועס, ניט די אַלערליי גראָזן, וואָס ס'האָט געגרייט גיול־ווערד. ציפּורס דײַגעס און די געשמאַקע פֿליישיקע מײַכאָלים, וועלכע ציפּור פֿלעגט קאָכן. טאַמאַר איז געשטאָרבן. מע האָט געשאָכטן שאָף אף זייכער־נעשאָמע. די ראַכמאָנעספֿולע אַלטע ווײַבער האָבן געטאָן טאַמאָרן איר רעכט און זי פֿאַרוויקלט אין ווײַסע טאַכריכים.

אַ באַיאָרטע פֿרוי האָט צעפּאַטלט אירע גראָווע האָר, האָט זיך געשלאָגן אין האַרצן און אין די באַקן, היך און געדיכט געטײַנעט:

— אַ־אַך, אָרעמע, עלנטע טאַמאַר! וואָס פֿאַר אַן אומגליקלעך פּינצטער לעבן דו האָסט געהאַט. דײַנע קינדער וועלן ניט דורכטרעטן קיין סטעזשקע צו דײַן קייווער, זיי וועלן ניט שטיין דערבײַ און ווינטער וועלן זיי ניט אַראָפּקערן פֿון דײַן קייווער דעם שניי, קיינער וועט דיך ניט דערמאָנען. דײַן קייווער וועט פֿאַרוואַקסן ווערן מיט ווילדגראָזן, נאָר זיי וועלן זיך הוידען אף דײַן קייווער פֿונעם ווינט...

ס'איז שוין אַוועק אַ יאָר, אָבער ציפּור האָט אים ניט געבוירן ניט קיין זון און ניט קיין טאָכטער. אירמע איז געוואָרן פֿאַרטראַכט און צערייצט. דורך די נעכט איז ער שלעכט געשלאָפֿן. אַנומלטן האָט ציפּור צו אים געזאָגט:

— וואָס ווילסטו פֿון מיר. וואַרט ניט אף קיין יוירעש. איך בין פּרוכטלאָז, ווי טאַמאַר, אָלעוו־האַשאָלעם. דו פֿרוווּ אויס אַ דריט ווײַב און מיך לאָז אָפּ!

אירמע האָט זיך זייער פֿאַרוווּנדערט. ביז איצט האָט זיך אים געדוכט, אַז ציפּור איז אַ קליין מיידעלע, און איצט האָט ער פֿון איר געהערט האַרבע דיבורים. און ער האָט איר אײַנ־גערעדט:

— ווער גייט עס אַוועק, מײַן ליבינקע, פֿון גליק און פֿון רײַכקײַט? ניין, מײַן פֿרייד, אין ערגעץ וועסטו ניט אַוועק. מײַן פֿאַמיליע־נאָמען וועסטו טראָגן, נאָר מײַנעם, דו הערסט? וועסט געבוירן אַ זון, וועסטו הערשן איבער מײַן גאַנצן פֿאַרמעגן.

— ניין, איך וועל יאָ אַוועק! איך קאָן דיך ניט אָנקוקן, כ'האָב פֿײַנט דײַן שטוב. מײַנע אויגן קאָנען ניט זען קיין שום מאַנצבל. איך שווער באַ אַלע געשטאָרבענע, אַז איך וועל אַוועק. „פֿונוואַנען האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ קראַפֿט", — האָט אירמע אַ דערשיטערטער געטראַכט.

— דו מיינסט, אַז אַלץ מעגסטו! דו ביסט מײַן געזעצלעך ווײַב, איך האָב פֿאַר דיר גע־געבן קאַלים — דאָס דאַרפֿסטו געדענקען! איך האָב זיך פֿאַר דיר געכאַפּט, ווי אַ דערטרונקע־נער אין אַ שטרויעלע. — דער צאָרן האָט אים אַזש געשטיקט, און מיט שטאַרקן קאַס האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער האַנט. — כ'וועל דיך אין ערגעץ ניט לאָזן!

אין דעם לאַנגן ווײַסן נאַכט־העמד האָט זי אויסגעזען בלייכער ווי געוויינלעך. זי האָט אײַליק אָנגעטאָן אף זיך דאָס קלייד, פֿאַרשפּיליעט די קנעפּלעך און געשריִען:

— אויב כ'וועל דיך ניט קענען אומברענגען, וועל איך זיך דערהאַרגענען. זאָל די קאַלע־דעדע, מײַן באָבע, איבערלעבן מיך, ווי זי האָט איבערגעלעבט מײַנע עלטערן. וואָג ניט צוגיין צו מיר! — האָט זי אַרויסגעפּראַלט און אַ כאַפּ געטאָן פֿון טיש דאָס לאַנגע קיך־מעסער. זי האָט געמאַכט אַ טראָט צו אים.

אירמע האָט אויסגעשריִען:

— הער דו! ביסט דאָך אַ גאָעל און אָן אַ שטאַם, דו ביסט מײַן ווײַב! קיינער האָט קיין רעכט דיך צונעמען, — האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס פֿונעם צימער.

11

אומרויִק־פֿײַנלעך איז אירמען געווען אפֿן הארצן. ער האָט ניט געקאָנט רויִק ניט ארבעטן, ניט שלאָפֿן. ער האָט אָפֿט געטראַכט: „איך בין נאָך ניט אלט, אָבער קראַנק בין איך שוין. אזוי וועל איך אוועקפֿאלן, און פֿארטיק. כ׳וועל אפֿילע ניט באווײַזן א טראַכט צו טאָן, אז איך בין געשטאָרבן.

א ווארעמער, צארטער, זומערדיקער אָוונט האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער וועלט. ס׳איז געקומען די צײַט צו דאווענען מײַרעוו, אָבער אירמע איז אין בעסמעדרעש ניט געגאַנגען. ער האָט טפֿילע געטאָן אין שטוב. אין די הויכע באזילבערטע לײַכטער האָבן געברענט וואקסענע ליכט, און די פֿלעמלעך האָבן זיך געצויגן ארויף־צו. אײַנגעהילט אין טאלעס, מיט די טפֿילן אף דער האנט און אפֿן שטערן, האָט אירמע געטרייסלט מיט די אופֿגעהויבענע הענט, זיך געהוידעט און געבעטן באַם גאָט „אדענוי”, ער זאָל אים מויכל זײַן די אווייראס, ער זאָל אים באשענקען מיט רו אף יענער־וועלט און אים שענקען דעם גאַניידן. „אָ, בארעמהארציקער פֿאָטער, — האָט אירמע געטײַנעט, — בענטש מײַן פֿאָלק און פֿארלאָז מיך ניט אין מײַן צאָרע”. ער האָט געוווסט, וויאזוי מע דארף טפֿילע טאָן צו גאָט...

אן אנדערש מאָל זיצט ער אף דער טאכטא, אָנגעלענט אין די קישנס. אפֿן טיש שטייט א גראפֿין מיט ווײַן, געקאָכט שאָפּן־פֿלייש, גרינע ציבעלעס און יונגער קנאָבל. ער עסט אָבער ניט, ער טרינקט א גלאָז נאָך א גלאָז. דאָס פּאָנעם איז בא אים פֿארוואָלקנט און פֿארטראַכט. די אויגן מיט די רויטע אָדערלעך זײַנען שטרענג און פֿארומערט. ניט קיין פֿריילעכע געדאַנקען דרייען זיך בא אירמען אין קאָפּ און פֿארסאמען זײַן געמיט.

ער וואָלט זייער געוואָלט וועמען־ניט־איז דערציילן וועגן זײַן אומגליק, נאָר ער האָט ניט געהאט אזא פֿרײַנט, וואָס זאָל אים מיטפֿילן. די סלאָבאָדקער טוישווים האָבן מוירע געהאט פֿאר אים און אים פֿײַנט געהאט. די קרויווים פֿון זײַן מאמעס צאד זײַנען קאפּצאָנים, כאנפֿענען אים, לעקן זיך אונטער אין די אויגן און ווינטשן אים אלדאָס בייז הינטער די אויגן. ער האָט זיך אָנגעשיקערט, זיך דערפֿילט ניט מיט אלעמען און, ניט וויסנדיק וואָס ער טוט, זיך ארײַנגעוואלגערט אין געלעגער און גענומען כראָפּען.

ציפּור איז אויך ניט געשלאָפֿן די נאכט.

אין דרויסן איז געווען שטיל, ווי ס׳איז אלעמאָל שטיל אין סלאָבאָדקע נאָך האלבער נאכט. ציפּור איז ארויס פֿון שטוב און איז אוועק צו דער שטאַל. זי האָט צוגעלייגט אן אויער צו דער שטאַל־טיר, דערהערט ווי די בעהיימע אָטעמט, שטיל איז אויך אין הינער־שטײַג, דער האָן דרעמלט אומרויִק. ער האָט מוירע, אז ער וועט פֿארשפּעטיקן אויסצוזינגען זײַן ערשטן „קוקארעקו”.

„איך גיי אוועק פֿון אײַך, מער וועל איך צו אײַך ניט קומען”, — האָט זי געשמועסט אין זיך מיט דער קו און מיטן קעלבל. פֿארבײַגייענדיק שטיל אירמעס צימער, איז זי שטיין געבליבן באַם אָפֿענעם פֿענצטער. אירמע איז געשלאָפֿן. א גרינגער שמייכל האָט געשוועבט איבער זײַן פּאָנעם. זײַן גרויסער גוף אונטער דער זײַדענער קאָלדרע האָט גרינג געאָטעמט. „גאזלען! מיינסט, אז ס׳איז ניטאָ קיין מיטל ווי זיך צערעכענען? איך וועל אליין באשטיין מײַן אָרט!” — האָט זי מיט קאס געטראַכט און איז אוועקגעלאָפֿן אין עק הויף. ס׳איז נאָך געווען פֿינצטער. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אף דער באנק אונטערן בוים, וואָס איז געוואקסן לעבן איר פֿענצטער. זי האָט זייער געבענקט נאָך דער באָבען און אומגעדולדיק געוואַרט, ווען זי וועט צו איר גיין צוגאסט. זי האָט זיך דערמאָנט די רעגנדיקע הארבסטיקע אָוונטן, די ברענענדיקע צווײַגן, וואָס האָבן געטראסקעט אין אייוועלע, דער באָבעס צעקנייטשט פּאָנעם. אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון דער באנק און ווי פֿארגעסן, ווו זי איז אין דער וועלט. אין פֿינצטערן הימל דורכן נעפּל האָבן שוין געפֿינטלט די בלייכע שטערן. דער קאַיאָר האָט זיך דערנעענטערט. ציפּורן האָט פּלוצעם ארומגעכאַפּט א ווילן וואָס גיכער אנטרונען ווערן פֿונדאנען, אוועקגיין און א סאָף.

„טרעט אריבער אלע פֿארבאָטן, זײַ געוואגט”, — האָט צו איר געזאָגט אן אינערלעכע שטים. זי איז האסטיק ארײַנגעגאנגען צו זיך אין צימער, אויסגעטאָן דאָס זײַדענע קלײדל מיט דער זײַדענער פֿאטשיילקע, וואָס אירמע האָט איר געשענקט, אראָפּגענומען פֿון די פֿינגער די רינגען, ארויסגענומען פֿון די אויערן די אוירינגלעך, עס א וואָרף געטאָן אפֿן טיש, אָנגעטאָן דאָס אלטע קלײדל, די אָפּגעקראָכענע פֿאטשיילקע, פֿאָרזיכטיק ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער טיר, זיך צוגעהערט. ס׳איז געווען שטיל... דער הימל איז ליכטיקער געוואָרן.

אריבערגעשפּרײַזט די שוועל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען א מינוט און האָט פֿאוואָליע פֿארקערעוועט צו דער קאַליטקע. זי האָט לאנג געעפֿנט דעם אײַזערנעם פֿארוקער, אירע הענט האָבן געציטערט. ס׳איז איר פּלוצעם געוואָרן שרעקלעך, א קעלט האָט דורכגענומען אירע אלע גלידער און זי האָט זיך געלאָזט לויפֿן דורך די פּוסטע גאסן.

12

אין דער פריִער שאָ האָבן זיך שוין ערגעץ־ווו באַ די טויערן באַוויזן פרויען מיט די אָנ־געדרוקטע פאַטשיילקעס איבער די שטערנס, מיט די בײַכיקע קרוגן אַף די אַקסלען זײַנען זיי געגאַנגען צום טײַך, ביז די גענדז, ענטלעך און פערד וועלן ניט צעבויטען דאָס וואַסער.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער נידעריקער טיר צו בענעווושען. די אַלטע איז אַראָפּ פונעם געלעגער, גיך אָנטועענדיק דאָס קלייד. זי האָט געעפנט די טיר און דערזען איר אייניקל ציפּור. זי האָט קוים דערקענט אין דער שיינער אונטערגעוואַקסענער פרוי איר אייניקל.

ציפּור האָט אַרומגענומען די באָבע. ס׳איז איר פּלוצעם ווייטעקדיק געוואָרן פאַר זיך און פאַר דער אויסגעדאַרטער בענעווושע, זי האָט אַ געשריי געטאָן:

— אוי, קאַלעדעדע מײַנע! כ׳האָב זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך דיר. פאַרוואָס ביסטו אַזוי לאַנג צו מיר ניט געקומען? דו האָסט געמיינט, אַז דײַן קאַרעוו וועט שיקן דיך רופן, האָסטו אַ טאָעס געהאַט. די נעגידים צעבײַטן זייער געוויסן אַף געלט! אָבער איצטער האָב איך צו אים קיין טײַנעס ניט. זײַ וויסן, באָבעשי, ער איז אונדז מער קיין קאָרעוו ניט! — און ציפּור האָט זיך ביטער צעוויינט.

די אַלטע בענעווושע האָט צערטלעך געגלעט ציפּורס קאָפּ, האָט געקוקט אַף איר מיט ראַכמאָנעס און אַרויסגעפּרעפּלט:

— האָסט קלוג געטאָן, מײַן קינד, וואָס דו ביסט געקומען, מיר דאַרפן ניט זײַן רײַכקײַט! ווײַבאַלד פונעם מאַן זײַנען ניטאָ קיין קינדער, איז ניטאָ וואָס צו לעבן אין זײַן שטוב. איך וועל צונויפרופן מענטשן און אין העסקעם מיט אונדזערע ייִדישע דינים, וועל איך פּאָדערן פון אים פאַר דיר אַ געט. ער דאַרף דיך באַפרײַען.

דער קלאַנג, אַז די אַלטע בענעווושע פּאָדערט אַ געט פאַר איר אייניקל באַ אירמען, האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער דער סלאָבאָדקע, און אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן געזעמלעך געײַלט צום בעסמעדרעש־פּלאַץ, וואָרעם אַלע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס וועלן זאָגן דער ראָוו און די בעקאָוועדיקע פרומע ייִדן פון סלאָבאָדקע.

אַלטע לײַט, אַלטע ווײַבער, יונגע פרויען, אַפילע פאַרקנאַסטע מיידלעך, וואָס האָבן גע־דאַרפט אויסמײַדן אַן אויג פון כאָסנס־צאַד, זײַנען געלאָפן צום בעסמעדרעש. דער פרומער גע־ריכט מיט די בעקאָוועדיקע ייִדן זײַנען געזעסן אין אַ צוגעבויט שטיבל באַם בעסמעדרעש. כאָטש די באַפעלקערונג פון סלאָבאָדקע באַשטייט פון אַ סאַך שטאַמען, געפינען זיך די שליס־לען פון בעסמעדרעש אין די הענט פון געציילטע מענטשן. פאַרשטייט זיך, באַ די נעגידים פון דער סלאָבאָדקע. אַלע הערן זיך צו צו זייער שטים און זיי דרייען מיט אַלע איניאָנים. אַלץ וואָס זיי טוען, איז גוט, אַלץ פאָלגט מען. אומגעוויינלעך שטרענג איז דאָ. דער פאָרזי־צער פון רעליגיעזן מישפּעט איז רעב דאָוויד. זײַן בליק איז שאַרף, זײַן שטערן איז אין קנייטשן, זײַן פּאָנעם איז פאַרכמאַרעט און אומבעראַכמאָנעסדיק. די דינע געפילן, וואָס קומען אוף צווישן אַ פרוי און מאַנצבל, זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט צוטריטלעך פאַר אים, ער איז פאַרגרעבט און טעמפּ.

ס׳איז שטיל. אַלע וואַרטן ביז דער איניען וועט קלאָר ווערן. אָט האָט, ענדלעך, רעב דאָ־וויד אופגעהויבן זײַנע צעקודלטע ווײַסע ברעמען און האָט אָנגעצילט זײַן בליק אַף ציפּור.

— טאָכטער מײַנע, זאָג, וואָס האָט דיך געבראַכט אהער אַפּן מישפּעט פון די עלטסטע. זאָג, טאָכטער מײַנע, מיר הערן דיך, — האָט איבערגעכאַזערט רעב דאָוויד.

ציפּור האָט זיך אַרומגעקוקט, זי האָט דערזען די מענגע מענטשן. ס׳איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און אַלע ווערטער זײַנען אַרויסגעפלויגן פון איר זיקאָרן. דער אוילעם איז געווען אײַנגעהאַלטן, קיינער האָט ניט געוואַגט צו טומלען. פונדעסטוועגן האָבן עטלעכע שטימען אַרויסגערופן:

— דערצייל, ווי האָסטו געלעבט מיטן אַלטן מאַן, ווי מע האָט דיך פאַרקויפט פאַר אַ גרויסן קאַלים? אַלץ דערצייל.

דאַן האָט אַן אַלטע פרוי, וועלכע האָט זיך פריִער דורכגערעדט מיט ציפּור, גענומען דער־ציילן אַזוי, ווי דאָס וואָלט געטראָפן מיט איר אַליין.

— בעקאָוועדיקע מענטשן, מע האָט מיך כאַסענע געמאַכט מיט אַ מאַן, וועלכער האָט גע־קאָנט זײַן מײַן טאַטע. איך בין אוועק פון אים, ווײַל איך וויל ראַטעווען מײַן יונגן קאָפּ. פאַר־לירט ניט דעם עמעס, בעקאָוועדיקע מענטשן, איך בין דאָך אײַער טאָכטער. איבער גוואַלד זאָלט איר מיך ניט שטויסן צוריק, אהין, פונוואַנען איך בין אַנטלאָפן. איך זאָג אײַך דעם עמעס, אַז איך בין גרייט אָפּצוגיסן מײַן גוף מיט גאַזע און זיך אונטערצינדן, איידער גיין צו דעם אַלטן שאַרבן.

ציפּור האָט זיך צוגעהערט צו יעדער וואָרט, וואָס די באַיאָרטע פרוי האָט געזאָגט, און זי האָט זיך מוירעדיק צעוויינט. און דאָ האָט זיך דערהערט, ווי רעב דאָוויד האָט זיך געווענדט צו אירמען:

— דײַנע אַלע באַגערן זאָלן מעקוייעם ווערן, אירמע. דו ביסט מאַסקים צו געבן אַ געט דײַן ווײַב?

— ניין! — האָט האַרטנעקיק געמאָלדן אירמע.

— דו ווילסט, הייסט עס, ניט צעווייען דײַן נעסט? — האָט רעב דאָוויד געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— געאַכטע מענטשן, זאָל דער, וואָס אין הימל, פאַרלענגערן אײַערע טעג, — האָט אירמע אָנגעהויבן, קוקנדיק אַף די אַלטע און בעקאָוועדיקע שופטים. איצטער האָט ער זיך געהאַלטן שטיל, האַכנאָעדיק. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ פאַר דער וויכטיקער מעסיבע, — איר דאַרפט וויסן, בעקאָוועדיקע מענטשן, אַז די פרוי האָט פאַראַכט אונדזערע מינהאָגים, די מינהאָגים פון אונדזערע עלטערן. זי איז אַוועק פונעם מאַן, האָט אים דערנידעריקט און פאַרשעמט זײַן ווירדע. זי וואַגט נאָך צו פאָדערן אַ געט? דאָס איז אַ דערנידעריקונג פאַרן גאַנצן שטאַם. זאָל זי זײַן אַן אַוועקגעוואָרפענע און אַ צוגעדעקטע מיט כאַרפּע. קיין שום מענטש האָט אַף איר קיין רעכט ניט. איך האָב פאַר איר גענוג באַצאָלט, און זי איז מיט איר לײַב און לעבן אין מײַן רעשוס...

באַ ציפּורן זײַנען די טרערן ווי פאַרפרוירן געוואָרן אין די ווינקלען פון אירע ברייט צעעפנטע אויגן. זי האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין דער האַנט פון יענער באַיאָרטער פרוי, וועלכע האָט גערעדט אָנשטאָט איר.

דער היגער נאָגיד שאַמוק, וואָס איז געווען דער באַלעבאָס פון אַ גרויסן שניט־געשעפט און איז איצט געזעסן באַ רעב דאָווידס רעכטער האַנט, האָט אַ דריי געטאָן מיט זײַן דיקן האַלדז, האָט רויק און האָפּערדיק געמאָלדן:

— ריכטיק האָט אירמע געטאָן! ער איז גערעכט, וואָס ער גיט איר ניט קיין געט. זי איז אַליין אַוועק פונעם מאַן און האָט אַריבערגעשפּרײַזט דעם מינהעג פון אונדזערע אורעלטערן. מיר קענען אירמען גוט. ער איז אַ באַלעבאָס פון אַ וואָגיק פאַרמעגן און ער קאָן באַוואָרענען אַ ווײַב. זאָגט זשע מיר, וואָס נאָך דאַרף אַ פרוי, קעדײַ צו זײַן גליקלעך?

— זאָל זי גיין צום מאַן און זאָל זי זיך פירן, ווי באַ אונדז פירט מען זיך, קיין וואָרט זאָל זי אים אַנטקעגן ניט ריידן. וואָרעם זײַן גוט האַרץ און זײַן לײַטישקײַט ווייסן אַלע, — האָט אַרײַנגעשטעלט זײַן וואָרט דער קאַצעוו רוטשיל.

אין אַ רעגע אַרום האָט רעב דאָוויד מיט אַ פּײַערלעך־שטאַרקן קאָל אויסגערופן דעם פּסאַק:

— טאָכטער מײַנע, דו הערסט, דײַן מאַן גיט דיר ניט קיין געט. ניט קיין געגעטע פרוי קאָן אַ צווייט מאָל ניט כאַסענע האָבן. דו ביסט אַ בלוט־יונגנט. גיי צו דײַן מאַן, לעב אין פרידן און אין האַסקאָמע. זאָל הערשן שטילקײַט און פרייד אין אײַער שטוב, אָמיין!

ציפּור איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. יעדער וואָרט רוטשילס האָט איר געשטאָכן, ווי מיט אַ שפּיז.

די אַלטע בענעווּשע האָט געעקבערט מיט אירע אויגן די מעסיבע פון די זקיינים און האָט געזאָגט, וואָס זי האָט געטראַכט:

— ליבער גאָט, מיר זײַנען פאַרלאָזט און עלנט צווישן די גווירים, פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן. דאָס זײַנען וועלף, ניט קיין מענטשן. ווער וועט זיך פאַר אונדז אײַנשטעלן?!

אַזוי האָט זיך געענדיקט די דינטוירע פאַר דער אַלטער בענעווּשע מיט איר אייניקל. אירמע האָט גערעכט געקראָגן, און גאַנץ סלאָבאָדקע האָט איצטער גערעדט וועגן אים.

די באַאוולטע בענעווּשע מיט ציפּורן האָבן זיך צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן. קוקנדיק אַף זיי, האָבן אויך געוויינט די ווײַבער, וואָס זײַנען דאָ געשטאַנען. ס׳איז צוגעגאַנגען די אַלטע רוספּאָ, וועלכע גאַנץ סלאָבאָדקע האָט געקענט, ווײַל זי איז אַ בעקאָוועדיקע זקיינע. דעריבער זאָגט זי וואָס זי האָט אָפּן האַרצן:

— מיר קוקן אַלע מאָל דעם גוויר אין מויל, און וואָס ער זאָל ניט זאָגן, באַמקען מיר אונטער. אַלע ווייסן, אַז רעב דאָוויד איז אַ שיקער און אַ הוליאַקע, און טאָן טוט ער נאָר דאָס, וואָס ס׳איז גוט פאַר די גווירים, וואָרעם ער ציטערט, אַז זיי וועלן אים לאָזן אָן כאַיונע. און זיי וועלן זאָגן דעם עמעס, אַז ער איז אַן אַמהאָרעץ, קוקט אין דער געמאָרע ווי אַ האָן אין בניי אָדאָם, און האָט אַפּילע ניט געשמעקט, וואָס איז אַזוינס „געט און קסובע".

— עמעס, ווי גאָלד! — האָבן זיך דערהערט שטימען. דער אוילעם האָט באַגיטיקט רוספּאָס ווערטער, האָט גרויס ראַכמאָנעס געהאַט אַף דער אַלטער בענעווּשע און אַף ציפּור, אָבער אײַנגיכן איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

13

ס׳איז אַוועק אַ יאָר, ווי ציפּור איז אַוועק פונעם מאַנס נאַכלע, אָבער אירמע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און איר קיין געט ניט געגעבן. זי איז געוואָרן שווײַגנדיק, דערשלאָגן און פאַרטרויערט. פון אירע גרויסע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אומרו און אומעט. דורך די סלאָבאָדקער גאַסן איז זי געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געשטרויכלט און דערשלאָגן. זי האָט גוט

געוווסט, אז די ווײַבער טראָגן פֿאַנאַנדער וועגן איר אַלערלײ רעכילעס. מיט מוירעדיקע קלאַ־לעס האָט זי געשאָלטן דעם פֿאַרהאַסטן אירמע און פֿאַרייִנס די אײביק רעליגיִעזע דינים פֿון די אורעלטערן.

„ווי קאָן איצט דאָס אײניקל אַרויסגײן נאָך וואַסער צום טײַך מיט אירע כאַוועַרטעס, ווי קאָן זי מיט זײ פֿירן אַ היימלעכן שמועס באַם טויער און וואָס פֿאַר אַ יונגער מאַנצבל וועט וואַגן אַ קוק צו טאָן אַף איר? זי איז דאָך אַ פּרעמדע, ניט קײן געגעט ווײַב״.— אַזוי האָט פֿאַרביטערט געטראַכט די אַלטע בענעווושע. זי האָט אויסגעקלאַגט די אויגן און איז נאָכגעגאַנגען ציפּור פּוסטריט, אַז די יונגע זאָל זיך, כאַלילע, אין טײַך ניט אַרײַנוואַרפֿן אָדער זיך פֿאַרברענען. אין סלאָבאָדקע האָט עמעצער פֿאַרפּאַסט אַ ליד, וועגן בייזן אַלטן מאַן און וועגן ביטערן גוירל פֿון אַ יונגער פֿרוי. אומעטום האָט מען געזונגען די ליד. אַ סאַך מענטשן פֿלעגן ווײַכן פֿון אירמעס שטוב און האָבן געשאָלטן זײַן הויכן פּאַרקן און אים גופֿע.

סאָלאָמאָנס קוזיניע שטייט אין ווינקל גאַס, אָבער אים קענען אַלע אין סלאָבאָדקע. וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ גוואַר ער איז, איז שוין פֿריִער געזאָגט געוואָרן, נאָר אַכוץ דערױף האָט ער גאָלדענע הענט. זײַן טאַטע, אַלעווהאַשאָלעם, איז געווען אַן אַרבאַטש, אַ באַלעגאָלע. ער האָט געפּאַטערט זײַן געזונט פֿון דער שווערער האַרעוואַניע און איז געשטאָרבן אין בליִענדיקן על־טער, בײַס סאָלאָמאָן איז אַלט געווען פֿיר יאָר. צוליבן קינד האָט סאָלאָמאָנס מאַמע ניט כאַ־סענע געהאַט און זי האָט געשלעפּט אירע בידנע טעג פֿון אַן אומגליקלעכער אַלמאָנע. אַציִנד וואָלט זי זייער געוואָלט כאַסענע מאַכן דעם זון, ס׳זאָל זײַן אַ שטוב, ווי בא לײַטן, מיט אַ יונגער פֿרוי, מיט קליינע קינדערלעך...

סאָלאָמאָן האָט מער ווי אַ שאָ געפּאָמפּעט דעם בלאָזזאַק. אין דער נידעריקער קוזניע איז געווען אַ טשאַד און אַ ביטערער רויך. אין דער פֿינצטערניש האָבן געבלאַנקט די מעשענע באַפּוצעכצן אַפּן געשפּאַן. ס׳איז הייס אין קוזניע. סאָלאָמאָן האָט אַרופֿגעלייגט אַף דער קאָ־וואַדלע אַ צעגליִטע שטיק אײַזן און זי געקנאַטן מיטן שווערן האַמער. ער איז יונג און קרעפּ־טיק, זײַנע הענט זײַנען טרעפֿלעך און זיכער. געשיקט האַלטן זײ מיטן צוואַנג דעם שטיק אײַזן און פֿונקען פֿליִען פֿון אַלע זײַטן.

זײַן מאַמע, יעהודיט, איז אַ הויכע קרעפּטיקע פֿרוי. איר פּאָנעם שטראַלט מיט ווייכקײַט. אַ ווייך שמייכעלע שוועבט איבער אירע האַלב־אָפֿענע ליפּן. זי האָט אַ גוט האַרץ, ווי מענטשן זאָגן וועגן איר: „יעהודיט האָט אַ גאָלדן האַרץ״.

אָט איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין קוזניע, האָט זיך צעשמייכלט.

— זון מײַנער, כ׳האָב דיר געבראַכט נאָרוואָס אויסגעבאַקענע פּוטער־פּלעצלעך. עס, קאַלזמאַן זײ זײַנען הייס. די גאַנצע אַרבעט וועסטו אַלציינס ניט אָפּטאָן.

סאָלאָמאָן האָט זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער מאַמען, האָט זי אָנגעקוקט מיט זײַנע שווארצע אויגן, פּונקט אַזוינע שווארצע אויגן, ווי בא איר.

— גוט, דעדיי, כ׳וועל דיר פֿאָלגן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאַרטעך, געוואַשן די הענט, פֿאַרזוכט די פּוטער־פּלעצלעך, דערנאָך פֿאַרייכערט. ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט. און ווידער מיט דער צוואַנג אוועקגעלייגט אַף דער קאָוואַדלע אַ צעגליִטע שטיק אײַזן און ווידער האָט דער האַמער גענומען קלאַפּן.

ס׳איז אָוונט. אין נידעריקן צימער מיט דער ערדענער פּאָדלאָגע ברענט ניט קײן גרויסער וואַנט־לאָמפּ, וואָס שפּרייט אַ בלייך־געלע שײַן. יעהודיט קנעט טייג און אַלע מינוט וואַרפֿט זי אָפּ מיטן קאָפּ אַ פּאַסמע שווארצע האָר. סאָלאָמאָן איז אַרײַנגעגאַנגען.

— אָך, גוט, כ׳שטאַרב אוועק,— מײַן ייִנגל איז געקומען! אַ פֿאַרמאַטערטער? אַ הונגערי־קער? באַלד גיב איך עסן. וואַש די הענט, רו אָפּ!— זי האָט אַ וואַרף געטאָן אַף דער טאַכטאַ אַ קישן. ערשט איצט האָט סאָלאָמאָן דערפֿילט, ווי מיד ער איז. ער האָט אונטערגענומען די פּיס אונטער זיך, האָט זיך געמאַכט באַקוועם, איז אַזוי געזעסן און געשוויגן. יעהודיט האָט אָנגעקוקט דעם זון, וואָס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און זי האָט געפֿרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, מײַן טײַערער? וואָס שווײַגסטו? עפּשער ביסטו, כאַלילע, ניט גע־זונט?

סאָלאָמאָן האָט היימלעך צו איר געזאָגט:

— דעדיי, וואָס קנעטסטו דאָרט, ווי אַ קאַלע, די טייג? גיב מיר בעסער אַ גלאָז שטאַרק שמעקעדיקע טײ. בײַס מע דערלאַנגט אַ מאַנצבל די צענטע גלאָז טײ, אַזאַ שטאַרקע ווי די ערשטע, איז דאָס אַ גרויסע פֿרייד פֿאַר אים! זע אָקאַרשט, די טײ זאָל זײַן ווי ס׳געהער צו זײַן, פֿאַרשעם זיך ניט פֿאַר דײַן גאַסט, וועלכן מע רופֿט סאָלאָמאָן.

— זײַ רויִק, מאַנצבל. דער סאַמאָוואַר איז גרויס, טײ וועט קלעקן. טאָמער וועט ער זיך אָפּקילן, וועל איך אים אָנוואַרעמען. טרינקט, זײַט מויכל, און זאָל אײַך זײַן צו געזונט, גאַסט מײַנער, סאָלאָמאָן.— האָט זיך אויך געוווּרטלט יעהודיט.

סאָלאָמאָן האָט געטרונקען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז טײ און דערבײַ געטראַכט: „וואָס פֿאַר אַ ווילע, טײַערע מאַמע איך האָב. ווי געדולדיק און גוטהאַרציק זי איז צו מיר״.

יעהודיט האָט אָנגעגאָסן נאָך א גלאָז טיי, זי האָט זיך גיך באַוועגט און שוין באַוויזן צו דערלאַנגען סאָלאָמאָנען די פינפטע גלאָז. סאָלאָמאָן האָט געקוקט אַפן סאַמאָוואַר מיט די צו־געבויגענע זײַטן און האָט צופרידן אויסגערופן:

— כ׳האָב שטאַרק ליב טיי פונעם זודיקן סאַמאָוואַר. איך רו אָפּ פון שטאַרקער טיי.

יעהודיט איז געזעסן אַנטקעגן זון און האָט היימלעך צו אים א מאַך געטאָן:

— עפשער ווילסטו נאָך, וועל איך אָנוואַרעמען דעם סאַמאָוואַר.

— דעדיי, הער אויף. וואָס מיינסטו, אַז איך קאָן אויסטרינקען א פולן סאַמאָוואַר טיי?

סאָלאָמאָן האָט געלאַכט, אָבער יעהודיט איז אומעטיק געוואָרן. זי האָט אַלע ווײַלע גע־כאַפּט א קוק אַפן זון.

— וואָס איז געשען, פאַרוואָס ביסטו אומעטיק געוואָרן, כ׳האָב דיך באַליידיקט? — האָט סאָלאָמאָן געוואָלט וויסן.

— ניין, זונעלע מײַנער. דו ביסט א גוטהאַרציקער, א ווילער, נאָר ווילסט ניט פאַרשאַפן קיין פרייד דער מאַמען. איך וויל וויגן א קינד, ווי אַנדערע באָבעס.

— וואַרט צו, מאַמע, — האָט זי איבערגעשלאָגן דער זון, — דו וואַרפסט מיר פאָר, ווי כ׳וואָלט אין עפּעס געווען שולדיק.

— זון מײַנער, ס׳איז צײַט צו גיין אונטער דער כופּע. דײַנע כאַווײרים האָבן שוין ווײַבער און קינדער און דו וואַרטסט. עס קומט אויס, אַז אין סלאָבאָדקע קאָנסטו ניט געפינען קיין ווײַב פאַר זיך?!

— דעדיי, לאָז זיך אָפּ פון די אַלע מאַכשאָוועס ביז א צײַט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך וועל קיינמאָל ניט כאַסענע האָבן מיט א מיידל, וועלכע איז מיר ניט צום האַרצן. — האָט אַנט־שלאָסן געזאָגט סאָלאָמאָן.

ער האָט א קוק געטאָן אין פענצטער, דורך וועלכן ס׳האָט אַרײַנגעקוקט די פינצטערע נאַכט, און ער האָט א טראַכט געטאָן. „מאָרגן, ווי הײַנט, וועל איך הייבן דעם שווערן האַמער איבער דעם אָנגעגליטן אײַזן, און אזוי קעסיידער".

— דעדיי, מאַמינקע, בעט אויס דעם געלעגער. צײַט צו גיין שלאָפן.

14

„באָ־אָ־ם! באָ־אָ־ם! באָ־אָ־ם! — האָט בייז און טויב געקלונגען דער גלאָק, ווי צו א לעווײַע. אין יענעם הייסן אווגוסט־טאָג פון 1914.

דאָס וואָרט „מילכאָמע" איז אַרומגעפלויגן איבער דער גאַנצער שטאָט. דער אומגליק האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַף אַלעמען אומדערוואַרט. מענגעס מענטשן זײַנען אַוועק צום שטאָט־פּלאַץ, דער גאַלעך און די אַרטיקע מאַכטהאָבער האָבן זיך א לאָז געטאָן איבער דער שטאָט. מע האָט געזונגען „גאָט! היט דעם קייסער". א בלויז־גרוי רויכל פון ווייַרעך איז לאַנגזאַם צעגאַנגען גע־וואָרן אין דער שטיקנדיקער היץ. דער גאַלעך האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפן דונדוק־פּראָספּעקט, דער אוילעם איז ווי פאַרכאַלעמט געוואָרן, קוקנדיק אַפן ציילעם, וועלכן דער גאַלעך האָט דרײַ־מאָל נאָכאַנאַנד אופגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט, אויסרופנדיק „לאָמיר טפילע טאָן צום באַרעמ־הערציקן גאָט!"

מע האָט טפילע געטאָן, און די טפילע האָט זיך ווי געטראָגן צום הימל. דער שטאָט־קאָפּ פּאָטאַפּאָוו איז ניט געווען קיין שיין־רעדער, נאָר איצט האָט ער באַטראַכט דעם אַרומיקן אוי־לעם און הויך אַרויסגעבראַכט:

— דער דײַטשישער קייסער האָט געמאָלדן א קריג דעם רוסישן קייסער, ער וויל צונעמען בא אונדז אונדזער ערד. דער סויגע איז א געפערלעכער. לאָמיר אַלע ווי איינער באַשיצן אונדזער פאָטערלאַנד, צום רום פון אונדזער רוסישן קייסער!

— מיר וועלן ניט זשאַלעווען קיין קויכעס, מיר אַלע זײַנען קינדער און זין פון אונדזער קייסער! — האָט געשרײַען א מענטש אין א בלויער פּאָדיאַווקע מיט א לאַנגער באָרד.

פאַרשטייט זיך, אַז יעהודיט האָט אָנגעזאָגט די ביטערע בסורע סאָלאָמאָנען. סאָלאָמאָן האָט אַף איר געקוקט מיט די שוואַרצע אויגן זײַנע און געמורמלט:

— מ־מ־מ! זאָגסט, אין שטאָט איז אומרויק? — ער האָט אויסגעטאָן דעם פאַרטעך, אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן און אַרויס פון דער קוזניע. ער האָט זיך אַרײַנגעדרייט צווישן גרויסן אוילעם און די ערשטע מינוטן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרטן קומט פאָר. עפּעס מאָדנע מענטשן אין שוואַרצע העמדלעך האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, עס האָט גוט געשמעקט מיט בראָנפן.

— דאָס היטל אַראָפּ, אַנטיכריסט! — האָט אים א שטויס געטאָן אין זײַט א מאַנצבל.

— גיב אים ווי ס׳געהער צו זײַן, דעם יודע! — האָט זיך איינער אַף אים פאַרמאָסטן. נאָר דאָ איז אַרויסגעטראָטן א הויכער, קרעפּטיקער מאַנצבל אין א שוואַרצער אַרבעטער־קורטקע, אין אויסגעטראָטענע שטיוול, האָט פאַרשטעלט מיט זיך סאָלאָמאָנען און אויסגעשרײַען:

— עך דו, שיקעקער פּאַרצעף! וועך וויל דאָס מילכאָמע. קיינער האָט ניט געפרעגט ניט בא דיר און ניט בא מיר און ניט בא אים, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט די מילכאָמע. מע וועט אונדז פראָסט־פּאָשעט טרײַבן, ווי די בעהיימעס צו דער שכיטע. פאַרשטייסט, צי נייִן?

15

ערגעץ־ווו זײַנען געגאַנגען שלאַכטן. ס׳האָט זיך שוין געגאָסן בלוט. טאָג און נאַכט זײַנען געגאַנגען עשעלאָנען מיט סאָלדאַטן צום מײַרעווודיקן פראָנט.

אַף די וואָקזאַלן זײַנען קעסיידער אָנגעקומען עשעלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע. אײַנגיכן האָט סאָלאָמאָן געקראַגן אַ פּאָוועסטקע, און כאָטש יעהודיס האָט געוווּסט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט אַזוי זײַן, האָט זי געשריִען און געריסן די האָר אַף זיך. סאָלאָמאָן האָט זי אַרומגענומען און אײַנגערעדט:

— מאַמע, באַרויִק זיך, בא דיר בין איך אַ בעניאָכיד, דו באַנעמסט וואָס איך רייד מיט דיר? ניט איך איינער גיי מילכאָמע האַלטן. הער אוף שרײַען. איך וועל קומען געזונט און אַ גאַנצער.

יעהודיס האָט זיך ביסלעכווײַז באַרויִקט און שטיל געזאָגט צו סאָלאָמאָנען:

— וועגן מיר זאָלסטו ניט איבערטראַכטן. זאָלסט וויסן זײַן, אַז איך וועל זיך דורכלעבן, איך האָב הענט און פיס און אַ קאָפּ. טאָג און נאַכט וועל איך טראַכטן וועגן דיר. היט זיך, מײַן קינד.

אַזויפיל מאָבילִיזירטע זײַנען געקומען אין שטאָט, אַז אין גרויסן הויף פון מיליטער־פּונקט איז געוואָרן ענג. מענטשן האָבן זיך אויסגעזעצט אַף דער ברוקירטער גאַס מיט די קינדער, מיט די ווײַבער און אַלטע לײַט. יונגע, שלאַנקע באַרג־יידישקעס מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן האָבן געוואָרפן בליקן אַף די יונגע באַכערים און זיך געוויצלט מיט זיי. דאָס באַגלייטעניש איז געווען ראַשיק און טומלדיק. די, וואָס האָבן אויסגעטרונקען, האָבן געזונגען די באַוווּסטע ליד: „פּאָסלעדני נאָנעשני דיעניאָטשעק”. ס׳האָבן זיך געפונען אַזוינע יונגע באַ־כערים, וואָס האָבן געטאַנצט אַ לעזגינקע, ווי אַף אַ כאַסענע. אין אַ זײַט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז געשטאַנען ציפּור. סאָלאָמאָן האָט זי דערזען און פריילעך אויסגערופן:

— ציפּור, שוועסטער מײַנע!

זי איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געזאָגט אַ הארציקן גוטמאָרגן און געוווּנטשן, ער זאָל קומען אַ לעבעדיקער און געזונטער. דערנאָך האָט זי שטיל צו אים געזאָגט:

— די שוועסטער וועט אַף דיר וואַרטן מיט אומגעדולד, — און אירע אויגן זײַנען פול גע־וואָרן מיט טרערן. — האָסט געוויס געמיינט, אַז איך וועל ניט קומען דיך באַגלייטן? זע, וואָס איך האָב דיר געבראַכט. — און זי האָט אים דערלאַנגט אַ זײַדענעם טאַבאַק־קיסעט. אין אַ ווינקל פונעם קיסעט איז געווען אויסגענייט: „סאָלאָמאָנען פון ציפּור”.

ער איז אַזוי גערירט, אַז ער געפינט קיין ווערטער ניט. זײַנע אויגן שײַנען פון פרייד און זײַנע לאַנגע וויִעס פלאַטערן, ווי פליגל.

— אַ דאַנק דיר, שוועסטער, — האָט ער ענדלעך געקאָנט אַרויסריידן. — אַ דאַנק דיר, וואָס ביסט געקומען מיך באַגלייטן. איך וועל אין ערגעץ און קיינמאָל דיך ניט פאַרגעסן. נאָר וואַרט אַף מיר.

— איך וועל דיך אויך געדענקען טאָג און נאַכט. כ׳וועל ניט אופהערן צו וואַרטן אַף דיר. און איך בעט דיך, זאָלסט זיך היטן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע, די מאָבילִיזירטע זאָלן גיין צום צוג. מאַמעס, ווײַבער, שוועסטער זײַנען נאָכגעגאַנגען. די ווײַבער האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע מענער, די מאַ־מעס — מיט די זין, די קינדער — מיט די טאַטעס. מע ווײנט און מע כליפּעט.

— טײַערער מײַנער, זאָג מיר, ווי זאָל איך לעבן מיט דרײַ קינדער? — קלאַמערט זיך אַ פרוי אין איר מאַן. אַלע וויינען, מע קרעכצט און מע שרײַט. סאָלאָמאָן שטייט לעבן דער טיר פון זײַן וואַגאָן און ער קען קיין וואָרט ניט אויסריידן צו דער מאַמען. זי, ווידער, האָט פאַרן לעצטן מעסלעס אויסגעווײנט אַלע טרערן. אירע אויגן און איר פּאָנעם איז געשוואָלן. אָבער אין איר נעשאָמע קוועלט אַ מוירעדיקער צאַר און אַ באַטויבנדיקער געשריי. אָט האָט דער פּאַראָוואָז אַ רעווע געטאָן און האָט זיך געגומען קײַקלען איבער די רעלסן. דער הימל איז געווען הויך און בלוי, ווי אַלעמאָל, און דער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט „אַף די סאָפּ־קעס פון מאַנדזשוריע”. טרויעריק שאָקלען די מענטשן מיט די קעפּ, די באַגלייטנדיקע גייען פּאַריאָסעמט צוריק אהיים.

יעהודיס הערט ניט אוף צו לויפן נאָכן צוג. דער לעצטער וואַגאָן איז שוין אוועק, און זי לויפט איבער די שפּאַלעס ביז זי בלײַבט ליגן. אַ פרוי לויפט צו און טרייסט זי:

— וואָס זאָל מען טאָן, טײַערינקע, נעם זיך אין די הענט. דײַנע טרערן קאָנען דעם זון ניט אײַנהאַלטן אין שטוב, — און די רוסישע פרוי העלפט יעהודיטן זיך אופהייבן און פירט זי אונטער דער האַנט אַהיים.

16

אַלע טאָג איז יעהודיט געגאַנגען קאַלכן שטיבער בא לײַט, וואַשן גרעט, טראָגן וואַסער. אַזוי האָט זי פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט. אין די אָוונטן, האָט זי געבייט ווייכע שטיוועלעך און פון קיין גרויסער נויט האָט זי ניט געוווּסט. וואָס זי האָט ניט געטאָן, זײַנען אירע מאַכ־שאָוועס מיט איר זון. זי נייט און טײַנעט מיט אים, ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען לעבן איר...

די מילכאָמע איז ווײַט פון דער שטאָט גראָזני, נאָר אָף יעדער שטוב און אין יעדער גאַס זײַנען דאָ סימאָנים, אַז ס'גיסט זיך בלוט. מע ווייסט שוין, אַז עס זײַנען דאָ אַ סאַך געהאַרגעטע און פאַרווונדעטע. די שיינע שטאָט גראָזני זעט איצטער אויס גרוי און פאַרלאָזט. ס'איז מאַרט, אָבער ס'איז זייער ווינטיק און קאַלט. זונטיק האָט זיך יעהודיט געלאָזט אין מאַרק. אַלץ, וואָס זי האָט צוגעגרייט אָף צו פאַרקויפן, האָט זי צונויפגעלייגט אין אַ זעקעלע, אפילע די איינציקע זײַדענע פאַטשיילקע און דאָס נײַע קלייד טראָגט זי אויסבײַטן אָף מעל אָדער אָף אַ שטיקל פלייש. דער מאַרק וויגט זיך, אַזויפיל מענטשן זײַנען דאָ. פאַר אַלץ, וואָס יעהודיט האָט גע־בראַכט, האָט זי געקראָגן אַ מעסטל קוקורוזע־מעל. „ווײ־ווײ, וואָס פאַר אַ יאַקרעס, עס ברענט, ווי מיט פײַער". — האָט יעהודיט געקרעכצט.

בא סולעימאַנאָווס יאַטקע שטייט אַ גרויסע ריי. די ווײַבער קאָנען שוין מער ניט אויס־האַלטן. זיי שרײַען מיט אַלע קויכעס:

— בלוטזויגער! דו שינדסט די הויט, טאָ עפּן כאָטש אוף, גיב שוין אַ ברעקל פלייש!

עס האָט זיך באַוויזן דער אַלטער צײַטונג־פאַרקויפער. דער אַלטער האָט געשריִען: „דער־פאַלגרײַכע שלאַכטן אָפן טערקישן פראָנט! לעצטע נײַס! קויפט, קויפט!"

פלוצעם האָט אַ זקיינע מיט גראָווע פאַטלעס דערזען אַ מאַנצבל אין אַ נײַעם גאַרניטער.

— דו האַלטסט אויך מילכאָמע? ווילסט אײַנעמען טערקײַ? און איך דאַרף טערקײַ אָף קאַ־פּאָרעס. מײַנע זין זײַנען שוין ניטאָ! דער מאַנצבל אין שיינעם גאַרניטער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— ווײ איז מיר, ווײ! ווי זאָל מען לעבן? וואָס וועלן מיר אַלע טאָן? מיר וועלן דאָך אויס־גיין פון הונגער!

אין איינעם אָן אָוונט נאָך וועטשערע, האָט די בריוונטרעגערן געבראַכט יעהודיטן אַ בריוו. „פון מײַן זונעלע"! — האָט זי אויסגעשריִען און געבעטן באַם מיידל, יענע זאָל איר איבערלייענען דעם בריוו. אָט וואָס סאָלאָמאָן האָט געשריבן: „זײַ מיר מויכל, טײַערע מאַמינ־קע, וואָס כ'האָב אַזוי לאַנג געשוויגן. פאַרשטייסט אַליין, אַז כ'האָב קיין שום מעגלעכקײַט ניט געהאַט דיר אָשרײַבן, און ווי נאָר ס'איז געקומען אַ פרײַע מינוט, שרײַב איך דיר. זײַ גע־זונט, טײַערע מאַמעלע, און זאָלסט גאָרניט איבערטראַכטן וועגן מיר. אַזוי זאָגט דײַן זון סאָ־לאָמאָן".

„אוי, זונעלע מײַנער, אויג פון מײַן קאָפּ! גאָטעניו, זאָל דײַן מאַמע שטאַרבן אָנשטאָט דיר. אַליין איז ער אין פײַער און האָט אין זינען אָנשרײַבן דער מאַמען". — האָט יעהודיט געטײַ־נעט מיט זיך.

אין אַ וואָך אַרום האָט יעהודיט געקראָגן נאָך אַ בריוו. סאָלאָמאָן האָט געשריבן, אַז ער איז פאַרווונדעט, ער איז אין שפיטאָל און ס'איז אים בעסער. ס'קאָן זײַן, אַז מע וועט אים דע־מאָביליזירן. נאָך דעם בריוו איז רוּיקער געוואָרן יעהודיטן אָפן האַרצן. אין די פרימאָרגנס, ווי אַלעמאָל, גייט זי טאָגטעגלעך האָרעווען אין די רײַכע שטיבער. אָפט פלעגט איר קומען אין זינען ציפּור.

17

אין סלאָבאָדקע האָט מען איצטער וועגן ציפּור אָפט גערעדט. זי האָט זיך אויסגעלערנט בא דער באָבען אויסנייען סאַפיאַנאָווע שטיוועלעך און שטריקן דורכזיכטיקע דינע פאַטשייל־קעס. גאַנץ סלאָבאָדקע האָט גערעדט וועגן דעם. ס'איז אַלעמען זייער געפעלן געוואָרן ציפּורס האַנט־אַרבעט. מע האָט אויך געוווּסט, אַז אַכוץ דעם גיט זי אַכטונג אָף דער באָבען, וואַשט זי און קאַרמעט זי, ווײַל בענעווושע איז שוין אַלט געוואָרן נײַנציק יאָר און זי האָט אירע טעג פאַרבראַכט אין געלעגער. פאַרשטייט זיך, אַז ציפּור האָט אויך געטראַכט וועגן יעהודיטן. פון יענעם טאָג אָן, ווען זי האָט באַגלייט סאָלאָמאָנען און ער האָט מיט קאַרגע ווערטער איר

געזאָגט וועגן זײַן ליבע, האָט ציפּור ניט געקאָנט אים פאַרגעסן. אין איינעם א טאָג טוט אָן ציפּור איר העל לאַנג קלייד, וואַרפט אַרוף אַפן קאָפּ די ברייטע זײַדענע פאַטשיילקע מיט די לאַנגע פרענדזן. נאָר אַפילע די ברייטע פאַטשיילקע קאָן ניט אויסבאַהאַלטן ציפּורס שלאַנקן קערפּער. גיך גייט זי דורך דער גאַס, און אָט איז זי שוין בא דער אַלטער כאַטקע פון לאַמ־פּאַטש — בא יעהודיטס כאַטקע. שוין שטייענדיק בא דער טיר, קומט ציפּורן אין זינען: „איך בין ניט קיין געגעטע, א פרעמד ווײַב, און לויף אַהער צום אומבאַוווּסטן סאַלאָמאָנען. א בושע און א כאַרפּע".

— מומע יעהודיט, גיי אַרויס אַף א מינוט.

— ווער איז דאָרטן?

— ווער זאָל זײַן? איך, ציפּור.

— אוי, טאָכטערל מײַנס, דו ביסט א כאַכאָמעניו, וואָס דו ביסט געקומען. קום אַרײַן. דער סאַמאָוואַר שטייט אַפן טיש, ער איז א הייסער, — זאָגט יעהודיט און פירט אַרײַן ציפּורן אין שטוב.

אַף דער וואַנט הענגט סאַלאָמאָנס פּאָטאָגראַפיע. ציפּור נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פונעם בילד.

— מומע יעהודיט, וואָס מאַכט דער ברודער סאַלאָמאָן? וואָס שרײַבט ער פון פראָנט?

— אומקומען זאָלן מײַנע סאָנים. א דאַנק דעם אייבערשטן, ער לעבט און ער איז געזונט. ער האָט געהאַט א ווונד אין פוס, נאָר איצטער איז שוין בעסער. עס פאַרהיילט זיך, און ער וואָלט געוויס איבערגעגעבן א גרוס פאַר דער שיינער ציפּור.

— איך האָב אים אַף קיין מינוט ניט פאַרגעסן. ער גייט מיר פון זינען ניט אַרויס, — האָט ציפּור אָפּנהאַרציק געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אָך־כאָ־כאָ! — האָט געזיפצט יעהודיט. — ביסט מיר טײַער, ווי אַן אייגן קינד. כ'האָב דיך ליב מיט מײַן גאַנצן האַרצן און איך וויל דיר זאָגן, אַז צופיל באַשיידנקײַט און צופיל שעמען זיך ברענגט ניט קיין מאַזל פאַרן מיידל. זײַ געוואָגט, דו האָסט דאָך געקאָנט אַוועקגיין פון דעם אַלטן, דאַרפסטו זײַן שטאַלץ.

— ניין, מומע יעהודיט. איך בין ניט געוואָגט און איך האָב זיך ניט מיט וואָס איבערצו־נעמען. איך וואָלט געזאָגט, אַז דער, וואָס גייט כאַסענע האָבן, דער דאַרף אויסקלײַבן, און טאַטע־מאַמע קאָנען נאָר העלפן מיט א גוטער אייצע.

ביסט געראָכט, מײַן קינד. זאָלן טאַטע־מאַמע קיין בייז האַרץ ניט האָבן אַף זייערע קינ־דער, אויב זיי פאַרקויפן די קינדער פאַר געלט. איך וועל קיינמאָל מײַן זון ניט זאָגן, ער זאָל נעמען א מיידל, וועלכע ער האָט ניט ליב. שוין צײַט אויסגעלייזט צו ווערן פון די פאַרצײַ־טיקע דינים מיט די מינהאָגים!

— טײַערינקע מומע יעהודיט! ניט אומזיסט איז סאַלאָמאָן אַזא גוטער, אַן עמעסדיקער און א שטאַרקער מאַנצבל. איך וואָלט געוועזן גליקלעך מיט אים, אָבער ווי קאָן דאָס געמאָלט זײַן. איך בין דאָך א פרעמד ווײַב. ווען ניט דאָס, וואָלט איך מיט אים אוועק אין עק וועלט.

18

די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. איבער דער שטאָט גייען אַרום דעמאָנסטראַציעס. יונגע מענטשן טראָגן רויטע פאָנען אין די הענט. סאַלאָמאָן איז אויך דאָ, און ציפּור אויך. זי איז אָנגעטאָן אין א העל־בלויער פּרויען־טשערקעסקע. איר דינע טאַליע כאַפּט אַרום א דינער גורט. אירע בלויע אויגן מיט די לאַנגע ווִיעס קוקן מיט פרייד אַף אַלעמען. זי שמייכלט. דאָס איז איר ערשטער שמייכל אין איר לעבן. דערזען סאַלאָמאָנען, האָט זי זיך שיר ניט א וואָרף גע־טאָן צו אים.

— לײַבלעכער ברודער מײַנער, ווי גליקלעך איך בין, וואָס דו ביסט געקומען. צי ווייסטו, ווי איך האָב אַלע טאָג געוואָרט אַף דיר!

— קום אַהער, ציפּור. איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

— איך הער דיך.

— איך קאָן ניט ריידן קיין שיינע ווערטער, ציפּור, נאָר דאָס, וואָס איך פיל צו דיר, קאָן מען גאָר מיט קיין ווערטער ניט אויסדריקן. איך האָב דיך ליב, ציפּור.

זי האָט א קוק געטאָן מיט ברייט צעעפנטע אויגן, און א דערשראָקענע געפרעגט:

— וואָס זאָל איך וועלן? איך וויל, זאָלסט כאַסענע האָבן מיט מיר, וואָרעם דעם טאָג, וואָס איך זע דיך ניט, ווערט די זון פאַר מיר פאַרלאָשן.

— ציפּור, מײַן ציפּור — האָט סאַלאָמאָן געקרעכצט.

— סאַלאָמאָן, ליבער מײַנער, וואָס איז מיט דיר? — האָט ציפּור געפּליסטערט.

א רעכטע ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען שווײַגנדיקע. פּלוצעם האָט סאַלאָמאָן צוגעצויגן צו זיך ציפּורן און האָט זי צוגעדריקט צום האַרצן.

— זאָג מיר, ציפּור, ס׳איז דאָ אזא קראַפט אף דער וועלט, וואָס זאָל אונדז צעשיידן?— האָט סאָלאָמאָן אויסגערופן.

— מײַן אלטער מאַן, וועלכער איז קײנמאָל מײַן מאַן ניט געווען...— ציפּור האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט איר פארכאַפּט דער אָטעם.

— קאָלזמאַן איך לעב, וועט דיך קיינער בא מיר ניט צונעמען.— האָט געזאָגט סאָלאָמאָן,— ער וועט מיר נאָך ענטפערן, וואָס ער האָט פארשניטן דײַנע יונגע יאָרן. ציפּור, טײַערע, אלץ, וואָס איז געווען, זאָל זיך דיר אויסווײַזן ווי א טרויעריקער כאָלעם, און זאָל ער זײַן דער לעצטער אין דײַן לעבן.

ציפּור האָט זיך צוגעטוליעט מיט איר דינעם קערפּער צו סאָלאָמאָנס הארץ און האָט מיט פארמאַכטע אויגן געהערט זײַן הארציקע שטים מיט זײַנע גוטע ווערטער.

— דו ווייסט?

— סאָלאָמאָן, טײַערער, איך בין דאָך א כאַסענע געהאַטע פרוי. דער אלטער וועט מיר ניט געבן קיין געט. אָבער איך וועל גיכער שטארבן, איידער זיך אומקערן צו אים.

— איך דאַרף ניט קיין געט. פאר מיר זײַנען די אלטע דינים, ווי דער פאראיאָריקער שניי. מיר וועלן אויסקומען אָן זײַן געט.— האָט ער צו איר געזאָגט.

אף סלאָבאָדקע האָט זיך אראָפּגעלאָזט א שטילער זומערדיקער אפּדערנאַכט. פון די קוימענס האָבן זיך געקרײַזלט בלוילעכע רויכן. די טשערעדע איז געגאַנגען איבער דער גאַס, זיך פאנאנדערגעגאַנגען אין די הויפן.

— ציפּור, האָסט מיך ליב?— האָט סאָלאָמאָן געוואָלט וויסן.

דאָס פּאָנעם האָט בא איר געפלאַמט. זי האָט האַסטיק געאָטעמט ווי אין געלאָף. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט.

— גייסט מיט מיר אין מײַן שטוב?

— איך גיי!

דאָ זײַנען ווערטער איבעריק. עס איז געשען דאָס, וואָס די צוויי יונגע מענטשן האָבן באַגערט. ס׳וועלן אוועק יאָרן און זיי וועלן דערמאָנען די אלטע פינצטערע צײַטן, וועלכע גייען טאַקע אוועק, אָבער בלײַבן פונדעסטוועגן אין מענטשנס זיקאָרן.

יידיש — שירע גאָרשמאַן

פון דעם, וואָס איך זע אַרום זיך

יונגקייט און עלטער

דאָס מינדסטע בלימל האָט איר כיין און פּראַכט,
מיט איידעלע און דינע רייכעס שטייף איז.
ווער האָט אַזאַ מין שיינקייט צוגעטראַכט
מיט סוידעס אָן אַ שיר. נו, גיי באַגרייף עס.

דאָס מינדסטע קערנדל איז פול מיט ריינעם זאַפט,
וואָס רוט אין פּעטן באָדן ניט קיין רעגע.
ווער קען עס איינהאַלטן זיין שפּרודלדיקע קראַפט,
ווען ס'טוט אַ פליייץ אַ פרילינגדיקער רעגן.

ווען ס'פּיקט זיך אויס אַ פייגעלע אין נעסט,
עס פּרוּווט באַלד אויס זיין פליִענדיקן גורל.
כאָטש אינדערלופטן האַלט זיך נאָך ניט פעסט,
איז גרייט צו פליִען, האָט גאָר ניט קיין מוירע.

ניט קוק מיט אַ מעקאַנעדיקן בליק,
וואָס יונג איז, קען אויך צאַנקען, ווי אַ קאַנעץ.
די עלטער האָט דאָך אויך איר כיין און גליק,
ניט מיין, אַז איר איז קיינער ניט מעקאַנע.

ערשט איצט

ערשט איצט האָב איך געוויס פאַרשטאַנען
דעם זין און ווערט פון יעדן וואָרט,
דעם שיר־השירים פון די שוואַנען,
דעם ערשטן טאַם פון ווייַן אין קוואָרט.

ערשט איצט האָב איך געוויס באַנומען,
ווי לייַכט איז פאַלן אינעם וועג,
ווי טייַער איז דער דופט פון בלומען
אין לעצטע האַרבסטיק־טריבע טעג.

ערשט איצט געגומען בעסער שפּירן,
ווי גוט קאָן אָפּן האַרצן זייַן,
ווען דער זיקאָרן נעמט מיך פירן
פון ערשטן טראָט טאָג־אויס, טאָג־איין.

און כ'האָב קיין קאָפּל ניט כאַראָטע,
וואָס ניט קיין גרינגע לאַסט געשלעפּט.
געוווּן איז ליכט, געוווּן איז שאָטן,
נאָר ניט געוווּן: אַבי געלעבט.

זעסט אליין

זאלץ איז געזאלצן,
ביטער איז כריין,
כ׳קען זיך ניט קריגן,
זעסט דאָך אליין.

ווי קען מען זיך זידלען,
איך קען ניט פאַרשטיין,
כ׳קען זיך ניט קריגן,
זעסט דאָך אליין.

א זינד אַף זיך נעמען,
און אוולע באַגיין,
כ׳קען ניט, איך וויל ניט,
זעסט דאָך אליין.

נאָר טרעפט א רעצייעך,
כ׳דערלאַנג אין די ציין,
כ׳קען זיך ניט קריגן,
זעסט דאָך אליין.

האַרמאָניק

אַך, ווי מײַן ברודער האָט געשפּילט,
פאַרקישעפט האָבן זיסע קלאַנגען,
געזעסן אַלע רויִק, שטיל,
געווען איז ענג אין דער זעמליאַנקע.

און אַלע האָבן אים געלויבט,
געבעטן: „שפּיל אונדז נאָך א ניגן״.
א בייזע קויל האָט אַלץ פאַרטויבט,
געבליבן די האַרמאָניק ליגן.

אַך, ווי מײַן ברודער האָט געשפּילט
און ניט געקענט מיט איר זיך שיידן.
און עפּשער האָט ער שוין געפילט,
אַז ער מיט איר וועט מער ניט ריידן?

אַצינד, ווען בא זײַן זון כ׳פאַרברענג,
ער שפּילט און כ׳הער די זעלבע קלאַנגען,
ס׳ווערט אין דער גערעמער דירע ענג,
ווי דעמלט דאָרט, אין דער זעמליאַנקע.

פון וואָס הייבט זיך אָן א ליד

פון וואָס הייבט זיך אָן א ליד?
מע וויל בא מיר וויסן דעם עמעס,
א כידעש, מע ווערט גאָר ניט מיד
צו שרײַבן און אויסזוכן טעמעס.

פון וואָס הייבט זיך אָן א ליד?
ווי זאָל איך עס בעסער דערקלערן.
פון דעם, וואָס עס וועלקט און עס בליט,
פון דעם, וואָס איז דאָ און קען ווערן.

פון דעם, וואָס איך זע ארום זיך
אין הילכיקן רויש און אין שווײַגן,
אין אויסוועב פון שאָטן און ליכט,
פון אייגענע פריידן און דײַגעס.

פון וואָס הייבט זיך אָן א ליד?
פון דעם, וואָס איז ליב מיר און טײַער,
וואָס לויטערט און וועקט דאָס געמיט
און צינדט אָן אין הארצן א פײַער.

דער שניט

אינעם סטעפּ דעם ווייצענעם
כ׳הער א וווּנדער־ליד —
מיטן ווינט עס סוידען זיך
זאַנגען פאַרן שניט.

מיט א פרייד דערהויבענער
ערשטן ברויט מע פירט.
רײַך איז די גערעטעניש
האַיאָר אין קאָלווירט.

בונקערס אָנגעלאָדענע,
פולע ווי אַן אויג,
און א באַרג א גאָלדענער
וואַקסט שוין אַפן טויק.

און אין יעדן קערנדל,
ווי אליין די זון,
שפּיגלט זיך קאָלווירטישער
האָרעפּאַשנער רום.

● ● ●

זיכרוינעס

יויסעף בורג

אין דערמאָנונג

דאָס איז א פּרווו טיילוויַיז אופצושטעלן
אין זיקאָרן, מיט דער הילף פון קינסטלערישן
שילדערונגס־וואָרט, דאָס געשטאלט פון א ריי
ייִדישע שריַיבער, וואָס יעדערער אף זיַין אויפן
האָט איבערגעלאָזט א שפּור אין מיַין לעבן;
אופצושטעלן דאָס בילד פון א סוויווע, אין
וועלכער איך האָב פארבראכט ערעוו און בע־
שאס דעם אכזאָריעסדיקן היטלער־אנשלוס פון
עסטריַיך. אין פערציק יאָר ארום רופט זיך דאָס
אלץ אָפּ אין מיַין געוויסן, ווי א ווידערקאָל, אן
עכאָ פון יענעם גרויסן כורבן.

1. ווין

אין די מיטעלע דריַיסיקער יאָרן האָב איך
אין איינעם א סאָף־זומערדיקן צווישן־טאָג־און־
נאכט, פארלאָזט דאָס טומלדיקע בוקארעשט, די
שטאָט פון מיַינע הונגעריקע טעג און העפקערע
נעכט, די שטאָט, ווו עס האָט זיך אנטפּלעקט
די זיסע קוועל פון מיַינע ערשטע ליטעראַרישע
פּרוון, און מיט דריַי געבאָרגטע דאָלער אין
קעשענע און א בריוועלע פון שלוימע ביקל צו
דעם דעמלט באוווסטן ייִדישן דיכטער און ניט
וויַיניקער באוווסטן מעדיקער ד״ר מיילעך
כמעלניצקי, בין איך מיטן בערלינער ד־צוג אָפּ־
געפאָרן קיין ווין.

...ווין, אָסטבאנהאָף!

א ווונדערלעכע גאלאקטיק פון טויזנטער־
טויזנטער פיַיערלעך האָט אופגעפלאמט פאר
מיַינע אויגן. זיי האָבן זיך געלאָשן, געוווּנקען
און ווידער זיך צעברענט, די אומרויִקע, הייסע
פיַיערלעך פונעם אָוונטיקן ווין.

איך האָב געשפּאנט איבער העל־באלויכ־
טענע געדרייטע ווינער גאסן און רינג־אלייען,
און מיך האָט איבעראשט די געמיטלעכע רוי־
קיַיט. גליַיך איך וואָלט פארפאָרן אין עפּעס א
פארוואָרפענער פּראָווינץ, ווו מע ווייסט ניט
פון די מיט א צײַט צוריק אזוי בלוטיק־דער־
שטיקטע ארבעטער־אופשטאנדן און ווו עס פלא־
קערט ניט אריבער פונעם שכײנישן דריטן רײַך

דער אָפּשיַין פון ווילדע פאקעל־צוגן, ווי בענ־
גאלישע פיַיערן. פיַיערן, וואָס גרייטן זיך אָנ־
צינדן די וועלט...

ווין, די אמאָל שטאָלצע עסטריַיכישע קרוינ־
שטאָט, מיט אירע פּרעכטיקע פּאלאצן, קונציק
גערונצלטע קאָלאָנאדעס און קלויסטער־טורעמס,
מיט איר גאנצער פאנטאסטישער מיטלאלטער־
לעכער גאָטיק, ווי פארשטיינערטע מוזיק, האָט
געלעבט איר געמיטלעך אויסגעמאָסטן לעבן.

און מיר, א געקומענעם פונעם קאָכעדיקן
באלקאן, ווו אלע וועלט־געשעענישן האָבן אָפּ־
געהילכט מיט א באזונדערער שארפקיַיט, האָט
אויסגעזען פרעמד די אויסטערלישע ווינער גע־
מיטלעכקיַיט.

פונקט ווי מיט יאָרן, יאָרן צוריק זיַינען
גאסן־מוזיקאנטן, העפקערע טרובאדורן, געגאנ־
גען איבער די הויפן און אין טיף־רירנדיקע,
ווער ווייסט פון ווען פארפאסטע, לירישע
קופּלעטן באזונגען ווין, „די בלאָוע־דאנאו־
שטאדט״, וועלכער יאָהאן שטראוס האָט גע־
שענקט אומשטערבלעכקיַיט. און עפּעס א בריי־
טע, זאפטיקע לויטערקיַיט האָט געשטראָמט פון
זייער געזאנג, ווי דער אָטעם פון די פארבלוי־
טע דוניַי־ברעגעס מיט זייער סאָד און ווארעמ־
קיַיט.

דוניַי און ליד...

זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן, פארייניקט.
עפשער דערפאר, וואָס דער טיַיך איז געווען
אזוי פּאָעטיש, ווי א ליד, און דאָס ליד איז גע־
ווען אזוי ראכוועסדיק, ווי דער טיַיך.

אינעם אלטן בארימטן פּראטער, דעם פּארק
פון קרומע שפּיגלען און גיגאנטישע קארוסעלן,
האָט געוועלטיקט א באשטענדיקע יונגע פרייד,
און אין גרינציק, דער אידילישער פאָרשטאָט
פון צויבערפולער שיינקיַיט און ראָמאנטישער
ליבע, האָט מען אין די פארנאכטן אונטערן
פריַיען הימל געטרונקען שווארצן „קיַיזער־ביר״
פון ערדענע קריגלעך, און שלאנקע מיידלעך
אין בונטער טיראָלער קליידונג האָבן אין א
בריליאנטענער ליַיכטקיַיט, ווי א פארביקער
וויכער, געשוועבט אינעם פלאטער פון „ווינער

וואלצער", און ס'האָט אויסגעזען, ווי צום טאַקט וואלסירן די הימלען, „באַהאַנגענע מיט פּיד־לען", און אין דער לופט, א פאַרוועבטער אין בלייכער לעוואַנע־שיין, וויגט זיך א טויזנט־שטימיקע סימפאָניע פון ליבע.

ווין, די ראָמאַנטישע שטאָט אין דער וועלט, „די שטאָט פון לידער", האָט אויסגעזונ־גען איר פרייַע, הייסע ליבע־ליד...

דאָס אָוונטיקע ווין האָט געשפּילט און גע־לויכטן מיט טויזנטער איליוזאָרישע פּייַערן. גע־רופן אין די קאַפע־הייַזער און פינקלענדיקע קאַזינאָס, ווו נאַכט־וואַנדלער האָבן בא רולעטן־טישלעך זייערע נעכט פאַרשפּילט און יונגע פרויען מיט זשעדנע בליצן אין די רופנדיקע אויגן האָבן דעם רייץ און די גראַציע פון זייע־רע שפּילנדיקע גלידער אין זיידענעם שימער געהילט און אין ריטם פון באַנאַלע טאַנגאָ־שלאַגערס זיך קאָקעטיש נאָכגיביק געלאָזט פירן פון פעסטע מענערשע אָרעמס. און דער קרעפּטיקער ווייַן האָט מיט א זיסער גלוסטונג אַרויסגעזונגען:

אָ, דאָנאַ קלאַראַ,
איך האָב דיך טאַנצן געזען...

ווין האָט געוויגט זיך אין א נאַקעט פאַר־שיקערטן לייַכטזין...

און אף הארטע ליידיקע בענק, אין די פּאַרקן און סקווערן מיט אויסטערלישע פאָנ־טאַנען און אלטערטימלעכע בארעליעפן, ווי דאָס פאַרשטומטע געזאַנג פון דוירעס, האָבן היימ־לאָזע אויסגעשלאָפן זייער מידן שלאָף. בעט־לער האָבן אינדערשטיל געציילט די „פאַר־דינטע" פאַר גראָשן, און דער איינטאָניקער קלאַנג פון קופּער האָט, ווי א פרעמדער עלנ־טער רעפרען, זיך אריינגעוועבט אינעם קאַדריל פון ליכט, מוזיק און טייַווע...

ווין האָט געפירט א געמיטלעך און זאָרג־לאָז לעבן...

פילפאַרביקע, שרייַענדיקע אפישן האָבן רעקלאַמירט דעם פילם „איך באַשולדיק" מיטן באַוווסטן אַמעריקאַניש־ייִדישן אַרטיסט פּאָול מוני אין דער ראָל פון עמיל זאָליא. און ס'האָט אויסגעזען, ווי דער דרייפוס־פּראָצעס, די טראַ־גישע פּרעלודיע צו די דרייַסיקער יאָרן, האָט קיינעם ניט געשראָקן, קיינעם ניט געוואָרנט, גלייַך ס'וואָלט קיינעם ניט געאַרט, וואָס די־פּלאָמאַטן פירן א געהיימע שפּיל, וואָס די צייַ־טונגען שוויבלען מיט אומרויִקע קעפּלעך, וועל־כע ייִנגלעך צעטראָגן מיט א געשריי איבער אלע גאַסן, און שוואַרצע האַקנקרייצן, ווי שוואַרצע שפּינען, באַווייַזן זיך אַלץ אָפטער אף די ווענט פון די גרויע אַלט־ווינער מויערן.

ווינער געמיטלעכקייַט!

אין בארימטן אוניווערסיטעט האָבן יונגע־לייַט, ווי מיט יאָרן צוריק, פּלייַסיק שטודירט פלוטאַרכן און קאַנטן, זיך באַגייַסטערט, וועגן פאַר היינען, ווער פאַר ניצטשען, און שטור־מיש אַפּלאָדירט דעם געשעצטן פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד, גלייַך ס'וואָלט גאָרניט געגרייט

זיך דער טרויעריקער פּרילינג. עפּשער דער טרויעריקסטער אין דער געשיכטע פון עסט־רייַך... פּרילינג... פּרילינג...

איך בין צום ערשטן מאָל אף א פרייַלעכן אָוונט אין ייִדישן סטודענטן־פאַרבאַנד „יודייאַ", ווו דאָסראָוו מיטגלידער זייַנען פון דעם עקסט־רעם רעכטן נאַציאָנאַליסטישן „בייטאַר".

דער אָוונט ווערט געפירט אף דייַטש.

פּלוצעם שטעלט זיך אוף א הויכער, ברייט־פּלייציקער סטודענט, דערנענטערט זיך צו דער טריבונע מיט שווערע, טעמפּע טריט און נעמט ריידן ייִדיש. א „ברייטן" גאַליציאַנער ייִדיש.

אין זאַל ברעכט אויס א טומל, עס בליצן אויף אויגן, ציין, און פון אלע זייַטן טראָגן זיך ווילדע געשרייען:

— זשאַרגאָן!.. זשאַרגאָן!

דער פּוילישער סטודענט אַנטשולדיקט זיך פאַרלוירן: אים איז שווער צו ריידן דייַטש, ער איז ניט לאַנג אין ווין. און אויסגלייַכנדיק זיך אין זייַן גאַנצער ברייט, ווי ער וואָלט מיטאַ־מאָל דערפילט דעם זין פון דער באַליידיקונג, נעמט ער פאָרלייענען א ליד פונעם ווינער ייִדישן דיכטער מענדל נייגרעשל, געווידמעט דאָוויד האָפּשטיינען. דאָס ליד הייסט „טפילע פאַר דער ייִדישער שפּראַך".

אָ, הייליקער גייַסט, אָ, גייַסט, דערוואַך
אין יעדן אָטעם פון מייַן שפּראַך.
— — — — — — — — —
צינד אָן דאָס וואָרט מיט יונגן מוט,
מיט נייַער קראַפט, מיט נייַעם בלוט...

אף א רעגע ווערט שטיל. א פאַרשעמטע און געדריקטע שטילקייַט.

נאָר ענדיקן לאָזט מען ניט.

עפּעס א פאַרשוין שטעכט אין אים אריין א פּאָר שפּיציקע אויגן, וואָס שפּריצן מיט פייַער.

— אָסט־יודע!

און איבערן גאַנצן זאַל צעבושעוועט זיך, ווי א סרייפע, א ווילד צעפלאַמטע סינע צו ייִדיש.

פּרילינג...

איך האָב אָפּגעגעבן מייַן קאָלאָקוויום פון „מיטל־האָך־דויטש". דער פּראָפעסאָר, א גראָ־ווער מאַן פון אלטן עסטרייַכישן אדל, מיט א שטרענגן ערנסטן אויסזען, א באַוווסטער גער־מאַניסט, לויבט אין קאָרגע ווערטער מייַן דייַטש. עפּשער דערפאַר, וואָס איך בין אן אויס־לענדער. ער פרעגט זיך נאָך אף מייַן מוטער־שפּראַך און איך ענטפער קורץ:

— ייִדיש, הער פּראָפעסאָר!

ער שטעלט אָן אף מיר זייַנע בלויע אָפּ־געבליאַקעוועטע אויגן. אין זיי לויכט אוף אן אומדערוואַרטער, פאַרכאָלעמטער שמייכל, טוט א פינקל, און בלייַבט הענגען אף זייַן שטרענג אָפּגעצויגן פּאָנעם.

איך באַמערק, אז ער גרייט זיך עפּעס זאָגן.

עפּשער דאָס אויסגעדראָשענע „ייִדיש איז אַ פאַרדאָרבן דײַטש". נאָר ער קוקט אָף מיר צודרינגלעך. זײַן בליק איז עטוואָס פאַרצויגן און ווארעם. און ער טוט אומגעריכט אַ זאָג. פּאַשעט, ריין און זאַפטיק:

— ייִדיש, יונגער פרײַנט, איז אַ לאָשן בעאצמוי!

מיר האָט געוומען שווינדלען פאַר די אויגן. אַ דינע שטעכיקע היץ איז מיר אדורך איבער דער הויט. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי דער גאַנצער ארום האָט זיך צעזונגען אָף אַ קאָל:

— ייִדיש איז אַ לאָשן בעאצמוי...

און עפּעס ווי אַ בייז ווידערקאָל האָט זיך אָפּגערופן אין מײַן זיקאָרן דער „אָוונט אין דער „יודייאַ".

אָף די מײַרעוו־גרענעצן פון עסטרײַך האָט די וועלט מיט שנעלע טריט זיך דערנעענטערט צום גרעסטן קאַטאַקליזם. און עסטרײַך האָט באַדאַרפט ווערן דער ערשטער קאָרבן.

פרילינג, פרילינג...

צוועלפטער מאַרט טויזנט נײַן הונדערט אַכט און דרײַסיק...

דער טאָג וועט זײַן אַ זעלטן שיינער, וואַרעמער. די קאַשטאַנען־ביימער וועלן זיך אָנגיסן מיט יונגע זאַפטן. און קוים באַמערקבאַר פאַרן אויג וועט זיך דורכרײַסן דאָס ערשטע פריידיקע גרינס.

די זון וועט ברענען אָף די קופּאָלן פונעם אוראַלטן שטעפאַנס־דאָם און זײַנע צלאָמים, מיט אַזאַ שטאָלצקײַט פאַריסענע צום הימל, וועלן פלאַמען ווי פורפור־רויטע פײַערן.

און אינמיטן פרילינג־בלי וועלן מאַטאַריזירטע האָרדעס, ווי רויבגיריקע כײַעס, באַלאַגערן די שטאָט. ס'וועט פאַרשוועכט ווערן דער אוניווערסיטעט, דער אַלטער וווּנדערבאַרער טעמפּל פון אייראָפּעיִשער קולטור, און אין זײַנע פענצטער וועלן בייזווייליק טאַנצן די פײַערן פון צעלייגטע שײַטערהויפנס. און אין פלאַמען וועט אויפגיין דער שטאָלץ פון עסטרײַך: הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל, אַרטור שניצלער, שטעפאַן צווייג און פראַנץ קאַפקאַ...

— פערדאַמטע יודען!

סאָלדאַפּאָנישע מאַרשן וועלן פאַרטויבן די גאַסן. און פון זייערע גרויע פּאָסטאַמענטן וועלן פאַרביטערטע אַראָפּקוקן מאָצאַרט און בעטהאָווען.

ווין, די אייביק יונגע שטאָט, וועט, ווי אַ געשענדטע פרוי, ליגן פאַר די פיס פונעם דײַטשישן פאַשיזם, און אַ יאַם פון מענטשן, נעכטן נאָך גלײַכגילטיקע צום פּאָליטישן לעבן, וועלן פון מעשוגאַס געריזטע איבערשרײַען איינער דעם צווייטן:

— איין פאָלק... איין רײַך... איין פיורער!

און אָפן שוואַרצנבערג־פּלאַץ וועט דער מעטורעפער „פיורער" היסטעריש אַרײַנרעווען אין די צעשטעלטע מיקראָפאָנען:

— אָסטמאַרק... אַנשלוס...

און ווי צערייצטע הינט, וועלן טויזנטער, טויזנטער שטימען אָפּהילכן:

— הײַל!.. הײַל!

און שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן, וועט זײַן נאָר אין צווייטן באַצירק. קלאַנגען מיטן אָטעם פון געפאַר וועלן קריכן ווי שלענג, פאַרצווייפלטע זיפצן וועלן זיך דרייען אינעם ווינט, פאַרוויגט פון אייגענעם קלאַנג. מענטש פאַר מענטש וועט זיך אויסבאַהאַלטן. און אונטער פאַריגלטע טירן וואַרטן, וואַרטן...

שרעק וועט לויערן אין די גאַסן און געסלעך פונעם אַלטן ווינער ייִדישן געטאָ...

— — — — — — — — — — — —

אין די מיטעלע דרײַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט דאָס טויזנטיאָריקע ווין, מיטן צויבער פון אַלטקײַט און מאָדערנעם אייראָפּעיִשן גלאַנץ, געלעבט אַ געמיטלעך, ריטמיש אויסגעמאָסטן לעבן...

2. קאַפע „צענטראַל"

יעדן אָוונט זײַנען זיי געקומען אַהער, די שרײַבער און קינסטלער פון די ווינער ייִדישע קוואַרטאַלן. געקומען מיט זייערע ניגונים און פאַרבן. געבראַכט מיט זיך דעם שטראַל פון פרייד און דעם שאָטן פון זאָרג. און בּאַ טעפּעלעך שוואַרצער קאַווע האָט מען אין אַ דערהויבענער שטימונג זיך דערציילט פון ווערק, וואָס זײַנען שוין געבוירן געוואָרן, און אַזעלכע, וואָס דאַרפן ערשט קומען אָף דער וועלט. אויך יונגע פרויען פון ייִדישע היימען פלעגן קומען אַהער „פאַרברענגען" די אָוונטן אין „פרײַער קינסטלערישער אַטמאָספער".

מ'האָט דערמאָנט די יאָרן, ווען עס האָט דאָ שטאָלץ געקלונגען דער נאָמען פונעם באַרימטן עסטרײַכישן נאָוועליסט פּעטער אַלטענבערג, ווען ייִדישע שרײַבער האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענעם פאַרלאַג, אַן אייגענע צײַטשריפט, און מיט באַדויערן זיך געזשאַלעוועט:

— עך, ניט יענץ ווין מער!

דער אַלטער קעלנער אינעם שוואַרצן אָפּגעטראָגענעם סמאָקינג, מיטן ווײַסן האַנטעכל איבערן אָרעם, איז געווען ווי אַ באַוועגלעכער טייל פון אָט דעם אַלטמאָדישן קאַפע־הויז מיט די אָפּגעשניצטע פליושענע שטולן און קליינע גרויע טישלעך. ער האָט אַלע שטאַמגעסט געקענט בּאַ די נעמען. געוווּסט יעדן, וואָס פאַר אַ צײַטונג צו דערלאַנגען, וואָס פאַר אַ קאַווע ער טרינקט. און פאַר נײַע באַזוכער זיך שטענדיק ווי באַרימט:

— בּײַ דיזעם טיש האָט דער אַלטענבערג זײַנע געדיכטע אין פּראָזע פאַרפאַסט... זײַן ראַפינירטעס עוואַנגעליום...

און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר דאָ, אין צווייטן באַצירק, אָף דער טאַבאָרשטראַסע, האָט געקאָנט געבוירן ווערן די קליינע אייגנאַרטיקע ווינער פּאָעזיע אין פּראָזע, וועלכע דער אַלטער קעלנער האָט אַזוי טרעפלעך באַטיטלט „ראַפינירטעס עוואַנגעליום".

ווין איז געווען דורכגעוועבט מיט דער גרויסער און וועלט־באַרימטער ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער האָבן צומאָל פאַרקערעוועט אין דעם אלטן קאַפע. קאָן זײַן, אַז שטעפאַן צווייג האָט זײַן „מענדל בוקיניסט" אויך געטראָפן בא איינעם פון די טישלעך אין קאַפע „צענטראַל".

דאָ האָבן אויך אין פאַרשיידענע צײַטן יידישע שרײַבער איבערגעלאָזט זייער אויטאָגראַף אינעם זיכּאָרן פון דעם אלטן קעלנער.

— איך האבע היר דען בערימטען עראָפעישן עפיקער שאלאָם אש בעדינט...

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל נאָך מײַן קומען קיין עסטרײַך באזוכט דאָס באַוווּסטע קאַפע־הויז, האָט דער אלטער קעלנער זיך העפלעך אריבערגעבויגן צו מיר, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט באדאַרפט אויסקלאָרן, איז געווען:

— אײַן דיכטער אָדער מאלער?

איך בין ווי געפּלעפּט געבליבן זיצן פון אַזא אומגעריכטער פראַגע. אלע מײַנע דרײַ און צוואַנציק יאָר האָבן זיך צעברענט אַף מײַן פּאָנעם, און איך האָב אין גרויס פאַרלעגנהײַט קוים וואָס ארויסגעשטאַמלט:

— אײַן שווארצן, ביטע!

ער האָט זיך א בייג געטאָן און א ווײַלע געבליבן קײַלעכדיק. נאָר באַלד זיך ווידער אויסגעגלײַכט און פאַרשוווּנדן מיט אַזא לײַכטקײַט, גלײַך ער וואָלט פאַרמאָגט פליגל. אין עטלעכע מינוט ארום זיך אומגעקערט, באלאנסירנדיק ווי א קונצנמאכער, מיט דער באשטעלטער קאווע אין האַנט.

— ביטע, מײַן הער!

און אַף זײַן פּאָנעם, טונקל, ווי די פאַרב פון געמאָלענער קאווע, האָט אין דער ברייט זיך געפּאַלדעוועט א דינער, פאַרטראָגענער שמייכל.

וויפל קילאָמעטער האָט ער באדאַרפט דורכמאכן א טאָג, אָט דער אלטער זעכציקיאָריקער קעלנער?

און ער האָט עס געטאָן מיט אַזא רירעוודיקײַט, מיט אַזא באַשײַמפּערלעכער ליבע צו די, וואָס קומען אהער יעדן אָוונט מיט זייער פרייד און זייער אנטוישונג און ווערן פאַרשיקערט פון א „שווארצן", ווי פון ווײַן...

ווען ער האָט זיך ענדלעך דערוווּסט, פונוואנען איך קום און אַז אין מײַן אקטיוו זײַנען שוין פאַראַן עטלעכע אָנפאַנגערישע נאָוועלן אין יידיש, האָבן זײַנע אויגן געגומען גוטמוטיק שטראַלן און ער האָט מיט א זינגענדיקן אקצענט עמעצן צוגערופן:

— הער דאָקטאָר, דיזער יונגערמאַן איסט אײַן יודישער שריפטשטעלער.

די לאָמפּן אין קאַפע „צענטראַל" האָבן זיך פּלוצעם געגומען וויגן. איך האָב דערפילט א מאָדנע ענגשאַפט פון אָטעם, און א צעטומלטער געקוקט צו יענעם טישל, פונוואנען מ'האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט א ליבלעכן שמייכל.

...עס בלענדט מיט טויזנטער פײַערן דאָס אָוונטיקע ווין, און דאָס קליינע הײַפעלע יידישע שרײַבער ציט זיך צום אלטן קאַפע „צענטראַל"...

3. שווערע טעג

א

וויפל איז פאַרבײַ, זינט מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט בא יענעם שטיינערנעם מירמל־טישל אין קאַפע „צענטראַל"?

דער קאַלענדאַר ווײַזט דאָס יאָר טויזנט נײַן הונדערט זיבן און זיבעציק. הייסט עס, איבער פערציק קײַלעכדיקע יאָר.

סאַראַ טײַכן פון טרויער עס פליסן פאַרבײַ!

און ווי א ווײַטער ווידערקאָל קלינגט אין מײַנע אויערן דאָס ווינער צעזונגענע דײַטש אינעם מויל פונעם אלטן קעלנער:

— הער דאָקטאָר, דיזער יונגערמאַן איסט אײַן יודישער שריפטשטעלער!

צי האָבן טאַקע דעמלט די הענגלאָמפּן אין קאַפע „צענטראַל" זיך פּלוצעם אַזוי העל צעברענט, צי דאָס האָט א פלאַם אַזוי ארויסגעשלאָגן אַף מײַן פּאָנעם.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער גאַנצער מענטשלעכער טומל האָט מיטאמאָל זיך אײַנגעשטילט. אלע געסט ארום די טישלעך האָבן זיך נעענטער צונויפגערוקט. צענדליקער אויגן האָבן געקוקט אַף מיר מיט פאַרזשמורעטע בליקן, ווי זיי וואָלטן מיך געמאָסטן. עמעצער האָט זיך דערנעענטערט, מיר אנטקעגנגעטראָגן א ברייטן, לעבעדיקן שמייכל אינאיינעם מיט אַן אויסגעשטרעקטער איידעלער האַנט.

— מענדל נייגרעשל!

איך האָב אין פאַרטראָגנקײַט אָנגערופן מײַן נאָמען, דאָס אָרט, פונוואנען איך קום, און, דאַכט זיך, לאַנג געשטאַנען אינמיטן זאַל, גלייבנדיק און ניט גלייבנדיק אין דער באגעגעניש. אָט וויאַזוי ער זעט אויס, דער דיכטער, וואָס האָט אָנגעשריבן די לידער־זאַמלונגען „געצעלטן" און „קײַלעכדיקע טעג". דער אויטאָר פון די אינטערעסאַנטע איבערזעצונגען „פּוילישע ליריקער".

א מיטלוווּקסיקער, אין א שפּאָגל־נײַעם גרוי־בלויען אָנצוג. א ווײַס געשטרײַפט העמד און א זייער טײַערער אטלאַסענער קראַוואַט האָבן עפּעס יאָמטעוודיקס ארויסגעבלאַנקט פון אים. און ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק גיכער פון א רײַכן באַנק־אָנגעשטעלטן, איידער פון א דיכטער. נאָר זײַנע קלוגע, עטוואָס שמייכלענדיקע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך געוויגט א גרינלעכע אומרויִקע שײַן. דער דינער שטריך פון צאַרטקײַט ארום דעם בייג פון די ליפּן, האָט אנטפּלעקט יענע טיפע, לירישע וואַרעמקײַט, וואָס גיט טייקעף אויס דעם קינסטלער.

ווי אלט איז ער דעמלט געווען? מיסטאמע אין די דרײַסיקער. נאָר ער האָט אויסגעזען ייִנגער אין זײַן רײַכער קליידונג, מיט זײַן דין, בייגעוודיק געשטאלט.

ער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אף מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט אָן עפּעס זיך דערמאָנען, און פילדײַטיק געשטאמלט:

— אזוי, אזוי... פון טשערנאָוויץ...

מיר האָבן אין יענעם ערשטן אָוונט זיך אָפּגעזונדערט אין א ווײַטן ווינקל פון קאפע און ער האָט מיט א הייסן נייגער גענומען מיך אויספרעגן וועגן דער ייִדישער ליטעראטור אין אונדזערע קאנטן. ער האָט געהאט א פול מויל מיט באַגײַסטערונג פאר שטיינבארגן און מאנגערן. זיך נאָכגעפרעגט אף נעמען און ווערק פון א סאך יונגע שרײַבער, און איך האָב אלץ דערציילט, אלץ געענטפערט, געענטפערט...

מיטאמאָל האָט זיך אויסגעלאָשן דער גלאנץ אין זײַנע אויגן. אפן פּאָנעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א ציטער פון עפּעס אן אומבאַקוועם געפיל, און ער האָט מיט א געפאלן קאָל א זאָג געטאָן:

— מיר דאָ האָבן זיך ניט מיט וואָס צו רימען... א קליין הײַפעלע שרײַבער... אָן א סוויווע... אָן ליטעראַרישער אויסגאבע... אָרעם, ווי די נאכט... מיר זײַנען געצווונגען צו זײַן צעזייט און צעשפּרייט מיט אונדזערע שאפונגען איבער דער גאָרער ייִדישער וועלט... דערפאר טאקע קומט מיר, אשטייגער, אויס דרוקן אָפּט מײַנע לידער אין אײַערע „טשערנאָוויצער בלעטער"...

ער האָט לאנג גערעדט אָפּגעריסן, אופגערעגט, מיט א באהאלטענעם געראנגל אין זײַן קאָל, און איך האָב געפילט, ווי עס באהערשט מיך א מין פארביטערטקײַט, א באַדויערן.

ער, דער „ווינער", איז גאָר אינגאנצן עלנט בא זיך אין דער היים!

איך בין געזעסן קעגן אים מיט א קלאפנדיק הארץ, א צעטומלטער פון זײַנע רייד. עפּעס האָט זײַן אומעט זיך שווער געלייגט מיר אפן סייכל. עפּשער דערפאר, וואָס איך בין געווען יונג. עס איז געווען דער פּעריאָד פון מײַן קאַיאָר, ווען אלץ ארום האָט געשפּילט און צוגעזאָגט. דערצו נאָך בין איך געקומען פון א לאנד, ווו ייִדיש האָט געשפּרודלט אף אלע גאסן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער זאָל האָבן זײַן גאנצע טיראַדע אויסגעטראכט.

שפּעטער אָבער, ווען איך האָב זיך נאָענט באקאנט מיט די אנדערע עטלעכע ייִדישע שרײַבער פון ווין, האָט די זעלבע עלנטקײַט ארויסגעשריגן בא יעדן פון זיי.

ב

מענדל נייגרעשל האָט ליב געהאט ווין.

ער האָט ליב געהאט די ווינער גאסן מיט דעם אייגנארט פון זייער ארכיטעקטור, מיט די שווערע אלטע קלויסטער־ווענט און שפּילנדיק־אויסגעפּוצטע וויטרינעס. אים האָבן געלאָקט די ברייטע, ברוקירטע קאשטאנען־אלייען ארום דעם „רינג" און די שמאָלע פארדרייטע געסלעך פון אמאָליקן מיטלאלטערלעכן ייִדישן געטאָ, ווו

הונדערט טויזנט טראָטן, קלינגענדיקע טריט,
רעדן צו די שטיינער ווערטערדיק צעשיט...
טרעפן זיך און אײַלן, דריקן זיך און קריגן,
און די שטיינער שווײַגן... שווײַגן...
הערן אויס דעם ניגן.

ווין איז געווען זײַן שטאָט, ווו ער האָט פארלעבט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן. אין ווין האָט ער געענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט, באקומען דעם דאָקטאָר־טיטל און געוואָרן... א ייִדישער דיכטער.

א יוריסט — א דיכטער!

ס'האָט געקאָנט זיך דאכטן, אז איינס וועט דערגאנצן דאָס צווייטע... אָבער אין דערווירקלעכקײַט האָט זיך באקומען גאָר אנדערש. נייגרעשל, וועלכער האָט באדארפט אפן פארלאנג פון זײַן מישפּאָכע ווערן דער אדוואָקאט פון גרויסע האנדל־פירמעס, האָט דערצו ניט ארויסגעוויזן, קיין שום נייגונג און מיט אדוואָקאטור זיך קימאט קיינמאָל ניט פארנומען. דערפאר אָבער האָט פּאָעזיע זיך אנטפּלעקט פאר אים אין איר גאנצער לײַדנשאפט און שטרענגקײַט און געוואָרן דער אינהאלט פון זײַן לעבן.

ס'איז עמעס, מאמע, כ'האָב געלעבט מיט לידער,
ווי מ'לעבט מיט שטילעביימער אין וואלד.
דער מינדסטער קלאַנג פון זייער דינסטן ציטער
האָט טויזנט זונען אין מײַן ברוסט צעשטראלט.

ער האָט זיך באצויגן צו דיכטונג מיט יענער פּאָרזיכטיקער שפּאָרזאמקײַט, וועלכע ס'דערציט אין זיך א מענטש, וואָס איז מיט א רירנדיקער אופריכטיקײַט פארליבט אין ליטעראטור און אנערקענט, אז צו פארנעמען זיך מיט איר, איז ווינציק נאָר פייִקײַטן...

אין איינעם א פארנאכט האָבן מיר מיט נייִגרעשלען שפּאצירט בא די ברעגן פון דער לירישער „בלאוער דאָנאו".

עס האָבן שוין אָנגעהויבן שפּילן די ראָזע פלאמען פון זון־פארגאנג איבער דער שיינער שטאָט ווין. אירע פּאלאצן און קלויסטער־טורעמס האָבן זיך געשפּיגלט אין דער דונײַ־טיפקײַט, דערמאָנט עפּעס א פארקישעפטן אונטערוואסערדיקן קיניגרײַך, און א לײַכט ווינטל האָט מיט א ווארעמען אָטעם באַרירט די בלויע טײַך־רונצלען.

האפן־ארבעטער זײַנען, מידע, נאָכגעלאָזטע, ווי ניט אויסגעשלאָפענע, געגאנגען שווײַגנדיקע צו דער נאכט־וואכטע. דאָמיניקאנער מאָנאכן מיט שטרענגע אסקעטיש־אויסגעצויגענע פּענעמער זײַנען פארלאָפן דעם וועג, געאײַלט צום אָוונט־געבעט, און די עקן פון די גראָבע שטריק ארום די לענדן האָבן געפלאָנטערט זייערע גיכע טריט, און הימלאָזע בעטלער זײַנען מיד געוואָרן פון זוכן א פרײַ אָרט, ווו די נאכט צו פארברענגען.

ניגרעשל, וועלכער האָט אָפּט פאַרפאַסט זײַנע לידער, גייענדיק איבער די ווינער גאַסן, „אינמיטן פון שטאָטישן פלאָנטער", האָט געזשמורעט זײַנע אויגן, גלײַך ער וואָלט צוגעזען דעם גערודל פון טאָג און נאַכט און ווי פאַר זיך אַליין געכאָלעמט אינדערהייך:

> דאָס איז די 'שטילסטע שטאָט פון אַלע שטעט:
> עס אָוונטיקט. די מענטשן ווערן מידער.
> דער בעטלער האָט אַרויסגעשעפּטשעט שפּעט...
> און קלײַבט צונויף די פעלנדיקע גלידער:
> אַ פוס, אַ שטעקן און צוויי קרומע הענט...

ער האָט די שורעס אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ שטילן ציטער, ווי זיי וואָלטן געקומען פונעם הימל אַליין.

עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן.

אַ העל־באַלויכטענע שיף האָט געשניטן די טיפע וואַסערן. איר שײַן האָט דערגרייכט צו די ברעגן, זיך געשאַרט איבער די אַלייען און קוסטאַרניקעס און אַלעמאָל אַרויסגעריסן פון דער פינצטערניש פאַרליבטע, לירישע פּאָרלעך.

ניגרעשל האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און שטיל מיר אײַנגערוימט:

— זע, וויפל ליבע און יונגקײַט עס פאַרמאָגט די שטאָט!

פונווײַטן, פון דער אַלטשטאָט, האָט אַ טורעם־זייגער אויסגעשלאָגן נײַן. נײַן אַקאָרדן פונעם באַרימטן ווינער וואַלצער האָבן זיך צעזונגען, געשוועבט אינעם אָוונטיקן ווין. ניגרעשל האָט זיך אײַנגעהערט אין יעדן קלאַנג און מיט דעם זעלבן טמימעסדיקן קאָל צוגעגעבן:

— אַ שטאָט, וועמען ס'איז באַשערט צו זײַן הוילע מוזיק...

מיר האָבן נאָך דעמלט ניט געגלייבט, אַז די פריידיקע שטראַוס־מוזיק וועט אין די נאָענטסטע פּאָר יאָר פאַרטרונקען ווערן אין אַ בלוטיקן יאַם פון סינע, וואָס וועט פון די אַלטאַרן אין די קלויסטערס געפּרייִדיקט ווערן...

ג

ניגרעשל האָט ליב געהאַט ווין, „די שטילסטע שטאָט פון אַלע שטעט". אָבער די זאַפטן פון זײַן פּאָעזיע האָט ער געצויגן פון זײַן גאַליצישן שטעטל נײַ־סאַנדז. די היים פון זײַנע פריִע קינדער־יאָרן.

> באַ די קאַרפּאַטן ליגט מײַן שטעטל סאַנדז
> און כאָלעמט כסידיש פונעם אַלטן רעבן...
> אַזויפיל שיינקײַט, ליכטיקײַט און גלאַנץ,
> מײַן גאָטעניו, האָסטו דער שטאָט געגעבן...
>
> פון יונגע מיידלעך אַ צעבליטער קראַנץ
> ציילט טמימעסדיק די יונגע טעג און לעבן —
> און אין אַ מאָדנעם, האַרצעדיקן טאַנץ
> כאַלוימעס מיט דער ווירקלעכקײַט זיך וועבן.

היים־מאָטיוון, לאַנדשאַפט־ניגונים פירן דעם דיכטער צוריק אין זײַן שטעטל באַ די קאַרפּאַטן, ווו ער איז געוואַקסן אין אַ רײַכער סאָכרישער שטוב פון ייִכעס און געלט. אין אַ הויז מיט „איוורע־טײַטש און אַטלאַס־גלאַנץ", ווו „פון טונקעלע אַלמערס האָט געאָטעמט אַן אַלטע, טיף פאַרטראַכטע וועלט" און פאַרשיידענע מעלאַמדים האָבן געזוכט אַף אַלע אויפאַנים אָנפילן זײַן לעבן מיט טוירע און פרומקײַט.

אָבער דעם יונגן ניגרעשל, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישע עמאָציעס, האָט געצויבערט דער גאַליציאַנישער פּייזאַזש מיט זײַנע ראַכוועסדיקע פעלדער און וועלדער. און ער דערמאָנט מיט יאָרן שפּעטער:

> מיך האָט ניט יאַנקעוו געפירט באַ דער האַנט,
> איך האָב מיט יערמעיאָהען צו גאָט ניט געשריגן,
> מיך האָט געלערנט מיעשקאַ דער פּיאַסט
> דאָס גרינע ליד פון ווערבעס, וואָס וויגן
> אַ דערפל אַ בלאָנדס
> מיט זייער פאַרכאָלעמט־סלאַווישן ניגן.

און אָט דער „סלאַווישער ניגן", דאָס דערהויבענע געזאַנג פון כאַווערשאַפט און נאַטורוווּנדער, האָט זיך געמישט מיט אומעטיקע אײַנדרוקן פון אָרעמעלײַט, וואָס פלעגן קומען אין רײַכן הויז מיט עפּעס אַ שעמעוודיקער געפאַלנקײַט אין זייער האַלטן זיך, מיט ניט וואַגן צו מאַכן אַ טריט ווײַטער ווי איבער דער שוועל און מיט עפּעס אַ שולדיקײַט אין די אויגן, אין וועלכע ס'איז געלעגן דער „צאַר, וואָס רינט פון לאַנגע ווי'עס"... און אויך צו די הינטערגעסלעך האָט דער זעלבער ניגן אים געפירט צו דער „פּיעקלע", ווו ס'ווינען די שנײַדערס און בעקער־יונגען, און ווו ס'האָט

> געקלונגען און געזונגען
> דעם ערשטן מײַ אַפן פאַראַד
> „מײַן טײַערער פרײַנט" פון עדלשטאַדט.

שפּעטער מיט יאָרן, אין ווין, ווען ער איז נאָענט צו די אויפגעוואַקסטע פּראָגרעסיווע קרײַזן, באַקומען אָט די אײַנדרוקן פון זײַן פריִער קינדהײַט אַ טיקן אין זײַנע לידער, באַהויכטע פון רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק.

ד

ניגרעשל איז געווען רײַך.

נאָר באַ זײַן גאַנצער אַשירעס האָט ער ניט אויסגעהאַלטן די ראָל פון אַ רײַכן זון. מיט געלט זיך באַגאַנגען לײַכט, פאַרשווענדעריש, מיט פײַן פאַרטראַכטע מאַנירן, וואָס האָבן זײַן האַנדלונג צוגעגעבן אַ מין גײַסטיקע ווערט.

בער האָראָוויץ, מיט זײַן פאַרביק שפּילעוודיקן געפיל פון הומאָר, האָט מיר אַמאָל געזאָגט וועגן ניגרעשלען:

— ער איז רײַך, ווי אַ באַנקיר און אָרעם, ווי אַ בעטלער.

מיר דאַכט, אַז דאָס איז די סאַמע טרעפלעכסטע באַמערקונג וועגן אַ דערוואַקסענעם מענטשן, וואָס האָט באַדאַרפט אַרויסקוקן, אַז

זײַן מוטער, א שטרענגע אלמאַנע, װעלכע האָט געפירט אליין אלע געשעפטן, זאָל אים מיט א קארגער האנט דערלאנגען אלע מאָל א געװיסע סומע געלט, שיקנדיק פּאַרױס א גאַנצן פּאַק מיט מוסער. זי האָט אים ניט געקאָנט מוחל זײַן, געהאַט גרױס אגמעסנפעש דערפון, װאָס ער האָט פאַרװאָרפן זײַן יורידישע טעטיקײַט, פאַרביטן זי אַף ליטעראַטור, דערצו נאָך אַף יידישער, צו װעלכער זי האָט געהאַט א גאָר קליינע באַציונג.

נייגרעשל אָבער, װעמענס הארץ איז גע־װען אָנגעלאָדן מיט פּאָעזיע, האָט געזונגען מיט דער װאָרעמקײַט און װײכקײַט פון זײַן װאָרט, דערבײַ האָט ער לײַדנשאַפטלעך ליב געהאַט דאָס יידישע לאָשן, און אין טאָן פון טורגע־ניעװן אָדער פּאַוסטאָװסקין, װאָס האָבן מיט שטאָלץ באַזונגען די שפּראַך פונעם רוסישן פאָלק, האָט װירדיק און דערהױבן געקלונגען זײַן טפילע צו יידיש:

אָ, הייליקער גײַסט, אָ, גײַסט, דערװאַך
אין יעדן אָטעם פון מײַן שפּראַך!

פּאַרמאָגנדיק אן אייגנאַרטיקע בילדעריש־קײַט, איז ער געבענטשט געװען מיט יענער דיכטערישער װיזיע, װאָס באַשטימט עכטע טאַ־לאַנטן.

אויך אין זײַן באַציונג צו פרײַנט איז נײַ־גרעשל געװען אָנגעפילט מיט ליבע. ס'דערמאָ־נען זיך איינצלהײַטן, שטריכן.

...קיין װין איז אראָפּגעקומען פון רומעניע די באַװוסטע „זיגלער־טרופּע" מיט זיגלערס בארימטער טאָכטער סעװילא פּאַסטאָר.

זיי זײַנען אופגעטראָטן מיט גרױס דער־פאָלג אין אלטן װינער „קאַרל־טעאַטער", װאָס האָט נאָך געשפּילט און געשפּיגלט מיטן רײַכ־טום פון זײַן פריערדיקן באַראָק.

ערעװ דער אָפּרײַזע פון די זיגלערס האָט מען אין א זײַטיקן קאַפע־הױז מיט גלאַנציקע דרײ־טירן און רױטע פּלױשענע שטולן אײַנגע־אָרדנט פאַר זיי א װאָרעמען געזעגענונגס־באַנ־קעט. נאָר א סאַך האָבן זיך געפרעגט: פאַר־װאָס עפּעס האָט מען פאַרביטן דאָס היימישע, יידישע קאַפע „צענטראַל" אַף אן אַרט, װו די װינער „יאהודישע" סאַלאָן־דעמאָקראַטישע אינ־טעליגענץ פלעגט קומען אויסלופטערן אירע אסימיליאַטאָרישע עמאָציעס און פונװאַנען עס האָט געשלאָגן מיט עפּעס א פאַלשן, אָפּגעבליאַ־קעװעטן שימער פון גרויסשטאָטישער פּאַריסנ־קײַט און גײַװע?

נייגרעשל איז געזעסן אין דער טיף פון זאַל א צעשטרײטער, א שװײַגנדיקער, און זײַן פּאָנעם האָט דערציילט פון מאַכשאָװעס, מיט װעלכע ער האָט זיך געראַנגלט. עפּשער האָט ער געפילט, אז דאָס זײַנען די לעצטע באַגע־געניש מיט יידיש טעאַטער אין װין. און װען ער האָט באַקומען א װאָרט, האָט ער מיט א שטילער װאָרעמקײַט דערציילט פון דער ראָל, װאָס די צװיי געװעזענע עסטרײַכישע פּראָ־װינצן, בוקאָװינע און גאַליציע, האָבן אָפּגע־שפּילט אין דער יידישער קולטור.

װען דער באַנקעט האָט זיך געענדיקט און אין די גלאַנציקע טירן האָט זיך געדרייט אָן אופגעהײַטערטער אױלעם, האָט נייגרעשל באַ־מערקט, אז איינער פון די געסט איז אין איין רעקל, — און אין דרויסן איז געשטאַנען א קאַל־טע, װינטערדיקע פעװראַל־נאַכט. ער האָט אָפּ־געשטעלט דעם גאַסט, א גוט באַקאַנטן שרײַ־בער, און גענומען אים אײַנריידן, ער זאָל אָנ־טאָן זײַן, נייגרעשלס, טײַערן פוטער. אליין האָט ער אָנגעקלונגען אהיים און דערקלערט דער איבעראַשטער מוטער, אז מע האָט אים באַגאַנװעט און ער בעט ארויסשיקן אַף דער און דער גאַס זײַנעם א מאַנטל. דערבײַ האָט ער געשמייכלט אין טעלעפאָן־טרײַבל, װי א קינד, װעמען ס'איז געלונגען אָפּטאָן עמעצן א שפּיצל.

און געװען איז עס ניט נאָר אן אויסדרוק פון מיטלײַד, נאָר אן אינװײניקסטע װאָרעמ־קײַט, װעלכע האָט שטענדיק באַגלייט זײַנע באַציונגען צו מענטשן.

ה

עס איז זיכער ניט קיין צופאַל אין דער שעפערישער גאַנצקײַט פון מענדל נייגרעשל, װאָס ער האָט די ספּעציפישע שװאַכקײַט, װעל־כע איז אזוי אייגנטימלעך געװען פאַר א סאַך קולטור־מענטשן פון יענער צײַט, נעמלעך, די שװאַכקײַט פון ארומפאָרן איבער דער װעלט,— ניט געהאַט. כאָטש די מאַטעריעלע מעגלעכ־קײַטן דערצו זײַנען באַ אים געװען איבערגע־נוג.

די איינציקע רײַזע, װאָס ער האָט פאַרגע־נומען, איז געװען אין ראַטנפאַרבאַנד. אים האָט געצויגן צום לאַנד פון אָקטיאַבער, גערופן מיטן װאָרט פון ליד. ער האָט געװאָלט אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן...

פיר און דרײַסיק טעג האָט נייגרעשל פאַר־בראַכט אין ראַטנלאַנד. ער האָט זיך געטראָפן מיט די אָנגעזעענסטע שרײַבער און דיכטער, באַזוכט קימאַט אַלע פאַרשטעלונגען פון גאָסעט.

באַ מײַנעם א פרײַנט, א מאָסקװער שרײַ־בער, האָב איך מיט א צײַט צוריק דערזען נייגרעשלס א בוך לידער „קײַלעכדיקע טעג" מיט אזא אופשריפט:

מיכאָעלסן —
דעם גרויסן ארטיסט —
מ. נ ײ ג ר ע ש ל.

מאָסקװע, 1935—17/5.

עס האָבן א װײַע געטאָן מיט װײַטע פיר און דרײַסיק טעג, װאָס האָבן נייגרעשלען באַ־גײַסטערט אַף װאָכן און כאָדאָשים. ער איז ארומגעגאַנגען איבער װין און געזען מאָסקװע, קיעװ...

ז

עס איז געווען פרילינג.

דער ייִדישער יישעוו אין ווין איז מיטאַמאָל צעטרייסלט געוואָרן פון אומגעהייערע שטורעמס. דאָס לעבן איז געוואָרן א קייט גרויע, ביטערע טעג און אומרויִקע נעכט, ווען די זיכערקייט פונעם ייִדישן לעבן איז געלעגן אין די הענט פון צעבושעוועטע פּאָגראָם־באַנדעס. און עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט זיך צו ווײַזן אין גאס אפילע פאר ייִדן מיט אויסלענדישע פּאספּאָרטן אין קעשענע.

און דאָך בין איך אוועק צו נייגרעשלען אהיים.

עס איז געווען פרילינג, און די לײַכטע פארביקע ווינער זון האָט גערוישט אין די קאַשטאַנען־ביימער.

נייגרעשל האָט געוווינט אין ערשטן באַצירק, אין א גרויס אייגן הויז. איך האָב אים געטראָפן באם פארברענען ביכער פון זײַן רײַכער ביבליאָטעק, באם פארניכטן קסאוויאדן. זײַן פּאָנעם איז געווען קרענקלעך, פארצויגן מיט פינצטערקײַט. דער אונטערשטער קין האָט נערוועז געצוקט, ווי אָט־אָט, און ער וועט זיך צעוויינען. אין שטוב האָט זיך געטאָן ווי נאָך א פּאָגראָם. עס האָבן זיך געוואלגערט ליידיקע שופלאָדן און צעוואָרפענע בויגנס פּאפּיר. איך האָב דערזען אפן דיל זײַנעם א ביכל, אופגעעפנט א זײַטל און גענומען לייענען:

כ׳פארהענג מיט א פּאָרהאנג די פענצטער,
איך ווייס, ס׳איז שוין אלצדינג פארלוירן:
ס׳וועט קיינער ניט קומען און קלאפּן
אין מײַנע פארשלאָסענע טויערן.

איך דערמאָן זיך הײַנט יענע מינוטן. מיר איז געווען טרויעריק פון זײַן טרויער. און איך האָב ניט געפונען קיין ווערטער אים צו טרייסטן, ווײַל ייִעש קאָן מען ניט באפּוצן מיט קיין צירונג. איך בין געקומען זיך געזעגענען פאר מײַן פארלאָזן ווין און ניט געפונען קיין פאָרם וויאזוי עס צו טאָן.

נייגרעשל האָט טיף און ווארעם אף מיר א קוק געטאָן, און זײַנע אויגן האָבן זיך פארצויגן מיט א נעפּל.

— פּאָרסטו, הייסט עס... נו, זאָל זײַן בעשאָלעם!

א מינוט איז ער געשטאנען פאר מיר אן אויסגעלאָשענער. פלוצעם מיך ארומגעכאפּט מיט א מאָדנעם קויעך, און דאָס ראָזע ליכט פון זון־פארגאנג האָט געשפּילט אין זײַנער א פארגעסענער טרער...

אין פּראָג, וווהין איך בין אָנגעקומען אין א פּאָר וואָכן ארום, האָט אף מיר געווארט נייגרעשלס א בריוול פון ווין. א בריוול, פול מיט פארצווייפלונג. און ער האָט אזוי געגלייבט אין דער העכערער באשטימונג פון מענטשן. געגלייבט, אז

ס׳וועט קומען א טאָג, פול מיט גוטסקײַט,
ווי טונקעלע אויגן פון מאמעס,
און שמעקן מיט רויִקער זאטקײַט,
ווי צײַטיקע פעלדער אין טאמעז.

גרויזאמע יאָרן האָבן צעוואָרפן, צעטיילט מיליאָנען מענטשן. פארשלונגען צארטע האָפענונגען, אומרויִקע דערווארטונגען, מיליאָנען צעשיידטע האָבן זיך מער קיינמאָל ניט באַגעגנט...

פון נייגרעשלען האָב איך אויך מער גאָרניט געהערט.

מיט א צײַט צוריק האָב איך פון א קורצער מעלדונג אין א צײַטונג זיך צופעליק דערוווּסט, אז מענדל נייגרעשל איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין עלטער פון צוויי און זעכציק יאָר. דאָס איז געווען די איינציקע ידיִעה פאר א היפּשע פּאָר צענדליק יאָר. א ידיִעה, וואָס האָט לאנג געקלעמט באם הארצן...

— — — — — — — — — — — — — — —

פ. ס. איך האָב פלוצעם באקומען א בריוו פון ניו־יאָרק!

צי האָב איך געקאָנט אפילע טראכטן מיט א פּאָר יאָר צוריק, ווען איך האָב אָט אזוי פארענדיקט מײַן דערציילונג וועגן מענדל נייגרעשל, אז מיר וועט אויסקומען צוצושרײַבן נאָך א בלעטל...

איך האָב באקומען א בריוו פון ניו־יאָרק, געשריבן אין דײַטש:

„נאָך אײַער פארלאָזן ווין איז מײַן מאן פארשלעפּט געוואָרן אין די קאָנצלאגערן דאַכאו און בוכענוואלד, ווו ער איז אָפּגעווען נײַן כאדאָשים“.

פארטאָג, ווען מיר שטייען אפן אפּעל־פּלאץ
און פרירן,
ציִען זיך וואָלקנס מיט טויזנט קאָלירן.

און ווײַטער שרײַבט זיך אין דעם בריוו:
„מיט גרויסע שוועריקײַטן האָט מײַן מאן זיך צוגעפּאסט צו די נײַע באדינגונגען אין אמעריקע. צו דער ארבעט, אָדער ריכטיקער, צו דער ארבעטסלאָזיקײַט און אין פארבינדונג דערמיט — נויט“.

כ׳בין ווי א מידע קליאטשע געזעסן
אין א היגן קאפע־הויז, מיד פון שאָפּ,
מיט שווערע הענט און שווערן קאָפּ,
און געגעסן
דאָס אָרעמע ברויט פון מײַן טרויער,
דאָס ביטערע ברויט פון מײַן צאר.

די פּריש אופגעסטריגעוועטע נײַע היים האָט נייגרעשלען, דעם אלפי־נעס ניצל געוואָרענעם פון נאצישן געהענעם, באגעגנט מיט א קאלטער גלײַכגילטיקײַט. זײַן ליד איז פארשוויגן געוואָרן אפילע בא די, וואָס האָבן זי אופגענומען מיט אנערקענונג, אינדערשטיל געשעצט זײַן טאלאנט.

און אין בריוו פון זײַן פרוי צו מיר איז דאָ אזויפיל ווייטעק, פארדראָס און באדויערן...

נייגרעשל און נויט — ווי אויסטערליש עס קלינגט פאר מיר!

אָפּגעזונדערט און פאַרשטויסן, „פון אַלעמען באַמערקט און דאָך פון קיינעם ניט באַמערקט", האָט ער אין לעבן, ווי אין ליד, געפילט זיך איינזאַם אין גרויסן ניו־יאָרק.

אַף נאָרפאָלק־סטריט, אַף הענרי־סטריט...
דאָ גיי איך,
ווי צווישן פרעמדע שוואַטים פון האָיטי.

און פונקט אזוי איינזאַם איז ער געווען אין דער סוויווע פון יידישע שרײַבער און אַף דער יידישער איסט־סײַד און איסט־בראָדווײ.

איך ווייס: איך בין געווען אייך פרעמד
און כ'האָב אייך שטענדיק אויסגעמיטן,
כאָטש ס'האָט גענעצט מיט בלוט מײַן העמד
פון הארץ, וואָס ס'האָט דער צאַר געשניטן.

זײַן אייגענע טיפע איינזאַמקײַט, וואָס ער שילדערט אזוי קרעפטיק אין זײַנע אמעריקאַנער לידער, איז ניט נאָר א פּערזענלעכע, נאָר א סאָציאַלע. זי ווערט בא אים דערהויבן צו א סאָציאַלן פּראָטעסט.

...קימאַט צוויי צענדליק יאָר האָט נײַגרעשל שטיל אָפּגעלעבט אין „לאַנד פון צאַר" און אין „מאַלכעס פון פאַרדאַרבונג" און ער איז אוועק פון דער וועלט פונקט אזוי שטיל, פונקט אזוי אומבאַמערקט...

דער באַזינגער פון די קאַרפּאַטן

איך האָב געוווּסט, אז ער לעבט אין ווין, דער באַזינגער פון די קאַרפּאַטן, געקענט א סאַך פון זײַנע לידער אַף אויסווייניק, געלייענט זײַנע ווונדערלעכע מײַסעלעך, וועלכע ער האָט אויסגעוועבט פון פּאַשטעס און טיפער ליבע צו מענטשלעכער שיינקײַט, געוועבט מיט געזונטע פעדעם פון עמעסער פאָלקסטימלעכקײַט, מיט וועלכער ער איז געווען איבערפולט.

נאָר קיינמאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז איך וועל פלוצעם דערזען פאר זיך אזא ברייטפּלייציקן גוואַר, מיט א גראָוון געדיכטן קאָפּ האָר און ליכטיק־ברענענדיקע אויגן.

זײַן פּאָרטרעט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וועלכן איך האָב געטראָגן אין מײַן זיקאָרן, איז געווען אנדערש. די שטריכן פון זײַן פּאָנעם, דער פאַרטראַכטער בליק אין די אויגן, די הענט, צונויפגעלייגט אַף דער ברוסט, — אַלץ איז געווען א פאַרקערפּערונג פון יונגקײַט. איך האָב זיך געזאָגט, אז אויב מיר וועט אָפּגליקן זיך צו טרעפן מיט האָראָוויצן אין ווין, וועל איך אים דערקענען צווישן הונדערטער מענטשן. נאָר, דערזעענדיק אים, איז מיר מער ניט אײַנגעפאַלן צו פאַרגלײַכן אפילו אין געדאַנק דעם אָריגינאַל מיט דער פאָטאָגראַפיע.

איך האָב אים פּאַשעט ניט דערקענט.

ער איז געווען אנדערש. געווען קרעפטיק געבויט, געהאַט אויסערגעוויינלעך וואַרעמע אויגן.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז איך שטאַם פון דער בוקאָווינע, האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר א ברייטע האַנט און אַרויסגעבראַכט מיט זײַן פולער, קנאַקנדיקער שטים, ווי דער רויש פון א באַרג־טײַך:

— סערוווּס!

און הייסן האָט עס באַדאַרפט, אז זײַן באַגעגעניש מיט מיר האָט אים דערמאָנט אין זײַן שטילן, מיזרעך־גאַליצישן דאָרף מײַדאַן, ניט ווײַט פון סטאַניסלאַוו (איצט איוואַנאָ־פראַנקאָווסק), דערמאָנט אין די גרינע מיט נעפּלען באַהאַנגענע בערג און צוויקלטע, ווער ווייסט וואָהין פירנדיקע, סטעזשקעס און וועגן... אויך דעם ברייטן „סערוווּס" האָט ער געבראַכט פון זײַן היים.

זײַנע ברענענדיקע אויגן האָבן א קוק געטאָן אַף מיר, און איך האָב זיך ווי פאַרלוירן אין זײַן קעגנוואַרט. מיר האָט פּלוצעם זיך געדאַכט, אז אָט־אָט, — און דער ריז וועט מיך ווי א ליליפּוט אוועקזעצן אַף זײַן ברייטער האַנטפלאַך און איך וועל פאַר מוירע צאַפּלען, ווי א דערשראָקן קינד. אָבער ער האָט אזוי וואַרעם און גוטהאַרציק געשמייכלט, אז אָנשטאָט שרעק האָב איך דערפילט א היימישע נאָענטקײַט, גלײַך מיר וואָלטן זיך געטראָפן דאָרט, אין דער טיף פון אונדזערע קאַרפּאַטן־בערג, וועלכע ער האָט באַזונגען מיט אזויפיל ליבע, אויסדריקנדיק זײַן צוגעבונדנקײַט צו דער ערד פון זײַן געבוירן.

וואָס רוישט אזוי דער וואַלד?
סאַראַ מעכטיק קלינגען!
דאָס קאָסיען די לוקווער יונגען,
און לוקווער שניטערס זינגען!

ס'וואַקסט דאָס הארץ אין דער ברוסט,
ס'קומען אוף שטאָלצע טרערן!
ס'וועלן זיך אזוינע יידן,
ווי די לוקווער יידן מערן!

בער האָראָוויץ האָט פאַרמאָגט א סאַך טאַלאַנטן. שטודירט מעדיצין, באַהערשט א האַלבע טוץ שפּראַכן. נאָר מער פון אַלץ איז אים געווען צום הארצן דיכטונג און מאָלערײַ. שווער צו זאָגן, אין וועלכע פון די צוויי באַגאַבונגען האָט איבערגעוויגן זײַן טאַלאַנט. און אויב ער איז באַוווּסט געוואָרן ווי א דיכטער, איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל דער מאָלערײַ האָט ער צו־

געגעבן א צוויטראגיקע באדײַטונג, כאָטש גע־מאָלט זייער א סאך.

בא מיר איז פאראן א פּאָרטרעט פון זישע ווײַנפער, געצייכנט פון בער האָראָוויץ. איך קוק זיך אײַן אין די באקאנטע שטריכן פונעם באוווסטן ייִדישן דיכטער אין אמעריקע, וועל־כער האָט אין הארבסט 1937, בייס א רײַזע קיין ווארשע, פארבראכט א פּאָר טעג אין ווין.

דער פּאָרטרעט איז דורכגעדרונגען מיט אופריכטיקן ליריזם. יעדער שטריך דעקט אוף די לײַכטע באוועגונגען פונעם קינסטלערס האנט. און מיר דאכט, אז איך זע דעם אוטאָר פון דער צייכענונג זיצן אין א ווינקל אין קאַ־פע „צענטראל" מיט זײַן גרויסער צייכן־מאַפּע, גרייט אָנצוווארפן אפן דערווײַל נאָך רייַנעם בלאט די ערשטע ליניעס. זײַן בליק איז אָנגעַ־שטרענגט פארטיפט, נישטערט אין יענע אומויסשעפּלעכע אטריבוטן פון דער ווירקלעכ־קײַט, וואָס פאסט זיך אלץ מער ארײַן מיט אירע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען אין זײַן מאַפּע.

זײַנע בילדער האָט ער קיינמאָל ניט פאר־ביליקט מיט אויסערלעכער דעקאָראַטיווקײַט, נאָר שטענדיק געזוכט פּסיכאָלאָגישע פארטי־פונג, געזוכט די הארמאָניע פון טאָן, לאָגיק און פארב.

איך ווייס ניט, צי געפינען זיך ערגעץ־ווו זײַנע בילדער און צייכענונגען. אויב יאָ, זײַנען עס איינע פון די בעסטע אילוסטראַציעס צו דער ברוויזנדיקער געשיכטע פון יענער צײַט.

אָבער די לופט, מיט וועלכער האָראָוויץ האָט געאָטעמט, איז געווען פּאָעזיע, איז געווען „דאָס פײַפל אין די בערג". ער האָט פארמאָגט אַן אויערער מיט לידער וועגן די קארפּאטן. דער גרעסטער טייל איז שוין געווען פארעפנטלעכט אין ביכער און זשורנאלן, נאָר האָראָוויץ האָט זיי געלייענט מיט אזא לײַדנשאפטלעכער באַ־גײַסטערונג, גלײַך זיי וואָלטן ערשט אָנגעהויבן עקזיסטירן אין זײַן פּאָעטישער פאָרשטעלונג. דערבײַ האָט די דראמאטישע קראפט פון זײַן פעסטער, מענערישער שטים אונטערגעשטראָכן די עמאָציע פונעם אוטאָר.

איך האָב ניט איין מאָל באמערקט בא אים די אייגנשאפט צו ריידן וועגן ווערק, אפילע וועגן אזעלכע, וואָס זײַנען שוין געווען באוווסט דעם לייענער, מיט אזא ברען, פונקט ווי ער וואָלט זיך ערשט געגרייט זיי אָנשרײַבן.

ער האָט אמאָל מיר געזאָגט, אז אלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ביז איצט, איז ניט מער ווי א מער־ווייניקער געלונגענער פּרווו, אז ס'ווילט זיך אים אָנהייבן פונדאָסנײַ. פון אָט דער שאָ, פון אָט דעם ערשטן נאָך רייַנעם בלאט פּאַפּיר...

און געשריבן האָט ער ניט צוליב געלט, כאָטש ער האָט קעסיידער געליטן נויט. ניט צוליב רום, נאָר גלאט אזוי געזונגען, ווי א פויגל זינגט אין די בערג, — פון אינערלעכער נייטוענדיקײַט.

מיט בער האָראָוויצן איז געווען אָנגענעם צו פארברענגען. ער איז באשטאנען פון לויטער פרייד. פונקען געלעכטער האָבן געווימלט אין זײַנע ליכטיקע אויגן און זעלטן פארשוואונדן. ער האָט ליב געהאט זיך פרייען מיטן לעבן, וואָס זײַן שיינקײַט האָט ער באנומען אומעטום.

> ארום מיר די וואונדער־וועלט
> און איבער מיר די פלאמען־זון,
> און בא מיר אין הארץ די פרייד,
> וואָס איך בין דאָ, וואָס איך בין דאָ!

און אלעמען איז געווען פריידיק פון זײַן פרייד.

האָראָוויץ איז געווען אָף אזויפיל אינער־לעך רײַך, אז פּאָשעטע מענטשלעכע שוואַכ־קײַטן, ווי פארצווייפלונג, האָפענונגסלאָזיקײַט, האָבן אים אויסגעזען פרעמד. כאָטש ער האָט געהאט אלע סיבעס צו זײַן אי פארצווייפלט, אי אָן האָפענונג, ווי א סאך ייִדישע שרײַבער פון יענער צײַט.

אים האָט שטענדיק געפעלט רוים. געוווינט ענג אין די געוויינלעכע דאלעדאַמעס מיט טיר און פענצטער.

> ווער עס האָט ליב גערעגלטע וואסערן,
> איך האָב ליב ראשנדיקע בארג־וואסערן,
> אומגעבונדן, נישט געקאָוועט,
> שווים און געזאנג!

און ער איז טאקע געווען, ווי א בארג־טײַך, פול מיט אומגעהאַמעוועטן, אומגעצוימטן אימ־פּעט. און געטראָגן אין זײַן בלוט די לײַדנ־שאפט צו וואנדערן. ווו איז ער ניט אויסגעווען? אין לעמבערג, אין ווילנע, ווארשע און ווין. און אומעטום זײַנען געבליבן מאמעש לעגענדעס וועגן אים.

אין קאפע „צענטראל" פלעגט ער ניט ארײַנקומען, נאָר ארײַנפאלן, שיקנדיק פּאָרויס זײַן גראָוון קאָפּ, און דער אלטער קעלנער האָט איבערן גאנצן זאל אים הילכיק באגריסט:

— ווילקאָמען, הער דאָקטאָר!

און עס איז מיטאמאָל ליכטיקער געוואָרן ארום די טישלעך.

— סערוווס, בערקאָ!

— סערוווס! סערוווס!

אין זײַנע אויגן האָט געגליט א פריידיקער שמייכל צו אלע, וואָס האָבן אים פרײַנטלעך באגריסט. עס איז געווען האָראָוויצס באקאנטער שמייכל — זײַן אויסדרוק פון טיפער ליבשאפט צו מענטשן, פון וועלן דערמוטיקן אפילע דעמלט, ווען צײַטן זײַנען געווען דערשלאָגע־נע.

> ברעכט די טויטע פארגליווערטע פעלדזן,
> וואָס העמען דײַן שטארקן און פריילעכן גאנג.

קימאט צוויי מאָל יינגער פון אים, האָב איך שטענדיק געפילט זײַן ערנסטע באציִונג, זײַן ווארעמקײַט.

אונדזער לעצטע באגעגעניש, פונקט ווי די ערשטע, איז פאָרגעקומען אין קאפע „צענט־ראל".

באלד נאָכן טראגישן „אנשלוס" איז שוי־טער געוואָרן ארום די טישלעך. עטלעכע באַ־

זוכער זײַנען געזעסן אויסגעלאַשענע און אומע־טיק געשוויגן. און עפּעס אַן אומרויִקע פאַרן שטומקייט איז געהאַנגען איבערן זאַל. אין אַט דער טיפער, אומהיימלעכער ליידיקייט האָט זיך אַרומגעדרייט דער אַלטער קעלנער, געזוכט מיט זײַנע שטילע אויגן און ניט געפונען, פאַר וועמען צו דערציילן וועגן דעם ווונדערלעכן שרײַבער, דעם עסטרײַכישן ייִדן — פּעטער אַל־טענבערג.

איך און האַראַוויץ זײַנען געזעסן אינצוויי־ען, דערווײַל נאָך געשיצטע דורך די אויסלענ־דישע פּאַספּאָרטן אין קעשענע. ער איז געווען ניט צום דערקענען. פאַרקלערט, פאַרמאַרעשכוי־רעדיקט, מיט עפּעס אַ פרעמדן פאַרבלאָנדזשעטן בליק אין די אויגן, וועלכע האָבן אַלץ נאָך געברענט מיט דעם זעלבן יונגן ברען.

אַף יענער זײַט פענצטער האָבן גרויע אונטער־שאָען ביסלעכווײַז אײַנגעהילט ווין, ווי אין דעמערונג. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער הימל אַליין פּרוּווט פאַרשטעלן פאַר דער וועלט די שאַנד פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. נאָר אַפן שטעפּאַנס־דאָם האָבן נאָך געשפּילט עט־לעכע פאַרשפּעטיקטע שטראַלן און צוגעגעבן אים אַ מין דורכזיכטיקע לײַכטקײַט, גלײַך ער וואָלט באַשטאַנען ניט פון שטיינער, נאָר פון פאַרשיידענער פילפאַביקער לופט. זײַנע גלאָקן האָבן פײַערלעך געקלונגען, גערופן צום אָוונט־געבעט, און דער קלאַנג האָט זיך אויסגעמישט מיטן ווילדן געבריל פון צעבושעוועטן האַמין.

— הויטע געהערט אונדז דויטשלאַנד, מאָר־גן די גאַנצע וועלט...

ס'האָט זיך געדאַכט, ווי דאָס לעבן האָט מיטאַמאָל אָנגעווירן זײַן ווערט, געוואָרן אויס־געהוילט, ליידיק. האַראַוויץ האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר און שטיל, ווי בײַ זיך אַליין, געפרעגט:

— צי דען טאַקע וועט די וועלט דערלאָזן?

און די וועלט האָט דערלאָזט. די וועלט האָט געגרייט מינכען, געגרייט דעם בלוטיקן מאַרש איבער אונדזער אַלטן, גריזן־גראַוון קאָנ־טינענט...

מער האָב איך האַראַוויצן ניט געזען.

האַרבסט נײַנצן פערציק האָט אין קיִעווער „שטערן" זיך אָפּגעדרוקט מײַנע אַ פאַרצייכע־נונג וועגן דער נאַרוואַס געשאַפענער ייִדישער שול אין מײַן שטעטל, ווו איך בין געווען אַ לערער.

דורך אָט דער פאַרצייכענונג האָט האַראַ־וויץ זיך דערוווּסט וועגן מיר און אין אַ צײַט אַרום אָנגעשריבן אַ בריוועלע.

ער האָט געוווינט אין זײַן אַלטער ליבער היים, אין סטאַניסלאַוו. געווען פאַרזיצער פונעם געגנטלעכן שרײַבער־פאַרבאַנד.

ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון קיִעוו, ווו ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך אַף אַרויסגעבן זײַנע ווערק, און אַז ער פאַרבעט מיך צו זיך, זײַנע בערג זײַנען ניט ערגער פון מײַנע. ער האָט מיר צוגעזאָגט ווײַזן זײַן מײַדאַן, ווײַזן דעם אופגעלעבטן פּרי־לינג, כאָטש אַפן קאַלענדאַר איז האַרבסט...

איך האָב אין מײַן ענטפער אים צוגעזאָגט קומען זומער נײַנצן איין און פערציק, צוגע־זאָגט, און קיין וואָרט ניט געהאַלטן...

די וועלט איז געשטאַנען אין פלאַמען.

איך דערמאָן זיך בער האָראַוויצעס אַ ליד „אָרלוּיִוו". אַ סוזשעט פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, וועלכע זײַן יוגנט־פרײַנט מיי־לעך ראַוויטש האָט אין „מײַן לעקסיקאָן" אָנגע־רופן „איינע פון די שענסטע אין דער ייִדישער פּאָעזיע". אָט איז די ליד:

האָסט נאָך אַ קיום — מײַן היים?
אָדער ביסטו שוין אויסגעגלײַכט מיט דער ערד?
וואָגלען אַף דײַנע בריקן מענטשן?
קוקן דורך דײַנע ליכטיקע פענצטער פערד?
אוי, האָט אונדז גאָט צעזייט, מײַן מאַמע!
און ענדלעך האָבן מיר זיך געטראָפן!
אַ נאַכעס איז צו זײַן צוזאַמען.
אַ פאַרשלאָגן וועלטל, אַן ענגער קאַבינעט,
אַ היים אין דער פרעמד.
ס'איז אָוונט, ס'ברענט אַ לאָמפּ,
איך ליג אין בעט,
און מײַן מאַמע זיצט באַם טישל
און נייט באַם ליכט.
אַף איר טײַער פּאָנעם שפּילט אַ שײַן...
זי פלוידערט: „הערסט, מײַן זון?",
„ווייסט, מײַן זון?"...
נאַכעס... שטילע, געבענטשטע פרייד!..
אין דער מינוט
פאַלן מעלוכעס,
געשיקן פון קינדער טויכן אין בלוט!
מײַן מאָרגן איז פרעמד! —
די הייליקע הענט מײַן מאַמעס
לאַטען מיר מײַן העמד...

ווער וואָלט געזאָגט, אַז דאָס האָט האָראַ־וויץ אָנגעשריבן ניט אין די פערציקער יאָרן, בײַס די וועלט איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט? נאָר ליידער זײַנען די פערציקער יאָרן געווען די לעצטע אין זײַן לעבן. די לעצטע אויך לויט דער צאָל פאַרלעבטע יאָרן (זעקס און פערציק). ער איז, לויט געוויסע ווערסיעס, אַכזאָריעסדיק פאַרפײַניקט געוואָרן פון באַנדיטן אין די ערשטע מילכאָמע־טעג, דערהאַרגעט געוואָרן בא זיך אין דער היים, אַף היימישע וועגן, וועלכע ער האָט אַזוי ראַכוועסדיק באַזונגען...

פּײַפנדיק אַ לוסטיקע ליד,
גיי איך אַרויס פון מײַן היים
אין פרישן, פּראַסטיקן יאַנוואַר־מאָרגן.
דער ווײַטער שליאַך,
דער ווײַטער שליאַך
ליגט ברייט נאָר פאַר מיר אָפן...
היי, האָ!
איך האָב נאָך פיל צו האָפן!

גלייבן אין האָפערדיקייט איז געווען האָראַ־וויצעס דיכטערישער אַני־מאַמין. שווער זיך פאָרשטעלן אים אַ פאַרפײַניקטן צום טויט. ער איז זיכער געווען ענלעך צו אַן אַלטן דעמב, וואָס ברעכט זיך אײַן נאָך אַ העפטיקן שטורעם, זײַענדיק גרויסאַרטיק אפילו אין זײַן פאַלן.

MEMENTO MORI[1]

פון אָוונט צו אָוונט האָב איך אים געטראָפן צווישן די שטענדיקע זיצערס פון קאפע „צענטראל”, כאָטש קיין שרײַבער איז ער ניט געווען און מיט קונסט אויך ניט געהאט צו טאָן, אויב ניט רעכענען די פאָטאָגראפיעס פון שרײַבער, וואָס ער פלעגט מאכן און אויסרעטושירן מיט אזא ליבשאפט, אז יעדער פאָרטרעט האָט אויסגעזען ווי א קונסטווערק.

זײַן נאָמען געדענק איך ניט מער. נאָר שטריכן פון זײַן געשטאלט, ווי פארנעפּלטע קאָנטורן, שווימען אויף אין שטראָם פון פארפלאָנטערטע זיכרוינעס.

ווי אזוי האָט ער אויסגעזען?

איך דערמאָן זיך א מאָגער פּאָנעם — הויט און ביין, א פארשפּיצטע נאָז, ווי בא א מעס, א קײַלעכדיקער קאָפּ מיט געלע שיטערע האָר און אויגן, ווי ארײַנגעשטעלט אין טיפע גריבער. אויף זײַן שמאָלער קינדערשער פּלייצע האָט ער געטראָגן א שפּיציקן הויקער. דאָך האָט ער זיך לײַכט באוועגט אויף זײַנע דינע, קורצע פיס.

אָבער פון אַט דעם פארקריפּלטן אויסזען האָט געשטראָמט א דערהויבענע איידלקײַט, ער האָט געצויבערט מיט א געלײַטערטן, ליבלעבן שמייכל, און א זעלטענע גוטסקײַט האָט ארויסגעשטראלט פון זײַנע ברוינע אויגן.

און אין א שעפערישער געזעלשאפט האָט ער זיך ארײַנגעלעבט מיט עפּעס א נאַיווער, אופריכטיקער צוגעלאָזנקײַט.

קיינער האָט ניט געוווּסט פּינקטלעך, ווו ער וווינט און פון וואָס ער לעבט, ווײַל די אָרעמע פּאָר גראָשן, פארדינטע באם פאָטאָגראפירן, האָבן ווײַט ניט געקלעקט אויף מעפּארנעס זײַן אפילע זײַן אלט־באָכערישע אליינקײַט.

ער האָט דעמלט באדארפט זײַן איבער די דרײַסיק. און עפּשער האָט זײַן אויסזען אזוי אָפּגענארט?

אָ, ייִדישער קוואזימאָדאָ!

זײַן עסמעראלדע איז ניט געווען קיין ציגײַנער־מיידל, אויך ניט פון די פרויען, וואָס האָבן יעדן אָוונט געבראכט אין קאפע „צענטראל” דעם רייצנדיקן בליץ פון זייערע אויגן. זײַן עסמעראלדע איז געווען א יונגע דײַטשישע דיכטערן פון ייִדישן אָפּשטאם, וועלכע ער האָט אינגאנצן איין מאָל געזען, איין מאָל פאָטאָגראפירט און דערנאָך געזוכט אירע טריט איבער די גאסן פון ווין.

מיט מײַן באקאנטשאפט האָט ער זיך מאָמעש דערפרייט. עפּשער האָט די שכײנישע בורקאָווינע אים דערמאָנט זײַן אמאָליקע ייִדישע היים אין גאליציע, זײַנע קינדער־יאָרן. און עפּשער דערפאר, וואָס איך בין געווען נאָך זייער יונג, און ער האָט דערפילט אין מיר א כאווער.

ער האָט באלד מיר פאָרגעלייגט זיך פאָטאָגראפירן. איך אָבער האָב געוווּסט, אז באצאָלן איז נישטאָ בא מיר מיט וואָס, און זיך העפלעך אָפּגעזאָגט. נאָר ער האָט מײַן אָפּזאָג אָנגענומען פאר אן אויסרייד און איבער זײַן מאָגער פּאָנעם איז דורכגעלאָפן א שאָטן פון באליידיקונג.

אין עטלעכע טעג ארום האָט ער מיר געבראכט צוויי פאָטאָגראפיעס. איינע אויף אונטערצושרײַבן פאר אים, און א צווייטע פאר מיר.

— עפּשער וועט איר אמאָל מיך דערמאָנען!

דערבײַ זײַנען זײַנע אויגן געווען אָנגעגאָסן מיט א צאפּלדיקער פרייד, ווי בא א קינסטלער, וואָס האָט אָקאָרשט פארענדיקט א געמעל.

מיר האָט עמעצער געזאָגט בעסאָד סוידעס, אז ער שרײַבט לידער, נאָר האָט זיי קיינמאָל קיינעם ניט געוויזן.

אין איינעם אן אָוונט האָב איך אים געטראָפן אין קאפע „צענטראל”, זיצנדיק אין א ווינקל איינער אליין. זײַנע לאנגע בלייכע הענט האָבן זיך פיבערהאפט געקלאמערט ארום זײַנע שפּיציקע קני, אין די אויגן האָט זיך געוויגט עפּעס א שנײַדיקער, טרוקענער גלאנץ. און איך האָב זיך צוגעזעצט און אזוי פאָרזיכטיק געפּרוווט אויסנוצן די געלעגנהײַט:

— לייענט עפּעס פון אײַערע לידער!

ער האָט אויף מיר געוואָרפן א בליק, גלײַך ער וואָלט מיך געוואָלט דורכלעכערן, און זיך צעלאכט מיט א מאָדנע הייזעריק געלעכטער. געלאכט מיט א ברייט אָפענעם מויל, שטיל און העפטיק. פּלוצעם אָפּגעהאקט, און זײַנע קינביינער האָבן זיך נאָך מער פארשפּיצט:

רוישט א בוים
נעשאָמע־שטיל. די צײַט פון טרוים.

איצט שפּינט די איינזקײַט איר ליכט און אירע פארבן
נאָר טיף אין מיר צעווײנט זיך אויף א קאָל
די גאנצע שרעק פאר וויאנען און פאר שטארבן.

געלייענט האָט ער אין דער מאניר, וועלכע עס פארמאָגן פיל דיכטער: פארוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק און מיט אויגן, געווענדטע ערגעץ אין דער ווײַט, געשוווּמען אויף דער כוואַליע פון פּאָעזיע.

— ס'איז דאָך איציק מאנגער! — האָב איך אן אנטוישטער אויסגערופן.

— איר האָט דאָך געוואָלט לידער... בא מיר זײַנען קיין לידער ניטאָ...

איך האָב ארויסגעפילט, אז ער זאָגט ניט דעם עמעס, נאָר גאָרניט געענטפערט.

ווער האָט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אז אין געציילטע כאדאָשים וועט קאפע „צענטראל”,

[1] געדענק וועגן טויט (לאט).

דאָס שטילע ווינער אינדזל פאַר שרײַבער און קינסטלער, צעשטערט ווערן, עס וועט פאַרשווינדן די מעגלעכקײַט פון צונויפקומען, פון טרעפן זיך, און די גרויסע פענצטער אף דער טאַבאָרשטראַסע וועלן, ווי אויסגעלאָשענע אויגן, קוקן אף די ווילדע, מעשוגעדיקע מאַרשן פון א צעבושעוועטן האַמוין.

אין איינעם אַזאַ טאָג האָב איך אים באַגעגנט אין גאַס. ער איז געווען שוואַרץ, ווי די ערד. נאָך מער אויסגעמאָגערט געוואָרן. די נאָז שאַרפער, און דער הויקער נאָך פאַרשפּיצטער.

— נו, וואָס וועט זײַן?

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן אף זײַן פראַגע, ווען דער גורל פון די ווינער ייִדן איז געווען א געכאַסמעטער.

ער האָט דערמאָנט קאַפע „צענטראַל" און געוואָרן אויסגעלאָשן, טרויעריק, מיט א פאַרוואָגלט קאָל געפרעגט, צי געדענק איך אוראָם רייזענען:

אָבער, אַז מיר ביידע לײַדן,
סײַ די וועלט, סײַ איך אליין.
האָט די וועלט ניט ווו צו קומען,
און איך האָב ניט ווו צו גיין...

א ציטער איז מיר אַדורך איבערן לײַב. זײַענדיק אַרומגערינגלט פון עלנט און שרעק, האָט ער גערופן צוהילף פּאָעזיע. און עס האָט זיך געפילט, אַז דאָס איז די לופט, מיט וועלכער ער אָטעמט.

דערווײַל האָט די צײַט מיט בלוטיקע טריט געררוקט זיך פאָרויס.

ערעוו מײַן פאַרלאָזן ווין האָב איך אים צופעליק דערזען בא דער נאָרד־באַן. ער האָט געוווינט ערגעץ אין יענעם ראַיאָן. צי האָט ער זיך דערפרייט מיט דער באַגעגעניש? מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַפילע אונטערגעשפּרונגען אף זײַנע דינע, קורצע פיס.

— גאָט אַליין האָט אײַך צוגעשיקט!

ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם, און איך האָב דערפילט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ.

א שיקער איז פאַרבײַגעגאַנגען, אויסגעגלאָצט אף אונדז א פּאָר פאַרגאָסענע קרומע אויגן און אויסגערופן אף א קאָל:

— שעביקע אָסט־יודן!

מיר האָבן פאַרקערעוועט צום פּראַטער.

עס איז געווען א שטילער וואָכעדיקער פאַרנאַכט. אין דער ליידיקײַט פון פּאַרק האָבן איינציקע סילועטן געפינטלט אין די אַלייען. מיר האָבן זיך צוגעזעצט. און דעמלט איז געשען דאָס אומדערוואַרטסטע.

— איר האָט געוואָלט מײַנע לידער?.. אָט האָט איר זיי... עפּשער וועט איר זיי קענען אויסנוצן... איך — שוין זיכער ניט.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער בוזעמקעשענע א געדיכט באַשריבן העפט.

ס'איז געווען א שווערע רעגע.

זײַנע גוטע ברוינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף מיר מיט א טריבער פײַכטקײַט, ווי נאָך א געוויין. און אין דער טיפער אויסגעלאָשנקײַט זייערער האָט דאָך געגליט א פּײַערל, זיך געמינעט צווישן שוואַרץ און גרין, ווי די אויגן זײַנע וואָלטן געשלונגען די פריליגגדיקע גרינקײַט. געשלונגען, געשלונגען...

ער האָט געוואָרפן נאָך עטלעכע צעבראָכענע ווערטער. א טיפן זיפץ געטאָן, ווי עס וואָלט אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט די שלאָפלאָזע נעכט אין זײַן קליין בוידעם־שטיבל. און איך האָב געפילט זײַן ווייטעק...

עס האָט אָנגעהויבן דעמערן.

א קיל ווינקל האָט א צי געטאָן פון דעם דונײַ, וואָס האָט ברייט געטראָגן זײַנע וואַסערן, און איבערן פּראַטער האָט זיך אוועקגעשטעלט א גרויסע געלע לעוואָנע.

מע האָט ניט געטאָרט זיך לענגער פאַרהאַלטן. די ווינער דעמערונג איז געווען א ניט זיכערע אַפילע פאַר ייִדן מיט אויסלענדישע פּעסער אין קעשענע. און מיר האָבן זיך געזעגנט...

א גאַנצע נאַכט האָב איך דערנאָך געלייענט זײַנע לידער, געשריבענע מיט א דריבנעם אויסגעטאָקטן קסאַוו. איך האָב דערזען א דיכטער מיט עכטן, אופריכטיקן צאַר. א דיכטער, וואָס האָט דערפילט דעם אָנהייב פונעם גרויסן ייִדישן כורבן, ער האָט ניט געיאָמערט, ניט געוויינט, ער האָט טיף געטרויערט.

אין א צײַט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט פון א ייִדן אין פּראָג, א באַוווּסטן מעצענאַט, וועלכער האָט געוואָלט אַרויסגעבן די לידער, אַז צו אים איז געקומען א יונגע דײַטשישע דיכטערן, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם ווינער געהענעם און אים דערציילט א הימלשרײַענדיקע געשיכטע.

...ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ווין די ערשטע אויסזידלונג פון ייִדן, האָט זיך אין א מאָרג, אין א ליידיקן קאַסטן, אויסבאַהאַלטן אירער א באַקאַנטער. מע האָט אים געפונען אין א פּאַרטאָג, פאַרזונקען אין א טיפן פאַרכאַלעשטן שלאָף, און עסעסאָווצעס האָבן געהייסן אים באַגראָבן א לעבעדיקן...

באַם ייִדן האָבן געציטערט די ליפּן בעשאַס ער האָט עס דערציילט. בא מיר האָט אויך דאָס האַרץ געוויינט. איך האָב ניט געצווייפלט, אַז דאָס גייט א רייד וועגן מײַן באַקאַנטן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי פון ערגעץ ווײַט־ווײַט דערגייט צו מיר זײַן געראַנגל מיטן טויט, און מיר איז געקומען אויפן זינען:

נאָר טיף אין מיר צעוויינט זיך אף א קאָל
די גאַנצע שרעק פאַר וויאַנען און פאַר שטאַרבן...

אינגיכן האָט אויך פּראָג געטיילט דעם גורל פון ווין. און איינעם מיט טויזנטער, טויזנטער קאָרבאָנעס זײַנען אויך פאַרגאַזט געוואָרן דער פּראָגער ייִד און די יונגע דײַטשישע דיכטערן, און אַוודע אויך דאָס העפטל לידער...

„עפשער וועט איך אמאָל מיך דערמאָנען?"

לייג איך מיט א פארשפעטיקונג, ווי א שטיין, אוועק די ווערטער אף דײַן אומבאוווסטן קייווער, פרײַנט פון מײַנע יוגנט־יאָרן. לייג אוועק ווי א פאַשעטן שטיין, א פארזונקענעם ביז אין דער העלפט אין זאמד פון פארגעסנהײַט...

און דער דונײַ טראָגט ברייט זײַנע בלויע וואסערן, ווי ער האָט זיי געטראָגן מיט יאָרן, יאָרן צוריק...

א פרעמדער

ווין.

מארט, נײַנצן אכט און דרײַסיק.

אין איינעם פון יענע טרויעריקע אנשלוס־טעג, וואָס קיינער דערמאָנט זיך ניט אין זיי, אָן דעם, אז דער שטראָם פון בלוט זאָל ניט נעמען האסטיק שלאָגן אין די אָדערן, אין א נאָכמיטיק איז אף דער רועפּ־גאס, א באוווינטער פון קימאט לויטער ייִדן, געווען אזוי שטיל, אז א פרעמדן האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן — אין דער גאס איז קיין איין לעבעדיק וועזן ניט פאראן. א טויטע שטילקײַט. און נאָר פון דער שכיינישער נאָרד־באַן האָבן זיך ארײַנגעריסן די סיגנאַלן פון אָנקומענדיקע צוגן.

איך בין געזעסן בא זיך אין צימער, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, ווײַל עס איז ניט מעגלעך געווען צו ווײַזן זיך אין גאס. די אידיליע פון קאפע „צענטראל", וואָס האָט אזוי געקישעפט אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן, איז מער ניט געווען.

איך בין געזעסן דעם קאָפּ ארײַנגעגראָבן טיף אין די אקסלען, גאָרניט געוואָלט מער זען, הערן... די צײַטונג, וואָס איך האָב געהאלטן פאר זיך, האָב איך ניט געלייענט, נאָר בלינד געקוקט אף די שפאלטן, פון וועלכע ס'האָט אראָפּגעשריגן ווילדער, אומגעצוימטער מענטשן־האס. פלוצעם איז מײַן בליק, אזוי פון זיך אליין, געפאלן אף א קורצער געריכטס־כראָניק. כ'האָב עטלעכע מאָל זי איבערגעלייענט, גלײַך איך וואָלט מײַנע אייגענע אויגן ניט געגלייבט. איך האָב גענומען לייענען אף א קאָל, פונקט ווי אינעם אָפּקלאנג פון די ווערטער האָב איך באדארפט ארויסהערן דעם „עמעס" פון די שורעס:

„דער בערלינער ייִד היינריך שניידער איז וועגן ראסנשענדונג פארורטיילט געוואָרן אף פינף יאָר צוכטהויז".

כ'האָב אים געקענט. און אויך די פרוי, פאר וועלכער ער האָט באדארפט אָפּקומען אזא הויכע שטראָף, האָב איך געקענט. עפשער דערפאר טאקע האָבן די ווערטער געקלונגען אזוי אומגעהייער פאלש, פאלש...

היינריך שניידער האָט געוווינט אין צוואנציקסטן באצירק, אין אן עק גאס, וואָס פירט דורך א שמאָלן וועג צו דעם דונײַ.

די גאס — צוויי רייען איינשטאָקיקע, אלטע הײַזער מיט קרומע ווענט, וואָס שפארן זיך אָן איינס אין דעם אנדערן. בלויז גאַנצפרי וואַרפט די זון אהין א בליק, דערנאָך באהאלט זי זיך אונטער די דעכער, ווי זי וואָלט זיך ניט געוואָלט אויסמישן מיטן שמוץ פון דער גאס. די לופט איז דאָרט שטענדיק א שווערע און דורכגעפוילטע, ווי אין אן אלטן ברונעם.

עלנטע, פארווילדעוועטע, הונגעריקע קינדער, קינדער, וואָס געהערן קיינעם ניט, טרײַבן זיך ארום פון אופגאנג ביז שפּעט באנאכט אין אָט דער דורכגעפוילטער גאסן־לופט, וואָס ציט פרי ארוף זשאווער אף זייערע קעלכלעך און באדעקט זייערע פּענעמלעך מיט שקראָפּל...

דורך דער גאס פירט דער וועג צו צוויי טעקסטיל־פאבריקן און א גרויסער בלעך־פאבריק. יעדן פארטאָג, ווען איבער אנדערע שטאָטטיילן ליגט נאָך דער פרימאָרגן, הייבט זיך שוין דאָ אָן דאָס ראשיקע לעבן. ארבעטער שיטן זיך ארויס פון די הײַזער, און אף די ראָגן שטייען אלטע הענדלערקעס מיט קוישן בייגל און פריש געבראָטענע קארטאָפל.

דאָס גרויסע, זייער אלטע הויז נומען 11 האָט צוליב זײַן הייך זיך ארויסגעזען פון אלע איבעריקע הײַזער מיט קרומע ווענט, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן הײַנט־מאָרגן אײַנצופאלן. פון די צוויי רייען פענצטער האָט אפילע איינס ניט פארמאָגט קיין גלײַכמעסיקע פאָרם, און די שויבן האָבן געהאט די זעלבע גרוי־פארשטויבטע פארב, וואָס די גאס.

שניידער האָט געוווינט אפן ערשטן שטאָק. הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט צו זײַן קליינער צווייצימערדיקער וווינונג. ער איז געווען א שלאָסער אין דער בלעך־פאבריק, געארבעט שווער אף צו דערנערן זיך און זײַן ווײַב, א זייער יונגע און זייער שיינע פרוי פון מיטעלן וווּקס, מיט א פּאָר בלאָנדע צעפּ און גוטע מילדע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק ליבלעך געשמייכלט.

זיי האָבן ביידע געלעבט באשיידן, אָפּגעזונדערט פון אנדערע, און דאָס האָט אוועקגעשטעלט א וואנט צווישן שניידערן און די שכיינים. אָפּט, געוויינלעך אין די זונטיקן, ווען שניידער מיט זײַן פרוי זײַנען ניט געווען אין דער היים, פלעגן די שכיינים זיך באגעגענען, און יעדער האָט אף זײַן אויפן געפרווּווט דערקלערן, ווער און פונוואנען די שניידערס זײַנען. דאָס שטילע צוריקגעצויגענע לעבן פון די

שניידערס האָט גערייצט דעם נײַגער פון די מיטבאוווינער, באזונדערס פרוי שניידער, וועלכע האָט אויסגעזען צו זײַן ניט קיין ייִדישע.

איידער מיר האָבן זיך נאָענט באקאנט, האָב איך שניידערן געטראָפן צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל אין קאפע „צענטראל", ווו ער איז געזעסן מיט זײַן פרוי אין א ווינקל און געטרונקען זײַן „שווארצן". לויטן שארפן פּראָפיל און די שווארצע צעשויבערטע האָר האָט ער געמאכט אן אײַנדרוק פון א דיכטער אָדער א קינסטלער, און איך האָב געטראכט, אז ער געהער זיכער צו דער „באָהעמישער וועלט", און די יונגע פרוי לעבן אים, אן אויסגעשפּראָכענע דײַטשע גרעטכען, איז מיסטאמע איינע פון יענע פרויען, וועמען עס איז ענג אין די פינקלענדיקע קאפע מיט דער אייראָפּעיִשער פאריסנקײַט, און זיי קומען דעריבער אהער פארברענגען די אָוונטן, קומען מיט זייער גראציע, טעמפּעראמענט און יונגער פארליבטקײַט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אין הארבסטיקן פארנאכט אים צופעליק באגעגנט אין ווינער „שטאדט־פּארק". ער איז געזעסן אף א באנק און געקוקט אין דער טיף פונעם גאָרטן. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער ציילט די בלעטער וואָס פאלן פון די ביימער.

מיר האָבן זיך דעמלט באקאנט.

איך דערמאָן זיך, אז ער האָט, דערזעענדיק מיך, זיך ברייט צעשמייכלט, ווי ער וואָלט דערזען אן אלטן באקאנטן, און מיט א קלינגענדיקן, פײַנעם דײַטשישן אקצענט געפרעגט:

— וויר האבען זיך געטראָפן אין קאפע „צענטראל", ניכט וואהר?

ער האָט זיך אָפּגערוקט, געמאכט מיר פלאץ, העפלעך געבעטן זיך זעצן לעבן אים און מיט שארפע בליקן מיך א ווײַלע באטראכט.

— איר זענט עפשער א פרעמדער דאָ? — ער האָט אזוי פילדײַטיק און גיך א פרעג געטאָן, אז איך האָב ניט באוויזן צו ענטפערן. — די פרעמדקײַט צייכנט זיך אזוי בוילעט אפן אויסזען פון א מענטשן!

מיר האָט זיך געדאכט, אז זײַן טאָן איז פול מיט טרויער, און אז זײַנע אויגן זײַנען פארטונקלט געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך מיטאמאָל אָן עפּעס שווערס דערמאָנט.

— איר האָט געטראָפן, איך בין ניט קיין ווינער.

זײַן פּאָנעם האָט א ריר געטאָן א בלייכער, אופגערעגטער שמייכל.

— איך בין אויך א פרעמדער... ערשט פיר יאָר וווין איך דאָ מיט מײַן פרוי...

— און פריִער? — האָב איך א פרעג געטאָן גלאט אזוי, אָן שום נײַגער.

— פריִער...

זײַן פּאָנעם האָט זיך פארביטן, געוואָרן אש־גרוי, די אויגן האָבן נאָך מער אָנגעהויבן טונקלען.

איבערן פארק איז געהאנגען א פײַכטע שטילקײַט. די ביימער האָבן ביסלעכווײַז געוואָרפן פון זיך די זומער־קליידונג. א קיל הארבסטיק ווינטל האָט אונטערגעברומט א ניגן. פון א זײַטיקער אליי איז ארויסגעקומען א פּאָרל און פארבויגן אין א צווייטער אליי, אזוי לײַכט און שטיל אז ס'האָט אויסגעזען, ווי א שאָטן וואָלט זיך אריבערגעפירט פון איין אָרט אפן אנדערן. א הונט איז פארבײַגעלאָפן, פלוצעם זיך אומגעקערט און ארויסגעשטעלט אף אונדז א פּאָר גרויסע דערשראָקענע אויגן, דערנאָך ווײַטער געלאָפן.

היינריך שניידער האָט פארייכערט א סיגארעט און נאָכגעקוקט די קנוילן רויך, וואָס זײַנען זיך צעגאנגען אין דער לופט. ער איז געווען פארזונקען איז טראכטן. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער לייגט צונויף זײַנע געדאנקען. א פּאָר מינוט זײַנען פארגאנגען אין טיפן שטילשווײַגן. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן. קוידעם שטיל, דערנאָך איז זײַן קאָל געוואָרן פעסטער, דײַטלעכער:

— איך בין נאָך קיין גאנצע דרײַסיק ניט אלט געווען, ווען איך בין אף זומער־וואקאנסן געפאָרן קיין שוועדן. ס'איז געווען א שטילער פרימאָרגן. דער יאם איז געווען רויִק, נאָר פון מאָל צו מאָל האָט דער ווינט דורכגעוואָרפן א כוואליע. איך בין געזעסן אפן דעק פון דער שיף און ארײַנגעקוקט אין א צײַטונג. פלוצעם, מיט לײַכטע טריט, ווי דער יאם־ווינט וואָלט זיך נאָרוואָס פארטראָגן אהער, איז זי פארבײַגעגאנגען. איך האָב דערפילט אירע לײַכטע טריט, דעם פלאטער פון איר קלייד. ס'איז געווען א זייער יונגע שיינהײַט, אזוי פון א יאָר צוואנציק, מיט לאנגע בלאָנדע האָר, צעלאָזט איבער די אקסלען. ווי מיט גאָלד פארוועבט האָבן זיי אויסגעזען אקעגן דער זון. פון אירע אויגן, בלויע, ווי די פארב פונעם יאם, האָט ארויסגעשטראלט א צארטע ליכטיקײַט. קיינמאָל האָב איך ניט געזען, אויגן זאָלן אזוי שטראלן. ווי בלומען האָבן זיי אויסגעזען... ס'האָט זיך מיר געדאכט, זי איז נאָרוואָס ארויסגעשפּרונגען פון עפּעס א נאָרדיש מײַסעלע.

יעדער זשעסט אירער, יעדע באוועגונג האָט זיך אָפּגערופן אין מײַן געמיט מיט א לעבעדיקן אײַנדרוק. און די פלוצעמדיקע באגעגעניש האָט געזוכט א טיקן, א נאָמען...

זי האָט, אפּאָנעם, באמערקט מײַן צעמישונג, ארויסגעלייענט מײַנע באהאלטענע געדאנקען — און מיר האָבן זיך לײַכט באקאנט. געפאָרן א פּאָר טעג צוזאמען, און אין א קליינעם האפן איז זי ארויסגעשטיגן. עס איז געבליבן, אז מיר טרעפן זיך אפן אנדערן טאָג אין שטאָקהאָלם.

דעם גאנצן שוועדישן צאָפן זײַנען מיר אויסגעפאָרן. די שענסטע ערטער באזוכט און דערנאָך איניינעם זיך אומגעקערט קיין בערלין.

איך האָב דעמלט שטודירט גערמאניסטיק אין בערלינער אוניווערסיטעט, און זי האָט דורכגעמאכט א קורס פון צושנײַדן. צווישן פרייד און האָפענונג איז געווען ארבעט, איך האָב ניט בלויז שטודירט, נאָר אויך געארבעט

אין אַן אײַזן־גיסערײַ. איך בין געווען פון אַן אָרעמער ייִדישער היים אין פּוילן און אַליין באַדאַרפט זיך אויסהאַלטן.

עס זײַנען אַוועק וואָכן און כאָדאָשים. די יונגע שטורמישע פרייד איז פאַרביטן געוואָרן אויף אומעט. אין האַרצן האָט זיך באַזעצט אַ צווייפל און אַ מוירע, ווײַל איר פאָטער, אַ דײַטש מיט אַ פאַרסאַמטער נעשאָמע, וואָלט ניט דערלאָזט, אַז זײַן ריין־ראַסישע טאָכטער זאָל נעמען עפּעס אַ פאַרשאָלטענעם ייִדן. ס׳איז געבליבן, מיר זאָלן אָפּוואַרטן אַ בעסערע צײַט.

און די צײַט איז געקומען!

עס איז געווען דאָס יאָר דרײַ און דרײַסיק...

איך בין אַלס פרעמדער באַלד פאַרנומען געוואָרן אין אַ קאָנצלאַגער. און די צײַט האָט גענומען זיך ציִען אַן אַ כעזשבן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז שוין דאָ ווערט זיך ענדיקן מײַן לעבן... פון קיינעם האָב איך גאָרניט געהערט, אויך ניט פון איר. פאַרוואָס שווײַגט זי? צי האָט זי עפּשער אויך געטרונקען פון יענעם סאַם, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער דײַטשלאַנד?.. אַזוי פלעג איך אָפּטמאָל טראַכטן און אין אַזעלכע מינוטן פאַרשילטן אַלץ אין דער וועלט, רופן דעם טויט אויף זיך. נאָר צומאָל, ווען דער אָוונט האָט אַרײַנגעקוקט דורכן פאַרגראַטעוועטן פענצטער, פלעגט זי ווי אויף אַ בריק פון לעוואָנע־שטראַלן קומען צו מיר מיט אַ ליכטיקן שמייכל. עס איז געווען מײַן כאָלעם, דער ניגן פון מײַן נעשאָמע...

ביז אין איינעם אַן אָוונט האָט דער כאָלעם מיט וואָר זיך צונויפגעגאָסן! איך בין געווען אין הויף פון לאַגער, פּלוצעם האָט עמעצער דורך אַ שפּאַלט פון פּאַרקן אַרײַנגעשושקעט:

— היינריך!

כ׳האָב דערזען אַ טייל פון אַ בלייך פּאָנעם און אויגן. זי איז עס געווען!

— גיך, — האָט זי שטיל אויסגערופן, — גיך!.. כ׳האָב אַלץ צוגעגרייט, קום!

דעמאָלט האָט מען נאָך געקאָנט אויסקויפן... און נאָך איידער ס׳איז טאָג געוואָרן, זײַנען מיר שוין געזעסן אין צוג, וואָס האָט געפירט קיין ווין...

ער האָט אויף אַ רעגע איבערגעריסן זײַן דערציילונג, זיך פאַרטראַכט, און די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט צווישן די ביימער.

— פון דעמאָלט אָן זײַנען פיר יאָר פאַרבײַ. פיר יאָר, אַז מיר וווינען אין ווין און קיינער קען אונדז ניט... מיר וווינען מיט שכיינים אין איין הויז, און קיינער ווייסט ניט, ווער מיר זײַנען... פרעמדע, און אַלץ...

ער איז אַנשוויגן געוואָרן, אָפּשטעלנדיק זײַנע בליקן אויף מיר.

אַ ווינטל איז דורכגעלאָפן צווישן די ביימער, צאַרט אַ גלעט געטאָן די גלעזע בלעטער און זיך צוריק אומגעקערט אין זײַן רויִקער באַהעלטעניש.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון פּאַרק.

ווין האָט געבלענדט מיט טויזנטער אויגן. אויטאָמאָבילן און טראַמווײַען זײַנען געלאָפן אין מעשוגענדיקער אײַלעניש, אָנגעפילט די גאַסן מיט גערודער. ערגעץ ווײַט האָבן געשריִען סירענעס פון פאַבריקן און פון אָפּגייענדיקע שיפן אויפן דונײַ־טײַך.

נאָענט לעבן אונדז איז פאַרבײַגעפאָרן אַ לאַסט־וואָגן, געפּאַקט מיט אַלט מעבל. אַ קינד איז געזעסן פון אויבן און מיט פריילעכע בליקן געכאַפּט די גאַס, וואָס האָט אים אויסגעזען נײַ. אַ בעטלערקע איז צוגעגאַנגען. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ דאַרע מיט בלויע אָדערן איבערגעפלאָכטענע האַנט און מיט אַ געזשאַווערט קאָל געבעטן:

— שענקט עפּעס, גוטע הערן!

פּלוצעם האָט זי זיך צעלאַכט:

— כי, ס׳איז קאַלט געוואָרן, און איך האָב ניט קיין נאַכטלעגער... נעכטן געשלאָפן אונטער דער נאָרד־באַן־בריק, האָט מיך די פּאָליציי פון דאָרט פאַרטריבן.

מיר האָבן איר דערלאַנגט צו גראָשנס. זי האָט זיי צוגעטראָגן צו אירע אַלטע אויגן, באַטראַכט פון ביידע זײַטן און, דאַנקענדיק, אַוועקגעגאַנגען.

פּאַמעלעך, שריט בײַ שריט, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט דורך דעם „שטובן־רינג“. בײַם דונײַ־קאַנאַל זיך אָפּגעשטעלט, און היינריך שניידער האָט מיר דערלאַנגט זײַן האַנט, זיך געזעגנט מיט מיר. איך בין נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און נאָכגעקוקט, ווי ער ווערט פאַרשוווּנדן צווישן די מענטשן, צווישן וועלכע ער האָט געלעבט ווי אַ פרעמדער...

ליטעראַטור-קריטיק ‖ ביבליאָגראַפיע ‖ פראַגן פון קונסט

אָרן ווערגעליס

דער דעמב האָט אים פאַרשמעקט מיט זײַנע וואָרצלען

(צו לייב קוויטקאָס 90־טן געבורטסטאָג)

קוויטקאָ פלעגט אין זײַנע ביכער קיינמאָל ניט פאַרצייכענען די צײַט, ווען ער האָט געשאַפן די ווערק. דעם כראָנאָלאָגישן סיידער האָבן שוין אײַנגעשטעלט, אין די אויסגאַבעס, וואָס זײַנען אַרויס נאָך זײַן טויט, אַנדערע מענטשן, אָפטער פון אַלץ מישפּאָכע־נאָענטע. יעדנפאַלס, ווי עס זאָל ניט זײַן, איז ריכטיק צו זאָגן, אַז די ליטעראַטור ווייסט ניט פון אַזעלכע קוויטקאָס לידער, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן ביז דעם 1916 יאָר. ס׳איז אַ פאַקט פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, אַז ווען מיט דאָוויד בערגעלסאָנס הילף איז אין קיִעוו דערשינען זײַן ערשט ביכעלע („לידעלאַך“, 1918) און ווען גלײַך נאָך דעם, אין זעלבן יאָר, איז אַרויס זײַן זאַמלונג „טריט“ און ס׳האָט זיך, ווי אַן אומגעריכטער, אויסערגעוויינלעך בלענדיקער און שאַרפער בליץ באַוויזן אין אַ צײַטונגס־פּובליקאַציע זײַן פּאָעמע „אין רויטן שטורעם“, איז ער שוין אַלט געווען אַכט און צוואַנציק יאָר, און מע האָט אים אָן שום מעניִעס פאַררעכנט צו דער גרופּע נײַע ייִדישע שריפטשטעלער, צו דער „קיִעווער גרופּע“, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ פּרינציפּיִעל אַנדערשדיקע עפּאָכע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און ניט אַלעמען איז אײַנגעפאַלן צו פעסטשטעלן, אין וואָסער פאַרגייענדיק יאָר ס׳זײַנען געשריבן געוואָרן די לידער, וועלכע עס פאַרעפנטלעכן אירע קאָריפּייען.

ס׳האָט זיך יאָ פאַרהיט אין זיכּאָרן פונעם לייענענדיקן פּובליקום אַ ליד „ביקלעך“, וואָס אינעם בוך „לייב קוויטקאָ. געקליבענע ווערק“, וועלכן דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ האָט אַרויסגעגעבן אין 1967, איז זי דאַטירט מיטן 1916 יאָר, און טאַקע די דאָזיקע ליד איז, מעגלעך, יענע, מיט וועלכער דער רויער, נאַטור־געזונטער, גוטהאַרציקער באָכער פונעם דאָרף האָלאָסקאָוו אויף אוקראַיִנע האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט קיין אומאַן, דערנאָך קיין קיִעוו. אין דער אויסגעשפּראָכענער מאַניר פון אַ

פאָלקס־ליד ווערט אַרויסגעבראַכט דער ניט צוגעפּוצטער מיט אינטעלעקטועלע גריבלענישן צוציִונגס־געפיל צווישן פרוי און מאַנצבל אינעם „ביקל־עלטער“. „זי האָט געפּאַשעט אירע ביקלעך און זיך יאַשטשערקעס געפאַנגען, און די ביקלעך, אוי די ביקלעך, זײַנען ערגעץ־ווו פאַרגאַנגען. גייט איר נאָך דער ווילדער יאָסקע אין די אַזעסדיקע ברויטן...“ יאָסקע זאָגט איר ניט צו קיין גאָלדענע בערג, נאָר — „איך וועל געבן טויזנט ביקלעך“...

דער דאָזיקער פּראָסט־פאָלקישער נוסעך צו אויסדריקן זיך איז געווען אַזוי אָרגאַניש

פאַר קוויטקאָס נאַטור, אַז אַף ווײַטער ווערט ער ניט אויסגעוועפּט אין מעשעך פון די העכער דרײַסיק יאָר שעפערישקײַט פון אָט דעם, מײן איך, סאַמע ערדיש־פאַרוואָרצלטן ייִדישן דיכטער פון דער נײַער צײַט.

פאַראַן פאַרשײדענע מינים באַהעפטונג מיטן פאָלקס־לעבן. איין שריפטשטעלער קומט אַליין פון די טיפענישן פונעם פאָלק און ברענגט אַרויס פון דאָרט לעקסיק, שטייגערווײסן. אַן אַנדערער „לאָזט זיך אַרײַן" אין דעם לעבן פונעם פאָלק, נעמט פון דאָרט מאַטעריאַל פאַר זײַנע שילדערונגען, העלפט דעם פאָלק צו באַזיגן און דערלייזן פּראָבלעמען. קוויטקאָ און זײַנע ווערק האָבן פאַרקערפּערט אין זיך ביידע אופֿאַנים פון אײַנגעבוירנקײַט אין דעם איקער־באָדן. אָבער פאַרוואָרצלט זיך, געטאַפּט די טיפקײַט מיט די כּושים — דאָס האָט ער געטאָן מאַמעש אַף אַ מוטערשן אופן, — געפּערעמט זײַן וועלט־דערקענטשאַפט און וועלטבאַנעם דורך באַהעפטונג מיטן קינד און זײַן קינדער־שאַפונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויך אין יאָר 1916 און געדויערט אין מעשעך פון דרײַ־פיר און דרײַסיק פּרוכטבאַרע יאָר.

די קינדער־ליד האָט אים געהאָלפן צו פאַרהיטן אומיטלבאַרקײַט באַם אופאַסן די וועלט. אויך זײַן לאָשן האָט געהאַט די פּראָבע פונעם קינד, וואָס גיט ניט צו די ווערטער קיין געקינצלטקײַט.

ס׳איז געוואָרן שוין אַ ליטעראַטור־פאָרשערישער שטאַמפּ: ווען עס גייט אַ רייד וועגן דעם יונגן קוויטקאָ, הערט זיך אָפּטער פון אַלץ דאָס וואָרט „האַמוין", „האַמוינישע דיכטונג"... אָבער וואָס איז האַמוין, אויב ניט פאָלק, און מיט וואָס גיסט זיך צונויף אין גוירלדיקן 1917 יאָר דאָס פאָלק, אויב ניט מיט דער רעוואָליוציע?

אינעם פריִען נאָכאָקטיאַבער־פּעריִאָד פון דער ייִדישער דיכטונג איז דער גרונט־מאָטיוו פון דער צײַט געווען אויסגעדריקט אין שוואַרצמאַנס רוף „אַף גיך צום פערד", פּונקט ווי אין קולבאַקס „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע" און אין האָפּשטיינס „פּראָצעסיע". קוויטקאָן האָט זיך אײַנגעגעבן שוין דעמלט צו פאַרפיקסירן גופע דעם טראָט פון די אויפגעוואַקסטע ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן, באַזונדערס פון דער יוגנט, אין דער רעוואָליוציע. ווי געזאָגט, האָט ער זײַן ערשטע — אויסער „לידעלאַך"־זאַמלונג אָנגערופן מיטן נאָמען „טריט".

עס איז אַ טאָעס צו מיינען, אַז אין דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן אין איין פולקום באַזיניקטער ריכטונג מאַרשירט אויסגעגלײַכטע מאַכנעס מיט געמאָסטענע, פאָרויסבאַשטימטע, פעסטע, ריטמישע טריט. ניין, די טריט פון מוירדים זײַנען געווען ניט אַלע מאָל פעסטע און ניט יעדעס מאָל קלאָרע. דער רוקן פון דער ערד האָט זיך געבראָכן פון זייער טופּענדיקער שווערקײַט. פאַרשיידענע מענטשן־שיכטן, דערוויַיטערטע צווישן זיך לאַנד־קאַנטן, קאָלערליי לעשוינעס האָבן געשטורעמט און געשאָלטן, אויפגערופן און אָפּגעלייקנט. אַף דער גאַס האָבן זיך אַרויסגעריסן סאָציִאַלע שטראָמען, פאַרשטאָפּטע מיט שטויב־שטייגער, מיט אַלטע געוווינהײַטן און אויפגעקומענע איבעראַנאַכט נײַקײַטן. ס׳איז געווען אַן איבערקערעניש — переворот — ווי עס רעדט זיך אין אָפּיציִעל־רוסישע מעקוירים. באַלד נאָך דער איבערקערעניש וועט זיך צעפלאַקערן אַ בירגערקריג, בייס וועלכן עס וועלן זיך קריגן קלאַסן און צײַטן, קינדער און טאַטעס, אַרמייען און לענדער.

ס׳איז גענוג אַ בלעטער צו טאָן דאָס ביכעלע „טריט", די פּאָעמע „אין רויטן שטורעם", קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז לייב קוויטקאָ האָט דיכטעריש פאַרקערפּערט די טריט אין דער רעוואָליוציע־איבערקערעניש, וואָס עס האָט אָקאָרשט געשטעלט דאָס ייִדישע האַמוינישע שטעטל. אַליין קוויטקאָס שורע, זײַן בונטאַרישער נוסעך איז געווען אַן איבערקערעניש אין דער דעמלטיקער ייִדישער דיכטונג. אין ווילקלאַנג פונעם צאַרטן פּערז האָט זיך מיט אַרויסרופערישן ווילן אַדאָפּטירט דער ניט ראַפינירטער, דעמבן־פעסטער פאָלקס־יונג, וועלכער שעמט זיך ניט צו זאָגן „עס נאָגט דער טאַם אין מיר" און וואָס „שיקט אַ דולן צו אַ טאַטער".

די זאַמלונג „טריט" פאַרמאָגט צוויי אָנשיכטונגען: די לידער וועגן „געלאַטעטע מאַרקן", „אַלטע קנופּיעס", שיידים, — זיי זײַנען צונויפגענומען אין די ציקלען „מאַרקן", „פאַרבן", „נעכט", „פאַר שיידים" און שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין אויפדעקונג פון די סאָציִאַלע מיִעסקײַטן, קעדיי ס׳זאָל גרינגער זײַן צו אָפּקערן זיך פון זיי (און עפּשער שטאַמען אַזעלכע לידער אויך פון דער נויטווענדיקײַט צו אָנווײַזן מיט האַרבער עמעסדיקײַט דאָס אָרט אין דער אייגענער נעשאָמע, ווו די סאָציִאַלע מיִעסקײַטן נעסטן זיך), אַזעלכע שטימונגסטראָפּעס האַלט דער לייענער פון אונדזער צײַט פאַר פאַרבײַגייענדיקע, שוואַכע, און ער טיילט פאַר זיי אויס אַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור; די צווייטע אָנשיכטונג אין „טריט", פאַקטיש — די ערשטע און די באַשליסנדיקע, דאָס זײַנען די לידער־ציקלען, אין וועלכע עס מעלדעט וועגן זיך דער נײַער מענטש.

דער ציקל „אין יאָך" האָט אַ לייטמאָטיוו: „אַ גרויסן טויבן אומרו טראָג איך אין מײַן האַרצן". דאָס איז דער פאָרגעפיל, נאָך מער — דער אָנוווקס, די דערנעענטערונג פון די דונערנדיקע טריט. „אַזוי באַ אַ פײַכטן טעלעגראַפן־סלופּ שטייט זיך מיר און הערט זיך מיר: קולעט ערגעץ זיך אַ טויבער קנויל אין בלינד־פאַרגייענדיקן הויל"... ווען דער גרויסער טויבער אומרו האָט אויפגעבראָכן די פאַרגליווערטקײַט פונעם לעבן און אַרויסגערופן „יונגע פרייד" (אַזוי

הייסט אן אנדער לידער־ציקל אין „טריט"), האָט דער יונגער דיכטער געמאכט עטלעכע ווײַטגייענדיקע אידייִש־קינסטלערישע דער־קלערונגען, צווישן וועלכע ס'זײַנען פאראן אזעלכע, וואָס ווערן פון דעמלט אָן אײַנגע־שלאָסן אין אלע פאראנטוואָרטלעך צונויפגע־שטעלטע ייִדישע אנטאָלאָגיעס און כרעסטאָמאַ־טיעס: „יוגנט האָב איך, יוגנט איז מײַן גרוי־סער, גרויסער אויצער", „דער האמוין — מײַן געזונטער פּאָטער", „איך בין איך, און דו ביסט דו, און ער איז ער, יעדער האָט זײַן וועג און איז זיך שווער, יעדער וועגט פון קערפּער־וואָג פיל מער..." אינגאנצן גענומען, איז דער לידער־ציקל „יונגע פרייד" א באשטעטיקונג פון דער אופוואכונג פונעם פאָלקס־מענטש, וואָס האָט באזיניקט זײַן אייגענע מעכטיקײַט און זײַן גרייטקײַט צו ווערן באלעבאָס „פון א וועלט, וואָס הייבט אָן העלן":

כ'דארף אליין, אליין ניט בלײַבן,
קיין כעזשבוינעס כ'האָב מיט זיך,
כ'דארף קיין פריידן ניט פארשרײַבן,
כ'דארף קיין רוכעס ניט פארטרײַבן,
אין מײַן טיפעניש לעב נאָר איך.
...נאָר איך, הוילער, וויל רעגירן,
זוך איך וועגן, דארף איך שטעט...

דער ציל צו רעגירן, וועלכן ס'פּראָקלאמירט דער נײַער קעמפערישער דאָר, איז, ווי מיר זעען, פונקט אזוי גרויס, ווי גערעכטיק, און קו־מען קומט ער פון דער דערוואכונג פונעם האַ־מוין:

ווער קאָן שעצן אונדז, די שעצער? —
לאָמיר שטאָלצע שפּאנען איבער גאסן...
אלע דרייען אויס די קעפּ און העלדזער,
מיט די אויערן, ווי מיט פעסטע הויפּנס,
האלט מען ציטריק אײַן די ווערטער אונדזערע,
און עס פיבערן אקסלען, ווען מיר זאָגן: פיבערן!
און אז מיר זאָגן זון! —
באצירט מען זיך אין ווײַסן...
ווײַל ס'איז צעפּויקט אין לאנד,
אז מיר זײַנען די שעצער —
אונדז קאָן קיינער שאצן, אונדז, די שעצער!

אָט דער דאָזיקער זאָג — „אונדז קאָן קיינער שאצן, אונדז, די שעצער" איז געווען, קאָן זײַן, דער בריק, וועלכן אליין קוויטקאָ האָט אופגע־בויט, קעדיי אָנקומען צום הויכפּונקט פון זײַן רעוואָליוציע־דיכטונג — דער פּאָעמע „אין רויטן שטורעם". מיט דער זעלבער „כוצפּע" און „גײַ־ווע" (פּאקטיש — מיט דער אייגענער קויעך־שפּירונג) איז דורכגעדרונגען אין דער פּאָעמע דער זאָג: „אָט די פארבן, אָט דאָס לעבן, אָט דאָס וועבן מוזן שטארבן אין די טעג. נאָר מיר בלײַבן, מיר, די וועלן, וועלכע טרײַבן וועלט צו העלע מאָרגנס־שוועלן"...

די פּאָעמע „אין רויטן שטורעם" איז דער שענסטער הימן דער רעוואָליוציע, וועלכע איז אין דער ייִדישער דיכטונג געשאפן געוואָרן אין איינגאנג מיט איר, און איינצײַטיק איז דאָס א רעאליסטישע שילדערונג פון די טריט, וואָס די ייִדישע האָרעפּאשנע יוגנט האָט געשטעלט אין דער רעוואָליוציע, מעלדנדיק מיט דערשיטערנ־דיקער באוווסטזיניקײַט:

מאָרגן!
פאר דײַן העל
טראָגן מיר די קעפּ אוועק
פאר דײַן שוועל...

באזונדערס ווערט קלאָר, ווי גרויס עס איז די באַדײַטונג און דער אופטו פון אָט דער פּאָ־עמע, ווען מע שטעלט זי אוועק אין דער שײַן פון אלעקסאנדער בלאָקס „צוועלף". די ליטע־ראטור־פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט ניט בלויז דעם ענגן אידייִש־קינסטלערישן, אפילו בילדערישן, מעטאפאָריסטישן, מוזיקאליש־קלאנגלעכן צוזאמענהאנג פון די צוויי ווערק, נאָר אויך דעם ביז גאָר טשיקאווען פאקט, אז אָנגעשריבן און פארעפנטלעכט זײַנען זיי גע־ווען אין איין צײַט (קאָן זײַן אפילו, „אין רויטן שטורעם" עטוואָס פריִער פאר „צוועלף"), און דער גרעסטער רוסישער פּאָעט פון יענער עפּאָ־כע האָט אין געגעבענעם פאל ניט געקאָנט ווירקן דירעקט אף דעם יונגן ייִדישן דיכטער.

און דער איבערוף פון די צוויי ווערק דער־שיטערט בעעמעס. ווי א ריטמיש־בילדערישע ציטאטע פון בלאָקן קלינגט, לעמאָשל, אזא אָרט בא קוויטקאָן:

רײַסן מיר ארויס
לונג־און־לעבער פונעם בויך
פון דער זיבנגוידערדיקער
זוינע־גאס!
מיט די ביקסן קלאפּן אויס
אף דער גאס
פּוסטער פּאס —
קלאפּן פאר דער וועלט דער וויסטער
ווידע אויס:
באך! באך!
וועלטן־פּעטס,
קריכער־קרעץ,
שיט זיך אויסעט אפן פלאץ!
דעקט זיך אָפּ!
אָפּ די האנט!
ווײַזט די שאנד!
טונקלט, טונקלט,
טויט די שטאָט
אָן דעם אָפּגאָט,
אָן דעם גאָט,
נאָר א פליגל גרויט און פינקלט
איבער קאָפּ,
היט זי אָפּ.
גייען מיר צו אונדזער גרויסער היים אף נאכט,
אלץ געבראכט:
איינס,
צוויי —
ברויט,
טיי.
זײַד.
לײַן.
ווײַן.

אין ליטעראטור איז זאָגן דאָס ערשטע וואָרט — דער איקער פון נאָוואטאָרישקײַט. ס'איז מאמעש צו באוווּנדערן, וויאזוי קוויטקאָ, אין טאָך א דיכטער־„סאמאָראָדאָק", וועלכער האָט דורכגעמאכט זײַנע אוניווערסיטעטן צווישן כעוורע קאמאשן־שטעפּער, מוליערס און פאר־בערס, איז אין שרײַבערישן פאך גלײַך געוואָרן

א גרינטלעכער נאָוואַטאָר, א פאָרמולירער פון וויכטיקע אידייִשע טעזיסן, וועלכע די יונגע סאָוועטישע ייִדישע דיכטונג האָט „מיט א ווײַלע שפעטער“ גענומען פארפינקטלעכן און אנטוויקלען.

קוויטקאָ האָט אף מאָרגן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע ארײַנגעפירט אין דער ייִדישער דיכטונג דעם באגריף „מיר צעקריגטע שוין מיט טאטעס“, דערהייבנדיק אים ביז דער באצייכענונג פון רעוואָליוציִאָנערן טאט און שאפנדיק מיט דעם א צוגענגלעך פארן מאסן־לייענער אין 1918 יאָר פאראלגעמיינערט בילד פון די קלאסן־צוזאמענשטויסן אין ייִדישן שטעטל. מיט דער אייגנטימלעכער פאר אים היימישקײַט, אין דער ליד „גייט אײַך“, וואָס איז אָנגעשריבן אין 1917 יאָר, האָט ער דער ערשטער אין דער ייִדישער דיכטונג געווענדעט זיך מיט אָט אזעלכע אָפענע רייד צו די טרעגער פון דער אָפגייענדיקער וועלט: „אלטווארג, גייט געזונטערהייט, גייט אײַך מיטן טאָג אוועק, דאָ ניטאָ פאר אײַך קיין פרייד“... פארשטייט זיך, אז שפעטער וועט די סאָוועטישע ייִדישע פאָעזיע, בעסויכעם לייב קוויטקאָ, ארײַנברענגען מער קלאסן־אינהאלט אין אָט די פאָרמולירונגען, אָבער דאָס, וואָס אין סאמע אָנהייב האָט דער יונגער קוויטקאָ אזוי געזאָגט און אזוי געהאנדלט, גיט צו א היפשע מאָס נאָוואַטאָרישע אנטדעקערישקײַט זײַן פריִער שאפונג.

„מיט א ווײַלע פריִער“ פון זײַנע כאוויירים־מיטצײַטלער האָט קוויטקאָ באהאנדלט אין דער פאָעמע „אין רויטן שטורעם“ די פראגע פון פעלקער־פארייניקונג אינעם קאמף פאר א נײַער וועלט. אין פונדאמענט פון דער נײַער ייִדישער דיכטונג האָבן זיך אוועקגעלייגט זײַנע שורעס:

אופגעוואכט
פון מי און מאנגל,
מיט דערוואכטן,
לאנג געגארטן
ברודער — „גוי“.
טראָגן מיר
מיט דרייסט מיט הארטן
אונדזער וואכט!
פון מײַן ברודער,
שמעקט מיט שטרוי,
פון אונדז ביידע
שמעקט מיט שלאכט!

דיכטונג איז ווײַזט אויס, דער סאמע סובּיעקטיווער מין פון שעפערישקײַט. די דיכטונג און איר שעפער זײַנען אומצעטיילבאר, די צײַט בא ביידע איז איינע און די זעלבע, ווי אויך דאָס אָרט, די שטימונג, דאָס געמיט, און אויב עס קומט די ריי פאר דערמאָנונג, רעטראָספעקציע, איז עס אויך אין דער פולער מאָס אָן אָפקלאנג פון דעם איצטיקן צושטאנד פונעם דיכטער. לויט א זאמלונג פון געקליבענע לידער איז ניט שווער פעסטשטעלן דעם אווטאָרס ביִאָגראַפיע.

קוויטקאָס לעבנס־וועג — דאָס איז זײַן שאַפונגס־וועג. אין 1919 לעבט איבער דער דיכטער די פעטליורישע גוואלדזאמקײַטן, און דאָס איז פינקטלעך פארצייכנט און באשריבן אין זײַן בוך „1919“, דערבײַ איז ניט שווער צו זען זײַן אנדערשדיקן צוגאנג צו די פאָגראָמען, איידער, לאָמיר זאָגן, מארקישס. קוויטקאָ איז אויך דערשיטערט, אזוי שטארק אז — „גרײַזט און גרויט מײַן יוגנט, גרײַזט און גרויט“, די „קופע“ פארשטעלט אָבער אף קיין רגע ניט פאר אים די זון. ער איז אינעם אומגליק גוואלדיק אקטיוו. „כ'וועל מײַן גאנצע גאל מיט פײַנעדיקן צאָרן כראקען אפן פײַנט“... „היי, גרילצנדיקער, כוצפעדיקער אויסוווּרף. ווי וואקסט מען עס מיט טויזנט פיאווקע־וואָרצלען?! זע, איך קום אנטקעגן דיר! איך קום אנטקעגן דיר!“ — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז עס קומט „דער רויטארמייער מיט זײַן טייל אין שטעטל, ביז זיי טוען א צערײַב די הענט: „אנו, כאווערײַע!“, און מע טוט א שפאן א הייסן צו די יאטקע־הינט, און מע טוט א נעם זיי בא די אויערן די פעלצענע, די פאטלאטע“...

דער דיכטער האָט ניט געווארט, אז די ערד זאָל זיך אָפקילן ביז ער וועט ארוף אף איר נאָך די פײַער־טראָגנדיקע געשעענישן. מיר וועלן זען ווײַטער, אז אויך אין די צײַטן פון די פינפיאָרן שעפט ער דעם מאטעריאל פאר זײַן פאָעטישער שאפונג פון דער אייגענער לעבנס־דערפארונג. אין דעם פראט קאָן מען זאָגן, אז ער איז אין דער ייִדישער ליטעראטור דער גרונטלייגער פונעם פאָעטישן רעפאָרטאזש. אויב ארויסגיין פון אָט דער האנאָכע, קאָן עס העלפן צו פארשטיין זײַן אָפפאָרן קיין בערלין, ווו עס איז, אגעוו, דערשינען די זאמלונג „1919“, ווי אויך „גרין־גראָז“, און ווו ער האָט געשריבן זײַנע אויסגעשפראָכן רעאליסטישע פראָזע־פארצייכענונגען, וואָס זײַנען ארײַן אינעם בוך „בא ריִאָגראנדער פעל“. אין דײַטשלאנד פון די ערשטע 20־ער יאָרן (1921—1925) גייט ער דורך א ביז גאָר וויכטיקן פאר אים פראקטישן קורס פון זײַנע אוניווערסיטעטן. ארבעטנדיק אין האמבורגער פאָרט, זאפט ער אײַן אין זיך די אטמאָספער פון העפטיקן קלאסן־קאמף, וועלכער האָט דעמלט פארכאפט גאנץ דײַטשלאנד. „אף באריקאדן שלאָגט זיך אונדזער בלוט מיט פאָליציי... פאר וועלט, פאר ארבעטער“... צוריק אהיים, אין סאָוועטנרוסלאנד, קומט ער שוין א רײַפער קעמפער, א קאָמוניסט.

שפעטער, אין דעם „פראָסטן מיטוואָך“ פון דער סאָציִאליסטישער בויונג, וועלכער פילט אָן מיט גליק און ווירדע זײַן גאנץ ווײַטערדיק לעבן, איז דער לייטמאָטיוו פון אלץ, וואָס ער שרײַבט, אויסגעדריקט אין זײַנער א בארימטער שורע פון דער זאמלונג „טריט“ — „איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט“. די צײַטן האָבן זיך אָבער געביטן, און צוזאמען מיט זיי זײַנען אומפארגלײַכלעך ברייטער געוואָרן די האָריזאָנטן פון דעם פאָלקס־מענטש, די מאסשטאבן פון זײַן פארמעסט. אין אָנהייב פון דער נײַער עפּאָכע האָט ער זיך געמאָלדן מיט זײַן

שטארקן קויעך און מיט א דערווײַל נאָך סטיכיישן ווילן עפעס אופצוטאָן: „און מײַנע פעסטע פיס! און מײַנע שטארקע הענט! כ׳וואָלט א יונגן אָקס דעם קאָפ פארלענדט!" עמעס, אויך דעמלט האָט ער שוין געהאט א קלאָרן סאָציאַלן ציל: „צעשטערן און בויען אפסנײַ", אָבער צו דעם הויך־פונקט פון זײַן באוווסטזיניק לעבן קומט ער אָן אין סאָף פון די 20־ער יאָרן. פיל שטאפלען האָט געדארפט דורכגיין דער רויער האמוינישער יונג פון „טריט", קעדיי ער זאָל אויסרופן אין א ליד פונעם 1927 יאָר:

וי זון איז א זון, און ווי ערד איז אן ערד,
באָלשעוויקעס צו זײַן איז אונדז אלע באשערט.

אין יענע יאָרן מעלדעט ער וועגן זיך ווי וועגן א באוווסטזיניקן קעמפער אין אזעלכע לידער, ווי „די שוואָגערלעך", „אַן ענטפער", „אויג אף אויג (לענין)", „דעם פויער", „פריילינגס, זומערס, הארבסטן" און פיל אנדערע. אין דער אטמאָספער פון סאָציאַליסטישער איבערגעשטאלטונג, וועלכע באהערשט אלע ווינקעלעך פונעם לאנד, דערפילט ער זיך אלץ שטארקער און שטארקער צוגעבונדן צו זײַן גרויסן הײַנט. דער דיכטערישער רעפאָרטאזש ווערט שוין דער הויפט־זשאנער אין זײַן שאפונג. און פירן פירט זיך קוויטקאָ אוף אזוי, ווי געוויינלעך א זשורנאליסט־רעפאָרטיאָר: גייט אוועק ארבעטן אין טראקטאָר־צעך און שרײַבט אָן א פּאָעמע מיטן זעלבן נאָמען, לעבט אָפּ א געוויסע צײַט אף דער בויונג פונעם טורקסיב און ברענגט פון דאָרט די פּאָעמע „אין אָנגריף אף וויסטעס". זײַנע לידער „אין בארענץ־יאם" און „אפן גלעטשער שאָקאלסקי" האָט ער אָנגעשריבן טאקע אין די זעלבע ווײַט־צאָפנדיקע ערטער, מיט די נעמען פון וועלכע די לידער זײַנען באצייכנט.

זײַן אקטיווע פּאָזיציע אין פראגן פון אידעאָלאָגיע פילט זיך קימאט אין אלע ווערק פון יענער צײַט. מיר געפינען איצט בא אים אזעלכע לידער, וואָס זײַנען ווי געצילט קעגן פּאָליטישע קריפלען, מיט וועלכע ס׳איז פול די „ייִדישע גאס" הײַנט. איינע א ליד פונעם 1938 יאָר רופט ער אָן „רעשט פון קנעכט". מיר וואָלטן געקאָנט געבן איר א קעפל „וועגן די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, וואָס מיִען זיך ארײַנצוגיין אין ייִכעס בא די ציִעניסטן". אָט איז איר טעקסט:

איך וועל זיך בעסער 'דוירעס זײַן אליין,
איידער אין די רייד אײַערע גלייבן:
אז מע מוז דאָס עמעס־וואָרט פארבייגן,
אויב מע וויל געפינען כיין.

איך קאָן ניט סויוול זײַן די סוואָרעס:
אז קויט און פאלשקײַט בלײַבן סראָרעס,
אז פאלשע רייד איז א מאטבייע,
מע דארף נאָר, זאָלן קלינגען עכט.
און וויל מען גרינג אין וועלט זיך דרייען —
איז רעכן זיך ניט מיט קיין רעכט.
ווי קאָן אזוינס בא אונדז באשטייען?
באגראָבן ווערט, איר רעשט פון קנעכט!

ס׳איז א צייכן פון א גאָר־גאָר היפשער שעפערישער דערגרייכונג, ווען א ליטעראטור פון איינעם פון די פעלקער פון דעם לאנד „גיט איבער" אין רעשוס פון דער אלסאָוועטישער ליטעראטור אירן א וויכטיקן שעפער. אזא שרײַבער בלײַבט, פארשטייט זיך, אין זײַן נאציאָנאלער סוויווע, און איינצײַטיק זײַנען די ווערק זײַנע א טײַער פארמעג פון דער גאנצער פילשפראכיקער און פילנאציאָנאלער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

קוויטקאָ דער קינדער־שרײַבער איז געוואָרן איינער פון די גרונטלייגער און קלאסיקער פון דער אלסאָוועטישער ליטעראטור פאר קינדער, צוזאמען מיט אזעלכע בארימטע שריפטשטעלער, ווי טשוקאָווסקי, מארשאק, ביאנקי, מיכאלקאָוו.

ליטעראַרישע קינדער־שאפונגען זײַנען ניט דאָס זעלבע, וואָס קינדער־שפילעכלעך: ליאלקעס, גראָכאָטושקעס, פערדעלעך, מעכאנישע וועגעלעך אדגל. שפילעכלעך, קאָן מען זאָגן, האָבן צוויי פונקציעס: זיי האלטן אוף דאָס קינד אין זײַן צארטער אויסגעדאכטער וועלט, לאָזן ניט, אז דער מענטש אין זײַן סאמע אָנהייב זאָל צו פרי זיך צורירן צו דער אָביעקטיווער רעאלקײַט און מיט דעם פארלירן דעם צויבער פון ערשטער אופאסונג. און אין דער זעלבער צײַט האָבן שפילעכלעך א דערקענטעניש־ווערט, זיי „שפילן אויס", באווײַזן און קלערן אוף די וועלט, קאָפירן זאכן, לעבעדיקע וועזנס און דערשײַנונגען, באווײַזן דיווירקלעכקײַט אין מיניאטור: אָט אזוי זעט אויס א בער; דו קאָנסט אליין אויסבויען א מויער; זע, ווי עס ארבעט אן עקסקאוואטאָר; און דאָס איז אף אן עמעסן אן עראָפלאן — ער פליט אפילע...

די ליטעראטור פאר קינדער טראָגט מיט זיך בלויז די צווייטע פונקציע, קיין שפילעכל איז זי ניט. די ליטעראטור קומט צום מענטש אין זײַן אָנהייב און נעמט אים אופקלערן דאָס לעבן. זי טוט עס, ווי א גוטע ניאניע, ווי די מאמע אליין, וועלכע רעדט שוין ערנסט מיטן קינד, ווען עס איז נאָך אלט א טאָג מיט א מיטוואָך. קינדער־שרײַבער — נאָכקרימער מאכן אָפט גאנץ טשיקאווע ליטעראַרישע שפילעכלעך, נאָר דער טאָעס זייערער באשטייט אין דעם, וואָס זיי האלטן זיך ניט אוף ווי עלטערע כאווירים צווישן קינדער, נאָר פאלן ארײַן אליין אין דער קינדהײַט. עס איז שוין פיל מאָל געזאָגט געוואָרן, אז די קינדער־ליטעראטור — דאָס איז פּאָשעט ליטעראטור, נאָר אומבאדינגט גוטע, אָפגעקליבענע, אָפגערייניקטע פון גריבלענישן און שטרויכלונגען, וועלכע קומען צום מענטשן מיטן עלטער, ליטעראטור, וואָס אנטדעקט, עפנט אוף, דערקלערט און באזינגט די נאטור, דעם מענטש, די געזעלשאפט פון גערעכטיקײַט, און זי טוט עס מיט אזעלכע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע זײַנען, אמיינסטן, צוגענגלעך פארן קינד.

לייב קוויטקאָ האָט עס וווּנדערלעך פארשטאנען, ער האָט פײַנט געהאט, ווען א שרײַ־

בער פאר קינדער קרימט זיך, נאָכמאכנדיק דעם קינד. דאָס האָט ער אנומלטן א זאָג געטאָן וועגן איינער א דיכטערן (זי איז אין אונדזערע טעג אריבערגעפאָרן קיין ייִסראָעל און קרימט זיך דאָרט, נאָכמאכנדיק די ציִעניסטן), אז זי איז, זאָגט מען, קינדווײַז געווען א ווונדער־קינד, נאָר אָף דער עלטער איז זי אָן סאָפּעק געוואָרן א קינדער־ווונד...

יעדע ליטעראטור האָט איר אייגן „קינדער־שטעטל״, וואָס איז ענלעך אָף דער „גרויסער שטאָט״, נאָר געמאכט פײַנער, ווײַל עס איז באפּוצט און באצירט און אויסגעפּארבט אין שיינע פארבן. אין דער ייִדישער ליטעראטור האָט י.־ל. פּערעץ פארלייגט דעם פונדאמענט פארן „קינדער־שטעטל״ אין דער ליד און שאָלעם־אליכעם — אין דער פּראָזע. צווישן די שרײַבער פון די 20־ער — 40־ער יאָרן, וואָס האָבן אוועקגעשטעלט אפן פונדאמענט דעם געבײַ, זײַנען די סאמע באדײַטנדיקע מאני לייב, י. סעגאל און קוויטקאָ. די ערשטע צוויי האָבן געשאפן פּרעכטיקע „ווינקעלעך״, אָדער, לאָמיר זאָגן, „אינטעריערן״ (צויבער־מײַסעלעך, בילדער פון דער נאטור און פונעם טכום־שטייגער א ד. גל.), קוויטקאָ האָט אופגעשטעלט א גאנץ „קינדער־שטעטעלע״, און באזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס די סאָציִאלע און מאָראליש־עטישע אטמאָספער איז דאָרט א סאָציִאליסטישע. צוזאמען מיט זײַנע נאָכפאָלגער אין דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג (גוטיאנסקי, דריז) האָט ער די פּאָעזיע פאר קינדער אין אונדזער ליטעראטור אופגעהויבן ביז דער הייך פון א באזונדערן זשאנער.

אין זײַן קינדער־דיכטונג, ווי אויך אין זײַן פּראָזע פאר קינדער („ליאם און פּעטריק״), איז קוויטקאָ א גרויסער הומאניסט. זײַן „טוירע״ פארן אונטערוואקסנדיקן דאָר איז דורכגעדרונגען מיט נאטור־פארערונג און מענטשן־ליבע. דער דיכטער גיט איבער דעם קינד אלע בעסטע אייגנשאפטן פון א דאָר, וואָס האָט איבערגעאנדערשט דאָס לעבן. דעריבער איז היפּש דער סאָציִאלער מאָטיוו אין קוויטקאָס קינדער־לידער. די צײַט, וועגן וועלכער עס גייט א רייד אינעם נעשאָמע־שמועס, וואָס דער דיכטער פירט מיטן קינד, איז דורכויס אונדזערע, די סאָוועטישע — דאָס איז די צײַט פון „גרויסן אופבוי״, פון „קאָלווירטישן געבורט״, ווען דער העלד פונעם פאָלק איז „כאווער וואָראָשילאָוו״, ווען אנא־וואנא איז א בריגאדיר בא „כאזערלעך די קליינע״, ווען —

„פינעף קינדער זײַנען מיר,
שוועסטערלעך און ברידער,
איינע איז א פליִערן,
צווייטער שרײַבט שוין לידער,
דריטע איז א וועבערן,
נאָך אין שול דער פערטער,
איך, דער סאמע פינפטער —
איך וועל זײַן בא פערדלעך!״
— אזא יאט א פריילעכער,
ווּ ביסטו געוואקסן
מיט אזוינע מוסקולן,
מיט אזוינע אקסל!
אינעם קוק דערקען איך דיך:
ביסט פון פּיִאָנעריִע!
נעם זשע זיך א פערד בא אונדז
און פאָר אין קאוואלעריִע!

די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט איבערגעלאָזט א טיפן שפּור אין לייב קוויטקאָס דיכטונג. זײַן לעצטער בוך — „געזאנג פון מײַן געמיט״ — האָט אן אונטערקעפּל „1941 — 1946״, און מיר טרעפן דאָרט אזעלכע אליין פאר זיך רעדנדיקע לידער, ווי „ייִסראָעל פּיסאנאָוויטש — העלד פון סאָוועטנפארבאנד״, „די שטאָט אין סאקאָנע״, „טײַנע־לאָשן פון לייזער פּאפּערניקס מוטער״, „מיכאיִל פלאָטקין פארטונקלט בערלין״, „די רייד פונעם אומאנער מיידל מאלקע דודניק״. די געשעענישן פון דער מילכאָמע פארכאפּן דעם דיכטער מיט זייער אויסטערלישקײַט. בעעמעס, מע דאַרף שוין גאָרנישט ניט צוטראכטן. סײַ די פארלוסטן, סײַ די ניצכוינעס זײַנען אויסערגעוויינלעך גרויס. דער דיכטער ווערט א דאָקומענטאליסט. אגעוו, ווי מיר ווייסן עס פון פריִער, איז ער שוין גענוג געניט אינעם רעפּאָרטאזש־זשאנער.

דער בוך „געזאנג פון מײַן געמיט״ דאַרף פארעכנט ווערן צווישן די וויכטיקע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג אין דער מילכאָמע־ און נאָכמילכאָמע־צײַט. אין 1945, גלײַך נאָכן זיג איבערן פאשיזם, שרײַבט קוויטקאָ זײַן „וואָרט וועגן נײַ־זײַן״ — א ליד, וואָס איז פונקט אזוי אכרײַעספול פאר דער דערוואָרבענער צוקונפט, ווי פאר דער געפארפולער נאָענטער פארגאנגענהײַט. דער זיג איבערן בלוטיקן סוינע באטײַט העמשעך פאר דעם ווירדיקן לעבן:

ווי פארכאפנדיק איז דאָס געפיל
פון זײַן באנײַס!
איידלער פונעם הויך פון רויזן,
שארפער פון דער שווערד דער בלויזער,
כעדוועדיקער פונעם לאָשעק
אפן זונעדיקן פליין,
און אנדערש נאָך —
מיט עפּעס גאָר א פליגלדיקן כיין,
וואָס פלעט און פלעפּט און אייניקט
און אינדערלופטן רײַסט —
אזא איז דאָס געפיל פון זײַן באנײַס!

פאראן אין דעם דאָזיקן בוך א ליד, וואָס הייסט „דער ברונעם״. האָבנדיק אינזינען, ווײַזט אויס, די אייביקע לאָגיק פון שעפערישקײַט — וואָס מערער דער קוואל פון שאפונג גיט, אלץ מער האָט ער, — שרײַבט קוויטקאָ: „דעם ברונעם איז צום הארצן, אז מע שעפּט אים, אז דער עמער דרינגט צום קאלטן דעק און באָבערעט מיט זײַן ליפּ דעם גרונט און וועקט די קוואלן אונטער דר׳ערד און מערט די קרעפטן״. לייב קוויטקאָס דיכטונג איז א טיפער ברונעם, אין וועלכן דער לייענער האָט געאײַלט אראָפּצולאָזן דעם עמער, און דאָס אליין האָט געוועקט אין אים די קוואלן.

■ ■ ■

קורצע רעצענזיעס

יעדן דאָר זײַנס



אין בוזי מילערס נאָר־וואָס דערשינענעם בוך „יעדן דאָר — זײַנס" זעען מיר דעם שרײַבער אין זײַן בעסטער פאָרם — סײַ אינעם ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען, סײַ אין די דערציילונגען „פערל נויעכס", „אין פולן גאַנג", „צוגעבונדנקײַט", „אײַז־צעפלעך אנטקעגן דער זון", „אין פענצטער אנטקעגן", „מענטשן גייען אינדערפרי צו דער ארבעט", סײַ אין די אכט נאָוועלן, וואָס זײַנען ארײַנגענומען אינעם בוך. די האנט פון א דערפארענעם מײַסטער פילט זיך אין דער שילדערונג פון טיפן און געשטאלטן, אין דער אנטוויקלונג פונעם סוזשעט, אײַנעם מאָלן שטײַגערישע און פסיכאָלאָגישע קאָליזיעס, אין דער קינסטלערישער שפּראַך.

אין ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס" טרעט מילער ארויס ווי א קינסטלער, וואָס זוכט ניט קיין גרינגע וועגן. ער מאָלט קאָמפּליצירטע געשעענישן, זעט ניט בלויז דאָס פּאָזיטיווע און דערהויבענע, דעקט אויף די שוועריקײַטן און דאָס פארקריפּלטע, וואָס שטייט אפן וועג פון יעדן מענטשן באַזונדער און פון דער געזעלשאפט אינגאנצן גענומען. אינעם ראָמאַן ווערט געשילדערט דאָס הײַנטצײַטיקע לעבן אונדזערס, די ארבעט אף א גרויסן זאוואָד פון מאשינבויונג. עס זײַנען פאראַן פאָרגעשריטענע ארבעטער און אויך אָפּגעשטאנענע, וואָס קאָנען ניט, איבער די אָדער יענע סיבעס, אײַנשליסן זיך אינעם לעבנס־פּראָצעס צוזאמען מיט אלעמען.

און טאקע דערמיט איז „יעדן דאָר — זײַנס" א וויכטיק ווערק. די הײַנטצײַטיקײַט, דאָס לעבן און דער קאמף פונעם ארבעטער אין איצטיקן פּעריאָד — דאָס איז איינע פון די גרונט־פּראָבלעמען אין דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור. פארשטייט זיך, אז דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דער ייִדישער ליטעראטור און טאקע וועגן אונדזער פּראָזע. מיר האָבן ניט קיין גרויסע צאָל ווערק, קיין סאך ראָמאַנען, וואָס זאָלן געבן א ברייטע שילדערונג פונעם ארבעטער־לעבן. דעריבער רופט ארויס א באַזונדערע באפרידיקונג מילערס ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס".

אינעם בוך זײַנען פארקערפערט אקטועלע מאָראַלישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן לעבן און טאקע פונעם ייִדישן סאָוועטישן לעבן. דאָס סאָציאַלע, דאָס אלגעמיין סאָוועטישע און דאָס נאציאָנאַלע איז פארבונדן ווי אַן אָרגאַנישע קינסטלערישע איינהײַט. און דאָס אלץ איז געשילדערט אין דער גאנצער קאָמפּליצירטקײַט פונעם לעבן, מיט די אומפארמײַדלעכע ווידערשפּרוכן און קאָמפּליקאַציעס, מיט די געזעצמעסיקע און „צופעליקע" דערשײַנונגען.

איך וויל באַזונדערס אונטערשטרײַכן מילערס דערפאָלג אינעם שילדערן די קינסטלערישע געשטאלטן. זיי זײַנען בוילעט און רעליעף אין זייער האנדלונג, אין זייער פסיכאָלאָגיע, אין זייערע גענג און אין זייער לאָשן. אזעלכע זײַנען ניט בלויז די פּאָזיטיווע העלדן, לעמאָשל, ארקאדי סאטאנאָווסקי, נאָר בוכשטעבלעך יעדער פּערסאָנאַזש, אפילו ניט די צענטראלע, ניט די פּאָזיטיווע (וואלערי קראַס, ארנאָ אאַ.). פארשטייט זיך, עס קאָנען זײַן פארשיידענע מיינונגען וועגן דער האנדלונג פון די פּארשוינען אין באַזונדערע אומשטענדן. מיר, אשטייגער, דאכט זיך, אז ניט קיין נאטירלעכע איז די האנדלונג פון ארנאָ נאָך דעם, ווי די בוליגאנעס פאלן אָן אף אים, ווען ער שפּאצירט אין פּארק מיט מארלען. עס איז שווער צו גלייבן, אז א יונגער מענטש זאָל איבערלאָזן זײַן געליבטע, זײַן קאלע אין די הענט פון אויסוווּרפן, וואָס זײַנען פּייִק אף אלץ, און אליין זאָל ער אוועק אין רעסטאָראַן, רוּיִק אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן. דאָס איז עפּשער דאָס סאמע שוואכע אָרט אין דעם ווערק. דער אווטאָר האָט, ווײַזט אויס, געהאט אין זינען קאָמפּאָזיציאָנעלע און סטרוקטורישע סיבעס, קעדיי צוגרייטן דעם אויסוועג פאר מארלענען — זי זאָל כאסענע האָבן פאר ארקאדי סאטאנאָווסקין. אינגאנצן גענומען איז אָבער דער גאנג פון דער האנדלונג אינעם ווערק א נאטירלעכער, און דאָס מאכט דעם ראָמאַן פאר א היפּשער דערגרייכונג פונעם אווטאָר.

אין די דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם נײַעם בוך, זעען מיר ווידער בוזי מילערן דעם קינסטלער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, דעם באגײַסטערטן מאָלער פון די מענטשן אין ביראָבידזשאן, פון זייער לעבן און שאפן, שוועריקײַטן און דערפאָלגן, טרויער און פרייד. אין דעם פּראט דארף מילער פארעכנט ווערן צווישן די נאָוואטאָרן אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע.

ה. רעמעניק

בוזי מילער. יעדן דאָר — זײַנס. מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל". 1979.

א ראָמאַן — א דערמאָנונג

וועגן דעם פאשיזם, וועגן זײַן העסלעכן פארצעף, וועגן זײַנע רעציכעס און וועגן זײַנע קאָרבאָנעס, וועגן די העלדן, וואָס האָבן שרעקלאָז געקעמפט קעגן אים, איז שוין אָנגעשריבן ניט ווייניק. צי האָט מען געדארפט אָנשרײַבן נאָך איין בוך וועגן דעם?

יאָ, געדארפט. אומבאדינגט. און ניט איין בוך, נאָר פיל צענדליקער ביכער וועלן נאָך זײַן געווידמעט אין מעשעך פון דורעס דער דאָזיקער טעמע.

דאָס בוך „די זאמדן ברענען” האָט יוליִאן שולמייסטער אָנגעשריבן אין די יאָרן 1967—1977. א גאנצן יאָרצענדליק האָט דער מעכאבער, א קאנדידאט פון יורידישע וויסנשאפטן, געזאמלט פאקטן קעדיי באווײַזן דעם עמעס וועגן די פארברעכנס פון די נאציסטישע מערדער. אין לוואָווער ארכיוון, אין מאטעריאלן פון געריכט־פראָצעסן איבער די לאגערוואכמענער, אין פארשיידענע טאָגביכער, דערינערונגען און גוויִעס־איידעס פון די מיט ניסים לעבנפארבליבענע קאצעטלער פונעם יאנאָווער לאגער און פון די מארטירער פון דער לוואָווער געטאָ, האָט דער אווטאָר געזוכט און געפונען שפורן פון די פאשיסטישע אקציעס.

דער ראָמאן צייכנט זיך אויס מיט וואָרהאפטיקײַט און קאָנקרעטער אָנשוילעכקײַט. קימאט אלע נעגאטיווע טיפן זײַנען אָנגערופן בא זייערע ווירקלעכע נעמען: קאטצמאן, ווילגאוז, געבאוער, קײַל און אנדערע. וואָס איז שײַעך די פאקטן, געשעענישן, עפיזאָדן, באזירן זיי זיך אָף אן עמעסדיקן דאָקומענטאלן גרונט.

אָט איז א לאקאָנישער אויסצוג פון א פראָטאָקאָל פון איינער פון די יודנראט־זיצונגען: „פרעזעס לאנדעסבערג האָט אונטערגעשטראָכן, אז די סעלעקציע וועט דורכגעפירט ווערן אין א פינקטלעך באצייכנטער צאָל. עס וועלן ווערן איבערגעקליבן אלע אומפראָדוקטיווע עלעמענטן — קאליקעס, קראנקע, וואָס קענען ניט ארבעטן, און אזעלכע, וואָס האָבן ניט קיין ארבעט — אלע די, וועלכע זײַנען אין אזעלכע שווערע צײַטן א לאסט פאר דער קעהילע”.

אן אויסצוג פון א פראָטאָקאָל! עס קלינגט עפעס געוויינלעך, וואָכעדיק, אפילע רעספעקטאבל. ס'איז דאָך אָבער א שוידערלעכער דאָקומענט! און עס גייט א רייד וועגן א „סעלעקציע”, ס'הייסט וועגן איבערגעבן אָף שכיטע צו די פאשיסטישע ראָצכים טויזנטער מענטשן.

דאָס מיטלאלטערלעכע וואָרט געטאָ איז אופגעלעבט געוואָרן בא די נײַע פאשיסטישע פאראָנדקעס, אופגעלעבט געוואָרן מיט אלע כוישעכדיקע שאָטנס און שרעק־בילדער און אין אומגעהייערע מאסשטאבן.

דער יאנאָווער לאגער האָט זיך אָנגעהויבן פון אויסשטאטן באשיידענע וואָפן־ווארשטאטן. אינגיכן אָבער זײַנען די דאָזיקע ווארשטאטן פארוואנדלט געוואָרן אין א קאָלאָסאלער פארניכטונג־פאבריק.

Юлиан Шульмейстер. Пески горят. Издательство «Каменяр» Львов, 1977.

Юліан Шульмейстер. Піски горять. Видавництво «Каменяр» Львів, 1979 (на украинском языке)

צוויי הונדערט טויזנט מענטשן זײַנען דאָ פארטיליקט געוואָרן!

וואָס איז שײַעך בעלזעץ, איז דאָס געווען איינער פון די טעכניש אמערסטן פארפולקומטע „הויכפראָדוקטיווע” גענאָציד־לאגערן.

און אומעטום — טויט, טויט, טויט... אָנהייבנדיק פון די נעמען אליין. טויט־לאגער, טויט־טאָל. טויט־בריק. טויט־זאמדן. און אפילע — „טאנגאָ פון טויט”. און פאראן אפילע אזעלכע ווערטער אין א לאגער־ליד: „און מיטן טויט זײַנען מיר אָף „דו”...”

פאראן אָבער נאָך הײַנט אזעלכע מענטשן, וואָס האָבן טײַנעס צו די קדושים: וואָס הייסט, מע גייט ווי שאָף?..

איז, ערשטנס, זײַנען ניט אלע „געגאנגען”. נאָר וועגן דעם שפעטער.

צווייטנס — ווער איז געגאנגען? איבערהויפט — זקיינים, פרויען, קינדער.

און דריטנס — די פאשיסטן פלעגן דערפירן זייערע קאָרבאָנעס מיט דער הילף פון אלערליי ראפינירט־סאדיסטישע גענג „ביז צו דער קאָנדיציע”, ס'הייסט ביז אזא מאדרייגע פון דערשלאָגנקײַט, אויסגעשעפטקײַט, ווען מע רופט אָף זיך דעם טויט, ווי אן אויסלייזונג. דער מעכאבער באווײַזט עס איבערצײַגעוודיק. דער ציִאן־קאלי איז געווען אין געטאָ דער אמערסטן פארשפרייטער „מעדיקאמענט”.

אין ראָמאן „די זאמדן ברענען” לאָזט זיך שפירן די אינטערנאציִאָנאלע פּאָזיציע פונעם אווטאָר. ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס איינער פון די הויפט־העלדן פונעם ראָמאן, דער ווידערשטענדלער יאקאָוו בראָוויטש איז א זון פון א ייִדן און פון א פוילישער פרוי. די נאציסטן האָבן זיך געהאלטן פאר דעם באוווסטן געמיינעם קלאל — צעטייל און הערש. דער קלאל איז אן אלטער, נאָר די היטלעראָווצעס האָבן אים דערפירט ביז דער העכסטער מאדרייגע. אָט וואָס פאר א „יערארכיע” האָבן זיי אײַנגעשטעלט אין לוואָוו: דײַטשן — רייכסדײַטשן — פאָלקסדײַטשן — סלאוויאנער (אוקראִינער, פאָליאקן, רוסן) — ייִדן. די ייִדן פארנעמען דאָס לעצטע אָרט. נאָר אפילע צווישן זיי האָבן די נאצי־סאדיסטן ווידער געמאכט א „צעטיילונג”, קעדיי צו פראָוואָצירן, אָנרייצן, ארויסרופן קינע און מאכלויקעסן צווישן די פארורטיילטע. די אמערסטן „פריווילעגירטע” זײַנען געווען די מיטגלידער און מיטארבעטער פונעם יודנראט און פון דער ייִדישער פאָליציי. נאָכדעם האָבן געפאָלגט די קוואליפיצירטע ארבעטער, באלמעלאָכעס און טעכניקער. און דאָס רעשט פון דער ייִדישער באפעלקערונג האָט מען אײַנגעשלאָסן אין דער דריטער גרופע, און זיי האָט מען פארניכטעט אין דער ערשטער ריי. אפילע די געטאָ איז געווען צעטיילט אָף געטאָ „א” און געטאָ „ב”.

די דאָזיקע טײַוולאָנישע פאָליטיק האָט געהאט אין זינען א פולקומע דעמאָראליזאציע פון דער באפעלקערונג. אָבער אפילע אין אזא מין שוידערלעכער אומגעבונג, — דערציילט אונדז דער מעכאבער, — האָבן מענטשן פון אלע פעלקער באוויזן צו פאר־

היטן זייער ווירדע, די דערהויבענע מאָראלישע פרינציפן, און, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, האָבן זיי געהאָלפן איינע די צווייטע. צו אזעלכע מענטשן — גיבוירים, מענטשן — לײַכט־טורעמס, וואָס האָבן געשײַנט אין דער שטאָקפינצטערער אָקופּאציע־וועלט, געהערן ניט נאָר די באַוווסטזיניקע אנטיפאשיסטישע קעמפער, נאָר אויך פּאָשעטע פאָלקס־מענטשן, אזעלכע, ווי די ווילע פּאני מאריַע און ווי די פארורטיילטע אף טויט, נאָר שטאָלצע און ווירדיקע צווײַ אלטיטשקע, אף וועמענס העלדזער די פאשיסטישע אומענטשן האָבן אופגעהאנגען טאָוולען מיט אזא אופשריפט: „מיר, שאבעס־גוייִם, האָבן געהאָלפן די זשידעס, און דערפאר וועלן מיר געטייט ווערן, ווי הינט".

און איצטער — וועגן די שרעקלאָזע קעמפער קעגן פאשיזם. אין זייער שילדערונג איז פארלייגט דער גרונט־טאָן פונעם ראָמאן. „די זאמדן, אף וועלכע מע פארברענט דאָס לעבן פון אומשולדיקע מענטשן, מוזן ברענען אונטער די פיס פון די פאשיסטישע אָקופּאנטן!".

דער מעכאבער באַווײַזט אונדז א גאנצע ריי העלדישע קעמפער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן. לאָבישטשאק, בראָוויטש, דרוטאָווסקי, דאנוטא, קאָן, דאָליוק, דיברוך, באָרעק... זיי אלעמען פארייניקט א פלאמפײַערדיקע סינע צום פאשיזם און א הייליקע ליבע צו דעם, וואָס דאָליוק און צוזאמען מיט אים דער מעכאבער, רופט אָן „641 טעג פון ראטן־גליק" — פריידיקע, מונטערע 641 טעג, וועלכע זײַנען דורכגעגאנגען פון דער ווידערפארייניקונג פון די מערעוו־געגנטן און ביז דעם פארעטערישן אָנפאל מיצאד די היטלערישע האָרדעס. אינעם בוך ווערן באַוויזן בוילעטע עפּיזאָדן פון דעם דאָזיקן מעסירעסנעפעשדיקן גערײַנגל. דער ווידערשטאנד הייבט זיך אָן פון די ערשטע טעג פון דער אָקופּאציע, און ער ווערט שטארקער און אנטשלאָסענער מיט יעדן טאָג. נאָר אָט האָט דורכגעדונערט די סטאלינגראדער שלאכט. איר שטורעם־גלאָק האָט נאָך מערער דערמוטיקט די קעמפער קעגן פאשיזם אין אלע עקן וועלט. און — אין לוואָוו אויך. און דער קאמף פון די לוואָווער אונטערערדלער ווערט שטארקער, אנטשלאָסענער.

לײַדער זײַנען אונדז ניט באַוווסט אלע עפּיזאָדן אין דעם דאָזיקן אומגלײַכן גערענגל. אָפט פלעגט מען קעמפן איינציקווײַז און אומקומען איינציקווײַז, און קיינער ווייסט ניט וועגן דעם. פונדעסטוועגן רײַסן זיך דורך צו אונדז פון דעם אָקופּאציע־כאשכעס פראגמענטארע יעדיִעס וועגן איינצלנע העלדן. אָט, אשטייגער, לייענען מיר אין א לוואָווער צײַטונג פון יענע צײַטן אזא מעלדונג:

„אכטונג! מאָרד! אין לעמבערג, אף בערנשטייןגאס, 16 האָט מען געפונען א טויטן קערפּער פון א מיטגליד פון ספּעציִעלן אמט. דאָס איז א מאָרד. מע זוכט אום די אייגנטימערן פון דער קווארטיר, די ייִדישקע לינע האנס, וועלכע גיט זיך אָן פאר א פּאָליאטשקע אורשולע לאגעניו. זי האָט געהאט פאלשע דאָקומענטן..."

לעזייכער מיליאָנען קדושים און לעשעם די העלדנמוטיקע קעמפער קעגן דעם פאשיזם דארף קיינמאָל ניט פארטויבט ווערן דער ליארעם־גלאָק פון בוכענוואלד. וועגן דעם דערמאָנען אונדז ווידער און ווידער אזעלכע ביכער ווי „די זאמדן ברענען".

א. ליזען

זכרוינעס פון אן אנטיפאשיסטקע



אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק איז שוין א לענגערע צײַט פּאָפּולער דאָס בוך פון מישקעט ליבערמאן „פון געטאָ אין דער וועלט ארײַן", וואָס איז אין פאָריקן יאָר ארויס אין א רוסישער איבערזעצונג. ס'איז א בוך זכרוינעס פון א מענטשן, וואָס איז דורכגעגאנגען א גרויסן לעבנסוועג און אין די עלטערע יאָרן זיך גענומען דערציילן וועגן דעם דורכגעלעבטן. עמעס, די מעכאבערן שטרײַכט אונטער, אז זי האָט ניט געשריבן קיין אויסגעשפּראָכענע זיכרוינעס; דאָס בוך באַשטייט פון באַזונדערע געשיכטעס — פריילעכע, טראגישע און קאָמישע, עס ווערט דערציילט וועגן פּאָשעטע, ליבע מענטשן און אויך וועגן אזעלכע, וואָס זײַנען ניט קיין פּאָשעטע און ניט קיין ליבע. „אָבער קוידעמקאָל האָב איך געוואָלט דערציילן וועגן מענטשן גוטע. דאָס גאנצע לעבן האָב איך געהאט צו זיי א שוואכקײַט"...

מישקעט ליבערמאנס בוך באַווײַזט, אז זי האָט בעליסאָפּעק, אן אייגנארטיקן שריפטשטעלערישן טאלאנט. וועגן די געשעענישן, וואָס האָבן זיך מיט איר געטראָפן, וועגן די מענטשן, וועלכע זי האָט באַגעגנט, דערציילט זי פרײַ, בילדעריש און אָפטער פון אלץ מיט אן איראָנישן שמייכל. זי פילט הומאָר און גיט אים גוט איבער, כאָטש איבערהויפּט דערציילט זי וועגן גאָר ניט קיין פריילעכע זאכן.

איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן אף אייניקע מאָמענטן, וואָס זײַנען פארבונדן מיטן בוך.

טכילעס, וואָס איז דאָס פאר א מאָדנער נאָמען — מישקעט. ווײַזט זיך ארויס, אז די עלטערן האָבן געוואַרט אף א ייִנגל, וועלכן מע האָט געדארפט אָנ־

Mischket Liebermann, Autobiographie. Aus dem Getto — in der Welt. Verlag der Nation, Berlin, 1977.

Мишкет Либерман. Из берлинского гетто — в новый мир. Мемуары антифашистки. Перевод с немецкого. М., «Прогресс», 1979.

רופן נאָכן ייִדן — מוישע. אָבער אַף וויפל ס'איז געבוירן געוואָרן א מיידל, איז פון מוישען געוואָרן מישקעט. געבוירן איז זי אין א קליין שטעטעלע פון גאַליציע — מיטשין. וועגן איר געבורטס־אָרט האָט זי וויניק וואָס פאַרגעדענקט, ווײַל ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, האָט די גאַנצע מישפּאָכע, ווי א סאַך אַנדערע אײַנוווינער פון דער עסטרײַך־אונגארישער געגנט, געמוזט פאַרלאָזן זייער ווינאָרט און אוועקשלעפּן זיך קיין דײַטשלאַנד. געקומען איז מען קיין בערלין, ווו ס'האָט זיך נאָכאַמאָל געשאַפן א יידישע געטאָ. ס'איז געווען א פּאָר צענדליק יאָר ביז היטלערן.

די ערשטע קאַפּיטלען פונעם בוך זײַנען געווידמעט דער דאָזיקער געטאָ, ווו ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן ייִדן, וועלכע האָבן געפּרווט פאַרהיטן זייער מיטלאַלטערלעכן שטייגער: די מאַנצבלען פלעגן זיך ניט שערן, טראָגן בערד און פייעס. בא די ווײַבער, פאַרקערט, פלעגט מען פאַר דער כאַסענע אָפּשערן די האָר און זיי האָבן דערנאָך געטראָגן פּאַריקן. „אַזא מעשוגעדיקע וועלט, א רעליקט פון מיטלאַלטער, האָט זיך געשאַפן אין דער הויפּטשטאָט פון דײַטשלאַנד", — באַמערקט מ. ליבערמאַן. דערצו נאָך איז איר טאַטע געווען א ראַוו, א פאַנאַטיקער, וועלכער האָט שטרענג געפּאָדערט זיך האַלטן פאַר אַלע דינים פון דער עמונע. אין דער היים, — שרײַבט זי, — איז געווען א מין געטאָ אין געטאָ. מער פון אַלץ האָט איר טאַטע מוירע געהאַט, אַז זײַנע קינדער זאָלן אָפּטרעטן פון ייִדישקייט און זיך אַסימילירן. דערפאַר פלעגט ער פאַרווערן זיי אַפילע ריידן דײַטש, און, כאָטש ער איז געווען א מענטש א גאַנץ קלוגער, א פילאָסאָפיש־דענקענדיקער און יושערדיקער, אָבער אַרויסרײַסן זיך פון זײַן פאַנאַטיזם האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקענט.

ביסלעכווײַז האָט די געטאָ געפּלאַצט פון זיך אַליין. איין קאַפּיטל פונעם בוך איז אָנגערופן „די קינדער פאַרלאָזן די געטאָ". דאָס יונגוואַרג האָט ניט געקאָנט לעבן מיט אַזא שטייגער און איז אוועק אין דער וועלט.

פונעם בוך דערוויסן מיר זיך וועגן דעם גוירל פון ליבערמאַנס גאַנצער מישפּאָכע. אויב די עלטערע קינדער זײַנען געווען געצוווּנגען געהאָרכזאַם פאָלגן טאַטע־מאַמע, האָבן די ייִנגערע שוין געאָטעמט מיט אַן אַנדער לופט. די ערשטע האָט צו 16 יאָר פאַרלאָזט דאָס עלטערן־הויז מישקעט.

דעם באַגאַבטן מיידל האָבן געהאָלפן א סאַך גוטע מענטשן, און זייערע געשטאַלטן זײַנען געמאָלט אינעם בוך שאַרף און בוילעט. אייניקע פון זיי זײַנען באַוווּסטע טוער פון קונסט און קולטור, ווי, לעמאָשל, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, סערגיי אייזענשטיין, דער דײַטשישער טעאַטראַלער רעזשיסער ערווין פּיסקאַטאָר, דער דיריזשאָר קורט זאַנדערלינג. פון זיי דאַרף מען באַזונדערס אויסטיילן אַלעקסאַנדער גראַנאַכן, וועלכער האָט אין א גרויסער מאָס באַשטימט מישקעט ליבערמאַנס וועג.

ער האָט אויך געשטאַמט פון גאַליציע, געווען דאָס נײַנטע קינד אין אַן אָרעמער ייִדישער מישפּאָכע. פון 10 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן. זוכנדיק פּאַרנאָסע, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין דער וועלט, דערקליבן זיך קיין בערלין און דאָרט געפונען א וועג צום טעאַטער. לעבאַטכילע האָט ער אַפילע די דײַטשישע שפּראַך ניט געקענט, דערצו נאָך זײַנען בא אים געווען קרומע פיס. אָבער פון דער נאַטור איז ער געווען א שוישפּילער, געטריימט וועגן דער בינע און זיך מעסירעסנעפעשדיק אָפּגעגעבן זײַן ציל. מיט דער צײַט איז ער געוואָרן איינער פון די בעסטע אַרטיסטן אין באַרימטן בערלינער טעאַטער „פאַלקסבינע", מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט מאַקס ריינהאַרדט.

„די באַגעגעניש מיט אַלעקסאַנדער גראַנאַכן, — שרײַבט ליבערמאַן, — איז געווען פאַר מיר יענער פונק, וועלכער האָט אָנגעצונדן דעם פלאַם". דער פלאַם איז טעאַטער. אַלעקסאַנדער גראַנאַך האָט אַנטדעקט אין איר אַקטיאָרישע פייִקייטן, מיט זײַן הילף איז זי דורכגעגאַנגען א גוטע טעאַטער־שול און איז געוואָרן א שוישפּילערן אין ריינהאַרדטס טעאַטער.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט מישקעט זיך אַלץ מער אַרײַנגעצויגן אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. זי איז אַרויסגעטראָטן אַף פאַרשיידענע מאַסן־אָוונטן מיט פאַרלעזונגען פון ליטעראַרישע ווערק. דעם 1 אווגוסט 1925 טרעט זי אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. „דעם טאָג, — שטרײַכט זי אונטער, — וועל איך ניט פאַרגעסן, קאָלזמאַן איך לעב". איר גאַנץ ווײַטערדיק לעבן איז ענג פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג, מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין 1927 באַזוכט זי צום ערשטן מאָל מאָסקווע. אָנהייבנדיק פון אַפּרעל 1929, האָט זי בא דרײַסיק יאָר געלעבט און געאַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. דער גרעסטער טייל פון אירע זיכרוינעס איז געווידמעט אונדזער לאַנד, די סאָוועטישע מענטשן.

נאָך אין בערלין האָט זי זיך באַקאַנט מיטן סעקרעטאַר פונעם סאָוועטישן קאָמיוג אַלעקסאַנדער קאָסאַרעוו, אין מאָסקווע — מיט סערגיי אייזענשטיינען און גריגאָרי ראָשאַלן. און ניט נאָר וועלט־באַרימטע פערזענלעכקייטן זײַנען געווען אירע פרײַנט. אָט דערציילט זי וועגן עמא וואָלף א העכסט אינטערעסאַנטע און פאַרכאַפּנדיקע געשיכטע. ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט איר (דעמלט איז עמא וואָלף געווען א זשורנאַליסטקע אין דער צײַטונג „איזוועסטיא"), האָט זי זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע קליינינקע דאַרע יונגע פרוי וועט אין עטלעכע יאָר אַרום ווערן איינע פון די לעגענדאַרע קעמפערנס. עמא וואָלף האָט גוט געקענט אויסלענדישע שפּראַכן, דערונטער שפּאַניש, און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג אין שפּאַניע, איז זי אַהין פרײַוויליק אוועקגעפאָרן. פאַר געוואַגטקייט באַלוינט מען זי מיטן אָרדען פון רויטן שטערן. ווען די פראַנקיסטן האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד, איז זי אַף א סאָוועטישער אונטערוואַסער־שיף מיט די לעצטע רעפּובליקאַנער קעמפער געקומען צוריק. און נאָכאַמאָל איז איר אויסגעקומען קעמפן מיט די פאַשיסטן, דאָס מאָל אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. צוזאַמען מיט איר 16־יאָריקן זון איז זי ווידער אוועק אַפן פראָנט, ביידע — די מאַמע מיטן זון — האָבן העלדנמוטיק זיך געשלאָגן מיטן סוינע. וועגן זיי האָט אין יענע יאָרן געשריבן איליא ערענבורג. עמא וואָלף איז דערגאַנ־

גען ביז ווין. איר זון האָט פאַרענדיקט די מילכאָמע אין בערלין...

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון שלוימע מיכאָעלסן לאַדט איין דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם ווײַסרוסישן יידישן מעלוכע־טעאַטער ראַפּאַלסקי מישקעט ליבערמאַנען אין זײַן טעאַטער. אַזוי איז זי געוואָרן א שוישפּילערן אף דער יידישער בינע, און די יאָרן, וואָס זי האָט געלעבט און געאַרבעט אין מינסק, זײַנען געווען די סאַמע בעסטע אין איר לעבן.

זי האָט בלויז געקענט ריידן יידיש (און מיט דער גאַליציִשער אויסשפּראַך), לייענען און שרײַבן האָט קיינער זי ניט געלערנט (דעם טעקסט פון אירע ראָלן פלעגט זי פאַרשרײַבן מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן), אָבער זי איז געווען באַגאַבט און האָט גוייווער געווען אַלע שוועריקייטן.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן איז זי געוואָרן איינע פון די פירנדיקע אַקטריסעס פונעם מינסקער טעאַטער. זי האָט אויסגעפּילט די הויפּטראָל אין ערנסט טאָלערס דראַמע „האָפּליא, מיר לעבן!". די ראָל פון דער לערערן אין אַרן קושניראָווס „הירש לעקערט".

וועגן זיך אַליין שרײַבט מישקעט ליבערמאַן זייער קנאַפּ, אָפּשטעלנדיק זיך מערער אָפן לעבן פונעם טעאַטער־קאָלעקטיוו. מיר דערוויסן זיך אינטערעסאַנטע פּראַטים. אָט, לעמאָשל, האָט די פּיעסע „דער יאָמטעוו אין קאַסרילאָווקע", לויט שאָלעם־אַליכעמען, אָוועקגעשטעלט דער באַוווסטער סאָוועטישער רעזשיסער אַלעקסאַנדער דיקי. „מיר האָבן געטראַכט — דער רוסישער רעזשיסער קאָן ניט קיין ייִדיש, און די פּיעסע איז דאָך אופגעבויט אף ייִדישע לידער און טענץ, ייִדישע מידעס און זיטן, באַווײַזט דעם שטייגער פון א קליין ייִדיש שטעטל, ווי וועט דער רעזשיסער זיך ספּראַווען מיט אזא ספּעקטאַקל? מיר זײַנען נישטוימעם געווען, מיט וועלכן באַנעם, מיט וואָס פאַר א דינעם געפיל ער האָט די פּיעסע אָוועקגעשטעלט. פּאָשעט פּראַכטפול! ס'איז געווען א שעדעווער. אף דער פּרעמיערע זײַנען געקומען א סאַך טעאַטער־ליבהאָבער פון מאָסקווע און לענינגראַד, אַלע זײַנען געווען אַנציקט פון דער פאָרשטעלונג".

וווינענדיק אין מינסק, האָט מישקעט ליבערמאַן זיך באַקאַנט און באַפרײַנדעט מיט איינִיקע טוער פון דער ייִדישער קולטור, באַזונדערס מיט מאַקס עריקן. איין מאָל אין וואָך פלעגט דער פּראָפעסאָר עריק לייענען לעקציעס פאַר די אַרטיסטן וועגן דער פוילישער און ייִדישער ליטעראַטורן. „ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון זײַן ריידן האָט ער אַליין פאַרגעניגן... אין די שמועסן מיט אונדז האָט ער ליב געהאַט שפּאַסן, טרײַבן לעצאָנעס, איראָניזירן. ער איז געווען זייער גוטמוטיק. ביכלאַל האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט א באַזונדערער פרײַנטלעכקייט. זײַנע לעקציעס האָט קיינער ניט דורכגעלאָזט"...

מישקעט האָט זיך באַזעצט בא עריקן אין שטוב און בא צוויי יאָר געוווינט דאָרט. אהין איז אָפט אַרײַנגעקומען מוישע קולבאַק, וועלכער פלעגט זיך גלײַך זעצן צום טיש און אָנהייבן לייענען עפּעס פון זײַנע ווערק. די לידער זײַנע פלעגט ער לייענען זינגענדיק־שטיל. באַשיידן פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און וואַרטן, וואָס עס וועלן אים זאָגן די צוהערער. ווען מאַקס עריק איז אַריבערגעפאָרן קיין קיִעוו, איז אין דער שטוב געבליבן וווינען מישקעט ליבערמאַן, אָבער איינמאָל איז מוישע קולבאַק אַרײַנגעקומען צו איר און זיך גענומען קלאָגן, אַז ער קאָן ניט אַרבעטן אין זײַן דירע, וועלכע געפינט זיך אין סאַמע צענטער. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אינדערנאַכט רודערט דער טראַמוויי. יעדער באַקאַנטער גייט אַרײַן און פרעגט, וואָס ער שאַפט. אין אזא דירע קאָן ער ניט אַרבעטן. ער האָט געבעטן די שוישפּילערן, זי זאָל בײַטן די דירע מיט אים. זי איז מאַסקים געווען. „איצט איז בא מיר שטיל, ווי אין גאַניידן", — פלעגט דערנאָך זאָגן מוישע קולבאַק. און מישקעט ליבערמאַן דערגאַנצט: „ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זײַן שטוב, אַלץ געשריבן און געשריבן. מיר האָבן אים זייער זעלטן געזען, בלויז אף די פּרעמיערעס אינעם טעאַטער".

דער גרעסטער טייל פון די זיכרוינעס איז געווידמעט די געשעענישן פון די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן. אין דײַטשלאַנד האָבן די היטלעריסטן פאַרכאַפּט די מאַכט. מישקעט ליבערמאַן איז איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וווהין עס זײַנען אָנגעקומען א סאַך אַנטיפאַשיסטן. זי איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון א באַוועגלעכן דײַטשישן טעאַטער, וועלכער האָט גאַסטראָלירט אף אוקראַיִנע (דאָרט זײַנען געווען דײַטשישע יישוווים). אינגיכן האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. מישקעט האָט א פאָר יאָר געוווינט אין נאָוואָסיבירסק (ווו זי האָט זיך, דערעכאַגעוו, אַפּסנײַ באַגעגנט מיטן עוואַקויִרטן מינסקער ייִדישן טעאַטער), ביז מע האָט זי אַרויסגעפאָדערט אין דער פּאָליטפאַרוואַלטונג פון דער רויטער אַרמיי, און מע האָט איר פאָרגעלייגט אַרבעטן מיט די דײַטשישע קריגסגעפאַנגענע.

אַזוי איז זי געוואָרן א פּאָליט־אינסטרוקטאָר, א רויטע קאָמיסאַרשע, ווי מע פלעגט זי רופן אין די סאָוועטישע לאַגערן פאַר דײַטשישע קריגסגעפאַנגענע. אף דער אַרבעט האָבן זיך אַרויסגעוויזן גאָר נײַע אייגנשאַפטן פון איר באַגאַבטער נאַטור.

די מעכאַבערן פונעם בוך באַזיצט די קונסט פונעם וואָרט. קעדיי צו איבערצײַגן זיך אין דעם, איז גענוג בלויז באַווײַזן, וויִאַזוי עס זײַנען אָנגערופן באַזונדערע קאַפּיטלעך: „די יעדיִעס פון גאַליציע", „אין שטוב פונעם ראָוו פּינכעס עליִעזער", „זאָל מיך כאַפּן א קלאַפּ, אויב...", „צי פאַרבײַט ליבע ברויט", „זריִע, וואָס גייט אוף" און אַזוי. איבערצײַגן זיך אין דעם הויכן קינסטלערישן ניוואָ פונעם בוך קאָן מען, ווען מע לייענט אים. און דאָס ראַט איך טאַקע טאָן אַלע אונדזערע לייענער.

ז. ליבינזאָן

א בוך פון אן איראַקער קאָמוניסט

צו אונדז איז דערגאַנגען די בראָשור „אונדזער קאַמף קעגן ציעניזם" פונעם אַראַבישן פּובליציסט אַבדעל ראַזאַק אַס־סאַפּי, וועלכע איז דערשינען אין באַגדאַד. דאָס איז אַן ערנסטע פאָרשונג, וועמענס אויטאָר איז א מיטגליד פון דער פּאָליטבוראָ פונעם צק פון דער איראַקער קאָמפּאַרטיי, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון איר צענטראַלן אָרגאַן „טאַריק אַש־שאַאַב" („דער וועג פונעם פאָלק"). די בראָשור איז אָנגעשריבן אַפן סמך פונעם פאָרטראָג, מיט וועלכן א. ר. אַס־סאַפּי איז אַרויסגעטראָטן אַף א וויסנשאַפטלעכן סימפּאָזיום וועגן ציעניזם.

דער אויטאָר באַטאָנט, אַז דער מאַרקסיזם־לעניניזם האָט אויפגעדעקט דעם קלאַסן־טאָך פונעם ציעניזם אַלס א רעאַקציאָנערע שיטע פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע. ער ווייזט אָן אַף דעם אומדערמידלעכן קאַמף, וועלכן וו. אי. לענין האָט געפירט קעגן די פּרוּוון פונעם ציעניזם און פונעם „בונד" צו פלאַנצן צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט געפילן פון נאַציאָנאַלער אויסשליסלעכקייט.

אינעם בוך ווערט אָנגעוויזן, אַז צוזאַמען מיט דער צעפאַלונג פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג און מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע איז פאָרגעקומען אויך די פאַנאַנדערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויטן קלאַסן־סימען. די אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואַזיע און פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט זיינען אָביעקטיוו זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. דער ציעניזם האָט שטענדיק געשטרעבט און שטרעבט אויך היינט צו פאַרהיטן די איזאָליאַציע פון די יידן, אַף וויפל „דאָס פאַרלייכטערט אים אויסצונוצן די יידישע מאַסן אין זיינע אינטערעסן, וועלכע פלעכטן זיך איבער מיט די אינטערעסן פונעם אימפּעריאַליזם" (ז. 20). אַס־סאַפּי שטרייכט אונטער, אַז „די קאָמוניסטישע באַוועגונג און די אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך ניט באַגרעניצט מיטן אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן ציעניזם, זיי האָבן געפירט אויך א פּאָליטישן קאַמף, זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם איינפלוס פונעם ציעניזם צווישן די יידישע אַרבעטער... די דאָזיקע באַוועגונג איז איינצייטיק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַנטי־יידישן שאָוויניזם" (דאָרט).

אין פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מילחאָמע האָט דער ציעניזם אויסגענוצט צוליב זיינע צילן „די ציעניסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער ענגלישער אַרמיי און אינעם פּוילישן קאָרפּוס אין איראַק[1] (ז. 23). די טאַקטישע ליניע פון די ציעניסטן אין די אַראַבישע לענדער איז אין יענעם פּעריאָד באַשטאַנען אין „אַרונטעררייסן די איינהייט פון די יידן מיט די לענדער, ווו זיי לעבן, און מיט דער פּאַטריאָטישער באַוועגונג אין די דאָזיקע לענדער, דעראָבערן די יידן אַף דער זייט פון די ציעניסטישע לאָזונגען. אָפּט פלעגן די דאָזיקע ציעניסטישע אָרגאַניזאַציעס אַליין פּראָוואָצירן טעראָריסטישע אַקטן קעגן די יידן, קעדיי אַרויסרופן בא זיי א פאַרלאַנג צו עמיגרירן" (ז. 26).

אַן אַקטיווע אַרבעט פון דעמאַסקירן דעם ציעניזם און זיינע פּלענער האָבן געפירט די פּראָגרעסיווע קויכעס פון איראַק אין שפּיץ מיט דער איראַקער קאָמפּאַרטיי. „די קאָמוניסטישע אַרמיי פון איראַק, — שרייבט דער אויטאָר, — איז א מאַרקסיסטיש־לענינישע פּאַרטיי... פונעם ערשטן טאָג, זינט זי איז געשאַפן געוואָרן, האָט זי פאַרנומען א קלאָרע און פּרינציפּיעלע פּאָזיציע קעגן דעם ציעניזם", באַטראַכנדיק דעם קאַמף קעגן ציעניזם „אַלס אַן אָרגאַנישן טייל פונעם קאַמף קעגן קאָלאָניאַליזם" (זז. 24—25). א וויכטיקע ראָליע אין אָט דעם קאַמף האָט געשפּילט דער גרינדער פון דער איראַקער קאָמפּאַרטיי יוסעף פּאַלמאַן (פאַכד). ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נייטיק ניט צו מישן די באַגריפן ציעניזם און יידיש פאָלק. וויכטיק איז דעראָבערן די יידן אַף דער זייט פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג (ז. 27).

די פראַגן וועגן דער קריטיק פונעם ציעניזם זיינען אָנגערירט געוואָרן אין פאַכדס פיל ווערק, באַזונדערס אין זיין אַרבעט „די אַראַבישע איינהייט און דער אַראַבישער פאַרבאַנד" (1943), אין דער נאַציאָנאַלער כאַרטיע פון דער איראַקער קאָמפּאַרטיי, וועלכע ער האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אין 1944, אין זיין פאָרטראָג אַפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער איראַקער קאָמפּאַרטיי, אין זיין פאָרוואָרט צו דער בראָשור פונעם מיטגליד פון דער פּאָליטבוראָ פונעם צק פון דער איראַקער קאָמפּאַרטיי כ. מ. אַש־שאַביבי „די אומאָפּהענגיקייט און די נאַציאָנאַלע סוווערעניטעט". א באַזונדער אָרט צווישן זיינע אַרבעטן אַף דער דאָזיקער טעמע פאַרנעמט דאָס אַרטיקל „די סאָנים פון דער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זיינען סאָנים פון אונדזער נאַציאָנאַלער זאַך", פאַרעפנטלעכט אינעם אָרגאַן פון דער איראַקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי „אַל קאַנדאַ" („דער באַזיס") דעם 7 נאָיאַבער 1946, און די סעריע אַרטיקלען אין דער באַגדאַדער צייטונג „אַל אוסבאַ" („די ליגע") אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „צוליב וואָס קעמפן מיר? קעגן וועמען קעמפן מיר?". אין אָט די אַרבעטן אַנאַליזירט פאַכד דעם מעהוס פונעם ציעניזם, זיין פאַרבינדונג מיטן אימפּעריאַליזם און קאָלאָניאַליזם און אויך די ראָליע, וועלכע עס שפּילן דאָ די פּראָאימפּעריאַליסטישע קאָמפּראַדאָריש־פעאָדאַליסטישע אַראַבישע רעזשימען.

אין איינעם פון די אַרטיקלען פון דער אָנגעוויזענער סעריע האָט פאַכד באַטאָנט, אַז „דער ציעניזם איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי א באַשטימטער צווייג פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער סטאַדיע פונעם אימפּעריאַליזם. די טעטיקייט פונעם ציעניזם האָט דעם ציל צו עקספּלואַטירן און אונטערדריקן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און אידעאָלאָגיש די יידישע מאַסן; אין דער זעלבער צייט איז דער ציעניזם א געצייג

אַבדעל ראַזאַק אַס־סאַפּי. אונדזער קאַמף קעגן ציעניזם. באַגדאַד, 1977 (אַראַביש).

[1] עס האַנדלט זיך וועגן די סובטיילן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם אַנטיסאָוועטישן גענעראַל אַנדערס.

אין די הענט פונעם ענגליש־אמעריקאנישן אימפעריִאליזם, זײַן טרײַער וועכטער” (ז. 29).

אקטועל קלינגען הײַנט פאכדס ווערטער: „די וואקסנדיקע אמעריקאנער אינטערעסן אין די אראבישע לענדער, דער אמעריקאנער קאפיטאל, וואָס איז אינוועסטירט אין פאלעסטינע צוזאמען מיטן קאפיטאל פון די ציִעניסטן, דער צוזאָג פון די ציִעניסטן צו גאראנטירן די אינוועסטיציעס פונעם אמעריקאנער קאפיטאל אין א קאָלאָסאלן מאסשטאב, די שטרעבונג פון אמעריקע צו פארנעמען אין פאלעסטינע דאָס אָרט פונעם ענגלישן אימפעריִאליזם און פארוואנדלען זי אין א באזע אף צו פארטיידיקן אירע אינטערעסן אין די אראבישע לענדער, — דאָס אלץ האָט געצוווּנגען די פאראייניקטע שטאטן אויסצונוצן זייער אײַנפלוס אלס רעזערוו פונעם ציִעניזם” (זז. 30—31).

א באדײַטנדיקע הילף דעם ציִעניזם האָבן ארויסגעוויזן, ווי עס באטאָנט די איראקער קאָמפארטיי, די רעאקציִאָנערע, אנטיפאָלקישע אראבישע רעזשימען. פאכד, לעמאָשל, האָט בעשײַטע אָנגעוויזן, אז „הינטער די דערפאָלגן פונעם ציִעניזם זײַנען פארבאהאלטן סוביעקטיווע פאקטאָרן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דעם טאָך פון דער סטרוקטור פון די רעגירנדיקע רעזשימען און פון דער פאָליטיק, וועלכע אָט די רעזשימען פירן דורך אין אלע געביטן” (ז. 31). אלס רעזערוו פונעם ציִעניזם האָט געדינט אויך דאָס, וואָס „די רעגירונגען (פון די אראבישע לענדער. — ר. אי.) זײַנען געשאפן געוואָרן ניט מיט דער הילף פון עמעסע דעמאָקראטישע פאָלקס־וואלן”. פאכד ווײַזט אָן, אז „דער וועג פון קאמף קעגן ציִעניזם ליגט דורכן קאמף קעגן די עקזיסטירנדיקע רעאקציִאָנערע רעזשימען” (דאָרט).

עס ווערט דורכגעפירט א היפשע אָרגאניזאטאָרישע ארבעט, קעדיי צו באהעפטן די מאסן פון דער איראקער באפעלקערונג, סײַ די אראבער, סײַ די ייִדן, צום קאמף קעגן ציִעניזם. אין אָנהייב סענטיאבער 1945 האָט פאכד, נאָך א קאָנסולטאציע מיט די ייִדישע מיטגלידער פון דער איראקישער קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן אלס איניציִאטאָרן פון דער אידיי וועגן שאפן „די ליגע פון קאמף קעגן ציִעניזם”, געווענדט זיך צו די מאכט־אָרגאנען, מע זאָל דערלויבן שאפן אזא אָרגאניזאציע. אין דער פעטיציע איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז „דער ציִעניזם שטעלט מיט זיך פאָר די זעלבע סאקאָנע פאר די ייִדן, ווי פאר די אראבער און פאר זייער איינהײַט. נעמענדיק אף זיך די פאראנטוואָרטלעכקײַט צו קעמפן קעגן דעם ציִעניזם עפנטלעך, גייען מיר דערוף אײַן דערפאר, ווײַל מיר זײַנען איינצײַטיק סײַ ייִדן, סײַ בירגער פון אן אראביש לאנד” (ז. 33). די אָנגערופענע ביטע איז אונטערגעהאלטן געוואָרן דורך א גרופע ייִדישער יוגנט פון באסרא, וועלכע האָט זיך געווענדט מיט א בריוו צום אויסערן־מיניסטער פון איראק, פאָדערנדיק, ער זאָל געבן זײַן האסקאָמע אף שאפן א ליגע, וועלכע „וואָלט געשטערט צו אָפסאמען די מויכעס פון דער ייִדישער יוגנט מיט די ליגנערישע ציִעניסטישע האווטאָכעס” (ז. 34).

א דערלויבעניש צו שאפן אזא ליגע איז באקומען געוואָרן דעם 16 מארט 1946 אדאנק דעם, וואָס דעם פאָסט פון אינערן־מיניסטער פון איראק האָט דעמלט פארנומען א פאטריִאָטיש געשטימטער מענטש.

די דערפאָלגרייכע טעטיקײַט פון דער ליגע צווישן די ברייטע מאסן ארבעטנדיקע, דערונטער אויך צווישן די ייִדישע מאסן, האָט, פארשטייט זיך, געמוזט ווערן אן אָביעקט פון אָנפאלן אף איר מיצאד דעם אימפעריִאליזם, ציִעניזם און דער אראבישער רעאקציע. אונטערן טערעץ, אז די ליגע איז ארויסגעטראָטן מיט א פארורטיילונג פון דער באלפור־דעקלאראציע, זײַנען די מיטגלידער פון דער איניציִאטיווער גרופע צוגעצויגן געוואָרן דעם 30 מארט 1946 צום געריכט. דער געריכט איז געצוווּנגען געווען צו באפרײַען זיי, אָבער אין עטלעכע כאָדאָשים ארום זײַנען די אָנפירער פון דער ליגע ווידער געשטעלט געוואָרן צום געריכט, וועלכער האָט דאָס מאָל אָנגענומען א באשולדיקונגס־ווערדיקט.

באטראכטנדיק די פאָליטיק פון דער בורזשואזער איראקער רעגירונג אין דער ייִדן־פראגע ביז און נאָך דעם אופקום פון מעדינאס ייִסראָעל, מערקט אָפ דער אווטאָר פון דער בראָשור, וועלכע מיר רעצענזירן דאָ, אז די ציִעניסטן האָבן שטענדיק אויסגערעכנט אפן אנטיסעמיטיזם און אפן קינסטלעכן צעצינדן אים. באזונדערס ווײַזט אָן דער אווטאָר, אז דער איראקער געזעץ פון 9 מארט 1950 וועגן אָפנעמען בא די דאָרטיקע ייִדן זייערע בירגער־רעכט האָט היפש פארשטארקט די עמיגראציע־שטימונגען. דער אָרגאן פון דער איראקער קאָמפארטיי, די צײַטונג „אל קאיִדא” האָט, פארורטיילנדיק די דאָזיקע אקציע פון דער רעגירונג, געשריבן: „די איראקער רעגירונג וויל שפרייטן האס, צעשפאלטונג און ארויסרופן רעליגיִעזע אומטאָלעראנץ, דה. דאָס אלץ, וואָס עס פארלאנגען פון איר אירע באלעבאטים” (ז. 40).

דער מאסן־ארויספאָר פון ייִדן פון איראק האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן אָנעמען דעם אָנגעוויזענעם געזעץ און נאָך א ריי פאלן פון אונטערצינדן סינאגאָגעס, ווארפן באָמבעס אין ראיאָנען פון ייִדישער קאָנצענטראציע (די באָמבע־אופרײַסן, וועלכע די אגענטור פון טעראָריסטישע ציִעניסטישע גרופירונגען האָבן אָרגאניזירט אין 1950—1951).

אָנרופנדיק דעם געזעץ פון 9 מארט 1950 „פארעטערישער טראָט”, שטעלט אים קעגן אס־סאפי דעם באשלוס פונעם ראט פון דער רעוואָליוציִאָנערער קאָמאנדשאפט פון דער איראקער רעפובליק, אָנגענומען דעם 26 נאָיאבער 1975, וועגן געבן אלע איראקער ייִדן דאָס רעכט אומצוקערן זיך קיין איראק און באנוצן זיך מיט אלע קאָנסטיטוציִאָנעלע רעכט, וועלכע עס האָבן די איראקער בירגער. דער אווטאָר ווײַזט אָן, אז דער דאָזיקער באשלוס האָט „באקומען א הויכע אָפשאצונג פון אלע דעמאָקראטישע און פראָגרעסיווע קרעפטן אין איראק און אף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע, אף וויפל ער האָט געהאָלפן אופצודעקן דעם כילעק צווישן דעם ציִעניזם, וועלכער איז אן אגענט פונעם צווישנפעלקערלעכן אימפעריִאליזם, און דעם יודאיִזם, וואָס רעפרעזענטירט די ייִדישע עמונע (ז. 42). כוץ דעם, האָט דער דאָזיקער באשלוס דעמאסקירט „די שקאָרים פון די ציִעניסטן, אז זיי זײַנען, קלוימערשט, די פאָרשטייער פון אלע ייִדן פון דער וועלט”. דאָס גענויע וויסנשאפטלעכע פעסטשטעלן דעם כילעק צווישן ציִעניזם

און יודאיזם, שרײַבט ווײַטער דער אוטאָר, האָט געגעבן די מעגלעכקײַט „אָפּצוהאלטן א גרויסן זיג — דערשלאָגנדיק זיך, אז די פאראייניקטע נאציעס זאָלן אָנעמען א באשלוס וועגן אנערקענען דעם ציִעניזם אלס איינע פון די פאָרמען פון ראסיזם" (דאָרט).

אס־סאפי באטאָנט, אז דער קאמף קעגן ציִעניזם דארף ניט באגרענעצט ווערן בלויז מיטן ראיאָן פונעם נאָענטן מיזרעך, ווײַל צוליב די ענגע פארבינדונגען צווישן דעם ציִעניזם און דעם אימפעריִאליזם באקומט דער ציִעניזם „א צווישנפעלקערלעכן כאראקטער און שטעלט מיט זיך פאָר א צווישנפעלקערלעכע געפאר", אף וויפל „זײַן אינהאלט איז אין גרונט — שאָוויניזם, קעמפערישע אגרעסיווקײַט און אנטיקאָמוניזם (ז. 43).

אס־סאפי שרײַבט: „ניט יעדער ייִד איז א ציִעניסט און ניט יעדער ציִעניסט איז א ייִד,[1] פונקט ווי ניט יעדער בירגער פון ייִסראָעל איז א ציִעניסט און ניט יעדער ציִעניסט איז א בירגער פון ייִסראָעל" (ז. 44). די געשיכטע פון נאציִאָנאלן באפרײַונגס־קאמף פון די אראבישע פעלקער, זעצט ער פאָר, באווײַזט, אז:

„1 דער אידעאָלאָגישער קאמף קעגן ציִעניזם דארף זיך אומבאדינגט האלטן באם טעזיס, אז עס איז פאראן א קלאָרער אונטערשייד צווישן ציִעניזם און יודאיִזם;

2) דער קאמף קעגן ציִעניזם פאָדערט, אז אומעטום זאָל געשאפן ווערן א ווי ווײַט מעגלעך ברייטערער איינהײַטלעכער פראָנט, וואָס שליסט אין זיך אײַן אלע קעגנער פונעם ציִעניזם, וועלכע זײַנען אָנטיילנעמער אין די פארשיידענע אָטריאדן פון דער רעוואָליוציִאָנערער וועלט־באוועגונג;

3) אזעלכע איינהײַטלעכע פראָנטן פון קעגנער פונעם ציִעניזם אינווייניק אין די אראבישע לענדער דארפן קוידעמקאָל אָנעמען די פאָרם פון א ברייטן בונד פון די אנטי־אימפעריִאליסטישע און אנטיציִעניסטישע אראבישע פאטריִאָטישע קרעפטן;

4) אונדזערע הויפּט־פארבינדעטע צווישן די אראבישע פעלקער אינעם קאמף קעגן ציִעניזם זײַנען די ארבעטער־באוועגונג און די קאָמוניסטישע באוועגונג אין גאָר דער וועלט און די מעלוכעס פון דער סאָציִאליסטישער געמיינשאפט און פון די נאציִאָנאל־פאטריִאָטישע לענדער;

5) דער קאמף קעגן ציִעניזם פאָדערט, אז מע זאָל דערלאנגען קלעפּ איבער די עקאָנאָמישע פאָזיציעס פון זײַן פארבינדעטן — דעם אימפעריִאליזם;

6) דער קאמף קעגן ציִעניזם פאָדערט ווײַטער א קאמף קעגן פארבינדעטן פונעם אימפעריִאליזם — דער אראבישער רעאקציע;

7) דער קאמף קעגן ציִעניזם דיקטירט די נייטיקײַט צו פארשטארקן די שותפייִקײַט פון די באפרײַטע אראבישע לענדער. עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז ריכטן זיך אין דעם פראט אף דער הילף פון אן אימפעריִאליסטישער מעלוכע איז אן אומזין;

8) דער קאמף קעגן ציִעניזם דארף פירן צו דער ווײַטערדיקער איזאָליאציע פון ייִסראָעל אף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע;

9) דער קאמף קעגן ציִעניזם פאָדערט צו מאקסימאלער סאָלידאריטעט מיטן אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע און מיט זײַן איינציקן פאָרשטייער, דער אָרגאניזאציע פאר באפרײַען פאלעסטינע אין זייער יושערדיקן קאמף פאר שאפן אן אומאָפּהענגיקע מעלוכע" (ז. 45). (דער קורסיוו איז אומעטום פונעם אוטאָר. — ר. אי.).

אינעם שלוס־טייל פון דער בראָשור גייען ארײַן דאָקומענטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די פארשיידענע עטאפּן פונעם קאמף קעגן ציִעניזם אין איראק. דער אוטאָר ברענגט, צווישן אנדערס, דעם טעקסט פון א פלוגבלעטל אונטערן נאָמען „די פארבינדונג פון דער באנדע נורי סאַיִד מיטן ציִעניזם", די פּראָגראם פון דער „ליגע פון קאמף קעגן ציִעניזם", אויך דעם טעקסט פון דער ווענדונג פון דער איניציִאטיוו־גרופּע „ליגע פון קאמף קעגן ציִעניזם" צום אינערן־מיניסטער, דאטירט דעם 12 סענטיאבער 1945.

די בראָשור פון אס־סאפי שטעלט פאָר אן אינטערעס ניט בלויז פאר ספּעציִאליסטן אין די פּראָבלעמען וועגן נאָענטן מיזרעך, נאָר אויך פארן ברייטן לייענער.

ר. איסקאנדער

• • •

[1] דער אוטאָר האָט דאָ אין זינען די פּראָציִעניסטן, פארבינדעטע און מיטהעלפער פונעם ציִעניזם, וועלכע זײַנען ניט קיין ייִדן.

שמועסן
וועגן מוזיק און ליטעראַטור

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

וועגן איינער א ליד און איר אוטאָר

א טרוקן בלימל, א פאַרגעסנס,
אָן דופט, דערזע איך אין א בוך,
און מאָדנע טרוימען, גאָר מײַן וועזן
זיי נעמען מיטאַמאָל אַדורך.

ווו? ווען געבליט? אין וועלכע קאַנטן?
ווי לאַנג? געריסן האָט דאָס ווער?
א פרעמדע האַנט, צי א באַקאַנטע?
און צוליב וואָס פאַרלייגט אַהער?

ליבהאָבער פון ייִדישער פּאָעזיע ווייסן, אַז די צוויי סטראָפעס, וואָס זײַנען דאָ געבראַכט,— דאָס איז די ערשטע העלפט פון פּושקינס ליד „א בלימל" (אין דער איבערזעצונג פון מ. כאַשטשעוואַצקי). צוליב וואָס זשע ציטיר איך זיי איצט, ווען איך קלײַב זיך ריידן וועגן דער באַוווּסטער פאָלקסליד „א בריוועלע דער מאַמען"? ענטפער איך: א ליטעראַרישע אַסאָציאַציע.

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט דער מאָסקווער ייִדישער שוישפּילער זאַלמען קאַמינסקי מיר באַוויזן אַן אויסשניט פון א ייִדישער צײַטונג. קיין ווערטער זײַנען אינעם אויסשניט ניט געווען — בלויז נאָטן. איבערגעלייענט די נאָטן, האָב איך אין זיי דערקענט די ליד, וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט. מיט דער דאָזיקער ליד האָב איך זיך ניט געטראָפן א קײַמעלאָן מער ווי זעכציק יאָר. ווען איך האָב זי אויסגעזונגען מיט מײַן אינערלעכן כוש־האַשמיִע, בין איך געווען איבערראַשט פון איר טיפער שיינקײַט און פּרעכטיקן סטיל. אַזאַ סטיל זאָגט שטענדיק אונטער, אַז מע האָט צו טאָן מיט אַן אויסערגעוויינלעך ווערק. אין דעם פאַל איז מיר געקומען אויפן זינען פּושקינס ליד „א בלימל".

יאָ, דאָס בלימל האָט ניט קיין נאָמען, אָבער ניט טרוקן איז עס. ס'איז פּרעכטיק מיט באַזונדערער פרישקײַט. ווער איז דער אוטאָר פון אָט דער ליד, וואָס ליגט שוין לאַנג באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער פאָלקס־שאַפונג? געדוכט האָט זיך מיר, אַז איך וועל צו אָט דעם מאָקער זיך קיינמאָל ניט דערקלײַבן...

בין איך אָבער, ווײַזט אויס, א מאַזלדיקער מענטש. אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָב איך געפונען אַלע ידיעות ניט בלויז וועגן דער ליד, נאָר אויך וועגן איר אוטאָר. דער נאָמען פון דער ליד איז „א בריוועלע דער מאַמען", און ס'האָט זי פאַרפאַסט שלוימע שמולעוויטש. ווי איך האָב זיך דערוווּסט פון ז. רייזענס לעקסיקאָן, איז שמולעוויטש אויך דער אוטאָר פון אַנדערע פּאָפּולערע לידער, צווישן זיי פון דער ליד „כאַווע", וועלכע מע האָט אינעם ערשטן יאָרצענדליק פון הײַנטיקן יאָרהונדערט געזונגען אין יעדן ייִדישן הויז.

שלוימע שמולעוויטש? פאַרוואָס האָב איך פריִער קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען? פאַרוואָס האָב איך זיך דערוווּסט וועגן שמולעוויטשן ערשט איצט? איך האָב זיך דאָך אין די פאַרגאַנגענע יאָרן געפונען אין דער סוויווע פון אַזעלכע מוזיקאַנטן, ווי מילנער, גנעסין, קריין, יאַמפּאָלסקי, שיינין און פיל אַנדערע, געווען נאָענט פאַרבונדן מיט אַזאַ געלערנטן אין מוזיק־פראַגן, ווי בערעגאָווסקי.

דער ענטפער קאָן זײַן אַזאַ: שמולעוויטש האָט געשאַפן (ריכטיקער — געזונגען) גאַסן־לידער — א זשאַנער, וועלכן די פּראָפעסיאָנעלע מוזיקאַנטן האָבן אין אַכט ניט גענומען, און ניט בלויז די ייִדישע. ערשט איצט, ווען די מוזיק ווערט אַלץ מער דעמאָקראַטיזירט, האָט מען בײַ אונדז אָנגעהויבן ריידן אויך וועגן דער גאַסן־ליד. פריִער האָט מען אויף איר געקוקט, ווי אויף א שטיפקינד. און דאָס איז געווען, מוז מען זאָגן, שטאַרק ניט יושרדיק.

מיר ווילט זיך אָבער, קודם־כּל, מאַכן א שטיקל אַנאַליז, אַלס א מוזיקאַנט, פון דער ליד „א בריוועלע דער מאַמען", זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן די מוזיקאַלע מיטלען פון דער ליד. איך דערמאָן זיך די ליד פון סערגיי יעסענין «Письмо матери», וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן א ביסל שפּעטער פון שמולעוויטשעס

„א בריוועלע דער מאמען". בא יעסענינען רעדט זיך אויך וועגן א מאמען, נאָר דער אדרעס איז א פארקערטער: אויב בא אים שרײַבט דער זון א בריוו צו דער מאמען, שרײַבט בא שמולעוויטשן די מאמע א בריוו צום זון. דער כילעק איז א גרויסער: אין יעסענינס פאָרם ווערט די מוטער־ליבע איבערגעגעבן שטארקער, בוילעטער. יעסענינס ליד הייבט זיך אָן פונעם שפרונג אף דער קווארטע (סי — מי). אזא איז איינער פון די כאראקטעריסטישע בײַשפּילן פונעם אָנהייב פון מוזיקאלע ווערק אין די פארשיידנסטע זשאנרען. מיט דער קווארטע הייבט מען אָן לידער אין אינסטרומענטאלע ווערק. מיט דער קווארטע הייבט מען אָפּט אָן רעוואָליוציאָנערע, העראָישע לידער. בײַשפּילן קאָן מען ברענגען זייער פיל. שמולעוויטש הייבט אָן די ליד, ווי שוין געזאָגט, מיט א שפרונג אף דער קווארטע, גיט צו איין טאקט, דערנאָך כאַזערט זיך איבער דער דאָזיקער שפרונג צוויי מאָל.

די דאָזיקע קווארטע באקומט אָבער ניט קיין געוויינלעכן כאראקטער. די קווארטע קלינגט צערטלעך. די פילמאָליקע איבערכאַזערונג רופט ארויס א געפיל, פונקט ווי די מוטער האָט מוירע, עס זאָל דער אָנהייב פון דער ליד ניט פארשאפן, כאָלילע, איר קינד קיין ווייטעק. דערנאָך הייבט זי אָן זינגען פאָרזיכטיק, ניט געײַלט, לאָזנדיק איר קומען צו־זיך. עס ציט צו די אופמערקזאמקײַט די אומנאטירלעכע גרייס פון דער ליד, איר צעצויגנקײַט. טאקע צעצויגנקײַט, ניט לאנגקײַט. באם זינגען די ליד שפּירט מען קיינמאָל ניט די לענג. די אנטוויקלונג פון דער ליד דערפירט ערגעץ צום „גאָלדענעם מיטן", צום לאנג דערווארטן רעפרען מיט די ווערטער „א בריוועלע דער מאמען".

אין די יאָרן, ווען די ליד האָט געהאט דעם גרעסטן דערפאָלג, האָבן איר רעפרען געוווסט ניט בלויז די ייִדן, נאָר אויך די ניט־ייִדישע שכייניש באפעלקערונג. צווישן די שענסטע מוסטערן פון פאָלקסלידער בא פארשיידענע פעלקער קאָן מען אָנרופן די ליד „א בריוועלע דער מאמען".

מיר ברענגען ווײַטער איינִיקע יעדיִעס וועגן שלוימע שמולעוויטשעס ביִאָגראפיע, גענומען פון ז. רייזענס לעקסיקאָן.

שלוימע שמולעוויטש, געבוירן אין פינסק דעם 13 אפּרעל 1868. (דער סאָף פון זײַן לעבנסוועג איז אומבאוווּסט). זײַן מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט מיט אים, ער האָט זיך געהאָדעוועט בא דער שטיפמוטער. קינדווײַז זייער פיל אויסגעשטאנען, געוואקסן מאמעש אף דער גאס. צו 5 יאָר געוואָרן א מעשוירער בא זײַן פאָטער יעהודע־לייב, וועלכער איז געוועזן א כאזן אין וואָלפער שול אין קארלין. מיטיק־צײַט פלעגט שלוימע ביגנייווע ארײַנכאפּן זיך אין כיידער, לערנען זיך שרײַבן דעם אלעפבייס, שפּעטער געלערנט אין טאלמעטוירע. צו 12 יאָר, ווען זײַן טאטע איז געשטאָרבן, קומט ער אָן פאר א לערנייִנגל צו א שנײַדער, דערנאָך איז ער א מעשוירער באם פינסקער כאזן ר' יויעל זעליק, א כאָרזינגער אין א ייִדישער וואנדער־טרופּע. צוריקגעקערט זיך קיין פינסק, האָט אים דער כאזן מער צו זיך אלס מעשוירער ניט גענומען, איז ער געוואָרן א גאסן־זינגער. צו דרײַצן יאָר האָט ער פארפאסט זײַן ערשטע ליד „דער עלנטער יאָסעם". געוואנדערט פון שטאָט צו שטאָט, זינגענדיק לידער, וועלכע ער אליין האָט געשריבן און אליין געשאפן צו זיי מעלאָדיעס.

צו זעכצן יאָר געקומען קיין ווילנע, געוואָרן א יעשיווע־באָכער אין ראמײַלער קלויז, געלערנט זיך שפּילן פידל, אויך רוסיש. שפּעטער זיך באזעצט אין מינסק, געוואָרן פּאָפּולער אלס באדכן, געשריבן לידער מיט מעלאָדיעס פאר פארשיידענע באדכאָנים פון ווילנער גובערניע. געשריבן אויך לידער וועגן טאָג־פראגן, ווי, לעמאָשל, וועגן דעם שטרײַק אין עדעלשטיינס טאבאק־פאבריק אאוו.

ווען ער איז אלט געוואָרן 22 יאָר, איז דערשינען אין א בוך־פאָרם זײַן ערשטע לידער־זאמלונג מיט אזא שארבלאט: „צען נײַע ייִדישע פאָלקסלידער (באגלייט מיט מוזיק און געזאנג) פון שלוימע שמולעוויטש, מינסקער באדכן (דרוק פון ראָזענקראנץ, ווילנע, 1891, ז. 64)".

אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע, איז ער דאָרט אופגעטראָטן מיט קאָנצערטן פון זײַנע אייגענע לידער (די צאָל זייערע איז העכער פון 500). אזעלכע מוזיקאלע פערלען זײַנע, ווי „דאָס טעלערל", „א בריוועלע דער מאמען", „כאווע", „וואַיִטען־לעכאָ", „דאָס בלומען־קרענצעלע" און אנד. האָבן דערגרייכט די פּאָפּולאריטעט פון פאָלקסלידער. ער האָט אויך פארפאסט בא צען איינאקטיקע אָפּערעטעס פארן ייִדישן טעאטער, מוזיקאלע קאָמעדיעס — „דער יוישער" (א לעגענדע וועגן עליִאָהו האנאָווי), „באם בעסדן־שעלמײַלע" אא. א בוך פון 150 רעטענישן (50 רעטענישן זײַנע דערשינען אין 1918 אונטערן נאָמען „אָריגינעלע רעטענישן"). אין 1914 איז ארויס א גרויסער באנד פון שמולעוויטשעס „פּאָעזיע און לידער". פון צײַט צו צײַט האָבן זײַנע ווערק זיך געדרוקט אין פארשיידענע ייִדישע צײַטונגען פון אמעריקע.

איינער פון די לעצטע מאָהיקאנער פון דער באדכאָנישער קונסט, דער יוירעש און פאָרזעצער פון עליִאָקום צונזערס נוסעך, האָט זיך שמולעוויטש אויסגעצייכנט מיט אן עכטן פאָלקס־טאָן: זײַנע פּאָשעטע, ניט געקינצלטע לידער זײַנען דורכגעדרונגען מיט א טיפן מיטגעפיל פאר די ליידן פונעם פאָלק, זיי האָבן אין מעשעך פון פיל יאָרן געשפּײַזט דעם רעפּערטואר פון די ייִדישע פאָלקס־ און גאסן־זינגער אין אמעריקע, ענגלאנד, אמאָל אויך דערגרייכט קיין פוילן און רוסלאנד.

שמולעוויטשעס זיבן זין זײַנען אלע געווען מוזיקאנטן. זײַן איינציקע טאָכטער דאָראָטי איז אויך געווען באוווּסט, ווי אן אויספּילערן פון דעם פאָטערס לידער.

● ● ●

יאַקאָוו קאַפּעליוש
קאַנדידאַט פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

וועגן אײניקע סטאַטיסטישע אָנגאַבן פון דער פאָלקסצײלונג פון 1979

די פאָלקסציילונג פון 1979 האָט פעסטגעשטעלט, אַז הײַנט־צו־טאָג לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד 1 מיליאָן 811 טויזנט ייִדן. דאָס באַטרעפט עפּעס מער פון א האַלבן פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. פון דער צווייטער זײַט זעען מיר, אַז צווישן די הונדערט סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעטן פאַרנעמען די ייִדן דאָס 16־טע אָרט לויט דער צאָל. דאָס זײַנען געוויס אינטערעסאַנטע ציפערן, זיי זײַנען אָבער ווייניק אַף צו באַקומען א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער ראָליע פון די ייִדן און וועגן דעם אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען אין דער סאָוועטישער פעלקער־מישפּאָכע. דער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אַזעלכע אָנגאַבן, וויל פאַרשטייט זיך, וויסן, וויאַזוי זײַנען די ייִדן פאַרשפּרייט איבער דער טעריטאָריע פונעם לאַנד, אין וועלכע ראַיאָנען וווינען זיי מערסטנס, וויפל פון זיי לעבן אין די שטעט, וויפל אין די דערפער, אין וועלכע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט זײַנען זיי באַשעפטיקט, זייער בילדונגס־ניוואָ, זייער אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער קולטור, וועלכע באַציִונגען האָבן זיך אײַנגעשטעלט צווישן זיי און די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אאַוו. אין די מאַטעריאַלן, וועלכע עס פאַרעפנטלעכט רעגולער דער מעלוכישער סטאַטיסטישער אמט, קאָן מען באַקומען א גענויעם ענטפער אַף פיל פון די איבערגערעכנטע פראַגן.

די פאַרשפּרייטונג פון די ייִדן איבער דער טעריטאָריע פונעם לאַנד

אין אָנהייב פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט האָבן קימאַט אַלע ייִדן פונעם צאַרישן רוסלאַנד געלעבט אין דעם טרויעריק באַרימטן טכום־האַמוישעוו. אין אים זײַנען אַרײַן אָנדערהאַלבן צענדליק גובערניעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין די מײַרעוודיקע און דאָרעמדיקע גרענעץ־ראַיאָנען פון דער ריזיקער אימפּעריע. באַזעצן זיך אין אַנדערע ערטער איז די ייִדן געווען פאַרבאָטן. בלויז 6 פּראָצ. ייִדן האָבן געקאָנט האָפן, אַז מע וועט זיי דערלויבן צו לעבן אויסער דעם טכום.

גלײַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די סאָוועטנמאַכט אָפּגעשאַפן די צאַרישע פאַרבאָטן, זי האָט געזיכערט די מעגלעכקײַט

פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן צו באַזעצן זיך אין וועלכן ראַיאָן פון לאַנד זיי פאַרלאַנגען, אָן קיינע באַגרענעצונגען. ייִדן וווינען איצט אין אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, אין דער מערהייט קאַנטן און געגנטן פון אונדזער היימלאַנד. אין 1979 האָבן אין רספּסר געלעבט 701 טויזנט ייִדן, אַף אוקראַיִנע — 634 טויזנט, אין ווייסרוסלאַנד — 135 טויזנט, אין אוזבעקיסטאַן — 100 טויזנט, אין מאָלדאַוויע — 80 טויזנט, אין אַזערבײַדזשאַן — 35 טויזנט, אין גרוזיע און לעטלאַנד — צו 28 טויזנט, אין טאַדזשיקיסטאַן און אין ליטע — צו 15 טויזנט, אין עסטלאַנד — 5 טויזנט, אין קאַזאַכסטאַן, קירגיזיע, טורקמעניע און אַרמעניע — 35 טויזנט ייִדן.

פון די סך־הכּלען פון דער פאָלקסציילונג פון 1970 (די גענויע ציפער פון דער פאָלקסציילונג פון 1979 זײַנען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט) דערוויסן מיר זיך, אַז די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען אַ פאַרהעלטנסמעסיק פּילצאָליקע נאַציאָנאַליטעט אין קימאַט הונדערט אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלע איינסן פונעם לאַנד. דאָס באַטײַט, אַז די ייִדן זײַנען זייער ברייט פאַרשפּרייט איבער דער טעריטאָריע פון רספּסר. מערער פון די ייִדן זײַנען פאַרשפּרייט איבערן לאַנד בלויז פיר נאַציאָנאַליטעטן (רוסן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, טאָטערן).

אין דער זעלבער צײַט איז צו באַמערקן, אַז די פאַרשפּרייטונג פון די ייִדן איבער באַזונדערע געגנטן איז ניט קיין גלײַכמעסיקע. אין איינע געגנטן זײַנען פאַראַן ביז גאָר ווייניק ייִדן. דאָס זײַנען די אַמורער, וואָלאָגדער, וולאַדימירער, טאַמבאָווער, נאָווגאָראָדער, פּענזער, קאָסטראָמער, ריאַזאַנער געגנטן, אודמורטער, טשוואַשער, מאָרדווינער, קאַלמיקישע אויטאָנאָמע רעפּובליקן. אין אַנדערע געגנטן שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ גאַנץ מערקבאַרע סוויווע. אין לענינגראַדער געגנט, אַשטייגער (אַרײַנגערעכנט די שטאָט לענינגראַד), זײַנען די ייִדן די צווייטע נאַציאָנאַליטעט לויט דער צאָל, אין בריאַנסקער, דניעפּראָפּעטראָווסקער, וואָראָניעזשער, וויניצער, טשערניגאָווער, טשערקאַסער, כאַרקאָווער, מאָהילעווער, מאָסקווער, ניקאָלײַעווער, פּאָלטאַווער געגנטן זײַנען די ייִדן די דריטע נאַציאָנאַליטעט לויט דער צאָל, אין נאָך דרײַצן געגנטן — די פערטע, אין צוואַנציק געגנטן און רעפּובליקן — די פינפטע. דער אַנאַליז באַווײַזט, אַז די ייִדן באַזעצן זיך אָפּטער פון אַלץ אין די געגנטן, וועלכע פאַרמאָגן אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע.

אין די סאָוועטישע יאָרן האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל ייִדן, וועלכע וווינען אין רספּסר: אויב אין 1926 האָט דאָ זייער צאָל באַטראָפן בערך 22 פּראָצ. פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּססר, האָט אין די יאָרן 1959—1979 זייער צאָל דערגרייכט מער פון 38 פּראָצ. די איבעריקע 62 פּראָצ. לעבן אין די אַנדערע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

די ייִדן לעבן, אַלס קלאַל, אין די שטעט. שוין די ציילונג פון 1897 האָט באַוויזן, אַז אין די שטעט האָבן דעמלט געוווינט 49 פּראָצ. ייִדן, אין די שטעטלעך — 33 פּראָצ., אין די דערפער — 18 פּראָצ. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן די ייִדן צו קויפן ערד און אַרבעטן אַף איר, זי האָט די ספערע פון זייער טעטיקייט באַגרענעצט מיט שטאָטישע באַשעפטיקונגען: מעלאָכעס, קליין־האַנדל אאַז״וו. אין דער זעלבער צײַט האָט דער טכום פאַרמאַכט פאַר די ייִדן דעם צוטריט אין דער אינדוסטריע, אין דער וויסנשאַפט, וועלכע האָבן זיך דעמלט קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט מיזרעכדיקער און צאָפנדיקער פונעם טכום. די סאָוועטנמאַכט האָט ברייט צעעפנט פאַר די ייִדן אויך די דאָזיקע טירן. אין 1926 האָבן אין מאָסקווע, לענינגראַד און קיִעוו שוין געלעבט 365 טויזנט ייִדן, קימאַט אין 8 מאָל מער, איידער אין 1897. אינגאַנצן גענומען איז באַ די ייִדן דער פּראָצענט פון שטאָטישע אײַנוווינער צום יאָר 1926 אויסגעוואַקסן ביז 82. די פאָלקסציילונג פון 1959 האָט פאַרפיקסירט אין די דאָרפישע געגנטן בלויז 4,4 פּראָצ. פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. צום יאָר 1970 האָט די צאָל דאָרפישע ייִדן זיך פאַרקירצט מער ווי אין צוויי מאָל — זי איז דערגאַנגען ביז 2,1 פּראָצ., אַנטשפּרעכיק איז די צאָל שטאָטישע ייִדן אויסגעוואַקסן ביז 97,9 פּראָצ. עס איז לײַכט צו פאַרשטיין, אַז הײַנט־צו־טאָג האָט די לעצטע ציפער זיך אופגעהויבן נאָך העכער, זי דערנעענטערט זיך ביז 100 פּראָצ. ניטאָ נאָך אין נאַציאָנאַליטעט, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזאַ גרויסע צאָל שטאָטישע אײַנוווינער.

צווישן די שטאָטישע אײַנוווינער פון לאַנד פאַרנעמען די ייִדן לויט דער אַלגעמיינער צאָל אַ העכער אָרט לויט דער נאַציאָנאַליטעטן־שקאַלע אין פאַרגלײַך מיט אַזאַ מין שקאַלע פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. לויט די אָנגאַבן פון 1970 פאַרנעמען די ייִדן דאָס זיבעטע אָרט צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון פּססר (נאָך די רוסן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, טאָטערן, אַרמענער, אוזבעקן), און אין באַזונדערע שטעט פאַרנעמען זיי אין אַ סאַך פאַלן דאָס פערטע, דריטע און אפילו דאָס צווייטע אָרט (לעמאָשל, אין מאָסקווע און לענינגראַד).

די סטאַטיסטיק באַווײַזט, אַז די ייִדן וווינען, אין גרונט גענומען, אין די גרויסע אַדמיניסטראַטיוו צענטערס. גראָד דאָרט בילדן זיי אַ באַזונדערס קענטיקע פאַרהעלטנסמעסיקע צאָל. אויב אין דער מערהייט רעפּובליקן און געגנטן דערגרייכט ניט די צאָל ייִדן אין די ניט צענטראַלע שטעט אפילו קיין 1 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג, דערגייט אָבער אין די רעפּובליקאַנישע און געגנטלעכע צענטערס די צאָל פון די ייִדן אין פיל פאַלן ביז העכער 5—10 פּראָצ.

דער בײַטראָג אין דער עקאָנאָמיק און קולטור

ווי באוווסט, זײַנען אין די גרויסע שטעט פאראן גינסטיקערע באדינגונגען אָף צו באקומען הויכבילדונג, נעמען אן אקטיוון אָנטייל אינעם ווירטשאפטלעכן און קולטור־לעבן פונעם לאנד. דאָרט זײַנען קאָנצענטרירט אינסטיטוטן און טעכניקומען, וויכטיקע אונטערנעמונגען און אנשטאלטן. אָבער ביז דער רעוואָליוציע פלעגן די צארישע סאטראפּן אכטונג געבן, אז די אײַנגעשטעלטע דורך זיי גאָר קליינע פּראָצענט־נאָרמע פאר די ייִדישע קינדער אין די לערן־אנשטאלטן זאָל ניט געהעכערט ווערן. די מערהײַט ייִדישע מישפּאָכעס זײַנען ניט בעקויעך געווען בײַצוקומען אויך עקאָנאָמישע שטערונגען — דעם הויכן סכארלימעד. אין די צארישע מעלוכע־אנשטאלטן פלעגט מען קיין ייִדן בײַכלאל ניט אָננעמען אָף ארבעט.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געמאכט א סאָף צו די דאָזיקע שטערונגען און געגעבן די ייִדן, פּונקט ווי די בירגער פון יעטווידער אנדער נאציִאָנאליטעט, אן עכטע מעגלעכקײַט צו לערנען און פּרוכטבאר זיך מיִען. שוין אָפן צענטן יאָר פון דער סאָוועטנמאכט, אין 1926, האָט מער ווי א העלפט ייִדן געארבעט אין מעלוכע־אונטערנעמונגען אָדער געלערנט זיך. בײַ דער ייִדישער באפעלקערונג זײַנען שוין דעמלט געווען 76 פּראָצענט גראמאָטנע צווישן די מאנצבילן, 69 פּראָצענט צווישן די פרויען.

אזא „שנעלער סטארט“ האָט געגעבן די ייִדן די מעגלעכקײַט צו פארהיטן אויך אָף ווײַטער דעם הויכן ניוואָ פון זייער בײַטראָג אינעם עקאָנאָמישן לעבן פונעם סאָוועטן־לאנד און אין זײַן קולטור־פּאָטענציִאל. אויב מע זאָל, אשטייגער, פון דעם שטאנדפּונקט א קוק טאָן אָף דער צאָל ייִדן, וועלכע זײַנען דיפּלאָמירטע ספּעציִאליסטן, קאָן מען זען, אז דאָס אָרט, וואָס זיי פארנעמען צווישן די דיפּלאָמירטע ספּעציִאליסטן, וועלכע זײַנען באשעפטיקט אין דער פאָלקסווירטשאפט פונעם לאנד, איז א סאך העכער איידער דער זעלבער צײַגער פאר דער גאנצער באפעלקערונג. צום אָנהייב פונעם יאָר 1965 זײַנען אין דער פאָלקסווירטשאפט פון פססר געווען באשעפטיקט 482,4 טויזנט ייִדן, וועלכע האָבן געהאט דיפּלאָמען פון הויכשולן און טעכניקומס, זיי האָבן, אזוי ארום, פארנומען צווישן אלע נאציִאָנאליטעטן פון פססר דאָס דריטע אָרט נאָך די רוסן און אוקראַיִנער. מע דארף צוגעבן, אז 322,7 טויזנט האָבן געהאט פארענדיקטע הויכבילדונג — דאָס באטרעפט 7 פּראָצ. פון דער אלגעמיינער צאָל מענטשן מיט הויכבילדונג, וועלכע זײַנען באשעפטיקט אין דער פאָלקסווירטשאפט פונעם לאנד. מיר וועלן דאָ באמערקן, אז אָף די רוסן קומט אויס 59 פּראָצ., אָף די אוקראַיִנער — 15 פּראָצ. און אָף אלע איבעריקע נאציִאָנאליטעטן — 19 פּראָצ. קיין אָנגאבן וועגן די ווײַטערדיקע יאָרן זײַנען ניט פּובליקירט געוואָרן, עס איז אָבער פאראן א גרונט צו האלטן, אז די ענדערונגען זײַנען ניט זייער גרויס.

דער בילדונגס־ניוואָ פון די ייִדן אין פססר אינגאנצן גענומען איז גענוג הויך. אין 1970 איז אָף יעדער טויזנט ייִדן אויסגעקומען צו 660—824 מענטשן מיט בילדונג העכער פון 7 קלאסן. אין גאנץ פססר באטרעפט די דאָזיקע ציפער 483. די סאָוועטישע ייִדן האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן, זיי האָבן פאר וואָס צו זאָגן א דאנק דער סאָוועטנמאכט.

א סאך ייִדישע יוגנטלעכע לערנען זיך אין די הויכשולן און טעכניקומס. אין 1970 האָבן זיך געלערנט — באכערים 110 טויזנט און מיידלעך 41 טויזנט. צווישן אלע סטודענטן פון די הויכשולן פון לאנד האָבן די ייִדן פארנומען אין 1970 לויט דער אבסאָליוטער צאָל דאָס פינפטע אָרט, נאָר לויט דער לעפּיערעכדיקער גרייס (לויטן פּראָצענט צו דער צאָל מענטשן פון דער געגעבענער נאציִאָנאליטעט) האָבן זיי פארנומען דאָס ערשטע אָרט. אָט די לאגע האָט זיך פארהיט אויך אין די ווײַטערדיקע יאָרן, טראָץ דעם, וואָס די אבסאָליוטע צאָל ייִדן־סטודענטן איז קלענער געוואָרן. אין 1976/77־טן לערניאָר האָבן אין די הויכשולן זיך געלערנט 66,9 טויזנט ייִדן. דאָס באטײַט, אז אָף יעדע 10 טויזנט ייִדן זײַנען געווען 311 סטודענטן, אין 1978/79־טן לערניאָר — 329 סטודענטן.

א היפּש ביסל ייִדן־סטודענטן לערנען זיך אין די מאָסקווער הויכשולן. אין 1978/79־טן לערניאָר — 11,5 טויזנט — ארום 2 פּראָצ. פון אלע מאָסקווער סטודענטן, דאָס דריטע אָרט נאָך די רוסן און אוקראַיִנער.

אָט ווי עס וואקסט די צאָל סאָוועטישע ייִדן מיט הויכבילדונג: אין 1960 — 291 טויזנט, אין 1970 — 357 טויזנט, אין 1973 — 375 טויזנט, אין 1975 — 385 טויזנט, אין 1977 — 389 טויזנט.

יענע, וואָס נאָכן פארענדיקן די הויכשול ווײַזן ארויס א כיישעק צו פארנעמען זיך מיט וויסנשאפטלעכער ארבעט און פארמאָגן דערצו די געהעריקע פײַיִקײַטן, אויב זיי האלטן אויס מיט דערפאָלג די אנטשפּרעכיקע עקזאמענעס און דעם קאָנקורס, קומען אָן אין דער אספּיראנטור. אין 1973 זײַנען בײַ אונדז אין לאנד געווען 3,5 טויזנט אספּיראנטן־ייִדן. דאָס איז דאָס דריטע אָרט נאָך די רוסן (60,6 טויזנט) און אוקראַיִנער (12,3 טויזנט).

דאָס בילד באווײַזט דעם בײַטראָג פון די סאָוועטישע ייִדן אינעם וויסנשאפטלעכן פּאָטענציִאל פון אונדזער היימלאנד, מאכט א שטארקן אײַנדרוק. פון אומגעפער 25 ייִדן (אײַנגעשלאָסן אין דער צאָל אויך זקיינים און קינדער) ארבעט איינער אין דער וויסנשאפט. די אָנגאבן פון דער טאבעלע, וואָס מיר ברענגען ווײַטער, באווײַזן, אז די צאָל ייִדן — וויסנשאפט־טוער וואקסט פון יאָר צו יאָר. פאר א

פערטל יאָרהונדערט איז זי אויסגעוואקסן קיימאט אין דרייַ מאָל. ייִדן־געלערנטע גייען אריַין אינעם ערשטן דרייַלינג פון דער פילפעלקערדיקער מישפּאָכע סאָוועטישע געלערנטע. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע ציפערן, וועלכע טראָגן אריַין מער קלאָרקייַט אין אָט דעם איניען. 1950 יאָר: די אלגעמיינע צאָל וויסנשאפטטוער אין לאנד באטרעפט 162,5 טויזנט מענטשן, דערונטער רוסן — 98,9 טויזנט; ייִדן — 25,1 טויזנט; אוקראַיִנער — 14,7 טויזנט; גרוזינער — 4,3 טויזנט, ארמענער — 3,9 טויזנט; וויַיסרוסן — 2,7 טויזנט. 1975 יאָר: די אלגעמיינע צאָל וויסנשאפט־טוער — 1.223,4 טויזנט מענטשן, דערונטער רוסן — 818,2 טויזנט; אוקראַיִנער — 134,2 טויזנט; ייִדן — 69,4 טויזנט; ארמענער — 26,8 טויזנט. וויַיסרוסן — 26,5 טויזנט; גרוזינער — 22,7 טויזנט. ווי באדייַטנדיק עס איז דער וווּקס פון דער אלגעמיינער צאָל געלערנטע, אויך די צאָל געלערנטע בא יעדער פון די אָנגערופענע, ווי אויך בא אנדערע נאציאָנאליטעטן פונעם לאנד!

ייִדן וויסנשאפט־טוער

יאָרן	די צאָל ייִדן — וויסנשאפט־טוער: אין טויזנטער	די צאָל ייִדן — וויסנשאפט־טוער: אין פּראָצענטן צו דער אלגעמיינער צאָל וויסנשאפט־טוער אין פּסר	דאָס אָרט פון ייִדן צווישן די וויסנשאפט־טוער פון אנדערע נאציאָנאליטעטן (לויט דער אבסאָלוטער צאָל)
1950	25,1	15,5	2
1960	33,5	9,5	3
1965	53,2	8,0	3
1969	63,7	7,2	3
1971	66,8	6,7	3
1973	67,7	6,1	3
1975	69,4	5,7	3

פון דער טאבעלע איז צו זען א געוויסע פארקלענערונג פון דער צאָל ייִדן צווישן אלע וויסנשאפט־טוער פון סאָוועטנפארבאנד: פון 15,5 פּראָצ. אין 1950 ביז 5,7 אין 1975. די דאָזיקע ציפערן דארפן ניט און קאָנען ניט ארויסרופן קיין כידעש באם לייענער, וואָס טראכט זיך ווי געהעריק אריַין אינעם טעקסט. די קאָמוניסטישע פארטיי פירט אָן מיטן פּראָצעס פון דער אנטוויקלונג פון אלע און פון יעדער באזונדער נאציאָנאליטעט אין לאנד. מיט פארגייכערטע טעמפּן וואקסט די צאָל געלערנטע, וועלכע קומען פון פעלקער, אין דער פארגאנגענהייַט אָפּגעשטאנענע און אונטערדריקטע דורכן צאריזם. לעמאָשל, וויסנשאפט־טוער — אוזבעקן זייַנען אין 1950 געווען סאכאקל 845 מענטשן, אין 1975 יאָר — 16.062; טאדזשיקן, אנטשפּרעכיק, 168 און 3.235. מע דארף געדענקען, אז די צאָל ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד איז לערעך ניט גרויס — 0,7 פּראָצ. פון דער גאנצער באפעלקערונג פון אונדזער לאנד, אָבער צווישן די וויסנשאפט־טוער — מער פון 5 פּראָצ. די צאָל אוזבעקן איז צווישן דער באפעלקערונג פון לאנד א פיל גרעסערע — 4,7 פּראָצ., אָבער צווישן די וויסנשאפט־טוער — נאָך אלץ אומפּראָפּאָרציאָנעל זייער קליין — 1,3 פּראָצ.

קעדיי אויספורעמען און דערציִען אינעם באטראכטן היסטאָריש קורצן טערמין מער ווי א מיליאָניקע ארמיי וויסנשאפט־טוער, אן ארמיי, אין וועלכער עס גייען אריַין צענדליקער נאציאָנאליטעטן, זייַנען נייטיק קאדרען פון דער העכסטער קוואליפיקאציע — קאנדידאטן פון וויסנשאפטן, דאָקטאָרס פון וויסנשאפטן. די סאָוועטישע ייִדן מעגן זייַן שטאָלץ: זייער כיילעק אינעם שאפן די דאָזיקע קאטעגאָריע וויסנשאפט־טוער איז גוט קאָנטיק. אין 1973 האָבן העכער 41 פּראָצ. ייִדן, וועלכע ארבעטן אין די לערן־אנשטאלטן, וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן און לאבאָראטאָריעס, געהאט א טיטל פון א געלערנטן. באזונדערס גרויס איז דער טייל ייִדן, וועלכע טראָגן דעם טיטל דאָקטאָרס פון וויסנשאפטן. אין 1973 איז אין סאָוועטנפארבאנד געווען 29,8 טויזנט דאָקטאָרס פון וויסנשאפטן, צווישן זיי רוסן — 16,6 טויזנט; ייִדן — 4,2 טויזנט; אוקראַיִנער — 2,9 טויזנט; גרויזינער — 1,2 טויזנט; ארמענער — 1,1 טויזנט. יעדער זיבעטער דאָקטאָר פון וויסנשאפטן בא אונדז אין לאנד איז א ייִד. אין 1977 האָט די צאָל ייִדן דאָקטאָרס פון וויסנשאפטן זיך פארגרעסערט ביז 4,4 טויזנט, קאנדידאטן פון וויסנשאפטן — ביז 25,7 טויזנט, און די אלגעמיינע צאָל ייִדן — וויסנשאפט־טוער איז שוין העכער פון 44 פּראָצ.

פילזאָגנדיק זייַנען די ציפערן, וועלכע גיבן א בילד וועגן דעם בייַטראָג פון די סאָוועטישע ייִדן אויך אין די אנדערע צווייַגן פון אונדזער קולטור. אין 1970 איז פאָרגעקומען דער דריטער שרייַבער־צוזאמענפאָר פון רספסר. צווישן די 488 דעלעגאטן זייַנען געווען: רוסן — 305, ייִדן — 77, טאָטערן — 18, טשוואשן — 12, אוקראַיִנער — 12. לויט די אָנגאבן אפן יאָר 1978 באטרעפט בא אונדז אין לאנד די צאָל ייִדן צווישן די טוער פון דער ליטעראטור און פּרעסע

6,5 פראָצ., צווישן די טוער פון דער קולטור און קונסט — 5,2 פראָצ., צווישן די מעדיצין־טוער — 3,4 פראָצ., צווישן די יוריסטן פון פארשיידענע פראָפילן — 6,7 פראָצ.

וועגן דעם, ווי דערפאָלגרײַך די ייִדן ארבעטן אין די אָנגערופענע געביטן, ריידן גענוג לאקאָניש און איבערצײַגנדיק אזעלכע אָנגאבן: אין מעשעך פון פיל יאָרן (1941—1980) באטרעפן די ייִדן צווישן דער אלגעמיינער צאָל לאורעאטן פון דער לענין־פּרעמיע און מעלוכישער פּרעמיע אין געביט פון וויסנשאפט און טעכניק, ליטעראטור, קונסט און ארכיטעקטור ניט ווייניקער ווי א צענטכיילעך.

לאָמיר אף א ווײַלע איבערײַסן דעם האסטיקן לויף פון די ציפערן. לאָמיר א בלעטער טאָן די צײַטונגען פאר די לעצטע יאָרן. צווישן די לאורעאטן פון 1978 טרעפן מיר אזעלכע נעמען: דאָקטאָר פון ביִאָלאָגישע וויסנשאפטן גענין אבראם מאָיסייעוויטש, דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאפטן מייערסאָן פעליקס זאלמאנאָוויטש, דירעקטאָר פון א זאוואָד קליגערמאן היינריך לוואָוויטש, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאפטן צוקערמאן וועניאמין אראָנאָוויטש, דאָקטאָר פון פיזיש־מאטעמאטישע וויסנשאפטן יעלינסאָן מארדוך איליטש, עלעקטראָטעכניקער ראבינאָוויטש סאמויִל איסאקאָוויטש, ארכיטעקטאָר קאָסארזשעווסקי וואָליא יאָסיפאָוויטש, צווישן די לאורעאטן פון 1979: דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאפטן גאָראָן איסאק יעווסייעוויטש, קאנדידאט פון געאָלאָגיש־מינעראלאָגישע וויסנשאפטן צינאָבער לעאָניד יאָסיפאָוויטש, הויפּט־שמעלצער פון שטאָל בא א מעטאלורגישן זאוואָד קרולעוועצקי סעמיאָן אראָנאָוויטש, שעף פון א קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ וועליקאָוויטש וולאדימיר יאָסיפאָוויטש, דאָקטאָר פון קונסט־קענטעניש זילבערשטיין איליא סאמאָילאָוויטש, רעזשיסער נאָרשטיין יורי באָריסאָוויטש, קאָמפּאָזיטאָר פראדקין מארק גריגאָריעוויטש. צווישן די לאורעאטן פון 1980 יאָר: אקאדעמיקער בראונשטיין אלעקסאנדער יעווסייעוויטש, דאָקטאָר פון כימישע וויסנשאפטן אבקין אבראם דאווידאָוויטש, דאָקטאָר פון פיזיש־מאטעמאטישע וויסנשאפטן קרינסקי וואלענטין איזראִילעוויטש, גענעראל־דירעקטאָר פון א וויסנשאפטלעך־פּראָדוצירישער פארייניקונג בירגער אבראם איסאקאָוויטש, סצענאריסט סלאווין קושעל לייבאָוויטש, קינאָ־רעזשיסער גוטמאן איליא סעמיאָנאָוויטש, פאָלקס־ארטיסט פון פססר רײַקין ארקאדי איסאקאָוויטש און פיל־פיל אנדערע.

לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו די ציפערן און ווידער דערמאָנען: די ייִדן באטרעפן פינף־זעקס פּראָצ. צווישן די טוער פון שעפערישע פאכן, צען פּראָצ. צווישן די לאורעאטן פון די סאמע בעקאָוועדיקע פּרעמיעס. דער בײַטראָג פון די סאָוועטישע ייִדן אין דער עקאָנאָמיק און קולטור פון אונדזער היימלאנד איז א גאנץ היפשער, געוויסנהאפטיקע ארבעט באקומט אל־פאָלקישע אנערקענונג.

אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן די סאָוועטישע ייִדן מוטיק פארטיידיקט דאָס היימלאנד אקסל צו אקסל מיט די אנדערע סאָוועטישע פעלקער. אין מײַ 1965, ווען דער סאָוועטנפארבאנד האָט געפײַערט דעם 20־טן יאָרטאָג פונעם ניצאָכן איבערן דײַטשישן פאשיזם, האָט די צײַטונג „פּראוודא" אָפּגעדרוקט א רעשימע פון פאָרשטייער פון דרײַסיק סאָוועטישע נאציאָנאליטעטן, וועלכע זײַנען באערט מיטן טיטל העלד פונעם סאָוועטנפארבאנד. צווישן זיי זײַנען 7.998 רוסן, 2.021 אוקראִינער, 299 ווײַסרוסן, 161 טאָטערן, 107 ייִדן, 96 קאזאכן אאוו. לויט יעדיִעס, וועלכע זײַנען פארפינקטלעכט געוואָרן שפּעטער, דערגרייכט די צאָל ייִדן — העלדן פון סאָוועטנפארבאנד 132, צווישן זיי — באלוינטע מיט אָט דער העכסטער מעלוכע־אויסצייכענונג צוויי מאָל.

דאָס היימלאנד שעצט הויך די העלדנטאטן פון זײַנע זין און טעכטער אין די שלאכטן און אין דער ארבעט. צווישן די ייִדן זײַנען פאראן ניט ווייניק העלדן פון סאָציִאליסטישער מי. לויט די אָנגאבן צום אָנהייב פון 1975 האָט זייער צאָל באטראָפן 80 מענטשן, דערונטער אזעלכע, וועלכע האָבן צוויי מאָל באקומען דעם גאָלדענעם שטערן „סערפּ און האמער" — 4 מענטשן, דרײַ מאָל — 3 מענטשן. אין מארט 1970 האָט די צײַטונג „איזוועסטיִא" געשריבן, אז קימאט 340 טויזנט ייִדן זײַנען פאר די דערפאָלגן אין דער ארבעט און פארן אָנטייל אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע באלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאלן פונעם סאָוועטנפארבאנד.

די דערנעענטערונג מיט די אנדערע נאציִאָנאליטעטן

דאָס באזעצן זיך פון די ייִדן אף די טעריטאָריעס פון אלע פארבאנדישע רעפּובליקן, דער הויכער בילדונגס־ניוואָ זייערער און אנדערע פאקטאָרן פארגיכערן דעם פּראָצעס פון דער דערנעענטערונג מיט די שכיינישע נאציִאָנאליטעטן. באזונדערס קלאָר רעדט וועגן דעם די צאָל ייִדן, וואָס באהערשן פרײַ די פארשיידענע שפּראכן פון די פעלקער פון פססר. די פאָלקסציילונג פון 1970 האָט באוויזן, אז ארום 95 פּראָצ. ייִדן באהערשט פרײַ רוסיש, 33 פּראָצ. — אנדערע שפּראכן פון די פעלקער פון אונדזער לאנד. 78 פּראָצ. האָבן אין 1970 געהאלטן די רוסישע שפּראך פאר זייער מוטערשפּראך. לויט דער ציילונג פון 1979 האָט די

פאַרשפּרייטונג פון רוסיש צווישן די ייִדן דערגרייכט קימאַט 100 פּראָצ. אין 1926 האָבן 71,9 פּראָצ. סאָוועטישע ייִדן געהאַלטן ייִדיש פאַר זייער מאַמע־לשון, אין 1959 — 21,5 פּראָצ., אין 1970 — 17,7 פּראָצ., אין 1979 — 14,2 פּראָצ.

צווישן די ייִדן, וועלכע האַלטן ניט ייִדיש פאַר זייער מאַמע־לשון, זײַנען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען לייענען און שרײַבן ייִדיש. אין 1970 האָט די צאָל אַזעלכע ייִדן אין פסס״ר באַטראָפן 25,4 פּראָצ. אין אייניקע רעפּובליקן איז די דאָזיקע ציפער העכער (אין ליטע — 63,2 פּראָצ., אין מאָלדאַוויע — 52,2 און לעטלאַנד — 49,4 פּראָצ.), אין אַנדערע נידעריקער (אין טאַדזשיקיסטאַן — 21,8 פּראָצ., אין רספס״ר — 21,2 פּראָצ., אויף אוקראַיִנע — 20,3 פּראָצ.).

אין די שטעט איז ייִדיש פאַרשפּרייט שוואַכער, איידער אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען. אין 1970, לעמאָשל, האָבן ייִדיש גערופן מאַמע־לשון אין די דערפער פון אוקראַיִנע 36,3 פּראָצ. ייִדן, אין די שטעט פון אוקראַיִנע — 12,8 פּראָצ., אין קיִעוו — 8,0 פּראָצ.; אין די דערפער פון רספס״ר — 18,6 פּראָצ., אין די שטעט פון רספס״ר — 11,6 פּראָצ., דערונטער אין מאָסקווע — 7,6, אין לענינגראַד — 5,1 פּראָצ. די דאָזיקע ציפערן באַשטעטיקן דעם לאַנג־באַוווּסטן אויספיר, אַז די אַסימילאַציע־פּראָצעסן גייען דורך גיכער אין די גרויסע שטעט.

וו. אי. לענין האָט דורכגעפירט אַ בולטע גרענעץ צווישן גוואַלד־אַסימילאַציע און נאַטירלעכער פרײַוויליקער אַסימילאַציע, ער האָט ניט איין מאָל באַטאָנט, אַז די מאַרקסיסטן פאַרורטיילן שאַרף די גוואַלד־אַסימילאַציע און באַגריסן די נאַטירלעכע. אין זײַן ווערק „קריטישע נאָטיצן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע" האָט וו. אי. לענין געשריבן: „דער פּראָלעטאַריאַט... באַגריסט יעטווידע אַסימילאַציע פון די נאַציעס, אויסער דער גוואַלד־אַסימילאַציע אָדער אַזאַ, וועלכע שטיצט זיך אויף פּריווילעגיעס... ער האַלט אונטער אַלץ, וואָס העלפט אָפּווישן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, העלפט, עס זאָלן פאַלן די נאַציאָנאַלע מעכיצעס, אַלץ, וואָס מאַכט די פאַרבינדונגען צווישן די נאַציאָנאַליטעטן ענגער און ענגער, אַלץ, וואָס פירט צו דער צונויפגיסונג פון די נאַציעס". רעדנדיק וועגן דער נאַטירלעכער אַסימילאַציע פון די ייִדן, האָט ער אָפּגעמערקט, אַז קעגן דעם „קאָנען שרײַען בלויז די ייִדישע רעאַקציאָנערע באַלעבעסלעך, וועלכע ווילן אַ קערעווע טאָן אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע". קעגן אַזאַ אַסימילאַציע זײַנען קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן „יענע וועלט־היסטאָרישע באַרימטע בעסטע מענטשן פונעם ייִדנטום, וועלכע האָבן געגעבן דער וועלט פאָרגעשריטענע פירער פון דער דעמאָקראַטיע און פונעם סאָציאַליזם".

דער אַסימילאַציע־פּראָצעס פון די סאָוועטישע ייִדן כאַראַקטעריזירט זיך ניט בלויז דערמיט, וואָס עס ווערט ווייניקער פאַרשפּרייט דאָס ייִדיש־לשון. אַ קענטיקע ראָליע שפּילן דאָ די געמישטע כאַסענעס. עס איז באַוווּסט, אַז דער יודאַיִזם פאַרורטיילט שטרענג געמישטע כאַסענעס. אַ ייִדישער מאַנצבל אָדער אַ ייִדישע פרוי, וועלכע פלעגן פאַרבינדן זייער לעבן מיט ניט־ייִדן, זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון כּלל־ייִשׂראל, נאָך זיי פלעגט מען זאָגן אַ הספּד, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם. די שטרענג רעליגיעזע כּללים זײַנען טיילווײַז אָפּגעהיט געוואָרן אויך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע, באַזונדערס אויף אוקראַיִנע און אין ווײַסרוסלאַנד, דה. אויף די טעריטאָריעס, וועלכע האָבן ביז דער רעוואָליוציע געהערט צום תּחום. אין 1927, לעמאָשל, האָבן אין די דאָזיקע ראַיאָנען די כאַסענעס פון ייִדן מיט פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן באַטראָפן ניט מער פון 5 פּראָצענט. אַן אַנדער בילד איז אינעם זעלבן 1927 געווען אין רספס״ר, ווו ייִדן האָבן געלעבט הויפּטזאַכלעך אין די גרויסע שטעט און געקומען אַהין אומגעפער ניט לאַנג צוריק, — דאָ האָבן די כאַסענעס פון ייִדישע מיידלעך מיט ניט־ייִדישע באָכערים דערגרייכט ביז 20 פּראָצ., און די כאַסענעס פון ייִדישע באָכערים מיט מיידלעך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן (אַלס כּלל, מיט רוסישע מיידלעך) איז דערגאַנגען ביז 27 פּראָצענט. אין 1964 האָבן אין לעטלאַנד די כאַסענעס פון ייִדישע באָכערים מיט רוסישע, לעטלענדישע מיידלעך און מיט מיידלעך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן דערגרייכט שוין 36 פּראָצענט. די פאָרשונגען, וועלכע זײַנען דורכגעפירט אין די בײַבאַלטישע רעפּובליקן אין די יאָרן 1960—1968, האָבן באַוויזן, אַז געמישטע כאַסענעס זײַנען מער פאַרשפּרייט אין די גרויסע שטעט. אַשטייגער, די צאָל כאַסענעס פון ייִדישע באָכערים מיט מיידלעך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן דערגרייכט אין ריגע 50 פּראָצענט, אין טאַלין — 70 פּראָצענט.

די פאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז די געמישטע מישפּאָכעס, באַזונדערס אין אַזעלכע, ווו עס פאַרייניקן זיך ייִדן און רוסן, נעמען די קינדער פאַר זיך מערסטנטייל די רוסישע נאַציאָנאַליטעט: אין ווילנע 86 פּראָצ., אין טאַלין — 90 פּראָצ., אין ריגע — מער פון 93 פּראָצ. די דאָזיקע פאַקטן זײַנען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די אַנדערע ראַיאָנען פון לאַנד.

די פאָלקסציילונגען אין פסס״ר באַווײַזן, אַז עס ווערט אַלץ קלענער די צאָל ייִדן: אין 1959 זײַנען אין לאַנד געווען 2.268 טויזנט ייִדן, אין 1970 יאָר — 2.151 טויזנט, אין 1979 — 1.811 טויזנט. דער הויפּט־פאַקטאָר אין אָט דעם פּראָצעס איז די אַסימילאַציע, וועלכע לענין האָט באַצייכנט אַלס דער גרעסטער היסטאָרישער פּראָגרעס. מיר וועלן דאָ אָפּמערקן, אַז די פאַרקלענערונג פון דער צאָל ייִדן איז פאַרבונדן אויך מיט די אייגנטימלעכקײַטן פון דער מעטאָדיק פון פירן די פאָלקסציילונגען. די מעטאָדיק איז אַזאַ, אַז קיינע דאָקומענטן דאַרף מען די איבערשרײַבער ניט צושטעלן. אַלע יעדיִעס ווערן פאַרשריבן לויט די רייד פון די, וואָס ענטפערן

אף די פראגן. א באשטימטע צאָל ייִדן, קוידעמקאָל די יוגנט, וואָס האָט ניט געפילט קיין שום כילעק, דערונטער אין דער נאציִאָנאַלער און קולטור־הינזיכטן, צווישן זיך און זייערע כאווײרים אף דער ארבעט צי אין שול, האָבן געענטפערט אף די פראגן פונעם איבערשרײַבער אזוי, ווי זייערע כאווײרים: א רוס, אן אוקראַיִנער אדג. אנדערע, ווידער, האָבן געענטפערט אף אן אנדער אויפן: א סאָוועטישער מענטש. אנאלאָגיש האָבן זיך געפירט אויך די עלטערן, ווען זיי האָבן געענטפערט אף דער פראגע וועגן דער נאציִאָנאליטעט פון זייערע מינדעריעריקע קינדער.

די גאנצע געשיכטע פון די סאָוועטישע ייִדן איז א באשטעטיקונג פון לעניִנס ווערטער וועגן די „גרויסע וועלט־היסטאָרישע פּראָגרעסיווע שטריכן פון דער ייִדישער קולטור: איר אינטערנאציִאָנאליזם, איר פילבארקײַט צו די פּאָרגעשריטענע באוועגונגען פון דער עפּאָכע”.

די ציפערן און פאקטן, וועלכע זײַנען געבראכט געוואָרן, אנטבלויזן פולקאָם די אויסטראכטענישן פון דער אימפּעריִאליסטישער און ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע וועגן דער „דיסקרימינאציע פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד”, דעקן אוף דעם רעכילעסדיקן פּראָוואָקאטאָרישן טאָך פון דער דאָזיקער פּראָפּאגאנדע.

ריווע באַליאַסנע

פון קיִעוו איז אָנגעקומען די טרויעריקע יעדיִע, אז נאָך א שווערער, לאנגדויערנדיקער קרענק איז דעם 28 סענטיאבער 1980 געשטאָרבן איינע פון אונדזערע טאלאנטפולע דיכטערנס, געזעלשאפטלעכע טוערנס, פארטיי־מיטגליד פון 1929 — ריווע באליאסנע.

דער טויט האָט ארויסגעריסן פון אונדזערע רייען א דיכטערן, וועמענס בײַטראָג אין דער ייִדישער פּאָעזיע איז געווען באדײַטנדיק, וועמענס וואָרט האָט געקלונגען אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן און באשײַנט אונדזער פּאָעזיע מיט אייגנארטיקע, אָריגינעלע מאָטיוון.

געבוירן אין 1910 אין אן אָרעמער מישפּאָכע, אין שטעטעלע ראדאָמיסל, האָט ר. באליאסנע פון דער פריִער קינדהײַט דערפילט דעם שווערן טאם פון נויט, זיך דערצויגן אין א קינדערהויז, געלערנט אין קיִעוו אין א ייִדישער שול און שפּעטער, ווען זי איז אלט געוואָרן 15 יאָר, אָנגעקומען לערנען אין א פאבזאוושול, דערנאָך געארבעט אין דער ערשטער קיִעווער שוך־פאבריק.

א לעבנסלוסטיקע, ארבעטזאמע, איז זי אין דעם גרויסן ארבעטער־קאָלעקטיוו געוואָרן איינע פון די אקטיווסטע געזעלשאפטלעכע טוערנס, און די ארבעטער

פון דער פאבריק האָבן זי ארויסגערוקט אלס מיטגליד פון קיִעווער שטאָטראט.

נאָך לערנענדיק זיך אין שול, האָט ריווע באליאסנע זיך באקאנט און אף שטענדיק ליב באקומען ליטעראטור און אליין געפּרוווט אירע קויכעס אין דער פּאָעזיע. אירע ערשטע לידער וועגן דער פאבריק האָבן געהאט גרויס כיין, זײַנען געווען פריש, אָריגינעל און רירנדיק. אין דער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן”, „דער עמעס”, „שטערן” און אין אנדערע אויסגאבעס באווײַזן זיך באליאסנעס לידער „איך בין א שוסטערקע”, „מײַן היימלאנד”, וועלכע זײַנען באמערקט געוואָרן דורך די לייענער און קריטיקער. זינט דעמלט — דאָס איז געווען אין סאָף פון די 20־ער יאָרן — דרוקט זי אירע ווערק אין קיִעוו, מאָסקווע, מינסק. די דיכטערן איז געקומען מיט אירע מאָטיוון, מיט פרישע בילדער, וועלכע האָבן געשילדערט דעם בירגערקריג, דעם אופבוי פון אונדזער אינדוסטריע, דעם נײַעם לעבנסשטייגער, די ליבע צום היימלאנד. די דיכטערן איז געקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיט איר אייגנארטיקער פּאליטרע.

די ארבעטער פון דער פאבריק שיקן די יונגע דיכטערן זיך לערנען. זי ענדיקט דעם קיִעווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, די אספּיראנטור און פארבינדט איר גאנץ לעבן מיט דער ייִדישער פּאָעזיע. אָנהייבנדיק פון די דרײַסיקער יאָרן, דערשײַנען אין קיִעווער נאצמינדפארלאג א ריי זאמלונגען לידער פון דער דיכטערן. זינט יענער צײַט איז ריווע באליאסנע איינע פון די אקטיווסטע שעפער פון אונדזער פּאָעזיע.

אירע לידער זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש, אוקראַיִניש און וואַרעם אָפּגעשאצט געוואָרן מיצאד די לייענער, ליבהאָבער און שעצער פון אונדזער פּאָעזיע.

ערע איר אָנדענק!

9*

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

אַט באַלד וועלן זיי פאַרשאַרצן די אַרבל...

דאָס אַרטיקל, וואָס איינער א מ. אײַזענבונד האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „אויסטראַליער יידישע נײַעס", פאַרמאָגט א קעפל „צוריק צום בעריישיס", און עס ענדיקט זיך מיט א געהיימניספולער פראַזע: „לאָמיר פאַרשאַרצן די אַרבל און — צוריק צום בעריישיס..." ס'איז ניט שווער צו טרעפן, אז מיטן איניען „פאַרשאַרצן" מיינט דער אויטאָר פאַרקאַטשען די אַרבל, אָבער וויאַזוי ער שטעלט זיך פאָר דאָס אומקערן זיך צום בעריישיס פון דער וועלט דורך פאַרקאַטשען די אַרבל, — דאָס איז באַוווּסט נאָר אים אליין.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אז דערווײַל האָט דער דאָזיקער זשורנאַליסט א מער באַשיידענעם ציל: זאַמלען געלט אין אויסטראַליע אַף אויסהאַלטן דאָס ליטעראַרישע פאַרזעעניש אין יִיסראַעל „ירושאַלאַיִמער אַלמאַנאַך". פאַרוואָס זשע, פונדעסטוועגן, „בעריישיס"?

מ. אײַזענבונד זאָגט אָן די יידישע לייענער פונעם זעקסטן קאָנטינענט, אז די יִיסראַעלדיקע אויסגאַבע, וועמענס רעדאַקטאָר עס איז דער דעזערטיר פון דער סאָוועטישער ליטעראַרישער סוויווע, דער יידישער וולאַסאָוועץ קערלער, „צאַנקט, גייט מאַמעש אויס, ווי א ליכט" — פאַר 10 יאָר זײַנען דערשינען ניט מער ווי 11 נומערן. דאָ דערמאָנט זיך אײַזענבונד, אז אין מעלבורן איז, דאַכט זיך, יאָ פאַראַן „א גרופּע יידישע מענטשן", וואָס זײַנען „באַזאָרגט וועגן גוירל פון די סאָוועטישע יידישע שרײַבער" (אַרויסגעפאָרענע קיין יִיסראַעל), זיי וואָלטן זיך פאַרנומען מיט זאַמלען נעדאָווע־געלט פאַרן „ירושאַלאַיִמער אַלמאַנאַך", „נאָר עס פעלט זיי דער געהעריקער אַדרעס". דעריבער „דאַרפן די, וועלכע האָבן געהאַט די איניציאַטיוו באַם אָנהייב, באַנײַען די טעטיקײַט", דאָס הייסט — זיך אומקערן „צוריק צום בעריישיס" (פאַרשטייט זיך, פאַרשאַרצנדיק די אַרבל).

פאַריינוועגס דעקט אוף מ. אײַזענבונד טשיקאַווע זאַכן. מיר וועלן ברענגען א גרעסערן אויסצוג פונעם אַרטיקל.

„...מע דאַרף פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון זײַן א שרײַבער אין מײַרעוו און זײַן א שרײַבער אין רוסלאַנד. דער יידישער שרײַבער אין מײַרעוו קען האָבן פּאַרנאָסע פון זײַן שרײַבן בלויז דאַן, ווען ער איז באַשעפטיקט אין א צײַטונג אָדער זשורנאַל. שרײַבן פּאָעזיע אָדער דערציילונגען, לויט זײַן אינערלעכער באַדערפעניש, קען ער נאָכן טאָג אַרבעט אין דער רעדאַקציע. די שרײַבער מוזן האָבן אַן אַנדער קוואַל פון פּאַרנאָסע.

אין רוסלאַנד, וויבאַלד א שרײַבער האָט זיך אָפּגעדרוקט, און דאָס באַציט זיך אויך צו די יידישע שרײַבער, ווערט ער א מיטגליד פון שרײַבער־פאַריין, וועלכער באַזאָרגט אים מיט א דירע, מיט א פּענסיע צום לעבן, און אויב זײַנע ביכער האָבן דערפאָלג, באַקומט ער גענוג האָנאָראַר און קען פירן א שיין לעבן.

דער יידישער שרײַבער פון סאָוועטן־רוסלאַנד, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין דער מײַרעוודיקער ווירקלעכקײַט, האָט ניט געהאַט קיין אַנדער פּראָפעסיע, ער איז שוין אויך צו אַלט, קעדיי זיך איבערקוואַליפיצירן. די מעלוכע, ווי אַזאַ, קען ווייניק אים העלפן... די דאָזיקע שרײַבער האָבן גענומען זיך דרוקן אין דער עקזיסטירנדיקער פּרעסע, אָבער דאָס איז ניט גענוג צו פאַרזיכערן זיי א מאַטעריעלע באַזע, קעדיי אומגעשטערט צו קאָנען אָנגיין מיט זייער שרײַבן"...

„...קלאָר, אז באַ אַזאַ לאַגע איז דער לעכאַטכילעדיקער ציל (פונעם עמיגרירן פון אַט די שרײַבער קיין יִיסראַעל) פאַרוואָסערט געוואָרן, און די (געוועזענע) סאָוועטישע יידישע שרײַבער זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען אינעם קאָל האַנעאָרים. דער פּראָצעס פון זייער שאַפונג האָט זיך פאַרלאַנגזאַמט. באַ זייער גאַנצער אָנשטרענגונג צו אַקלימאַטיזירן זיך אין יִיסראַעל זײַנען זיי נאָך אַלץ פאַרבונדן מיטן סאָוועטישן יידנטום, מיט זײַנע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן"...

די געבראַכטע ערטער פון מ. אײַזענבונדס אַרטיקל זײַנען — דער ביטערער עמעס, וועלכן די ציוניסטישע פּרעסע פאַרשווײַגט געוויינלעך. אײַזענבונד שטעלט פאָר זיך א ציל — דערפירן מיט זײַנע קלאָג־רייד דעם אויסטראַליער יידן (וועלכער ווייסט ניט, ווי נידעריק ס'איז געפאַלן דער דעזערטיר — אַן אַמאָליקער סאָוועטישער שרײַבער און הײַנט א שנאָרער באַ די אַנטיסאָוועטישע קאַרמושקעס), — דערפירן דעם ייד פון אויסטראַליע, ער זאָל אויסשרײַבן א טשעק דעם עמיגראַנטישן ירושאַלאַיִמער אַלמאַנאַך פאַר געמויזעכץ־„ליטעראַטור", וועלכן ער, אײַזענבונד, רופט אָן ליגנעריש „א טריבונע פון סאָוועטישע יידישע שרײַבער". זײַן אַרטיקל ענדיקט ער אַזוי:

„... אַלע די, וואָס נייטיקן זיך אין הילף, קאָן מען ניט באַפרידיקן, אָבער העלפן דעם „ירושאַלאַיִמער אַלמאַנאַך", דעם אָרגאַן, דורך

וועלכן עס קומט צו דער עפנטלעכקייט די שטים פון סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער — דאָס לאָזט זיך יאָ דערגרייכן. העלפן מאַטעריעל מיינט העלפן מאָראַליש: דער סאָוועטישער ייִדישער שרייַבער זאָל פילן, אַז ער האָט פרייַנט, אַז ער דרייט זיך ניט אַרום צווישן אונדז ווי אַן עלנטער, אַ פאַרייאָסעמטער, אַן איבעריקער"...

לעכערלעכע רייד פון אַן אַרויסגעשטעלטן מענטשן מיצאַד דעם ליטעראַרישן שאַנד־הייַזל „קערלער און קאָמפּ.". קלוימערשט, ער ווייסט ניט, אַז סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער לעבן און אַרבעטן אין זייער היימלאַנד — אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און ניט אין יערושאָלאַיִם, און קעדיי זייער שטים זאָל קומען צו דער עפנטלעכקייט, דאַרפן זיי ניט האָבן די עמיגראַנטיש־אַנטיסאָוועטישע זייַטן פון אַ „יערושאָלאַיִמער אַלמאַנאַך".

און וואָס איז שייַך די יעניקע, פאַר וועמען אייַזנבונד קלייַבט נעדאָוועס אין ווייַטן מעלבורן, וועט זיי שוין גאָרנישט ניט העלפן: פאַראַטנדיק דעם הייליקן אידעאַל, אַריבערגייענדיק אויף אידעאָלאָגישער דינסט צו די סאָנים פון זייער פריערדיק היימלאַנד, וועלן זיי שוין ביזן סאָף פון זייערע טעג ניט האָבן קיין אַנדער גורל, ווי אַרומדרייען זיך צווישן פרעמדע און זייַן עלנטע, פאַרייאָסעמטע, איבעריקע.

די הייַשעריקן אפן פעלד פון איציק קיפּניסעס שאַפונג

אין טעל־אָוויוו איז דערשינען איציק קיפּניסעס אַ בוך אונטערן נאָמען „טאָג און טאָג". ווי באַוווּסט, האָט דער גרויסער סאָוועטישער שרייַבער געפירט אַ פּערזענלעכן טאָגבוך, פון וועלכן ער אַליין האָט אָפּגעקליבן דאָס, וואָס איז, לויט זייַן פאַרשטאַנד, געווען גילטיק אויף צו פאַרעפנטלעכן, און האָט עס איבערגעגעבן אין רעשוס פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע האָט זיך באַצויגן מיט גרויס אַכטונג צום שרייַבערס ווילן און אָפּגעדרוקט די פראַגמענטן אין נומ. 7 פונעם זשורנאַל פאַרן 1973 יאָר.

איצט האָבן ווילד־פרעמדע צו דער ליטעראַטור מענטשן, וועלכע באַנוצן זיך מיט דעם, וואָס זיי זייַנען קיפּניסעס קרויווים, אַרויסבאַקומען אַ ביסל געלט באַ איינעם פון די פּילצאַליקע אין ייִדישן וועלטל „פאָנדן", — ער רופט זיך „רייזל און דאַוויד פּאַיוס ליטעראַטור־פאָנד", — און זיך צוגעאייגנט דאָס רעכט צו טאָן, וואָס עס פאַרווילט זיך זיי, מיטן קסאָוויאַד פון דעם שרייַבערס טאָגבוך.

אָט וואָס עס שרייַבט וועגן דעם אין זייַנע ביבליאָגראַפישע נאָטיצן אין דער פּאַריזשער צייַטונג „אונדזער וואָרט" י. יאַנאַס:

„ווי עס דערקלערן הינדע און מוישע קיפּניס־די'זאַמאַנט פון ייִסראָעל און אַווראָהאָם און אָשער פינדעלמאַן פון קאַנאַדע, האָבן זיי, ווי מיטגלידער פון קיפּניסעס מישפּאָכע, גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו מאַכן די ענדגילטיקע רעדאַקציע פונעם קסאָוויאַד און אויך צו קירצן. זיי האָבן זיך באַראַטן מיט אַווראָהאָם ליס, דאָוויד ספּאַרד, הערש סמאָליאַר און מאָטל סאַקציִער. מיר האָבן צוטרוי צו די אויסגערעכנטע שרייַבער, אָבער מיר ווייסן ניט, צי האָבן זיי בלויז געגעבן אָנווייַזונגען, אָדער זיי האָבן זיך באַקענט מיטן מאַנוסקריפּט און אַכטונג געגעבן, אַז די רעדאַקציע און די קירצונגען זאָלן געמאַכט ווערן פון אַ ליטעראַרישן אַספּעקט און ניט פון אַ מישפּאָכעדיקן".

אַזוי שרייַבט אַ ציוניסטישער ליטעראַטור־איבערזיכטלער אין אַ ציוניסטישער צייַטונג. ס'איז אָבער קלאָר, אַז אויב אָפּוואַרפן דעם ענגפּאַרטייאישן צוגאַנג פון אָט דעם אַוטאָר, מאַכט אוודאי ניט גרינגער דעם אומרו פונעם לייענער דאָס, וואָס צו די הייַשעריקן — דער סאַראַנטשאַ פון קאָלערלייַ קרויווים, וועלכע האָבן זיך נאָכן טויט פונעם שרייַבער אַרופגעוואָרפן אויף זייַן ליטעראַרישער יערושע, וועט צוקומען אַ סאַראַנטשאַ פון „געוועזענע", אַזעלכע ווי דער פּרימיטיווער פּראָוואָקאַטאָר סמאָליאַר, ווי די ליטעראַרישע שלימאַזאַלים ספּאַרד און סאַקציִער, וואָס האָבן ניט געהאַט פאַר זיך קיין פּערספּעקטיוו אין דער אָפּגעהיטער ייִדישער ליטעראַטור פון די לענדער פון סאָציאַליזם, אדג.

אין זייַן ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פּרוּווט י. יאַנאַס אַפילע אַרויסציִען אַ געוויסע קאָנסעקווענץ פון דעם באַהאַנדלטן פאַקט. ער שרייַבט: „די אוילים פון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן געבראַכט מיט זיך אַ מינהעג, לויט וועלכן די ליטעראַרישע יערושע פון אַ שרייַבער געהערט צו דער מישפּאָכע, און זי נוצט אויס די רעכט צו טאָן מיט דער יערושע וואָס ס'איז רעכט אין אירע (דער מישפּאָכעס) אויגן. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. די פאַרבליבענע מאַנוסקריפּטן פון אַ שרייַבער געהערן צו דער ליטעראַטור"...

מיר וועלן צוגעבן, אַז מאַכינאַציעס מיט מאַנוסקריפּטן פון פאַרשטאָרבענע סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער זייַנען אַן אָפּטע דערשייַנונג אין די פאַרלאַגן פון ייִסראָעל, פּשאַ, אַרגענטינע. וועגן דעם מוז מען סיגנאַליזירן דעם ברייטן לייענער. וועגן דעם דאַרפן וויסן די איצטיקע און קומענדיקע ליטעראַטור־פאָרשער.

■ ■ ■

אויסגעוויילטע ווערק פון סאָוועטישע ייִדישע קינסטלער

ארן רזשעזניקאָוו. קארל מארקס אפן האאגער קאָנגרעס. 1932



יויסעף טשײַקאָוו. פּראָעקט פון א סקולפּטור־גרופּע פארן מייערכאָלד־טעאַטער מאָסקווע. 1935

יויסעף טשײַקאָוו. פּראָפילן באם אריַינגאנג אין סאָוועטישן פּאוויליאָן פון דער אלוועלטלעכער אויסשטעלונג אין פּאריזש. 1937





אלעקסאנדער לאבאס. אפֿן לאָקאָמאָטיוו. פֿון דער סעריע „אָק־
טיאבער". 1971

אלעקסאנדער לאבאס. אין עראָפּאָרט. 1967



אלעקסאנדער טישלער. שאָלעם פאַר דער וועלט! 1976

מייער אקסעלראָד. טאטע־מאמע. פון דער סעריע „אין אלטן מינסק“. 1932



אונדזער לבנו

געלייענט אין דער צײַטונג

דער ייִדישער „גוואַלד" האָט באַקומען ייִשׂראל־בירגערשאַפט

די מאָדערנע פּראָפּאַגאַנדע זוכט, ווי אַזוי זיך אויס־צודריקן סינטעטיש, געפּרעסט, שלאָגעוודיק. מע וויל מיט איין־איינציק וואָרט פּלעטן די מויכעס, אַרײַנ־דרינגען אין די נעשאָמעס.

ייִדיש האָט אָן א שיר אַזעלכע ווערטער. דערפאַר האָט מען אין טעל־אוויוו, אַף א מאַסן־מאַניפעסטאַ־ציע פון דער באַוועגונג „שאָלעם איצט" געזען רײ־זיקע פּלאַקאַטן מיט איין־איינציקן פּראָטעסט־וואָרט: „ג—וו—א—ל—ד!"

און בעעמעס — איז נאָך פאַראַן א מער טרעפלע־כער אויסדרוק פאַר דערצאָרענונג, ווייטעק, אופּצײ־טער, פּײַן?

מע דאַרף ניט מיינען, אַז די שפּראַך פון „שאָלעם איצט" איז ייִדיש. ס'איז גראָד א יוגנט־באַוועגונג, וואָס נוצט אַף א נאַטירלעכן אויפן איר מוטערשפּראַ־כיקן העברעיִש, אָבער גייט זאָגט „גוואַלד" אַף העב־רעיִש! אינעם גאַנצן טאַנאַך, אין טאַלמוד און אין די מאָדערנע איווריט־נעאָלאָגיזמען וועט מען ניט גע־פינען אַזא אויסדרוק, וואָס געבוירן האָט אים דאָס ייִדיש־ריידנדיקע פאָלק אַף זײַנע מאַרטירער־וועגן.

„גוואַלד" איז שוין פונלאַנג געוואָרן א טוישעוו אינעם ייִשׂראָעלדיקן העברעיִש צוזאַמען מיט אַנדערע גוטווערטלדיקע ייִדיש־פּערל. דער ביטל און די סינע צו אונדזער פאָלקס־לאָשן איז אָבער אין דער ייִדי־שער מעדינע נאָך ניט פאַרשוווּנדן, אָבער ייִדיש טראָגט אַרײַן זײַן צאַפּלדיקע לעבעדיקײַט און זאַפ־טיקײַט אין טאָגטעגלעכן לעבן. דערפאַר הערן מיר טאַקע, ווי די באַוועגונג „שאָלעם איצט" שרײַט „גוואַלד": גוואַלד, גיט אונדז א ברעקעלע עכטן שאָ־לעם!..

דער בלאָפער ווייסט ניט, ווי אַזוי זיך אַרויסדרייען

דער אַלטער „פאָרווערטס"־בלאָפער און ספּעץ אין די פראַגן פון „סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם" ש. ל. שנײַדערמאַן, וועמען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געגעבן דעם טיטל „זשורנאַ־ליסטישער אונטערוועלטניק", איז מיטאַמאָל געבליבן געפּלעפּט און צעמישט אַנטקעגן דעם פאַקט, וואָס אין דער הויפּטשטאָט פונעם ראַטנפאַרבאַנד שפּילן גלײַכצײַטיק צוויי ייִדישע טעאַטערס: דער מאָסקווער דראַמאַטישער אַנסאַמבל און דער ביראָבידזשאַנער מוזיקאַלישער קאַמער־טעאַטער. דאָס איז דאָך מאַ־מעש א גאַנצער ייִדישער טעאַטער־פעסטיוואַל, זאָגט ער, וואָס רײַסט די אויגן און וואָס דאַרף האָבן א ספּעציִעלן פּאָליטישן מיין...

ער ווייסט אויך צו דערציילן, אַז עס גייט אָן „א קאַמף פאַר בילעטן". ער האָט אויך אויסגעפונען אין די געשטעלטע פּיעסן „רעליגיִעזע און נאַציִאָנאַל־ייִדישע אַקצענטן", אויסער וואָס די שפּראַך איז פול מיט „מעכײַעדיקן פאָלקלאָר".

מיט איין וואָרט — די גאַנצע געשעעניש מיט די צוויי ייִדישע טעאַטערס אין מאָסקווע איז „א סענ־סאַציע און א רעטעניש", אָבער ס'איז ניטאָ אַזא רע־טעניש, וואָס שנײַדערמאַן זאָל ניט קאָנען לייזן, בי־פּראַט אַז דער מײַרעוו־דײַטשישער סענסאַציִעלער זשורנאַל „דער שפּיגעל" קומט אים צוהילף מיט אָט אַזא אויפקלערונג: „מיט דעם פּלוצעמדיקן ווידערגע־בורט פונעם ייִדישן טעאַטער וויל דער קרעמל רייני־וואַשן אין דער מײַרעוו־וועלט זײַן אַנטיסעמיטיש פּאָנעם"...

דערווײַל ווײַזט זיך אַרויס, אַז הינטער די פליגל פון דער דערשײַנונג, וואָס שנײַדערמאַן און „דער שפּיי־געל" רופן „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם", דערשײַנט דער שענסטער און רײַכסטער ייִדישער זשורנאַל אַף דער וועלט; עס גייען אַרויס ייִדישע ביכער; עס עק־זיסטירן צוויי פּראָפעסיִאָנעלע ייִדישע טעאַטערס, אויסער „פאָלקס־טעאַטערס"; עס ווערט אַרויסגעגעבן

א טעגלעכע ייִדישע צײַטונג („ביראָבידזשאַנער שטערן").

דער „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם" איז אַזוי גרויס, אַף האַגאַם די גרעסטע מערהײַט ייִדן, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד לאָזט ארויס קיין יִשׂראל, פאַרן ער־גען אַנדערש־ווו, שטעלט מאָסקווע ניט אָפּ די עמי־גראַציע. אָפּן סמאַך פון דער דאָזיקער מאָסיווער אָפּ־נאַררײַ איז דער ראַטנפאַרבאַנד פולשטענדיק באַ־רעכטיקט אָפּצושטעלן דעם ארויספאָר; פונדעסטוועגן איז ער אַזוי „אַנטיסעמיטיש", אַז ער לאָזט זיך אָפּ־נאַרן און שטערט ניט די ייִדן צו פאָרן, וווהין זיי ווילן.

דער „פאָרווערטס"־שווינדלער דרייט מיט דער צונג און ווייסט ניט, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער פּאַסט־קע, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין אַרײַנגעשטופּט. ווי ער זאָל זיך ניט דרייען און וועלכע פאַרשיידענע מאַכינאַציעס ער זאָל ניט וועלן אַרײַנפּילפּלען אין דער אויסטראַקטעניש פון „סאָוועטישן אַנטיסעמי־טיזם", בלײַבט אָבער איבער דער פאַקט, אַז אין מאָסקווע שפּילן גלײַכצײַטיק צוויי ייִדישע טעאַטערס, אַף בוענאָס־אײַרעס און ניו־יאָרק געזאָגט געוואָרן...

צוויי יוביליאַרן

מאָטל זאַקין — 70 יאָר

די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקײַט פון אַרגענ־טינע האָט פײַערלעך אָפּגעמערקט מאָטל זאַקינס 70־יאָריקן געבורטסטאָג.

זאַקין איז געבוירן געוואָרן אין בוטען, לעבן סלאָ־נים, אין 1910. דערצויגן האָט ער זיך פון קליינווײַז בײַ זײַנעם א פעטער אין שטעטעלע אָזערניצע.

צו 13 יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער סלאָנימער גימנאַזיע און געענדיקט זי אין 1929. אין דעם זעלבן יאָר פאָרט ער שטודירן קיין פראַנקרײַך, ווו ער ענ־דיקט דעם אוניווערסיטעט אין דער שטאָט נאַנסי, ווערט אַן עלעקטראָ־אינזשעניער און מאַגיסטער פון מאַטעמאַטיק.

נאָך אײַנעם אוניווערסיטעט פאַרכאַפּן אים סאָציאַלע פּראָבלעמען: אָרעם און רײַך, קלאַסנקאַמף, סאָציאַ־ליזם. ער טרעט אַרײַן אין סטודענטן־קרײַז „פונק", ווו יונגע קעמפער דערלערנען די ווערק פון די גרונט־שעפער און טעאָרעטיקער פונעם מאַרקסיזם און פון זייערע פאָרגייער.

אין 1934 קומט מאָטל זאַקין מיט זײַן פאַמיליע קיין אַרגענטינע, און דאָ אַנטפּלעקט ער זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן פּערזענלעכקײַט. ווי א זשורנאַליסט, באַלויכט ער וואָך־איין, וואָך־אויס קאָמפּליצירטע לעבנס־פּראָבלעמען, ווי אויך פראַגן פון וויסנשאַפטלעכן און פילאָסאָפישן כאַראַקטער.

זינט זײַן קומען קיין אַרגענטינע, אַרבעט ער אין די פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס „אין גאַנג", „פאָלקס־שטי־מע", „טריבונע", „אונדזער לעבן". ער איז אַקטיוו אין דער אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף.

זאַקין באַהערשט פראַנצויזיש, פּויליש, העברעיִש, רוסיש און שפּאַניש. ער האָט איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש א ריי אַרבעטן, אַרײַנגערעכנט דעם בוך פון אַנדרע מאַלראָ „אין צײַט פון העפקייִרעס". אים געהערן איבערזעצונגען פון רוסיש פאַר די זאַמלבי־כער „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", „41 יאָר", „מיכאָעלס". פאַרן טעאַטער „איפט" האָט ער איבערגעזעצט די פּיעסע „מוטער קוראַזש" פון בערטאָלד ברעכט.

אין מעשעך פון א ריי יאָרן האָט מאָטל זאַקין מיטגעאַרבעט אין „ייִוואָ" אַלס סעקרעטאַר. אין 1947 ווערט ער דירעקטאָר פון דער סטודיע באַם „איפט".

מאָטל זאַקין, לויט דער נאַטור א האַרציקער מענטש, איז באַליבט און געשעצט אין די פּראָגרע־סיווע ייִדישע קרײַזן פון אַרגענטינע.

דאָוויד ביטמאַן — 75 יאָר

דער אָנהייב פון דאָוויד ביטמאַנס לעבנס־געשיכטע איז טיפּיש פאַר דער ייִדישער שטעטלשער יוגנט, וועלכע האָט זיך סאָציאַל־פּאָליטיש גענומען אויסרײַסן נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אין פאַנסקע פּוילן.

א געבוירענער אין טיקטין, ביאַליסטאָקער געגנט, האָט ער פון די יונגע יאָרן זיך א ציי געטאָן צו קול־טור און סאָציאַלן קאַמף. ער איז געוועזן איינער פון די גרינדער פונעם דראַמקרײַז אין זײַן שטעטל. אי־בער די פּאָליטישע אָנשוויונגען האָט ער פאַרזוכט דעם טאַם פון טפיסע.

אין 1929 עמיגרירט ער קיין אורוגוויי, ווו ער ווערט אַן אַקטיווער טוער אינעם באַרימטן ווינטשעווער־סקי־קלוב, סעקרעטאַר פון דער אַרבעטער־שול און סעקרעטאַר פונעם פאָלקס־באַנק אין גאָעס.

אין 1940 וואַנדערט ער אַריבער אַף שטענדיק קיין אַרגענטינע, ווו ער ווערט גלייך א מיטגליד פונעם בוי־קאָמיטעט פון דער זשיטלאָווסקי־שול. שפּעטער איז ער איינער פון די גרינדער פון דער קאַרטשאַק־שול און א טיכטיקער מיטגליד פונעם פּרעסע־קאָמיטעט פון „טריבונע". זינט דאַן איז ער פון די אָנגעזעענסטע געזעלשאַפטלעכע טוער אינעם קאָמיטעט פאַר דער פּראָגרעסיווער פּרעסע, ווו ער איז טעטיק ביז איצט.

דאָוויד ביטמאַן איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם קאַמף פאַר פּראָגרעס און סאָציאַלן יושער.

„אונדזער לעבן"
(בוענאָס־איירעס)

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" שיקן איבער זייערע כאַווערישע באַגריסונגען און בעסטע ווונטשן די פּראָגרעסיווע יידישע טוער פון אַרגענטינע מאָטל זאַקין און דאָוויד ביטמאַן.

צי לוינט עס?

עס זעט אונדז אויס מאָדנע, וואָס א יידישער ליטעראַטאָר פון רומעניע י. בערקאָוויטש — האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו זיין א גאַסט פון דער אַרגענטינער אַנטי־איקופּישער, אַנטיפּראָגרעסיווער און אַנטיסאָוועטישער קנופּיע. ער האָט געהאַלטן א רעפעראַט אין פאַרבאַנד „וואַרשע־פּראַגע" וועגן ניט קיין אַנדערן ווי באַשעוויס, — דעם שונד־מייסטער, דעם דעקלאַרירטן סוינע פון סאָציאַליזם, דעם בייטערן רעאַקציאָנער. לויט א צייטונגס־קאָמוניקאַט פון „וואַרשע־פּראַגע" איז כאַווער בערקאָוויטשעס רעפעראַט געווען „א גייסטרייכע אָפּשאַצונג פון באַשעוויסעס גרויסן בייטראָג פאַר דער יידישער ליטעראַטור"...

לאָמיר דאָ דערמאָנען דאָס, וואָס באַשעוויס האָט געשריבן מיט א קורצער צייט צוריק אין דער בוענאָס־איירעסער „די פּרעסע": „ווען די ליטעראַטור הייבט אָן צופיל זאָרגן וועגן דעם מין מענטש, וועגן די מאַסן, דעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן שאָלעם צווישן פעלקער, וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון קולטור, וועגן דער דערציִונג פון יונגן דאָר, ווערט זי ניט נאָר לאַנגווייליק, נאָר אויך פאַלש. הומאַניזם מעג זיין גוט, אָבער ער איז ניט געזונט פאַרן שעפערישן גייסט"... ווייטער שרייבט ער דאָרט: „ראָמאַנען, לידער און פּיעסן, וואָס לייגן דעם הויפּט־געוויכט אַף אידייען, זיינען, אָן אויסנאַם, שלעכט און צום באַדוערן אויך פאַלש".

נאָך פריִער האָט באַשעוויס געדאַרשנט אין „פאָרווערטס" אַזוי צו זאָגן: „אין אונדזערע אייגענע דעמאָקראַטישע לענדער איז דער יעניקער, וואָס קוקט אַף אַלץ פון א ריין־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, אָדער א גאַנגסטער, אָדער א מענטש איינגאַנצן אָן כאַראַקטער. דער וויסנשאַפטלעכער שטאַנדפּונקט דערפירט צו שיקרעס, צו זנוס, צו זעלבסטמאָרד, צו מעשוגאַאס. ער צעברעכט דאָס פאַמיליע־לעבן, ער רייסט אַראָפּ דעם אויטאָריטעט פון די עלטערן. ער ברענגט מיט זיך בילקייט, כאַראַקטערלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג"...

עס איז אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז די בירגערלעכע יסראָעל־צייטונג „האַאַרעץ" האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „עס איז א סקאַנדאַל, וואָס מע מאַכט ניט קיין סקאַנדאַל באַשעוויסן" פאַר זיין דעגראַדירן און דעפאַרמירן דאָס יידישע לעבן אין זיינע ווערק.

וואָס זשע האָט אַף דעם צו זאָגן דער גאַסט פון רומעניע? מע דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די טעמאַטיק פון אַלע זיינע אַנדערע רעפעראַטן האָט גאָרניט צו טאָן געהאַט מיט דער נייער וועלט, מיטן סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער ליטעראַטור, מיט דער קינסטלערישער ווירקלעכקייט פון היינטצייטיקן לעבן, מיט אַקטועלקייט בכלל.

ווען מע נעמט נאָך אין אַכט, אַז דער פאַרערער פון באַשעוויסן האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו באַזוכן אויך די היגע ישיווע פון דער אָרטאָדאָקסיש־קלעריקאַלער אַגודע, דאַרף מען פרעגן: צי לוינט פון א סאָציאַליסטישער מעדינע קומען צו באַגליקן די אַרגענטינער רעאַקציאָנערע און אַנטיסאָוועטישע קנופּיע?..

* * *

בריוו פון לייענער

אים האָט איבערגעזעצט פרידריך ענגעלס

אין 1892 האָט פרידריך ענגעלס פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „דער ניי־אַנטדעקטער פאַל פון גרופּע־הייראַט", וואָס עס האָט זיך שפּעטער פּובליקירט אַלס צוגאָב צו דער אַרבעט „דער אָפּשטאַם פון מישפּאָכע, פּריוואַט־איינגנטום און מעלוכע". אינעם דאָזיקן אַרטיקל דערציילט פ. ענגעלס, וואָס עס האָט געשריבן אין דער צייטונג „רוסקיע וועדאָמאָסטי" מײַן לאַנדסמאַן, דער עטנאָגראַף לעוו שטערנבערג וועגן די סאַכאַלינער גיליאַקעס. שטערנבערגס אויספאָרשונגען האָט פ. ענגעלס הויך געשאַצט.

לעוו שטערנבערג איז געווען אַן אָנגעזעענער געלערנטער. געבוירן איז ער אין זשיטאָמיר, פון דער פריִער יוגנט זיך לײַדנשאַפטלעך געצויגן צו וויסנשאַפט און צו רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, און דאָס האָט געבראַכט אין 1881 דעם פייִקן צוואַנציקיאָריקן ייִדישן באָכער אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט און אין דער אָרגאַניזאַציע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אין עטלעכע יאָר אַרום ציט זיך שטערנבערג איבער קיין אָדעס. אין 1886 ווערט ער אַרעסטירט, מע שיקט אים אַרויס אויף סאַכאַלין. און דאָ הייבט זיך אָן אַ נײַע טקופע אין זײַנע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. ער דערלערנט די אָרטיקע באַפעלקערונג — ניווכן, די גיליאַקעס — און ווערט באַוווּסט אַלס אַ גלענצנדיקער עטנאָגראַף.

ל. שטערנבערג איז געווען אַ פּאָליגלאָט, ער האָט געוווּסט ענגליש, דײַטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, באַהערשט די שפּראַכן פון פעלקער, וועלכע לעבן אויף סאַכאַלין. ער זעצט פאַר א. טשעכאָווס אויספאָרשונגען פונעם ווײַטן קאַנט, אָבער אין אַ פאַרברייטערטן פאַרנעם — דער גרויסער רוסישער שרײַבער האָט איבערגעשריבן דאָרט בלויז די אַרעסטאַנטן, ל. שטערנבערג — אַלע אײַנוווינער. דער געלערנטער איז געווען באַפרײַנדעט מיט די אָרטיקע טוישווים, און דאָס האָט פּאָזיטיוו געווירקט אויף די רעזולטאַטן פון זײַן וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט.

ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט דער טערמין פון זײַן פאַרשיקונג, איז ל. שטערנבערג פאַרבעטן געוואָרן אויף אַרבעט אין מוזיי פון אַנטראָפּאָלאָגיע און עטנאָגראַפיע בא דער פּעטערבורגער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. פון 1901 ביזן סאָף פון זײַן לעבן פאַרנעמט ער זיך מיט מוזיי־איניאַנים. באַזונדערס פיל קויכעס שענקט ער דער מיטאָלאָגיע, דעם אַטעיִזם, דעם פאָלקלאָר פון פאַרשיידענע פעלקער אין דער וועלט.

אָנהייבנדיק פון 1918, איז ל. שטערנבערג פּראָפעסאָר אינעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט, פילט אויס די פליכטן פון דעקאַן אויף דער עטנאָגראַפישער אָפּטיילונג באַם געאָגראַפישן פאַקולטעט. אין 1924 ווערט ער אויסגעוויילט אַלס מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. ער איז דער גרינדער פון אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער שול, וועלכע פאַרנעמט זיך הויפּטזאַכלעך מיט דערלערנען די צאָפן־פעלקער.

ל. שטערנבערג איז געווען אַ גוטער לעקטאָר, אַ לײַדנשאַפטלעכער אַטעיִסט און אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט, אַן איבערצײַגטער הומאַניסט. ער האָט שאַרף קריטיקירט די ראַסיסטישע טעאָריע, וועלכע האָט באַשטעטיקט דעם פאָרצוג פון דער „אַריִשער קולטור" איבער די אַנדערע קולטורן.

איך וויל באַטאָנען, אַז לעוו שטערנבערגס אייניקע אַרבעטן האָט לעכאַטכילע איבערגעזעצט אויף דער דײַטשישער שפּראַך פרידריך ענגעלס, וועלכער האָט געוווּסט רוסיש און אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך דעם געזעלשאַפטלעכן און וויסנשאַפטלעכן לעבן אין אונדזער לאַנד.

געשטאָרבן איז ל. שטערנבערג אין 1927 יאָר.

ד אָ צ ע נ ט א י. ב א ל י א ס נ י,
זשיטאָמיר

מיר פאַרגעסן אים ניט

ס'איז ווינטשנסווערט, אַז אַלע זאָלן וויסן וועגן יאָסיף יופּאַ.

אין 1936 פאַרענדיקט ער די לענינגראַדער אַרטילערישע שול, און ווען עס הייבט זיך אָן די פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז ער שוין אַ דערפאַרענער מיליטערמאַן. זײַנע גוואַרדייִשע מינענוואַרפערס העלפן דער 62־טער אַרמיי פאַרטיידיקן אין סטאַלינגראַד דעם מאַמאַיעוו־קורגאַן. יופּאַ קעמפט אויפן דאָרעם־פראָנט, ער איז צווישן די באַפרײַער פון ראָסטאָוו, וואָלנאָוואַכע, מעליטאָפּאָל, באַטייליקט זיך אינעם פאָרסירן פערעקאָפּ.

הינטער קיִעוו איז ער קאָמאַנדיר פון אַן אַרמייִשער אָפּעראַטיווער גרופּע פון רעאַקטיווע מינענוואַרפערס. אָן פאַרלוסטן פירט ער איבער די מאַשינעס אויפן רעכטברעגיקן פּלאַצדאַרם, ווו זיי האָבן אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אָנגריף־אָפּעראַציע. נאָכן באַפרײַען קיִעוו באַקומט ער דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

צום סאָף פונעם קריג באַצירן יופּאַס ברוסט צוויי לענין־אָרדענס, דרײַ אָרדענס פון דער רויטער שלאַכט־פאָן, אַן אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אַן אָרדען פון רויטן שטערן.

יאָסיף יופּאַ האָט נאָך דער דעמאָביליזאַציע און ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן געאַרבעט אַלס אינזשעניער אויפן טושינער זאַוואָד, געווען באַליבט אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט און לעקטאָר.

מיר פאַרגעסן אים ניט.

י ע. ק אָ ל ט ע נ י ו ק,
בערדיטשעוו

כ׳האָב ניט געוווּסט, אַז ער איז אומגעקומען...

טײַערע רעדאַקציע!

מײַן ברודער איז געווען א מינענוואַרפלער, קאָמאַנדיר פון א ראָטע. געקעמפט האָט ער העלדיש. אין פעווראַל 1943 ווערט ער באַלוינט מיט אַן אָרדען פונעם רויטן שטערן. עטלעכע מאָל איז ער פאַרווונדעט געוואָרן אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען שטעט און ייִשוווים פון ווײַסרוסלאַנד און ליטע. איך האָב א לאַנגע צײַט ניט געוווּסט, אַז ער איז געשטאָרבן פון אָט די ווונדן, ביז עס האָט מיר וועגן דעם מיטגעטיילט דער מיליטער־קאָמיסאַר פון דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק.

מײַן ברודער איז ניטאָ אָף דער וועלט, אָבער ער איז פאַרבליבן אין די הערצער פון זײַנע כאַווייריִם און אין זיקאָרן פון דעם יונגן דאָר סאָוועטישע מענטשן. איך האָב באַקומען בריוו פון זײַנע פרײַנט — פונעם דיוויזיע־קאָמאַנדיר און דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר. עס שרײַבן מיר בריוו די שילער פון דער קלײַפּעדער שול, וואָס האָבן אָפּגעזוכט זײַן קייווער.

ניט לאַנג צוריק האָב איך באַזוכט פּיאַדאַרס קייווער. א דאַנק די גוטע מענטשן, וועלכע היטן אים אָפּ און ברענגען פרישע בלומען.

די געפאַלענע פאַרגעסט מען ניט.

סאָניע שײַנקמאַן,
קאָראָסטען

העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יאַקאָוו בירנבוים

ער האָט אַלץ געטאָן געוויסנהאַפט און ערלעך. ער איז געווען א גוטער אַרבעטער און א גוטער מיליטערמאַן — א קאָמיסאַר, א קאָמוניסט, קאָמאַנדיר פון א פּאָלק. ער האָט זיך מעסירעסנעפעשדיק געראַנגלט מיט די פאַשיסטן און איז אומגעקומען אין 1943 לעבן דער שטאָט אָסטיאָר, טשערניגאָווער געגנט. צו קווורע האָט מען אים געבראַכט אין שטאָטישן פּאַרק. דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען אים צוגעטיילט שוין נאָכן טויט.

מיט בירנבוימס נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן א פּיאָנערישער אָטריאַד אין דער 17־טער זשיטאָמירער מיטלשול. אָפן זשיטאָמירער מעבל־קאָמבינאַט, ווו יאַקאָוו בירנבוים האָט פאַרן קריג געאַרבעט און איז געווען סעקרעטאַר פון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע, איז אויסגעשטאַט א סטענד וועגן זײַן לעבן און העראָיזם.

בירנבוימס אַלמאָנע דאָרע וווינט אין זשיטאָמיר. זי האָט דערצויגן זײַן טאָכטער, איצט העלפט זי כאָוועןן אַן אייניקל. דאָס לעבן, וועלכן עס האָט פאַרטיידיקט יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש, דויערט.

א. בירגער,
קאָראָסטען

מײַן ברודער טעוול

איך בעט אײַך אָפּדרוקן אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" עטלעכע ווערטער וועגן מײַן ברודער טעוול. ער איז איינער פון די, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד.

טעוול גענדעל איז געבוירן געוואָרן אינעם ווײַסרוסישן שטעטל באָבר. מעגלעך, אַז ער וואָלט געוואָרן א געלערנטער, ווײַל נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, איז ער אָנגעקומען אין אַספּיראַנטור. אָבער אין אָנהייב פון דער פאַשיסטישער אינוואַזיע איז ער, א פינף־און־צוואַנציקיאָריקער קאָמוניסט, אַוועק פרײַוויליק אָפן פראָנט.

אומגעקומען איז טעוול דעם 12 מײַ 1942 אין דער שטאָט קערטש. ער איז געווען אַן אינסטרוקטאָר אינעם פּאָליטאָפּטייל פון דער 44־טער אַרמיי.

ריווע גענדעל,
כאַרקאָוו

דער דענקמאָל אין ליטין

די לייענער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין באַוווּסט, אַז יאַנקל נאַכליס איז דער איינציקער לעבנגעבליבענער מענטש פון די פיר טויזנט אומגעבראַכטע אינעם ליטין. ער האָט געגעבן א שוווּע אַכטונג צו געבן ביזן סאָף פון זײַן לעבן אָף די

ברידער־קוואָרים, און זײַן שוווּע האַלט ער אויס ערלעך.

מיט דער הילף פון דער מעלוכע און פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט האָט י. נאַכליס אָרגאַניזירט דאָס אופשטעלן אָפן קייווער, ווו עס ליגן דרײַ טויזנט קדוישים, א דענקמאָל. אַלע מאָל גיט ער צו



צום דענקמאָל עפּעס נײַעס. ניט לאַנג צוריק האָט לויט זײַן באַקאָשע אַ קיִעווער סקולפּטאָר, וועלכער איז דורכגעפאָרן ליטין און באַזוכט די ברידער־קווערים, דערגאַנצט דעם דענקמאָל מיט אַ נײַער סקולפּטור־גרופּע. ליטין געפינט זיך אַף דעם מאַגיסטראַל־וועג צו דער מײַרעוו־גרענעץ פון אונדזער לאַנד, און פיל טוריסטן באַזוכן די קווערים. איך לייג צו די פאָטאָ פונעם דענקמאָל און י. נאַכליסעס פאָטאָגראַפיע.

ג. קאַסאַי,
וויניצע

די לערער־דינאַסטיע

